STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06451

DER ID

Meir Goldschmidt

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. א. גאָלדשמיט

דער איד

איבערזעצט — י. גאָרניצקי

פערלאַג „נייע וועלט“, נויאָרק.

Copyright 1919
By
NAYE WELT PUBLISHING ASSOCIATION

פון די אַרויסגעבער

„דער איד“ איז אַ ראָמאַן פון דעם אידישען לעבען אין דענמאַרק אין דער ערשטער העלפט פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט. סאַי אין דער ערנסטקייט פון דער טעמאַ, סאַי אין זיין הויכען קינסטלערישען ווערט איז דער ראָמאַן „דער איד“ דאָס בעדייטענדסטע ווערק פון גאָלדשמיט און ווערט מיט רעכט פאַררעכענט פאַר איינס פון די קלאַסישע ווערק אין דער דענישער ליטעראַטור.

די טיפע איבערלעבונגען, וואָס ווערען מיט אַזאַ מערקווירדיגער קינסטלערישער קראַפט געשילדערט און אַנאַליזירט אין דעם ראָמאַן „דער איד“, בלייבען נאָך היינט פונקט אַזוי אינטערעסאַנט, ווי זיי זיינען געוועזן אין דער צייט, ווען גאָלדשמיט האָט דעם ראָמאַן געשריבען. דאָס אַלטע און אייביג נייע פּראָבלעם פון דעם אידען אין דער קריסטליכער וועלט איז דער מיטעלפונקט, אַרום וועלכען עס דרעהט זיך די גאַנצע האַנדלונג אין דעם מערקווירדיגען ראָמאַן.

דער אויטאָר, מאיר אהרון גאָלדשמיט, איז געבאָרען געוואָרען דעם 26טען אָקטאָבער 1819 אין פאָרדינגבאָרג, דענמאַרק, און איז געשטאָרבען דעם 15טען אויגוסט 1887 אין קאָפּענהאַגען. אין זיין יוגענד האָט ער געטרוימט צו ווערען אַ באַריהמטער אַרצט. אָבער די דענישע קירכליכע אָרטאָדאָקסיע האָט איהם דאָס ניט ערלויבט, ווייל ער איז געוועזן אַ איד, און ער האָט אויפגעגעבען זיין אַקאַדעמישען שטודיום אין 1836.

אין 1837 האָט ער אָנגעהויבען אַרויסגעבען אַ פּאָליטישע

וואָכענשריפט. עס איז באַלד געקומען צו אַ קאָנפליקט צווישען איהם און דער רעגירונג. מען האָט ארויפגעלעגט אויף איהם אַ שווערע געלט שטראָף, און זיין צייטונג האָט נאָכדעם געמוזט צענזורירט ווערען אַ גאַנץ יאָהר. גאָלדשמיט האָט פארקויפט זיין צייטונג, און אזוי ווי דער דענישער קעניג פרעדריק דער זעקס־טער איז דאַן געשטאָרבען, און מען האָט ערוואַרט, אַז דער נייער קעניג, כריסטיאַן דער אַכטער, וועט געבען דעם לאַנד אַ ליבע־ראַלערע רעגירונג, איז גאָלדשמיט אריבערגעפאָהרען אין קאָפּענ־האגען און האָט אין 1840 אָנגעהויבען ארויסגעבען אַ נייע צייטונג.

דאָס איז געווען אַ גלענצענדע און מוטיגע צייטשריפט, וואָס האָט רעפרעזענטירט רעפּובליקאַנישע און סאָציאַליסטישע אי־דעען און האָט שטאַרק באַקעמפט די רעגירונג, פארוואָס זי האָט פארפעהלט צו געבען דעם לאַנד די ערוואַרטע פרייהייטען.

פאַר זיין מוטיגע שטעלונג האָט די רעגירונג פאַראור־טיילט גאָלדשמיט'ן צו פיער און צוואַנציג טעג אין געפענגניס אויף ברויט און וואסער, און זיין צייטונג איז געשטעלט געוואָ־רען אונטער אַ שטענדיגע צענזור. גאָלדשמיט האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקען און האָט ווייטער ארויסגעגעבען זיין צייטונג. ער איז געקומען אין אַ שאַרפען קאָנפליקט מיט איינצעלנע פער־זאָנען אין דעם עפענטליכען לעבען דאַן אין דענמאַרק. זיין פארשטאַנד אָבער איז פאַר דער צייט רייפער געוואָרען, פונקט ווי זיין רוהם, און אייניגע ראָמאַנען זיינע האָבען זיך פארקויפט אזוי גוט, אַז אין 1847 האָט ער געקענט אונטערנעמען אַ רייזע אין אויסלאַנד.

פון 1847 ביז 1859 האָט ער ארויסגעגעבען אַ נייע צייטונג, אויך אַ פּאָליטישע, אָבער שוין אין אַ מעסיגערען טאָן. ער איז

אַרונטערגעפֿאַלען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון אַ רעפֿאָרמירטען גייסטליכען און פֿלעגט אַליין צוגעבען, אַז אין זיין ציימונג פֿיהלט זיך אַן אומבאַוואוסטזיניגע קריסטליכע טענדענץ. אין 1860 האָט ער אַרויסגעגעבען ווידער אַ נייע ציימונג, האָט אָבער באַלד אײנגאַנצען אויפֿגעגעבען זיין פּאָליטישע טעטיגקייט און איז אַוועקגעפֿאָהרען אין ענגלאַנד אין 1861, פֿיהלענדיג עקעל צו דעם פּאָליטישען לעבען אין דענמאַרק. אין 1862 האָט ער זיך אומגעקערט, אָבער פֿון דאַן אָן שטעהט ער שוין ווייט פֿון פּאָ־ליטיק און גיט זיך אײנגאַנצען אָפּ מיט ליטעראַטור.

גאָלדשמיט׳ס קאַריערע איז ענהליך צו דער קאַריערע פֿון געאָרג בראַנדעס: ביידע, — דער ערשטער אין פּאָליטיק, דער צווייטער אין ליטעראַטור, — האָבען געוועקט דאָס עפֿענטליכע געוויסען אין דענמאַרק, באַקעמפֿענדיג די פֿיליסטערשע שטעלונג צו די פּראָבלעמען פֿון לעבען. גאָלדשמיט׳ס סאָציאַל־פּאָליטישער איינפֿלוס איז געווען אונגעהויער, אָבער קיין באַמערקבאַרע און סיסטעמאַטישע ווירקונג האָט ער דאָך ניט אויסגעאיבט, ווייל ער איז געשטאַנען אַליין און האָט געמוזט קעמפֿען אויף צוויי פֿראָנ־טען: געגען דער רעגירונג און געגען דער טעמפּקייט, מיטעלמע־סיגקייט און אָפּגעשטאַנענקייט אין דער געזעלשאַפֿט.

נאָכדעם ווי גאָלדשמיט האָט זיך אין 1862 אײנגאַנצען אָפּ־געגעבען מיט ליטעראַטור, האָט ער זיך שנעל ערוואָרבען אַ גרוי־סען נאָמען ווי אַן אויסערגעוועהנליכער מייסטער פֿון סטיל. ער האָט אָנגעשריבען עטליכע ראָמאַנען און פּיעסען און אין 1877 האָט ער פֿערעפֿענטליכט אַן אויטאָביאָגראַפֿיע, דעם צווייטען באַנד פֿון וועלכער ער האָט אָנגערופֿען „נעמעזיס“, ווייל ער האָט געהאַלטען, אַז נעמעזיס פֿיהרט אָן זיין לעבען.

דער ראָמאַן "דער איד" איז פֿערעפֿענטליכט געוואָרען אין

1845 און איז איבערזעצט געוואָרען אין אַ סך שפּראַכען. אין איהם איז גאָלדשמיט אָריגינעל אין זיין ראָמאַנטיזם און אַביסעל אָריענטאַליש־מיסטיש. דאָ און אין זיינע אַנדערע ווערק צייכענט זיך גאָלדשמיט אויס מיט זיין טיפען פּסיכאָלאָגישען איינבליק אין זיין מייסטערהאַפטער שילדערונג פון אידישע כאַראַקטערען, באַזונדערס ווען די איבערלעבונגען זיינען טיפע.

דער ראָמאַן „דער איד" האָט זיך געדרוקט אין דער „נייער וועלט" אין 1918 און אין אָנהויב פון 1919.

די אַרויסגעבער.

אינהאַלט :

פון די אַרויסגעבער — — — — — — — — — — — 3

ערשטער טייל — — — — — — — — — — — — — 11

צווייטער טייל — — — — — — — — — — — — 109

דריטער טייל — — — — — — — — — — — — — 242

מ. א. גאָלדשמיט

דער איד

אילוסטרירט — י. נאַרניצקי

ערשטער טייל

I

— וואָס איז דאָס פאר א טומעל? — האָט צומישט געפרעגט פּיליפּ בענדיקסען, אַפּרוקענדיג פאַרזיכטיג די לאָדענס און עפע־נענדיג דאָס פענסטער. עס איז געווען אַ זומערדיגער מאָרגען, אויפ׳ן גאס איז געווען אן אונגעוועהנליכער געדרענג. אונטער די פענסטער פון הויז זיינען פארבייגעלאָפען עטליכע מענשען. ער האָט געפּרואווט מיט צייכענס אָפּשטעלען איינעם פון די פארביילויפענדע, אָבער יענער האָט זיך אויף איהם ניט אומ־געקוקט. און אַ געשריי טאָן האָט פּיליפּ בענדיקסען ניט גע־וואָלט, מורא האָבענדיג אויפצוואַוועקען זיין פרוי.

„ווי פויקען וואָלטען געקלאַפּט", — האָט ער אַ קלער גע־טאָן, — „וואָס קען דאָס פאָרט זיין?"

ער איז שטילערהייט אריינגעקומען אין קראָם, וואו זיין געהילף, נאָך אַ האלב פארשלאָפענער, האָט געהאלטען ביים אראָפּנעמען דעם שווערען אייזערנעם ריגעל פון טיר.

— ריהר זיך שנעלער, חמור! שלאָף ניט! — האָט פּיליפּ בענדיקסען געזאָגט שטיל, אָבער מיט כעס. — לויף שנעלער צום שוואָגער, געפין אויס, וואָס טוט זיך אין שטאָדט.

בנימין האָט זיך גענומען איילען און האָט אין איילעניש אראָפּגעוואָרפען דעם אייזערנעם ריגעל.

— גע׳הרג׳עט זאָלסטו ווערען! — האָט פּיליפּ אַ געשריי געטאָן. — וואָלסט כאָטש אַ טראכט געטאָן וועגען מיין אומ־גליקליכער פרוי! דער גאָט פון ישראל זאָל איהר העלפען!... הערסט, אָט רופט זי! האָסט זי טאַקי אויפגעוועקט, אָקס!

— און וואָס מאכט אייער פרוי? — האָט בנימין געפרעגט.

— איך ווארט דאָך יעדע מינוט, איך זאָל דארפען שיקען נאָך דער אקושערין! פארשטאַנען שוין, צי ניט, בהמה?

אין איין אויגענבליק האָט בנימין אויפגעשלאָסען די טיר

און איז שנעל אריבערגעלאָפען די גאס צום הויז פון בענדיק־מען'ס שוואָגער.

אביסעל שפּעטער איז אריינגעקומען דער שוואָגער מיט זיין פרוי. ער איז דרייסט אריינגעגאנגען מיט איהר אין צימער, וואו פיליפּ'ס פרוי איז געזעסען ביים טיש און האָט געטרונקען קאווע.

— נו, ווי פיהלט די מאדאם? — האָט ער געפרעגט יע־טע'ן. — זיי נאָר שטארק היינט, ניטאָ קיין צייט זיך צו פאר־נעמען מיט קלייניגקייטען. די שפּאניער געהען ארום פון שטאָדט, זאָל דיך די שיסעריי ניט שרעקען, דאָס איז ניט גע־פעהרליך.

— שמע ישראל! דו האָסט זי אויף טויט איבערגעשראָ־קען! — האָט יעטע'ס שוועסטער א געשריי געטאָן. — איהר איז שלעכט! — און זי איז ארויסגעלאָפען רופען צו הילף די דינסט.

פיליפּ האָט ארויסגעפיהרט יצחק באמבערגער'ן פון צימער.

— פארוואָס האָסטו זי אזוי איבערגעשראָקען? — האָט ער איהם פאָרגעוואָרפען.

— איך האָב זי גאָר ניט געוואָלט איבערשרעקען!... הערסט... מען שיסט ווידער און מען פויקט, איז דען ניט בעסער געוועז צוצוגרייטען זי?

פון גאס האָט זיך טאקי דערטראָגען א פויקען, אז די שויבען האָבען געגומען ציטערען. גלייך נאָכדעם האָבען אויפ'ן גאס פארביימארשירט די שטאָדט מיליציאָנערען, ביי וועמען די צייהן האָבען זיך געטרייסעלט ניט ווענינער, ווי די שויבען אין די פענסטער. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט א שיסעריי פון קאנאָנען. די לופט האָבען אָנגעפילט געשרייען פון מענ־שען פון די דערבייאיגע הייזער.

און פלוצלונג האָט זיך אין אָט דעם טומעל און ליארעם דערהערט א שארפער, לאנגער אויסגעשריי פון שלאָפצימער. יצחק באמבערגער'ס פנים איז באלד געוואָרען ערנסט, און ניט אויסרעדענדיג קיין וואָרט, איז ער אוועק צו זיך אהיים. פיליפּ

בענדיקסען, א פארלארענער און איבערגעשראקענער, האט זיך צוערשט א ווארף געטאן אין שלאפצימער, אבער באלד איז ער פון דארטען ארויסגעשפרונגען און איז ארויסגעלאפען אויפ'ן הויף. אבער זיין נשמה איז געבליבען אין הויז, ווען זיין קערפער האט זיך דא באוועגט ווי פון זיך אליין. ער איז אריינגעלאפען אין שטאל צו די קיה און האט גענומען אנפילען די קאריטעס, דאן האט ער זיך א ווארף געטאן צום ברונעם און האט אנגעהויבען שעפען וואסער. אבער אנשטאט אוועקצוטראגען דעם עמער אין שטאל, האט ער אלץ אויסגעגאסען דאס וואסער, ווי נאר דער עמער פלעגט ווערען פול.

אבער אט האט זיך געעפענט די אויבערשטע העלפט פון דער טיר פון קיך, און דער אקושערין'ס פנים האט א שיין געטאן.

— א זוהן, הער בענדיקסען! א זוהן! איך גראטוליר אייך! פיליפ בענדיקסען איז צו איהר צוגעלאפען.

— א זוהן! — האט ער אויסגעשריען, לעגענדיג די האנט אויפ'ן קאפ. — אדוני אלוהינו! געבענשט זיי דיין נאמען! א זוהן! א זוהן! ערלויבט מיר אריינגעהן און א קוש טאן מיין זוהן!

— וועל איך אייך טאקי באלד ערלויבען! ניין, איהר געהט אוועק און ווארט, — האט די אקושערין געענטפערט, פארמאכענדיג פאר איהם די טיר.

— גוט, איך וועל זיין געדולדיג, — האט ער געזאגט, — איך וועל אויפווארטען. גאט האט מיר געשאנקען א זוהן! איך בין א פאטער!

און אויפגערעגטער איז ער אריינגעקומען אין קראם.

— מיין פרוי האט געבארען א זוהן! — האט ער א גע־שריי געטאן, ארומנעמענדיג און קושענדיג בנימינ'ען.

— מזל טוב! — האט בנימין געענטפערט.

— יישר כח, רב בנימין, יישר כח! — האט פיליפ גע־שריען אין אונבאשרייבליכער פרייד.

— הער, בנימין, — האט ער אביסעל שפעטער געזאגט, —

לויף גלייך אריבער צו רב יעקב, ער וועט זיין דער מוהל. פאר־געס אויך ניט אנצוזאגען שמעון נאשע און אנדערע אידען אין שטאדט, אז מיין פרוי האט געבארען א זוהן. אבער וואו איז דער שוואגער? אך, יע, ער איז דאך אוועקגעגאנגען, טא לויף אריבער צו איהם און זאג איהם אן, אז ער קען ווידער קומען אהער... ווארט נאר, ווארט א מינוט, בנימין! — האט ער א געשריי געטאן, ווען בנימין איז שוין געווען אויפ'ן גאס. — אט, נעם א פונט קאווע און צוויי פונט צוקער און אביסעל רייז און גרויפען און אט נאך אביסעל געלט, און טראג דאס אוועק צו דער אלטער מארטא. זאג איהר, אז זי זאל זיך משמח זיין, וויל ביי מיר איז געבארען געווארען א זוהן... א זוהן! א, איך האב א זוהן!

כמעט אזוי שנעל, ווי דער מענש איז געבארען געווארען אין בענדיקסען'ס הויז, האט זיך די בירגערליכע מיליץ באפרייט פון איהר שרעק. די שפאניער האבען זיך בשלום געזעצט אויף די ענגלישע שיפען, און מען האט נאר געקענט צווייפלען אין איין זאך: ווער איז געווען גליקליכער, די שפאניער, צי די מיליציאנערען פון דעם קליינעם פיאנישען שטעדטעל.

איצט האבען זיך די שטאדט מיליציאנערען ארויפגעוואר־פען אויף די אידען דערפאר, וואס די אידען זיינען ניט צוגע־שטאנען צו זייער קריעגערישער באנדע. פאר דעם האט מען די אידען אנגערופען געמיינע פייגלינגען, וועמען די געפיהלען פון בירגערשאפט און ליעבע צום פאטערלאנד זיינען פרעמד. עטליכע קליינע גרופען, וואס זיינען געגאנגען צום גאסטהויז, האבען זיך אפגעשטעלט פאר די אידישע הייזער און האבען אויסגעדריקט זייער צארן און האבען געזידעלט די אידען.

— אייגענטליך זיינען דאס די קאמישסטע מענשען, — האט געזאגט יצחק באמבערגער, ווען אזא גרופע האט זיך אפ־געשטעלט פאר פיליפ'ס הויז. ער האט זיי נאכגעקוקט מיט אן איראנישען שמייכעל און האט געזאגט: — זיי ווילען ניט, אז אידען זאלען דיענען אין צייט פון פריעדען, אבער ווי נאר עס ווערט א טומעל, זידלען זיי די אידען דערפאר, וואס די

אידען דיענען ניט גלייך מיט זיי. מיר בלייבט נאָר איבער געהן און אויסזידלען מיין הונט אויף דער קייט, פאַרוואָס ער זיצט שטענדיג אין דער היים.

— זיי זיינען ניט ווערט, מען זאָל זיך אויף זיי אומקוקען! זאָלען זיי שרייען! — האָט געענטפערט פיליפ בענדיקסען, זיך איינהערענדיג צו אלץ, וואָס איז פאַרגעקומען אין זיין פרוי'ס צימער.

*
* *

אין א וואָך ארום האָט זיך די קליינע פאמיליע פארזאַמעלט ארום דער קינפעטאָרין'ס בעט. באקאנטע זיינען געקומען גראטולירען די גליקליכע עלטערען מיט דעם אויפנעמען פון זייער זוהן אין די אידישע געמיינדע. נאטירליך, האָט אלעמען ענטציקט דאָס געזונטע, העלדישע אויסזעהן פון קינד. דער אלטער רב יעקב האָט אריינגעלעגט אין וויגעל פון דעם ניי געבאָרענעם א גאָלדענע מטבע, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעקריצט א ברכה, וואָס זאָל באשיצען דאָס קינד פון א בייז אויג. דערביי האָט דער רבי פייערליך געזאָגט:

— זאָל ער זיין שטארק, ווי יהודה, און רייך און קלוג, ווי שלמה!

יצחק האָט אויסגעטרונקען א גלעזעל וויין און האָט אויסגערופען:

— יע, דאָס איז אלץ שעהן! אָבער איך זאָג, אז אין אזא צייט האָבען א קינד איז ניט געוועז קיין שכל'דיגע זאך. ווען דער איינגעל וואָלט געווען א קריסט, וואָלט דער טומעל און קלאפעריי אין דער מינוט פון זיין געבורט באדייט, אז ער וועט ווערען א גרויסער העלד. אָבער אזוי ווי ער איז א איד, וועט ער זיך דורכדרינגען נאָך מיט א גרעסערען עקעל צו קריעג און אונאָרדנונג. איך האָב מורא, אז די אידען אליין וועלען איהם רופען פייגלינג.

אלע האָבען זיך פאנאנדערגעלאכט, אויסער דער מוטער.

די פרויען זיינען דאָך ראָמאנטיש, און זיי ווילט זיך אלץ גע־בוירען א העלד. זי האָט נאָר געזאָגט:

— נו, געגונג דיר, יצחק! אויב דער אינגעל וועט נאָר וואקסען ביי דיר אויף די אויגען און וועט זיך יעדען טאָג פאר־קוקען אויף דיין גרויסען סאבעל, וועט שוין אפשר פון איהם קיין פייגלינג ניט ווערען.

— אויסגעצייכענט! — האָט דער אָנקעל אויסגערופען. — איך וועל איהם ערציהען! דו ערנעהר איהם נאָר מיט דער ברוסט, ווייל אין דעם קען איך דאָך דיך בשום אופן ניט פאר־בייטען, און דאן זאָל ער אָנקומען צו מיר אין שול.

מיר וועלען די לעזער באקאנען מיט דעם אָנקעל, וואָס האָט געוואָלט נעמען אויף זיך די ראָל פון אריסטאָטעל פאר דעם זוהן פון פיליפ, דעם פיאניער אידען. דאָס איז געווען זעהר א הויכער און שטאַרקער מענש. ווען צוויי בויערען האָבען זיך ביי איהם אין קראָם צושלאָגען, האָט ער זיי ביידען אויפ־געהויבען, עטליכע מאָל אָפגעקלאפּט איינעם אָן דעם אנדערען און ארויסגעוואָרפען. מען האָט איהם געהאסט ווי א אידען און מקנא געווען ווי א רייכען מענשען, אָבער די בירגער האָבען איהם דאָך געאַכט און האָבען אביסעל מורא געהאט פאר זיין מעכטיגע פיגור און די גרויע אויגען, אין וועלכע עס האָט גע־לויכטען דאָס באוואוסטזיין פון אייגענער קראַפט. די האָר ביי איהם זיינען שוין געווען אביסעל גרוי, ער איז שוין אלט געווען איבער פופציג יאָהר. אין זיין יוגענד, אין זיין פאָטער־לאנד, דייטשלאנד, האָט ער זיך געשלאָגען מיט די פראנצויזען, און דאן איז ער נאָך א סך געשעהענישען און ענדערונגען אין זיין לעבען אָנגעקומען אין דענעמארק, וואו ער האָט געהייראט און האָט זיך אויף שטענדיג באזעצט.

זיין פרוי האָט איהם קיין נדן ניט געבראכט. נאָך עט־ליכע דורכפאלען, איז ער שרעקליך פאראָרימט געוואָרען. שפּע־טער פלעגט ער מיט שמאָלץ דערצעהלען, אז אין פארלויף פון א גאנצען ווינטער האָבען ער און זיין פרוי זיך ערנעהרט פון צוויי ריקסדאלער — דאָס איז געווען זיין גאנצער קאפּיטאל.

מיט וועלכען ער האט ספעקולירט. איין פרייטאג אווענד איז ער געקומען אהיים און האט געפונען זיין הויז פארברענט, זיין פרוי איז א קראנקע געלעגען ביי שכנים, און זיין קינד איז אומגעקומען אין דער שרפה. ער האט אפגעהאלטען שבת, ווי געוועהנליך, האט זונטאג מקבר געווען דאס קינד און איז ווידער אוועק טאן געשעפטען מיט זיין קאפיטאל. איצט איז ער געווען זעהר א רייכער מענש און האט ליעב געהאט צו דערצעהלען, וואס ער האט דורכגעליטען.

פיליפ בענדיקסען, דער גליקליכער פאטער, איז א שטילער און גאנץ גוטער מענש. קלאנגען זיינען ארומגעגאנגען, אז אין יוגענד האט ער געלעבט גאר פרעהליך און האט ניט זעהר שטרענג אפגעהיט די מנהגים פון זיין פאלק, אבער די קלאנגען זיינען געווען אונבאשטימט, און וואס מען האט יע געוואוסט אויף זיכער איז געווען, אז נאך דער חתונה האט ער פינקטליך אפגעהיט דעם גאנצען ריטואל פון זיין רעליגיאן און האט שטרענג געאורטיילט אלעמען, וואס האבען זיך ניט אזוי אויפ־געפיהרט.

שפעט אין אווענד, נאך דעם טומעלדיגען טאג, איז פיליפ בענדיקסען אריינגעקומען אין זיין קליינעם שלאפצימער. זיין פרוי איז רוהיג געשלאפען הינטער דעם ווייסען פארהאנג, די אידישע מאטראנא, וואס האט אויף איהר אכטונג געגעבען ביינאכט, האט שטיל געדרעמעלט אין שטוהל. דאס קינד איז געשלאפען אין זיין וויגעל, אויף וועלכען עס איז געפאלען דאס ציטערענדע ליכט פון דעם נאכטלאמפ.

פיליפ האט ארומגענומען מיט זיין בליק דאס פריעדליכע בילד, זיין הארץ איז פול געווארען מיט א שטילער פרייד, ער האט באדעקט זיין קאפ און האט פייערליך געזאגט:

— אלמעכטיגער גאט! האר פון דער גאנצער וועלט! איך דאנק דיר דערפאר, וואס דו האסט מיר געגעבען א זוהן, וואס וועט זאגען קדיש איבער מיין קבר! אויב עס וועט זיין אויף דעם דיין ווילען, זאל דאס געשעהן באלד! נעם, ווען דו ווילסט, דאס גאנצע גליק, וואס איז אויסגעפאלען אויף מיין

גורל, און גיב דאָס אָפּ מיין זוהן. איך וועל זיך בוקען צו דער ערד און וועל בענשען דיין נאָמען, נאָר ער זאָל זיין גליקליך!

אָט וואָס פאר אַ ברכה עס איז געמאכט געוואָרען איבער דעם וויגעל פון דעם קינד, וואָס וועט זיין דער העלד פון דער ערצעהלונג.

II

ווען דאָס קינד איז אביסעל אויסגעוואקסען, האָט דער פאָטער איהם נאָכאמאָל געבענשט און געזאָגט:

— ער וועט ניט געהן אין שול. ער דארף ניט ליידען קיין רשעות פון די אנדערע אינגלעך און זיך אָפּלערנען פון זיי גראָבקייטען. ווען ער וועט גענוג אויסוואקסען, וועל איך איהם אליין אויסלערנען אלץ, וואָס א איד דארף וויסען. און דאן וועל איך איהם שיקען אין קאָפּענהאַגען.

מעהר פון אלעמען האָט זיך מיט אזא באשלוס געפרעהט פעטער יצחק. ער האָט גערעכענט, אז איצט וועט ער זיך פארנעמען מיט דעם אינגעל, וויפיעל ער וועט נאָר וועלען. ער פלעגט אָפט צונעמען דעם אינגעל ביי דער מוטער, אוועקטראָגען צו זיך אהיים, און דאָרט פלעגט ער שטונדענלאנג זיך שפּיעלען מיט איהם און אמוזירען איהם. ער פלעגט דעם אינגעל דער־צעהלען וועגען מלחמות, העלדישע ריטער, פרעמדע לענדער, פלעגט איהם איבערגעבען ביבלישע געשיכטען וועגען העלדען. דער אינגעל האָט זיך צו די געשיכטען אזוי צוגעוועהנט, אז שפּעטער האָט איהם אויסגעוויזען, ווי ער וואָלט געבאָרען גע־וואָרען מיט די לעגענדען אין הארצען און אין קאָפּ.

זעהענדיג, ווי יצחק גיט זיך אזוי פיעל אָפּ מיט דעם קינד, פלעגט דער פאָטער אמאָל רעדען:

— דער אינגעל איז צופיעל מיט דיר, יצחק. דער סוף וועט זיין, אז ער וועט ניט וויסען, ווער זיין פאָטער איז.

— און פארוואָס טאַקי זאָל איך ניט זיין זיין פאָטער? מיט וואָס בין איך דאָס ערגער פון דיר? — פלעגט יצחק ענטפערען. — אין מיין געזעלשאפט ווערט ער קליגער. אָט, זעה נאָר, וואָס פאר אַ קלוגען פּנים ער האָט!

— און דו ביזט זיכער, אז דאָס איז דיין פארדיענסט? — פלעגט יעטע פרעגען מיט א שמייכעל.

— פון וואנען דען וואָלט ביי איהם געווען אזא פּנים? — פלעגט דער אָנקעל ענטפערען. — ער קען דאָך שוין קריאת שמע אויף אויסווענינ. ווער האָט איהם דאָס אויסגעלערענט? איצט וועל איך איהם אויסלערנען בענשען אויך.

— גוט, גוט, יצחק, — פלעגט דער פאָטער נאָכגעבען. — זאָל זיין אזוי, לאָז איהם איבער ביי זיך, ביז ער וועט ווערען זעקס יאָהר אלט. דאן וועל איך זיך שוין צו איהם נעמען. אויף מיר, אויף דעם פאָטער, ליגט דער חוב איהם אויסצוּלערנען אלץ, וואָס א איד דארף וויסען.

— איהר לערענט מיט איהם צופיעל. און רעדען רעדט איהר מיט איהם צו ערנסט, — פלעגט די מוטער זאָגען באַזאָרגט. — פאר דעם אינגעל איז א סך ניצליכער צו זיין מיט קינדער, זיך שפּיעלען און אומלויפען אויף דער פרישער לופט.

דאָס קינד האָט אזוי אויסדרוקספול געקוקט אויף זיין מוטער, ווי ער וואָלט זי פארשטעהן, ווי זי וואָלט ענטדעקט די אמת׳ע רפואה פאר דער דריקענדער בענקשאפט, וואָס האָט באדעקט מיט בלייכקייט זיינע באַקעי

III

א גליקליכער זייט איהר, ווען איהר קענט זאָגען: „דאָס איז געווען א חבר אין מיינע קינדער שפּיעלען!“ גיט איהר זיך אָפּ א גענויע רעכנונג אין אָט די ווערטער? דערצעהלען זיי אייך ניט וועגען גרינע לאָנקעס, אויף וועלכע איהר האָט זיך געשפּיעלט אין די זאָרגלאָזע יאָהרען פון קינדהייט, אָדער וועגען א קליינעם הויף, אויף וועלכען איהר פלעגט באגעגענען שכנ׳ישע אינגלעך, פלעגט מיט זיי שפּיעלען, זיך שלאָגען און וויינען? ווי שטארק וואָלט איהר דאָס געוואָלט נאָכאמאָל וויינען מיט יענע טרערען!

איהר האָט געווים אויך ניט פארגעסען די טויזענדער פארשידענע קונצען, אין וועלכע איהר פלעגט זיך אויסצייכנען, ווען

איהר האָט באזוכט די שול. געדענקט איהר די אפּעלסינען, וואָס זיינען געווען צונויפגעלעגט ווי א פּיראמידע אין פענסטער פון פּרוכטקראָם, און ווי זיי זיינען פון א שטויס פון עפּעס א פארבאָרגענער קראפט זיך פלוצלונג צופלויגען איבער דעם גאַנ־צען דיל, צו דער אונבאשרייבליכער פארוואונדערונג פון דעם קרעמער? און געדענקט איהר, ווי איהר האָט אָנגעבונדען אויף דער קאץ צוויי שווייגען פּענכער, און ווי די בעל הבית'טע פון דער קאץ האָט זיך נאָך איהר געיאָגט, ווי נאָך א קאַנאַריק?... אָדער דערמאָנט זיך אייך אפשר א מיידעלע, פאר וועמען איהר צוזאמען מיט א חבר פלעגט קלייבען בלומען, און צוליעב וועמען איהר האָט זיך שפּעטער מיט דעם חבר צוקריגט?

דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען איהר האָט זיך גענומען צופּאסען צו יענעם שפּיעל, וואָס רופט זיך לעבען; אין יענער צייט, ווען אייער נשמה איז געווען גרייט צו טראָגען די בעסטע בליטען פון לעבען: די בלומען פון פריינדשאפט און ליעבע...

יעקב איז געוואקסען אליין, ווייל אין די ווענינע אידישע פאמיליען, וואָס האָבען געוואוינט אין שטאָדט, זיינען ניט גע־ווען קיין קינדער פון זיין עלטער. די קריסטליכע קינדער פלע־גען זיך רייצען מיט איהם. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מען האָט איהם גערופען יעקב, פלעגען זיי איהם רופען משה, און ווען ער פלעגט צו זיי צוגעהן, פלעגען זיי מאכען א מינע, ווי זיי וואָלטען אויף איהם געוואָלט שפּייען. ער פלעגט פון זיי אוועקגעהן און פלעגט פון דער ווייטען קוקען אויף זייערע שפּיע־לען מיט בענקשאפט און קנאה. ניט קוקענדיג אויף אלץ, האָט ער דאָך געוואָלט זיין מיט זיי. ער האָט אָנגעהויבען ליידען פון זייער שפּאָט אזוי פריה, אז איהם איז גאָר אויפ'ן זינען ניט ארויף צו זוכען די אורזאך פון זייער אונפריינדליכקייט. דאָס האָט איהם פונקט אזוי ווענינ געוואונדערט, ווי וואָס ער איז געבאָרען געוואָרען אויף גאָט'ס וועלט און לעבט. ער איז דאָך מיט דעם געבאָרען געוואָרען, האָט ער געמיינט, אז אזוי דאַרף זיין.

* * *

איינמאָל איז צו די בענדיקסענס געקומען צופאָהרען צו גאַסט אַן אָנקעל, פרוי בענדיקסען'ס אַ ברודער. ער האָט גע־בראַכט מיט זיך זיין קליינעם זוהן. דער אינגעל איז באַלד צוגעגאַנגען צו יעקב'ען, אָבער יענער איז מיט אַ פינסטערער מינע אַוועקגעגאַנגען פון איהם. ווען דער אינגעל האָט אָבער נאָכאַמאָל געפּרואווט צו איהם צוגעהן און איהם אַ גלעט טאָן, האָט יעקב געוואָרפען אויף איהם אַ פאַרשענדען בליק פון זיינע גרויסע ברוינע אויגען און האָט שטיל געפרעגט:

— פאַרוואָס רופסטו מיך ניט איד?

די אונערוואַרטע פראַגע האָט איבעראַשט אַלע אַנ־וועזענדע.

— מען האָט דעם אָרימען אינגעל באַליידיגט, — האָט ענדליך געזאָגט דער אָנקעל.

דער פאָטער איז צוגעגאַנגען צום קינד, האָט אָנגענומען מיט די הענט זיין קאָפּ און איהם אַ קוש געטאָן מיט ציטערענדע ליפּען. אָבער דער אָנקעל האָט זיך ניט געקענט באַרוהיגען. ער האָט געפרעגט:

— זאָג, יעקב, ווער האָט דאָס דיך גערופען איד?

— די אינגלעך, דאָרט אויפ'ן ברעג, זיי רייצען זיך אַלע־מאָל אַזוי מיט מיר, — האָט דאָס קינד געענטפערט.

אויף מאָרגען איז דער אָנקעל אַוועק מיט דעם נעפע אויפ'ן ברעג. ווען די אינגלעך האָבען דערזעהן דעם הויכען, געזונטען מאַן, האָבען זיי נאַטירליך ניט געוואַגט צו באַליידיגען יעקב'ען. אָבער יצחק באַמבערגער איז שוין געווען אַזוי שטאַרק אויפ־געגערעגט, אַז ער האָט זיך ניט געקענט באַהערשען. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם ערשטען אינגעל, וואָס איז איהם געקומען צו דער האַנט, און האָט איהם אַ וואַרף געטאָן צו זיינע חברים. ווען יעקב האָט דאָס דערזעהן, איז איהם פאַר איהם פּלוצלונג געוואָ־רען קלאָר, פאַרוואָס דער פאָטער האָט איהם נעכטען אַזוי הייס אַ קוש געטאָן, און פאַרוואָס דער אָנקעל איז מיט איהם אַוועק

אויפ'ן ברעג. ער האט זיך ארויפגעווארפען אויף עפעס א איג־געל, האט איהם אומגעווארפען צו דער ערד און האט איינגע־גראבען אין איהם זיינע פינגער.

דער אנקעל האט דאס אין אנהויב אנגענומען פאר א גע־וועהנליכען געשלעג און האט ערמוטיגט יעקב'ען. אבער דער־זעהענדיג, אז יעקב האט צובלוטיגט דעם קריסטליכען איגגעל, האט ער אנגעכאפט דעם נעפע פאר דער האנט און האט איהם שנעל אוועקגעפיהרט. נאכדעם ווי ער איז אפגעגאנגען עט־ליכע טריט, האט ער ערשט באמערקט, אז יעקב איז שרעקליך בלייך און האט פארביסען די בלוי געווארענע ליפען. זיינע אויגען זיינען ווי אויסגעלאשען געווארען, און די צונויפגע־דריקטע פויסטען זיינען געוועזען פול מיט האר פון דעם צושלא־גענעם איגגעל'ס קאפ. יצחק האט זיך דערשראקען און האט געמיינט, אז יעקב איז קראנק געווארען. אין דער היים האט ער באלד געהייסען איהם אריינלעגען אין בעט און האט גע־רופען א ארצט. דער איגגעל איז עטליכע שעה געשלאפען און האט זיך דאן אויפגעכאפט ווי פון אהנמאכט. עס האט אויסגעוויזען, ווי ער וואלט גארניט געדענקט וואס עס איז פאר־געקומען.

נאכדעם האט יצחק באמבערגער געמוזט געהן צום בירגער־מייסטער און אפגעבען א ערקלערונג וועגען דער געשעהעניש. ער האט אויך געמוזט אויסגעבען געלט, צו פארשטיקען די גע־שיכטע און פארגיטיגען די עלטערען פון דעם געשלאגענעם איג־געל. אום צו פארמיידען אזעלכע מיספארשטענדניסען און אונאנגענעהמליכקייטען אין דער צוקונפט, איז באשלאסען גע־ווארען אפצוצאמען מיט א הויכען פארקאן דאס לאנד פון פיליפ בענדיקסען, און הויפטזעכליך יענעם טייל פון זיין גארטען, וואס קומט ארויס צום ברעג.

דא פלעגט איצט יעקב פארברענגען זיין גאנצע צייט, אפ־געטיילט פון דער גאנצער וועלט דורך א הויכען פארקאן. ער האט פאר זיך נאר געזעהן דעם ברייטען בעלט, אויף וועלכען זעגעלשיפען האבען זיך פון צייט צו צייט געטראגען. אן איינ־

זאמער און שווייגענדער, פלעגט ער שפּאַצירען צווישען בלומען און בוימער, פאַרקוקענדיג זיך אויף דעם שעהנעם ים, וואָס האָט ליעב געשמייכעלט אונטער די שטראַהלען פון דער העלער זון, און פלעגט אַמאָל, אַ פינסטערער און שרעקליכער, וואַרפען זיינע ברייטע וועלען אויפ׳ן ברעג.

דאָ, אין איינזאַמקייט, האָט ער זיך באַשאַפען זיין אייגענע וועלט, אין וועלכער די הויפּט ראָל האָט געשפּיעלט דער, וואָס האָט איהם מעהר פון אַלץ אינטערעסירט: ער אַליין. ווען מען האָט איהם געטאַדעלט, ווען איהם האָט אויסגעוויזען, אַז מען איז צו איהם אונגערעכט, פלעגט ער אַוועקגעהן אין זיין וועלט און אויסטראַכטען געשיכטען, וואו ער פלעגט זיין דער העלד. ביסלעכווייז איז פון אַט די געשיכטען געוואָרען אַ גאַנצע ער־צעהלונג, און יעדער נייער פאַל אין זיין לעבען האָט צוגעגעבען אַ נייעם קאַפּיטעל צו דער ערצעהלונג. ניט קיין קליינע ראָל האָבען אין אַט דער שאַפונג געשפּיעלט די אינגלעך, וואָס האָבען זיך מיט איהם גערייצט אויפ׳ן ברעג. איהם האָט צו זיי גע־צויגען, ער האָט געבענקט, דערמאָנענדיג זייערע געזיכטער, שפּיעלען, געלעכטער, אָבער אין דערזעלבער צייט האָבען די ערינערונגען געוועקט אין איהם אַן אונפריינדליך געפיהל. ווען איינער פון אַט די אינגלעך פלעגט איהם באַגעגנען אויפ׳ן גאַס און איהם פריינדליך באַגריסען, פלעגט יעקב קומען צוריק צו זיך אין גאָרטען אַ צופריעדענער, אַ גליקליכער און אויסרעכנען אין געדאַנק אַלע גוטע זאַכען, וואָס איהם וואָלט זיך געוואָלט שענקען דעם אינגעל. דאַן פלעגט ער זיך פאָרשטעלען, אַז דער אינגעל איז אין געפאַהר, און ער פלעגט איהם רעטען, און יענער פלעגט איהם אויסדריקען זיין דאַנקבאַרקייט מיט דעם, וואָס יעדען טאָג פלעגט ער אַריבערקריכען דעם הויכען פאַרקאַן און ריזיקירען דערביי אַריינצופאַלען אין ים און דערטרונקען ווערען, און אַלץ נאָר אום צו שפּיעלען מיט יעקב׳ען.

אויב אָבער — און דאָס פלעגט טרעפען פיעל אָפטער — אַן אינגעל פלעגט באַמערקען, אַז יעקב איז אַליין, אָהן דעם

שרעקליכען אָנקעל, און פלעגט איהם נעמען זידלען, פלעגט יעקב דאן זיך אומקערען אין גאָרטען אַ טרויעריגער און קלערען:

„און אָט האָב איך אונטערגעצונדען די פעלדער... איך האָב געכאַפּט וועלף און פוקסען און צוגעבונדען צו זייערע עקען ברע־נענדע פאקעלען... די אינגלעך האָבען מיך נאָכגעיאָגט, געוואָלט מיך הרג'ענען, אָבער איך בין פון זיי אנטלאָפען. איינמאָל בין איך אנשלאָפען געוואָרען, און זיי האָבען מיך געפונען און גע־בונדען. דאן האָבען זיי מיך אוועקגעשטעלט אין זייער טעמפּעל צווישען צוויי זיילען. זיי האָבען געמיינט, אז איך קען זיך שוין פון זייערע הענט ניט ארויסרייסען, זיינען זיי ארומגע־לאָפען ארום מיר און געשריען: „איד! איד!“ אָבער איך האָב אָנגעכאַפּט מיט די הענט די זיילען און האָב זיי אַ טרייסעל גע־טאָן... און דער טעמפּעל איז אומגעפאַלען אויף מיר און אויף זיי...“

אַ קאַלטער שטראָם פלעגט דורכגעהן יעקב'ס אָדערען, ער פלעגט צומאַכען די אויגען, פיהלענדיג, ווי אַלץ ארום איהם ציטערט. טרערען פלעגען איהם נעמען שטיקען, איהם האָט וועה געטאָן ביי דעם געדאנק, אז ער האָט געמוזט הרג'ענען די אינג־לעך, ער האָט אויף זיי רחמנות געהאַט.

IV

אָט די וועלט פון פאנטאזיען איז אַלץ געוואַקסען, איז אַלץ ברייטער געוואָרען און איז ענדליך געוואָרען איבער יעקב'ס קרעפטען. ער האָט ניט געקענט באהערשען די זעהונגען, וואָס ער האָט אליין ארויסגערופען. אין זיין קאָפּ איז געשטאַנען אַ חייסער נעבעל; און ווי נאָר ער פלעגט זיך אין געדאנק דער־נעהנטערען צו דער וואוינונג און היים פון די זעהונגען, פלעגט דער נעבעל אין קאָפּ ווערען געדיכטער, און די זעהונגען פלעגען אויפלעבען, פאַכען מיט די פליגלען און איהם באהערשען. ער האָט געליטען, איהם האָט געשווינדעלט דער קאָפּ, די נערווען האָבען געציטערט, ווי אָנגעצויגענע סטרונעס. אָבער ניט קוק־קענדיג אויף דאָס אַלץ, האָט איהם געצויגען צו דער וועלט פון

פאנטאזיען, און בלייבענדיג אליין, פלעגט ער אוועקגעהן אין א ווייטען ווינקעל פון גארטען, וואו זיין פארשטעלונגסקראפט האט געקענט זיך פריי צושפיעלען.

איינמאל, ווען ער איז דארט געזעסען מיט פארמאכטע אויגען און האט זיך אפגעגעבען דעם אנגסטליכען געפיהל פון שאפען, איז צו איהם צוגעגאנגען דער פאטער. יענעם טאג זיינען אין קראם כמעט גאר ניט געווען קיין קונדען, און אין הויז האט דער פלייסיגער מענש אויך ניט געפונען קיין ארבייט.

— וואס טוסטו דא? — האט ער געפרעגט דעם זוהן.

יעקב האט אויפגעציטערט און געענטפערט:

— גארניט.

— דו האסט שוין לאנג געדארפט זיך לערנען עפעס אן ערנסטע זאך, — האט געזאגט פיליפ. — אלע, וואס דיין אנקעל טוט, איז וואס ער שטאפט דיר אן דעם קאפ מיט מעשות. קום מיט מיר, מיר וועלען אנהויבען לערנען אלף בית.

יעקב האט געהאט אן אונקלאר געפיהל, אז ער וועט געפינען שוץ ביים פאטער פון די שרעקליכע בילדער, וואס זיין פאנטאזיע האט געשאפען, ער האט דעריבער מיט פרייד אנגענומען דעם פאטער'ס האנט.

— איך האב דיר נאך ניט געגעבען דיין ארבע כנפות, און דו ביזט שוין איבער זיבען יאהר אלט, — האט דער פאטער גערעדט און האט געשאקעלט דעם קאפ מיט א פארוואורף צו זיך אליין. — מיר טארען מעהר ניט פארלירען קיין צייט, יעקב. פון איצט אן דארפסטו וויסען, אז דו ביזט א איד, און דו דארפסט לערנען דיין רעליגיאן.

— גוט, פאטער, — האט געענטפערט יעקב. — איהם איז געפעלען געווארען, וואס דער פאטער רעדט מיט איהם, ווי מיט א גרויסען.

פון יענער צייט אן האט פיליפ יעדען טאג געלערענט מיט יעקב'ען, און יעקב איז געווען פלייסיג און אויפמערקזאם. איצט, ווען זיינע געדאנקען זיינען געווען פארנומען מיט אנאנדער זאך, האט זיין פאנטאזיע ניט געהאט איבער איהם אזא מאכט. ער

האָט אָפּגעלעבט, ווי אַ האַלב פאַרדאַרטע פלאַנצונג, וואָס מען האָט ווידער געגומען באַגיסען מיט וואַסער, און פאַרב האָט זיך באַוויזען אויף זיינע באַקען. נאָר די מוטער איז געווען אונצופרידען, זי פלעגט זאָגען, אַז דאָס קינד לערענט זיך צופיעל.

— דאָס איז גאָר ניט אַזוי, — האָט איהר איינמאָל גע־ענטפערט דער פאָטער. — ער לערענט זיך דאָך אַזוי גערן. און אויסערדעם, וויים ער, וואָס איך האָב איהם צוגעזאָגט, ווען ער וועט זיך פלייסיג לערנען.

ביי די ווערטער האָט ער געוואָרפען אַ פיעלבאַדייטענדען בליק אויף יעקב׳ען.

— נו, יעקב, זאָג, וואָס האָב איך דיר צוגעזאָגט? — האָט דער פאָטער געפרעגט. — האָסטו פאַרגעסען, וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט, ווען דו וועסט קענען שמונה עשרה? נו, זאָג, וואָס האָבען מיר מאָנטאָג?

— פורים, — האָט יעקב אויסגערופען. — און מיר וועלען זיך איבערטאָן, פאָטער?

— ניין, אָבער דו וועסט געהן מיט מיר אין שול, וועסט הערען די מגילה און וועסט שלאָגען המן׳ען.

— ווער איז דאָס, פאָטער? פאַרוואָס דאַרף איך איהם שלאָגען?

— דו ווייסט דאָס דען ניט? ער האָט דאָך געוואָלט אויס־הרג׳ענען אַלע אידען אין איין נאַכט. אָבער אונזער גאָט איז געווען מיט זיין פאָלק, און מען האָט המן׳ען אויפגעהאַנגען. אָט גיב נאָר אַ קוק אויף אָט די מאַשינקע: דו דאַרפסט נאָר אַ ציה טאָן פאַר׳ן שנירעל, און דאָס העמערעל וועט אַראָפּ־פאַלען און אַ קלאַפּ טאָן אויף המן׳ס נאָמען. און ווען דו וועסט נאָר ביים לייענען די מגילה דערהערען זיין נאָמען, דאַר־פסטו אַ ציה טאָן פאַר׳ן שנירעל און שלאָגען איהם.

— איך וואָלט בעסער געוואָלט שלאָגען המן׳ען אַליין, פאָטער.

— ער איז שוין לאַנג געשטאָרבען, מיין זוהן, — האָט מיט אַ שמייכעל געענטפערט דער פאָטער, צופרידען מיט זיין

זוהן׳ס גרייטקייט צו טאָן מעהר, ווי מען פאָדערט פון איהם. — דיר בלייבט איצט איבער נאָר צו שלאָגען זיין נאָמען, ווען די עלטערע וועלען איהם לייענען.

— ניין, דאָס וויל איך ניט, — האָט געזאָגט יעקב.

— פארוואָס, יעקב? פארוואָס ווילסטו ניט שלאָגען המן׳ען, וואָס האָט געוואָלט אויס׳הרג׳ענען אלע אידען?

— ניין, איך וויל ניט! — האָט דער אינגעל נאָכאמאָל אויסגעשריען און האָט זיך צוואויינט.

— נו, בארוהיג דיך. אויב דו ווילסט ניט, דארף מען ניט. מען דארף צוליעב דעם ניט וויינען, — האָט דער פאָטער באַרוהיגט דעם אינגעל, גלעטענדיג איהם איבער׳ן בעקעל. — אָבער זיי פונדעסטוועגען זעהר פלייסיג, ועסטו אויף פסח זיצען לעבען מיר און לייענען די הגדה, און איך וועל דיר דערצעהלען אלץ, וואָס דאָרט שטעהט.

— אך, דערצעהל דאָס מיר איצט! — האָט יעקב געבעטען, אויסווישענדיג די אויגען.

— ניין, וועגען דעם דערצעהלט מען נאָר פסח.

— און ווי לאנג איז נאָך ביז פסח, פאָטער?

— פיער וואָכען. זיי זשע אַ קלוגער אינגעל ביז דאַן און לערען זיך פלייסיג.

* * *

דער אונגעדולדיג ערוואַרטעטער יום טוב פסח איז אָנגעקומען. שוין פריהער מיט עטליכע טעג איז אָנגעקומען אויף א שיף פון קאָפּענהאגען א פול אָנגעפּאַקטער קאַסטען; מען האָט איהם פאָרזיכטיג אוועקגעטראָגען אין א ווייטען ווינקעל אויפ׳ן בוידעם, אום ער זאָל זיך ניט אָנריהרען אָן עפּעס אומריינעס. אין דעם קאַסטען איז געלעגען מצה. אלע גלעזערנע כלים אין הויז האָט מען אויף דריי טעג אריינגעלעגט אין וואַסער, די מעשענע און אייזערנע האָט מען גערייניגט מיט פייער, און ערב יום טוב האָט מען גרינדליך אויסגערייניגט אלע צימערען פון הויז, און די פאָרצעלייענע און הילצערנע כלים, וואָס איז חמץ און וואָס מען

קען ניט רייניגען ווי מען דארף, האט מען פארלעגט וואס ווייטער און פארביטען מיט ספעציעלע געשיר, וואס מען באנוצט נאר אויף פסח און מען האלט א גאנץ יאהר אין באזונדערע קאסטענס.

אין אווענד, ווען דער ערשטער שטערן איז אויפגעגאנגען אין הימעל, איז דער פאטער פון דער פאמיליע דורכגעגאנגען דעם הויף מיט א פעדער פון אן עוף אין איין האנט און א הילצערנעם לעפעל אין דער אנדערער, אום אויסצוזוכען די לעצטע רעשטען פון חמץ און זיך איבערצייגען, אז אלץ אין הויז איז גרינדליך אויסגערייניגט. די ווירטין האט אוועקגעלעגט אויף אן אנגעזעהענעם ארט עטליכע ברעקלעך ברויט. דערפאר אבער האט זי אונטער'ן דיוואן באהאלטען א טעפעל פוטער. יעקב האט דאס באמערקט.

נאכדעם ווי דער פאטער האט מיט א שטילער תפלה אראפגעשארט אין הילצערנעם לעפעל די ברעקלעך ברויט, האט ער שוין געוואלט ארויסגעהן פון צימער, נאר יעקב, וואס האט איהם די גאנצע צייט אויפמערקזאם נאכגעקוקט, האט איהם אפגעשטעלט און געזאגט:

— פאטער! די מוטער האט באהאלטען אונטער'ן דיוואן א טעפעל פוטער!

— שווייג, אינגעל! — האט דער פאטער אויסגערופען, נעהענדיג צו דער טיר. — דאס דארף איך ניט וויסען, ווארום איך וואלט דאן אלץ געמוזט פארברענען.

— הייסט דאס, פאטער, — האט יעקב געענטפערט, — אז דו האנדעלסט פונקט ווי דער וועכטער פון צאלאמט, ווען דו גיסט איהם געלט?

— אום גאטעס ווילען, הער אויף רעדען, אינגעל! דיין צונג וועט נאך ברענגען אויף מיין קאפ אן אומגליק! — האט דער פאטער געזאגט אויפגערעגט און איז ארויסגעגאנגען פון צימער.

אויף מארגען, ערב פסח, האט מען געמאכט אלע פרומע פארבערייטונגען צום יום טוב. דער פאטער האט געפאסט

פאַר'ן זוהן, ווייל יענעם טאָג האָט דער מלאך פון גאָט אויס־גע'הרג'עט אַלע בכורים אין מצרים און האָט איבערגעלאָזען די בכורים אין ישראל.

— היינט און נאָך עטליכע יאָהר וועל איך דעם טאָג פאַר דיר פאַסטען, — האָט דער פאָטער מיט צערטליכקייט געזאָגט יעקב'ען. — און ווען דיר וועט ווערען דרייצעהן יאָהר, וועסטו שוין אַליין אָנהויבען אויסצאָהלען דיין חוב צו גאָט.

ווען עס איז פינסטער געוואָרען, איז געקומען יצחק באָמ־בערגער מיט זיין פרוי. זיי האָבען ניט געהאַט קיין קינדער, פלעגען זיי האַלטען יום טוב ביי די קרובים. מען האָט זיי באַלד אַריינגעפיהרט אין זאַל, וואו דער גרויסער טיש איז גע־שטאַנען געגרייט און איז געווען באַגאָסען מיט ליכט.

פאַר דעם פאָטער פון דער פאַמיליע האָט מען אָנגעגרייט אויבען אָן א לעהנשטוהל, וואָס איז געווען אַרומגעלעגט מיט קישענס. אינמיטען טיש איז געשטאַנען א שיסעל, באַדעקט מיט א שניי ווייסער סערוועטקע. אין שיסעל זיינען געווען מצות, זיסע און ביטערע געווירצען און א ביין פון א לעמעל. פאַר יעדען איינעם'ס געשיר איז געשטאַנען א פלעשעל זיסער וויין פון ראָזינקעס.

דער פאָטער האָט זיך אַריינגעזעצט אין לעהנשטוהל. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א ווייסען קיטעל פון דינסטען לייווענט, וואָס די כלה גיט דעם חתן אין טאָג פון חתונה, און וואָס אידען טוען אָן, אויסער פסח צום סדר, נאָר אין דעם גרויסען יום הכפורים. אין דעמזעלבען קיטעל טוט מען אָן די אידען אויך ווען זיי שטאַרבען.

נאָך א הייסער תפלה און לויב צו גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט געגעבען דעם יום טוב פון פסח, האָט דער פאָטער געבענשט די מצה, דעם וויין און די געווירצען. צוויי גרויסע שטיקער מצה, אפיקומן, האָט מען אוועקגעלעגט אויפ'ן לעהנשטוהל, וואו דער פאָטער איז געזעסען. אָט די מצה טיילט דער פאָטער פון דער פאַמיליע פאַנאַנדער צווישען אַלע אַנוועזענדע, און דאָס זיינען קמיעות קענען געפאַחר אויפ'ן ים און אויף דער יבשה.

נאָכדעם האָט דער פאָטער געלייענט די הגדה, אין וועלכער עס ווערט דערצעהלט וועגען דער קנעכטשאפט פון די אידען אין מצרים און וועגען זייער אויסלעזונג. דער פאָטער האָט געלייענט הויך און פייערליך, און אלע האָבען זיך צוגעהערט מיט עהרפורכט. ביי דעם אָרט, וואו עס ווערען אויסגערעכענט די מכות, האָט יעדערער איינגעטונקט דעם קליינעם פינגער אין וויין און האָט אראָפּגעטרייסעלט א טראָפּענדעל אויפ'ן דיל ביי יעדער מכה.

ווען פיליפּ האָט געענדיגט לייענען, האָט ער געגעבען א צייכען בנימין'ען. אלע זיינען געווען שטיל, ווען בנימין האָט זיך אויפגעהויבען און האָט אויפגעעפענט אלע טירען אין הויז. פיליפּ האָט אָנגעגאָסען א גלעזעל וויין, האָט אָפּגעבראָכען א שטיק מצה און האָט אוועקגעשטעלט דאָס גלעזעל וויין לעבען זיינע כלים, און לעבען דעם וויין די מצה, ווי ער וואָלט זיך גרייטען אויפצונעמען א נייעם גאַסט.

בנימין האָט זיך אומגעקערט און געזעצט אויף זיין אָרט. און פּלוצלונג האָבען אלע אין דער הויך גענומען בעטען גאָט, ער זאָל שיקען א רעטונג און גליק זיין פאָלק, וואָס עפענט אין דעם אויגענבליק זיינע טירען אויף דער גאנצער וועלט, אום אויפצונעמען זיין גנאָד.

אלע זיינען געזעסען ביים טיש איינגעבויגען און האָבען ניט אויפגעהויבען די אויגען, אום ניט צו זעהן, ווער עס איז אין דעם אויגענבליק אריינגעגאנגען דורכ'ן טיר.

ווען די תפלה איז געווען געענדיגט, האָט מען צוריק פאַר־מאכט די טירען, און דאָס גלעזעל וויין און שטיק מצה האָט מען אוועקגעשטעלט אויף א זייטיגען טיש: א צייכען, אז אין הויז וועט מען די גאנצע הייליגע נאכט זיך גרייטען אויפצונעמען אליהו הנביא, וואָס דארף אָנזאָגען דאָס אָנקומען פון משיח.

איצט איז דאָס הויז פול געווען מיט זיין גנאָד און גע־הייליגט אויפצונעמען זיין שליח. דער פאָטער פון דער פאַ־מיליע האָט געוואָרפען אויף אלעמען א פריידיגען בליק און האָט אויסגעשטרעקט די האנט, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אָפּ־

צוקלאפּען דעם טאקט ביים זינגען. אלע האָבען אָנגעהויבען זינגען:

אדיר הוא. יבנה ביתו בקרוב:
במהרה
במהרה
בימינו בקרוב:
אל בנה.
אל בנה.
בנה ביתך בקרוב:

די פריידיגע שטימונג איז אלץ געוואקסען און איז איבער־געגאנגען אין יובעל. אלע האָבען געזונגען אין כאָר — ווער אויף העניש, ווער אויף דייטש, ווער אויף אידיש. יעדערער האָט געוואָלט אריבערשטייגען דעם אַנדערען אין אויסטראַכטען עפּיטעטען צו גאָט'ס נאָמען:

„דער זיסטער גאָט! דער גרויסער גאָט! דער געבענשטער גאָט! דער רייכער גאָט! דער אונבאזיגבארער גאָט! דער אַל־מעכטיגער גאָט!"

איצט בוי דיין טעמפּעל גיך!
איצט בוי, איצט בוי!
און גיך, און גיך!
יא גיך!
אל בנה!

אלע העבער און העבער האָבען געקלונגען די יובעלענדע שטימען. די ערוואקסענע האָבען געזונגען מיט טרערען אין די אויגען, די קינדער האָבען געקלאפּט דעם טאקט אויפ'ן טיש, האלטענדיג אין איין האנט א גלעזעל, אין דער אנדערער — א פלעשעל, און דורכזיכטיגע טרערען האָבען די גאנצע צייט גע־רונען איבער זייערע באקען.

מען האָט געגעבען צום טיש עסען — זעהר באשיידען, ווייל אין דעם אָוענד, גאָר ניט ווי אנדערע ימים טובים, עסען אידען זעהר איינפאכע שפּייז: אַן אָנדענק אָן דעם, וואָס די אורעלטערען, אַנגעטאָן פאר דער ווייטער רייזע, האָבען אין

איילעניש צוגעגרייט די לעצטע סעודה, איידער זיי האָבען אויף אייביג פארלאָזען מצרים. ביים עסען האָט מען זיך אמוזירט, דערצעהלענדיג די נסים, מיט וועלכע גאָט האָט דערהאַלטען די אידען, ווען זיי זיינען ארויס פון מצרים. אין העלע פארבען האָט פיליפּ באשריבען דעם גאנצען שרעק פון דער קנעכטשאפט פון אידען אין מצרים און די פארפאָלגונגען, וואָס זיינען געגאנגען אזוי ווייט, אז פרעה האָט געהייסען אויס׳הרג׳ענען אלע אידישע קינדער זכרים, אז אידען זאָלען זיך ניט מעהרען און ניט אויפשטעהן אנטקעגען זייערע הערשער.

— אָבער טאַקי אָט די גרויזאמקייט, — האָט פיליפּ געזאָגט, — האָט געפיהרט צו דער ערלעזונג פון די אידען, ווייל א דאנק איהר איז משה אריינגעפאלען אין פרעה׳ס פאלאץ, און מען האָט איהם דאָרט ערצויגען און געמאכט פאר א קריעגספיהרער און נעזעצגעבער.

„אָבער דער קלוגער פרעה האָט באלד גענומען פארדעכטיגען, אז משה איז ניט קיין געוועהנליכער מענש, בייזע חלומות האָבען איהם געמאַטערט, און די חלומות האָבען קיין גוטס ניט אָנגעזאָגט, און אָהן גאָט׳ס הילף וואָלט מען דאָס קינד דערהרג׳עט. ווייל פרעה האָט פאררופען צו זיך די אויסטייטשער פון חלומות און האָט זיך מיט זיי אַן עצה געהאַלטען, און זיי האָבען איהם געראָטען אויסצופּרואווען דאָס קינד, געבענדיג איהם צוויי שיסלען — איינעם מיט גאָלד, דעם אנדערען מיט גליהענדיגע קוילען. אויב דאָס קינד וועט נעמען דאָס גאָלד, האָבען די אויסטייטשער געזאָגט, דארף מען דאָס אָננעמען פאר א שלעכטען סימן; אויב אָבער ער וועט נעמען די קוילען, איז ער אונשולדיג, און די חלומות האָבען דאן קיין באדייטונג ניט. מען האָט געטאָן, ווי די אויסטייטשער פון חלומות האָבען געראָטען. מען האָט געבראַכט צוויי שיסלען. דער קליינער משה האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום גאָלד, אָבער דאָ האָט דער מלאך פון גאָט אָפּגעשטעלט זיין האַנט און זי א שטויס געטאָן צו די ברענענדיגע קוילען. דער אינגעל האָט א כאַפּ געטאָן א קויל, האָט זיך שטארק אָפּגעברענט די פינגער און האָט זיי,

ווי דער שטייגער איז ביי קליינע קינדער, באלד אריינגערוקט אין מויל. אַט דערפאר איז משה געווען אַ כבד פה."

— יע, — האָט פעטער יצחק געזאָגט מיט אַ שמייכעל, — דאָס איז געווען אַ טובה און אַ ביישפּיעל פאר דעם גאנצען פאָלק פון משה; ווייל נאָכדעם האָבען שוין די אידען אלעמאָל געכאפּט גאָלד, און נישט קיין ברענענדיגע קוילען.

עס איז שוין געווען שפּעט, און נאָכדעם ווי פּיליפּ האָט אָפּגעבענשט, זיינען אַלע אוועק זיך לעגען שלאָפען.

ווען יעקב איז געבליבען ביי זיך אין בעט, האָט ער שוין מעהר נישט געפיהלט קיין שרעק פאר די פאנטאסטישע מעשות, וואָס זיין פאַרשטעלונג האָט באשאפען און וואָס האָבען זיך נאָך פון צייט צו צייט צו איהם אומגעקערט. איצט זיינען זיינע געדאנקען געווען פארנומען נישט נאָר מיט קריסטליכע אינגלעך, ער האָט געטראכט וועגען דעם ליעבענדען אלמעכטיגען גייסט, וואָס מענשען האָבען אָנגערופען גאָט. איינוויקלענדיג זיך אין זיין קאָלדרע, האָט ער זיך אליין געזאָגט אין געדאנק:

„איצט וועל איך שוין מעהר נישט דערצאָרנען די קריסטליכע אינגלעך. אויב זיי פאַרדיענען אַ שטראָף, וועט זיי גאָט שטראָפען."

V

וואָס קען מען דערצעהלען וועגען קינדערשע יאָהרען? איבערגעבען די געשיכטע פון קינדהייט הייסט איבערגעבען די געשעהענישען און באשרייבען די סביבה. פון אַט די געשעהענישען באקומט דעם קינד'ס נשמה איהר נאהרונג, פּונקט ווי יונגע צווייגלעך, וואָס באקומען נאהרונג פון דער ערד, וואסער און לופט, גיבען ארויס בלומען און פרוכט. וועלען אַט די בלומען זיין שעהן, פריש און האָבען אַן אנגענעהמען ריח, אָדער זיי וועלען נישט זיין שען און מיט אַ שווערען גערוך? וועלען זיי אָפּגעריסען ווערען פון הענט פון לעבענסלוסטיגע מענשען, אָדער זיי וועלען פארלאָזענע איינזאם פארוועלקען אויף זייערע שטענג-

לעך? יע, פאר די פלאנצען איז דאס אויף א פאטאלען אופן פאראויסבאשטימט פון דער נאטור: דער גיפטיגער אמעג שאקעלט זיך פונקט אזוי אונשולדיג אויף זיין שטאם, ווי די וויאלעט, וואס איז א פרייד פאר'ן אויג. דער מענש דארף אליין באשאפען זיינע בלומען, — די פילאסאפען רופען דאס דער פרייער ווילען פון דער מענשהייט.

יעקב איז געוואקסען. ליעבענדע הענט האבען איהם ערצויגען און געצערטעלט, און דאך איז ער געווען איינזאם. ער האט געוואנדערט, ווי א הירש, אין אן אפגעצאמטען גארטען, און זיינע גרויסע ברוינע אויגען האבען פארשענד געקוקט אויף גאט'ס וועלט. יע, מען קען באשטימט זאגען, אז ער איז געווען עהנליך צו א חיה אין וואלד, ווייל באטש ער איז געוואקסען ארומגערינגעלט פון ליעבענדע מענשען, דאך האט אין פיעלע פרטים, און הויפטזעכליך ווען מען קוקט אויף דעם דורך די קינדערשע באגריפען און פארשטעלונגען, ניט געקענט זיין צווישען איהם און ערוואקסענע קיין פולע געגענזייטיגע פארשטענדיגקייט. די ערוואקסענע האט מען געקענט צוגלייכען צו דעמזעלביגען פארקאן, וואס האט ארומגערינגעלט דעם גארטען און געשטעלט געוויסע גרענעצען. צוליעב אט דער איינזאמקייט איז פארגעקומען א פאל, וואס האט ענטשידען יעקב'ס גאנצע צוקונפט.

עס איז געווען אנהויב פריהלינג, אבער ווארעם. די זון האט געשיינט העל און האט שוין געווארעמט, אויף די דעכער האבען געצוויטשערט שפערלינגען, אויפ'ן ברעט פון דעם קליינעם פענסטערעל אין קעלער איז געלעגען די קאץ, האט זיך געווארעמט אויפ'ן זון און האט פויל געקוקט מיט פארזשמורעטע אויגען אויף די פרעהליך אומשוועבענדע שפערלינגען. ארום א בערגעל קליינע שטיינדלעך, וואס איז פון אונדענקליכע צייטען געלעגען אינמיטען גאס, האט זיך ארומגעקליבען א באנדע אינגלעך. אין פאפירענע היטלעך און מיט הילצערנע שווערדען אין די הענט האבען זיי געשטורמט די שרעקליכע הויכקייט, וואס דער פיינד האט ענערגיש פארטיידיגט. אין

לופט האָבען אָפט געקלונגען שאַרפע אויסגעשרייען, דאָ מיט צאָרן, דאָ מיט פרייד, אַ קוויטשעריי, אַ געלעכטער, אַ פרעה־ליכער געשריי. יעקב האָט גיעריג געקוקט אויפ׳ן ספּעקטאַקעל דורכ׳ן פאַרהאַנג פון פענסטער.

און פּלוצלונג איז אין זיין קאָפּ באַשאַפען געוואָרען אַ פּלאַן, און ער האָט איהם טאַקי באַלד דורכגעפיהרט. ער האָט גענומען די קאַץ, וואָס האָט זיך געצערטעלט אין פריהלינגס זון, און האָט זי אַוועקגעזעצט אויפ׳ן טיש אין גאָרטען, — דער טיש האָט געזאָלט פאָרשטעלען די הויכקייט, און יעקב — די אָנגרייפענדע ארמיי. אום דער קאַץ זאָל ניט איינפאַלען צו אנטלויפען, האָט דער איינגעל זי צוגעבונדען צום טיש, — אַ שריט, וואָס מען וואָלט געדאַרפט האָבען אין זין אין בעצוג צו קאָמענדאַנטען פון פעסטונגען. און אין גאָרטען זיינען יע־נעם טאָג פאָרגעקומען שלאַכטען, און בלוט האָט זיך געגאָסען, אמת ניט אין שטראָמען, פון יעקב׳ס הענט און פּנים. שפּע־טער איז די קאַץ אַזוי ווייט צוגעוועהנט געוואָרען צו דעם שפּיעל, אַז מען האָט זי נאָר געדאַרפט ברענגען צום טיש, פלעגט זי שוין אַליין ארויפשפּרינגען מיט אַ מיוקען, ווי ארויס־רופענדיג דעם געגנער צום קאַמף.

אָבער יעקב האָט שפּעטער אויסגעפונען, אַז די שלאַכטען געהען אָן נעגען די רעגלען פון מלחמה, ווייל די קאַץ איז גע־ווען פיעל בעסער באַוואָפענט, ווי ער. מעגליך, אַז טיף אין הארצען איז ביי איהם געווען פאַרבאָרגען אַן אונפריינדליך געפיהל צו דער קאַץ דערפאַר, וואָס זי איז אַלעמאָל ארויס־געקומען די זיעגערין, און דער פריעדענס פאַרשלאַג פלעגט קומען פון איהם, כאָטש דער פּנים און די הענט זיינען געווען ביי איהם צוראַצט, און ער פלעגט זיך פיהלען, ווי אַ באַזיעג־טער. אויסערדעם, האָט ער געמוזט אַלעמאָל טראַקטירען די קאַץ מיט עפּעס אַ געשמאַקער זאַך, אום זי צו פאַרגיטיגען און ווייכער מאַכען, — דאָס, איבריגענס, איז שוין אַלעמאָל דער שיקזאַל פון די באַזיעגטע. ווי די זאַך זאָל ניט האָבען געווען, אָבער יעקב האָט ניט געלאָזען צורוה דעם אָנקעל, ביז יענער

האט איהם נים געשאנקען א קליינעם קינזשאל, וואס ער האט געהאלטען ביי זיך פאר אן אנדענק פון מלחמה. באוואפנענדיג זיך מיט דעם קינזשאל, האט יעקב באנייט די מיליטערישע אפעראציאנען. ווי אמאל העקטאר, האט די קאץ, נאטירליך, באמערקט, אז איהר געגנער איז באוואפענט מיט אן אונבאזיעגבארען געוועהר, פונדעסטוועגען האט זי מוטיג געקעמפט ביז דעם לעצטען טראפען בלוט.

פיליפ בענדיקסען האט זיך באוויזען אין גארטען אויפ'ן שלאכטפעלד פונקט אין דעם אויגענבליק, ווען זיין זוהן האט צום לעצטען מאל אריינגעשטאכען דעם קינזשאל אין די ברוסט פון זיין שונא.

— וואס טוסטו, יעקב? — האט ער פארוואונדערט אויסגעשריען.

דער איינגעל האט זיך דערשראקען און האט צומישט געענטפערט:

— איך האב נאר געוואלט זעהן, וואס ביי דער קאץ איז אינוועניג.

דער פאטער האט זיך פארלארען ביי אזא אונערווארטען ענטפער און האט לאנג געשוויגען. ענדליך האט ער זעהר ערנסט געזאגט:

— מיין זוהן, איך זעה אין דעם א פינגער פון גאט. איך האב פריהער געוואלט, אז דו זאלסט לערנען וויסענשאפטען, נאר שפעטער האב איך באשלאסען, אז דו וועסט מיר העלפען אין געשעפט. איצט אבער זעה איך, אז דו ביזט בארופען צו זיין אן ארצט, פונקט ווי דער באריהמטער רמב"ם *), וואס איז בטבע געווען אזוי, אז ער האט אלעמאל געוואלט אויפשניידען חיות און פלאנצען, אום אריינצודרינגען אין די סודות פון חכמה.

— און ווער איז דער רמב"ם, — האט געפרעגט יעקב,

*) רמב"ם — רבנו משה בן מימון (מאימאניד), א פילאסאף, טעאלאג און ארצט.

ערוואַרטענדיג צו הערען עפּעס אינטערעסאַנטעס און פרעהעג־דיג זיך, וואָס מען האָט פאַרגעסען אָן דער דער׳הרג׳עטער קאַץ.

— רמב"ם איז געווען אַ גרויסער אַרצט ביי אידען אין שפּאַניען. ער האָט אַזוי גיעריג געשעפּט פון קוואַל פון חכמה, אַז איהם איז צוליעב דעם ניט געווען מיאוס צו ווערען אַ דיענער. אָט ווי דאָס איז געשעהן. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ווייט, אין אַנאַנדער לאַנד, איז דאָ נאָך אַ גרעסערער אַרצט, און ער האָט געשיקט צו איהם אַ שליח, בעטענדיג איהם, ער זאָל איהם, רמב"מ׳ען, אָננעמען פאַר אַ תּלמיד. אָבער דער גרויסער אַרצט האָט מורא געהאַט, מען זאָל זיך ניט דערוויסען די סודות פון זיין קונסט, און ער האָט רמב"מ׳ען אָפּגעזאָגט. דאַן האָט זיך רמב"ם איבערגעטאָן פאַר אַ דיענער און איז אָנגעקומען צום אַרצט פאַר אַן איינפאַכען אַרבייטער. איינמאָל האָט מען דעם גרויסען אַרצט גערופען צו אַ קראַנקען, וואָס האָט געהאַט אַ וואָרעם אין מאַרך. דער אַרצט האָט מיט־גענומען רמב"מ׳ען, אַז ער זאָל צוהאַלטען דעם קראַנקען בעת דער שמערצליכער אָפּעראַציאָן. ווען דער מאַרך פון דעם קראַנקען איז געעפענט געוואָרען, האָט דער אַרצט גענומען אַ צוואַנג און האָט געוואָלט אַרויסציהען דעם וואָרעם. דאָ האָט זיך אָבער רמב"ם ניט איינגעהאַלטען, און אָפּשטעלענדיג די האַנט פון דעם אַרצט, האָט ער געזאָגט:

— גרויסער לעהרער! ווילסטו אפשר צולעגען צום מאַרך פון דעם קראַנקען אַ גריינעם בלאַט? דער וואָרעם וועט פאָלגען זיין נאַטירליכער נייגונג און וועט אַליין אַרויפקריכען אויפ׳ן בלאַט. אויב אָבער דו וועסט איהם ציהען מיט׳ן צוואַנג, וועט ער זיך וואָרפען, און דער קראַנקער וועט אפשר דערפון שטאַרבען.

דער אַרצט האָט מיט ערשטוינונג אַ קוק געטאָן אויף רמב"מ׳ען און האָט אויסגערופען:

— וואַהרהאַפטיג, אויב דו ביזט ניט דער טייוועל אַליין, ביזטו רמב"ם.

— איך בין ניט קיין טייוועל, איך בין רמב"ם, — האָט דער חכם געענטפערט, באַשיידען קניהענדיג פאַר דעם אַרצט.

— ניין, ניין! — האָט אויסגערופען דער אַלטער ארצט, — דאָס דארף איך קניהען פאר דיר, דען דו ביזט העכער פון מיר.

— מיין זוהן! — האָט פיליפּ געענדיגט, — ווער אזא גרויסער חכם, ווי רמב"ם איז געווען, און זיי אזא עניו, ווי ער.

נאָך פיעל רעד און בעראטונגען מיט דער מוטער און דעם אָנקעל, איז באשלאָסען געוואָרען, אז ווי נאָר יעקב וועט ווערען בר מצוה, וועט ער אָפּפאָהרען אין קאָפּענהאגען, צו שטודירען דאָרט וויסענשאפטען. וועגען זיין וויטערדיגער ערציהונג האָט געזאָלט זאָרגען אָנקעל מארקוס, פיליפּ'ס ברודער, וואָס האָט געוואוינט אין דער הויפּטשטאָדט. ער האָט אויך געזאָלט נעמען אויף זיך די אויפגאבע אכטונג צו געבען, אז יעקב זאָל אין דער פרעמד אָפּהיטען זיין רעליגיאָן.

— און איצט, יעקב, — האָט געזאָגט דער פאָטער, — וועלען מיר זיך שטארק נעמען צו גמרא, אז אונזערע קרובים אין קאָפּענהאגען זאָלען זעהן, ווי מיר דאָ אין א פארוואָרפענעם ווינקעל היטען אָפּ אונזער גלויבען.

— מיין יעקב, — האָט ער ווייטער גערעדט, אראָפּנעמענדיג פון ביכערברעט א דיקען ספר, — גרייט זיך מיט יראת הכבוד צוצוגעהן צו אָט דעם אוצר, וואו עס איז צוזאמענגעקליבען די חכמה פון די גרויסע געלעהרטע פון דער אַלטער צייט. עס איז ניטאָ אזא צווייג פון מענשליכען וויסען, וואָס זיי האָבען ניט אויסגעפאָרשט, און אומעטום וועסטו געפינען שפּורען פון אָט די אויספאָרשונגען, כאָטש די ווערטער אין ספר זיינען אָפט אונקלאָר און זיינען א רעטעניש פאר דעם אונגעלערענטען.

און יעקב האָט גענומען שטודירען די חכמה פון די אמאָליגע רבנים. די אויסטייטשונגען פון לעבענסגעזעצען זיינען גלייכצייטיג געווען שארפזיניג, שווער און געהיימניספול, דערפאר אָבער זיינען זיי געווען צונויפגעפלאָכטען מיט אינטערעסאנטע ערצעהלונגען, מעשות און אנעקדאָטען, וואָס האָט איז

א גרויסער מאָס לייכטער געמאכט די ארבייט און געמאכט זי אָנציהענד.

און אויב די ארבייט, וואָס האָט געפאָדערט א גרויסע אָנשטרענגונג פון די אינטעלעקטועלע קרעפטען, איז געגאנגען האנט אין האנט מיט פארגניגען, איז אָבער אין יעדען פאר־גניגען געווען עפּעס א מוסר השכל.

יעקב האָט אָפט שפּאצירט מיט'ן פאָטער הינטער'ן שטאָדט. איינמאָל זיינען זיי געגאנגען פארביי א לאָנקע, וואו עס האָבען זיך געפיטערט שאָף און לעמער. יעקב האָט זיך מיט פרייד געוואָרפען צו זיי, גליקליך פון דער געלעגענהייט צו שפּיעלען זיך מיט באשעפעניש'ען פון זיין עלטער.

— יעקב, קום אהער, איך וויל ביי דיר עפּעס פרעגען, — האָט איהם דער פאָטער צוגעשריען, שמייכלענדיג צערטליך, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אָן עפּעס, וואָס איז זעהר אנגענעהם.

יעקב איז געהאָרכזאם צוגעגאנגען צום פאָטער און האָט איהם אָנגענומען פאר דער האנט.

— קענסטו מיר ענטפערען אויף איין פראגע, — האָט פיליפּ אָנגעהויבען. — אלע מענשען עסען האמעלפלייש, שוויי־נענפלייש אָבער עסען ניט פיעל. אידען עסען ניט קיין חזיר, די מחמדאנער און אינדוסען עסען דאָס אויך ניט, און אפילו צווישען די קריסטען עסען דאָס נאָר די אָרימע. ווייטער: א שאָף ברענגט איינעם, העכסטענס צוויי שעפּסעלעך, בעת א חזיר ברענגט זעקס, זיעבען און אפילו ניין קליינע חזירים. די חזירים ווערען דעריבער פיעל מעהר געבאָרען, ווי די שעפּ־סען, און דאָך בלייבט אויף דער וועלט מעהר שעפּסען, ווי חזירים. קענסטו טרעפען די רעטעניש?

יעקב האָט זיך געבראָכען זיין קאָפּ, פּרואווענדיג אויס־געפינען די אורזאך פון אזא מערקווירדיגער ערשיינונג. ער האָט אָבער גאָרניט אויסגעקלערט.

ענדליך האָט דער פאָטער אָפּגעשטעלט זיינע מאטער־ניסען:

— אָט זעהסטו, מיין זוהן, דאָס איז א נייער באווייז פון

דער ריכטיגקייט פון דער אידישער רעליגיאָן. גאָט גיט ניט זיין ברכה צו די חיות, וואָס זיינען טריפה נאָך דעם געבאָט, וואָס ער האָט געגעבען די אידען. ניט קוקענדיג אויף די פרוכטבארקייט פון די חזירים, זיינען זיי דאָך ניט אזוי פיעל, ווי מען וואָלט געקענט ערווארטען.

דער פאָטער איז איבערגעגאנגען צו דער אויסטייטשונג פון די געבאָטען און האָט גענומען פארגלייכען זיי מיט אנדערע, און דער זוהן האָט מיט עהרפורכט זיך צוגעהערט צו איהם, ביז זיי זיינען געקומען אהיים.

אויף אזא אופן האָט זיך יעקב ביסלעכווייז באקאנט מיט דער רעליגיעזער לעהרע פון זיין פאָלק. די וועלט, אין וועלכער זיין גייסט האָט געשוועבט, האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אין דער פאָרם פון א גאנצער רייהע שטילע צימערען אין שלמה'ס טעמפעל, וואו עס האָבען מתפלל געוועזען הייליגע גרויבאָרדיגע זקנים. אָפטמאָל האָט איהם אויסגעוויזען, אז ער שטעהט אין א לאנגען, נידריגען טעמפעל מיט קליינע פענסטערלעך, רייך באציערט אינוועניג מיט א פארגאָלדונג, וואָס איז געווען גע־בלומט און האָט זיך געדרעהט איבער די ווענט פון טעמפעל, איבערגעהענדיג עפעס אין אונקלאָרע און זאָנדערבארע פאָר־מען. פון דעם הויף פון טעמפעל האָט זיך צו איהם דער־טראָגען דער קלאנג פון די תפלות פון די גלויביגע, וואָס האָבען זיך פארזאמעלט ארום דעם כהן גדול, איהם האָט אפילו אויס־געוויזען, אז ער הערט, ווי דער גאָט פון ציון רעדט שטיל מיט זיי.

אָט די טרוימען זיינען פון צייט צו צייט אונטערבראָכען געוואָרען פון אן אייגענארטיגער, לעבענסלוסטיגער מעלאָדיע, א ליעד פון א מוטער. ווען די לבנה האָט געוואָרפען מאַטע שטראהלען אין צימער, וואו זיי זיינען געזעסען, האָט די מוטער געזונגען מיט איהר צארטער שטים ליעדער, וואָס זי האָט אין יוגענד זיך אויסגעלערענט אין טעאטער און ביי איהרע פריינ־דינען. עס האָט אויסגעוויזען, ווי די ערינערונגען פון איהר פארגאנגענהייט וואָלטען אין אזעלכע מינוטען אויפגעלעבט. פאר יעקב'ען זיינען דאָס געווען קלאנגען פון אַנאנדער לאנד,

באוואוינט מיט אנדערע מענשען. די בלאָנדע לאָקען און בלויע אויגען האָבען געשיינט פאר איהם. אָט די אויגען האָבען אויף איהם געקוקט, ווי אויף א פרעמדען, און דאָך האָט ער געפונען צווישען זיי און זיך א געהיימניספולע פארבינדונג. א בענק־שאפט האָט איהם ארומגענומען, איהם האָט זיך געוואָלט ערגעץ וואו ארויסרייסען, אָבער דער הויכער פארקאָן האָט איהם פאר־שטעלט דעם וועג...

און ווען די מוטער האָט געזונגען מיט איהר ריינער, הארציגער שטים איינס פון יענע איינפאכע ליעדלעך, אין וועלכע דער ריטם טאנצט און קלינגט, ווי פרויען פיסלעך אין שטיוועלעך מיט גאָלדענע שפּאָרען, הויבט זיך אויף און לאָזט זיך אראָפּ, ווי די ברוסט ביי א יונג מיידעל, און באשעפּענישען מיט ליכטיגע אויגען שוועבען און פלעכטען זיך צונויף, ווי בלומען אונטער'ן ווינט, — דאן איז אונטער דער ווירקונג פון דער ניט באפרידיגטער בענקשאפט נאָך קינדערשע פריידען דעם קינד'ס נשמה אויף עפּעס אן אונגעוועהנליכען אופן רייף געוואָרען. ער האָט זיך ניט אָפּגעגעבען קיין רעכנונג אין זיינע געפיהלען, און דאָס איז ניט געוועזען קיין אונענדליכער און אומזיסטער פארלאנג אריינצוקוקען וויט־ווייט, אין דאָס ברייטע לעבען; ניין, איהם האָט אויסגעוויזען, ווי ער וואָלט זיך אומגעקוקט אהינטער, געזעהן זיין פארגאנגענעם לעבען, פרוכטלאָז און אָהן פרייד, און דעם קינד'ס הארץ פלעגט פארקלעמען פון פיין און בענקשאפט, און ער פלעגט זיך ביטער צואוויינען.

— פארוואָס וויינסטו? — פלעגט פרעגען די פארוואונדערטע מוטער.

— ווייל דאָס ליעד, וואָס דו האָסט געזונגען, איז אזוי טרויעריג, — פלעגט דער אינגעל ענטפערען מיט געוויין.

די מוטער האָט דאָס ניט פארשטאנען, אָבער די מוטער ליעבע געהט אריבער ווייט איבער די גרענעצען פון ערפאהרונג, און דערפאר האָבען זיך אין איהר ברוסט אריינגע'גנב'עט בייזע פארגעפיהלען, און מיט א וועהטאָג אין הארצען האָט זי גע־

קלערט וועגען דעם, אז איהר איינציג קינד וועט ווען עס איז אריינפאלען אין קעסעלגרוב פון לעבען.

VI

אין פיליפ בענדיקסען׳ס הויז זיינען זעלטען געווען געסט. פון צייט צו צייט, ווען דער בירגערמייסטער אדער צאלאמט אינספעקטאר פלעגט אריינקומען אין קראם, פלעגט מען איהם איינלאדען אין הויז. גערופענע געסט זיינען נאר געווען אין די גרויסע אידישע ימים טובים, ווען פיליפ פלעגט איינלאדען אלע אידען פון שטאדט, — זיי זיינען געווען ניט פיעל, און ווייל צווישען זיי פלעגען שטענדיג פארקומען מיספארשטענדניסען און צוזאמענשטויסען, פלעגען זיי ניט אפט זיך צוזאמענקלייבען איינער ביי דעם אנדערען.

און אפילו ווען עס איז געווען שלום אין דער פארזאמעלטער געזעלשאפט, איז ער אויך גאנץ לייכט צושטערט געווארען, צוליעב דער עמפינדליכקייט און ניט איינגעהאלטענקייט פון די מיטגליעדער פון דער קליינער געזעלשאפט, וועמעס פעהלערען זיינען געווען דער רעזולטאט פון דער קליינער מאס בילדונג. קנאה האט אין אט די מיספארשטענדניסען געשפיעלט די הויפט ראל. עס איז געווען גענוג, אז דער בעל הבית זאל ארויסווייזען איינעם פון די געסט אביסעל מעהר אויפמערקזאמקייט, אז אנאנדער גאסט זאל באלד דערפיהלען א פיינדשאפט צום בעל הבית. אן אורזאך פון פיינדשאפט האט געקענט זיין א רייכע קלייד פון איינעמס פרוי, וואס איז געווען שעהנער פון אנאנדער פרוי׳ס קלייד.

אזעלכע און עהנליכע קלייניגקייטען האבען געזייט א ביטערע פיינדשאפט צווישען די אידען, און ביי דער ערשטער געלעגענהייט האט זיך די פיינדשאפט פאנאנדערגעברענט אין א שרפה. אט פארוואס די אידען האבען דעם גרעסטען טייל פון יאהר קרום געקוקט איינער אויפ׳ן צווייטען, פלעגען אפשפייען באגעגענדיג זיך אויפ׳ן גאס, פלעגען אראפלאזען די פרייזען וואס נידריגער, נאר אום א שאדען צו טאן דעם קאנ־

קורענט, און האָבען בכלל געטאָן אַלץ, אום נאָר אונטערצו־שטעלען דעם אנדערען אַ פוס.

מען דארף באמערקען, אז ווען זיי פלעגען זיך צונויפקומען ביי וועמען עס איז אין הויז, פלעגען זיי אויף דעם שטרענגסטען אופן אָפּהיטען דעם עטיקעט און אלערליי צערעמאָניען, און מען האָט געקענט מיינען, אז די גענגערשאַפט און פיינדשאַפט זיינען גוייטיג, אום אָנצוהאַלטען אן אויסערליכע העפליכקייט. יעדערער האָט געהאַלטען פאר גידריגער פון זיין ווירדע צו באזוכען וועמען עס איז אַן איבריג מאָל און האָט געפיהרט אַ שטרענגע רעכנונג פון דעם אנדערענס וויזיטען. באזוכענדיג וועמען, האָבען די געסט נאָכגעקוקט דעם בעל הבית און דער בעל הבית'טע, און זיי האָבען באַלד באמערקט, ווען מען האָט וועמען עס איז מעהר אויסגעפרעגט וועגען געזונט און געשעפט אָדער פריינדליכער געשמייכעלט. אין אַזעלכע פאַלען פלעגען די אנדערע געסט שוויינען, ווי זיי וואָלטען געווען שטום, און אוועקגעהן מיט דעם פעסטען באשלוס קיינמאָל ניט אריבער־צוטרעטען די שוועל פון יענעם הויז.

אָבער דאָס זיינען נאָך ניט געווען אלע מעגליכע אורזאכען פון אַ נייער פיינדשאַפט. די פרוי פון אַ רייכען האָט געפאָ־דערט, מען זאָל איהר אָפּגעבען מעהר כבוד, ווי דער, וועמעס מאַן איז אָרימער פון איהרען. און די ווידער האָט אכטונג געגעבען, אז מען זאָל דער פרוי פון נאָך אַן אָרימערען אידען ניט שענקען מעהר אויפמערקזאמקייט ווי איהר. אונטער אַזעלכע באַדינגונגען איז כמעט אונמעגליך געווען, אז די פאַר־זאמלונגען זאָלען זיך ענדיגען, ניט אויפהויבענדיג קיין נייע מיספאַרשטענדניסען.

די געשיכטע דערצעהלט, אז ווען די רוימער האָבען באַ־לאַגערט ירושלים, זיינען די אידען געווען צוטיילט אין עטליכע פּאַרטייען, וואָס האָבען פּונקט אַזוי פיעל געהאַסט איינע די אנדערע, ווי זיי האָבען געהאַסט דעם געמיינשאפטליכען אויי־סערליכען פיינד. זאָנדערבאַר פאָלק! אין גלות שטעלסטו פאַר דאָסזעלבע בילד! ניט דערפאַר אפשר, וואָס ירושלים

איז געווען דיין מוטער, און דו האָסט איינגעזויגען די נייגונג צו שטרייטען מיט דער מוטער׳ם מילך? איהר זייט צוזייט איבער דער גאנצער וועלט, איהר וואוינט צווישען אנדערע פעלקער, און פיהלענדיג, אז מען האסט און פאראכט אייך, האסט איהר און פאראכט איינער דעם אנדערען און זייט מקנא איינער דעם צווייטען! מען קען מיינען, אז דאָס זיינען סימנים פון דער לעצטער צופאלונג, וואָס איז שוין ניט ווייט. און וואָס איז די מאָס פאר אייער אָפּשאצען איינער דעם אנדערען? געלט! דער רייכער — דאָס איז דיין אדעליגער, און דו בויגסט זיך פאר איהם, ווי פאר א הויכגעשטעלטען מאן, וואָס האָט א שטערן און א באנד... איברינגענס, א שטערן און א באנד קען דאָך יעדערער זיך קויפען פאר געלט... דו ביזט גערעכט! און איז דען גאָלד ניט געווען דיין שווערד און דיין שילד? האָסטו דען פאר איהם ניט געקויפט די לופט, וואָס דו אָטעמסט, דאָס לעבען פון דיינע קינדער און די רוה פון דיין קבר? האָט מען דיר דען ניט געשריען דראָהענד נאָך פון אונדענקליכע צייטען: „ברענג גאָלד!“ און קען מען דיך דען באשולדיגען, אז דו האָסט אלעמאָל געשטרעבט צו גאָלד?

און דער קריסט ליעבט דען ניט גאָלד? ווארפט ער אייך דאָס צו, אז איהר זאָלט דאָס קענען צונויפקלייבען און זיך פרעהען? זייט איהר דען די איינציגע, וואָס זיינען אָנגעשטעקט מיט דער קראנקהייט, אָדער דער וואָרעם פון האבזיכטיגקייט נאָגט די גאנצע מענשהייט?... דער גאנצער אומגליק באשטעהט נאָר אין דעם, וואָס איינציגע פון אייך האָבען א שלעכטע געוואוינהייט: ביי דעם ערשטען שיין פון גאָלד ווערען ביי אייך די פינגער צונויפגעקראמפט, און די אויגען נעמען גלאנצען. ווארפט אוועק אָט די שלעכטע געוואוינהייט און לערענט זיך אוים עטליכע שעהנע פראזען וועגען טוגענד, וועגען מענשליכער ווירדע און וועגען דער שמוציגקייט פון געלט... אָבער רעדט די פראזען ארוים אָהן אן אקצענט!

צו ראש השנה האָט צווישען די אידען פון שטאָדט געהערשט א פארהעלטניסמעסיג פריעדליכע שטימונג, ווייל פיליפ

בענדיקסען האָט געפונען פאַר מעגליך צו פאַרזאַמלען אין זיין הויז די גאַנצע אָרטיגע אידישע געזעלשאַפט. די מענער זיינען פון שוהל געגאַנגען אהיים נאָך זייערע פרויען, און באלד זיינען איינער נאָך דעם אַנדערען אריינגעקומען אין בענדיקסען׳ס זאַל, וואו יעטע און איהר מאַן האָבען אויפגענומען די געסט מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט און אויפמערקזאַמקייט. נאָך אַלע געגענזייטיגע העפליכקייטען האָבען זיך אַלע פאַנאַנדער־געזעצט זעהר בעקוועם און האָבען גענומען שטיל שמועסען. אַלע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דער שטילער שטימונג פון דעם גרויסען יום טוב. לייב עסען, וואָס איז געקומען דער לעצטער, האָט זיך געריבען די הענט און האָט געזאָגט:

— דאָס דאַווענען אין שול האָט מיר פערשאַפט היינט אַן אמת׳ען פערגניגען. אַלץ איז אָבגעגאַנגען אַזוי גוט און שעהן!

— איך בין מיט אייך פאָלשטענדיג איינשטימיג, — האָט בעמערקט פיליפּ בענדיקסען. — פון זינט איך בין געווען אין קאָפּענהאגען, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהערט, אַז עמיצער זאָל אַזוי גוט בלאָזען שופר, ווי רב יעקב. ער איז אַן אמת׳ער מייסטער אין זיין פאַך.

— שטעל זיך פאָר, — האָט משה ניובאָרג געזאָגט צו זיין פרוי, — לייב עסען איז געווען אַזוי פריינדליך, אַז ער האָט מיר אָפּגעטראָטען זיין רעכט אויף גלילה.

— טאַקי? — האָט אויסגערופען ניובאָרג׳ס פרוי און האָט געוואָרפען אַ צערטליכען בליק אויף לייב עסען.

— איך האָב דאָס געטאָן, אום צו פאַרפעסטיגען אונזער שלום, — האָט געזאָגט לייב עסען, אויסשטרעקענדיג משה ניו־באָרג׳ען די האַנט.

— איך וועל ניט פאַרגעסען צו בעטען פאַר אייך אום יום כפור, — האָט משה ניובאָרג׳ס פרוי באַמערקט. — אַך, דער געבענשטער יום כפור! אין ניין טעג אַרום וועלען מיר איהם שוין האָבען... און דו פאַסט יום כפור? — האָט זי גע־פרעגט יעקב׳ן, דערזעהענדיג איהם לעבען זיך.

— יע, — האָט יעקב געענטפערט מיט שטאָלץ. — איך פאַסט שוין אַ האַלבען טאָג.

— דו ביזט אַ גוטער אינגעל, — האָט איהם מאַדאַם ניר־בּאָרג געלויבּט און איהם געגעבען אַ שטיקעל אַפּעלסין.

איינינע געסט האָבען פאַרפיהרט מיט בענדיקסען׳ען אַ שטילען שמועס וועגען יעקב׳ס אויסגעצייכענטע פעהיגקייטען, און דער אַלגעמיינער געשפּרעך האָט זיך געענדיגט.

— געוויס, מען מוז מודה זיין, אַז דאָס דאַווענען אין שול איז היינט אָפּגעגאַנגען זעהר גוט, — האָט ענדליך געזאָגט שאול בּערנבּורג. — אָבּער קען מען דען דאָס פאַרגלייכען מיט קאָ־פּענהאַגען!

— פאַרוואָס זשע זייט איהר ניט געבּליבּען אין קאָפּענהאַ־גען? — האָט געפרעגט דער דיקער וואָלף מענדעל. — אייביג רעדט איהר וועגען קאָפּענהאַגען. אויף אייער אָרט וואָלט איך דאָרט געבּליבּען.

שאול בּערנבּורג האָט געמוזט פאַרלאָזען קאָפּענהאַגען צוליעב אַן אונאַנגענעהמען געשעפטליכען דורכפאַל. דעריבּער האָט ער אָנשטאָט ענטפערען נאָר פאַרבּיסען די ליפּען און האָט מיט קיין זאַך ניט ארויסגעוויזען, אַז ער האָט פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש. אָבּער די איבּריגע האָבּען דאָס פאַרשטאַנען, און דער געשפּרעך האָט זיך ווידער איבּערגעריסען.

אום עפּעס צו זאָגען, איז פיליפּ בּענדיקסען צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט ארויסגעקוקט אין גאַס און האָט בּאַמערקט:

— איין גאָט וויים, פאַרוואָס מיר האָבּען היינט ניט די עהרע צו זעהן בּיי זיך שמעון נאַשעס.

— ער האָט וואַרשיינליך געוואוסט, אַז ער וועט מיך דאָ בּעגעגנען, — האָט מיט אַ גיפטיגען שמייכעל געזאָגט וואָלף מענדעל.

— האָט איהר זיך דען צוקריגט?

— צוקריגט? אַך, דער מענש קען דאָך פּלאַצען פון שטאָלץ. עס איז דאָך אַ שרעק צו איהם צוצוגעהן! הערט אַ מעשה! דאָ ניט לאַנג קומט ער אריין צו מיר אין קראָם, און אַזוי ווי עס

איז ניט געווען וואָס צו טאָן, האָב איך גענומען מיט איהם פלוידערען וועגען אלערליי זאכען. ער האָט גענומען באַקלאָגען זיך אויף די שלעכטע צייטען און אויף דעם דורכפאַל, וואָס ער האָט ניט לאַנג צוריק געהאַט, ווען דער צאַלאַמט אינספעקטאָר האָט ביי איהם צוגענומען זיין סחורה, און דאַן האָט ער גע־זאָגט, אז ער הויבט ניט אָן צו וויסען, ווי ער וועט באַצאָהלען די וועקסלען. „נו, האָב איך איהם אויף דעם געזאָגט, לאָזט אייער פרוי ניט טראָגען אזעלכע טייערע קליידער, ווי ביי מיין פרוי" — וואָס, בין איך דען ניט גערעכט? אזא נאַר־נישט, קומט און באַקלאָגט זיך, אז ער האָט ניט אין הויז קיין שטיקעל ברויט, און טוט איהר אַ קוק אויף זיין פרוי, קען זיך אייך אויסווייזען, אַז איהר מאַן איז דער רייכסטער מענש אין שטאָדט! ניין, אָבער וואָס מיינט איהר האָט ער מיר גע־ענטפערט? ער האָט אַ שפּיי געטאָן און האָט זיך צושריען: „איהר וועט קיינמאָל אין קיין זאַך ניט האָבען קיין גליק! זעהט, אַז גאָט זאָל ניט שטראָפען אייערע קינדער פאַר אייער גאוה! ווייל דער גאָט פון ישראל איז אַ גערעכטער גאָט, וואָס שטראָפט פאַר די זינד פון עלטערען..." מעהר האָב איך גאָרניט געהערט, ווייל איך בין ארויסגעלאָפען פון צימער, אַז זיינע בייזע רעד זאָלען מעהר ניט דערגרייכען צו מיינע אויערען. זאָל זיין קללה פאַלען אויף זיין אייגענעם קאָפּ!

— איהר זייט זיך דאָך אָבער באַגאַנגען מיט איהם אַ ביסעל צו שטרענג, וואָלף מענדעל, — האָט פיליפּ בענדיקסען געזאָגט מיט אַ לייכטען פּאָרוואורף, — יעדערען ווילט זיך, אַז זיין פרוי זאָל זיך גוט אָנטאָן. זאָגט דען ניט אבא חלקיהו: „דער מאַן דאַרף געבען זיין פרוי שעהנע קליידער, אַז זי זאָל איהם וועלען געפעלען, און ער זאָל ניט פאַרפיהרט ווערען פון אנדערע פרויען."

—הערט נאָר, פיליפּ בענדיקסען, — האָט וואָלף מענדעל אויסגערופען, און זיין געזיכט איז רויט געוואָרען, — איך וויל גאָר ניט, אַז איהר זאָלט מיר אויסרעדען! איהר זייט נאָך דערווייל ניט קיין רב! מיינט איהר אפשר, אַז אויב איהר

האָט א פּאָר שילינג מעהר פון מיר, דאַרפט איהר שוין אַנט־קעגען מיר פאררייסען דעם קאָפּ? גאָט האָט פיינט גאוה...

זיין פרוי האָט איהם פארמאַכט דאָס מויל, און ער האָט ניט באוויזען צו זאָגען עפּעס אזוינס, וואָס מען וואָלט שוין ניט געקענט פאַריכטען. וואָלף מענדעל איז אָבער אויפגע־שטאַנען און האָט געוואָלט אוועקגעהן.

— פארשטערט ניט מיט א קריעג דעם גרויסען יום טוב, — האָט איהם פּיליפּ בענדיקסען געבעטען, אָננעמענדיג איהם פאר דער האַנט. — איך האָב נאָר אייך ניט געוואָלט באַ־ליידיגען.

וואָלף מענדעל האָט זיך געלאָזען איבעררעדען און האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט.

— אָט געהט די אַלטע מארטא, — האָט געזאָגט יצחק באמבערגער, אָנווייזענדיג דורך'ן פענסטער, אום אָפּצוציהען די אויפמערקזאמקייט פון די געסט פון דער אונאנגענעהמער סצענע.

ווי נאָר ער האָט דאָס ארויסגערעדט, האָט זיך פון גאַס דערהערט א שאַרפע שרייענדיגע שטים:

— אין דר'ערד זאָלט איהר אַלע אריין! אָט זיצט איהר דאָרט אַלע און האָט פארגניגען, און די אָרימע אַלטע פרוי האָט ניט קיין געלט אפילו אויף א קוגעל צו איהר טשאָלענט. אָבער גאָט וועט אייך דערפאר באצאָהלען!

יצחק באמבערגער האָט געעפענט דאָס פענסטער און האָט גוטמוטיג אויסגערופען:

— טאָ קומט אריין אהער און נעמט עפּעס אין מויל צוזאַ־מען מיט אונז!

— איהר עסט פוטערקוכענס, בעת אַנדערע אידישע קינ־דער ציטערען איבער א שטיקעל שווארצען ברויט און שלעכטען פלייש! — האָט א געשריי געטאָן די אַלטע א פּאַטש טוענדיג מיט די הענט. — אָבער צו אייך אין הויז וועל איך ניט אריינקומען. איך וואָלט געדאַרפט אריינקומען ווי א בעטלערין צו א רייי־

כען, אָבער איהר זייט נאָך ניט קיין בועז, זאָל אייער נאָמען אָפּגעווישט ווערען פון דער ערד!

געקרענקט פון דעם, וואָס זיין פּארזוך אויפצוהויבען די שטימונג פון דער געזעלשאַפט האָט זיך איהם אַזוי ניט איינגעגעבען, האָט יצחק באַמבערגער פּאַרמאַכט דאָס פענסטער. אָבער ער האָט זיך דאָך געצוואונגען אַ שמייכעל צו טאָן און האָט געזאָגט:

— איך בין ניט בועז, זאָגט זי, אָבער אויך זי איז יעדענפאַלס ניט קיין נעמי און שוין געוויס ניט קיין רות...

אַלע האָבען זיך צולאַכט, און איין פרוי האָט געזאָגט:

— ווען קימערט דאָס, וואָס די אַלטע מאַרטאַ זאָגט! ווען איהר זאָלט אפילו אַלץ פון זיך אויסטאָן און אוועקגעבען איהר, וועט זי אייך נאָך אַלץ שילטען דערפאַר, וואָס איהר האָט פון זיך ניט אַראָפּגעצויגען די הויט. נעכטען איז זי געקומען צו מיר נאָך דער געוועהנליכער נדבה. אַלעמאָל גיב איך איהר זעקס שילינג, נאָר נעכטען האָב איך איהר געגעבען פיער, ווייל איך האָב מעהר ניט געהאַט קיין קליינגעלט. וואָס מיינט איהר האָט זי געטאָן? זי האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס געלט אויפ׳ן דיל און איז אוועק, זידלענדיג און שרייענדיג. יע, באַרעכענט נאָר, ווי חוצפה׳דיג די אידישע אָרימעלייט זיינען דאָס געוואָרען! ניט נאָר אַ גוי כאָטש איין שילינג, וועט איהר באַקומען פון איהם אַלע ברכות, וואָס ער ווייס נאָר. אָבער פאַר אַ אידען איז צדקה אַ פליכט, און דער בעטלער באַשטימט אַליין, וויפיעל מען דאַרף איהם געבען.

— אויף אייער אָרט, מיימעלע, וואָלט איך זיך באַגאַנגען מיט מאַרטאַ׳ן, ווי איך האָב אַמאָל געטאָן מיט דעם שוואַרצען אפרים פון אַסענס, — האָט געזאָגט יצחק באַמבערגער. — איהר געדענקט, ער פלעגט אַרומגעהן קלייבען נדבות, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעברענט? איינמאָל איז ער געקומען צו מיר, און איך האָב איהם געגעבען אַ ספּעציע. „ענטשולדיגט, הערר באַמבערגער, האָט ער געזאָגט, אָבער אייער שוואָגער האָט מיר געגעבען צוויי ספּעציעס.“ דאַן האָב איך אַריינגעלעגט די מטבע

צוריק אין קעשענע און האָב געזאָגט: „ענטשולדיגט, הערר אפרים, אויב אזוי, האָט שוין מיין שוואָגער אייך געגעבען פאַר מיר אויך.“

— גאָט באַהיט, איך זאָל אַזוי זיך באַגעהן מיט דער אַלטער מארטא! — האָט מיימעלע אויסגערופען מיט אַ געלעכטער. — און ווייסט איהר, יעטע, איהר דאַרפט אייך שעצען גליקליך, וואָס מארטא האָט ניט געזעהן דאָס שעהנע נייע קלייד, וואָס איהר טראָגט איצט. זי וואָלט אייך אַ גאַנצע נאַכט געשאָלטען, — האָט זי געזאָגט, וואַרפענדיג אַ קרומען בליק אויף יעטע'ס קלייד.

— דאָס איז גאָרנים קיין נייע קלייד, — האָט יעטע געענטפערט, — דאָס איז אַן אַלטע קלייד, וואָס איך האָב איבערגעמאַכט און אַביסעל באַנייט. מען מוז שוין אָנווענדען אַלערליי קונצען.

— אויב אזוי, איז שוין גאָר אַנאַנדער זאַך, — האָט מיימעלע געזאָגט אין אַ פריעדליכען טאָן.

— אַז מיר רעדען שוין וועגען מארטא'ן, — האָט געזאָגט אַנאַנדער פרוי, — האָב איך געוואָלט פרעגען, צי איהר האָט געהערט, וואָס זי האָט דאָ ניט לאַנג געטאָן ביי שאול עסער. דאָס איז געווען פרייטאָג, און מיט אַ טאָג פריהער האָבען זיך אַלע דערוואוסט, אַז ער איז פאַראַרימט געוואָרען. מארטא אָבער איז געקומען צו איהם, אָפּצונעמען איהר געוועהנליכען טייל אויף שבת. איהר טאָכטער איז געווען מיט איהר, און ווען זי האָט שוין געוואָלט אַ קלאַפּ טאָן אין טיר, האָט די טאָכטער איהר געזאָגט: „מוטער, אפשר זאָלען מיר איהם היינטיגס מאָל שענקען זיין געשאַנק, ער איז דאָך פאַראַרימט געוואָרען.“ — „נאַרישקייטען, — האָט מארטא אויפגערעגט געענטפערט, — שענקט מען מיר דען עפּעס?“

— אַזאַ געשיכטע פּאַסט טאַקי פאַר איהר, — האָט באַמערקט מיימעלע.

— איך ווייס אָסור, וואָס נאָך אונזערע אַרימעלייט קענען פון אונז פאַרלאַנגען, — האָט געזאָגט גיטעל, אַ קליינע, גוט־

מוטיגע פרוי. — גיט מען זיי דען ניט יעדען פרייטאג ברויט און פלייש? און אויסערדעם באקומען זיי נאך געלט אויך. אויף פסח גיט מען זיי מצה, פורים האבען זיי שלח מנות. קיין איין יום טוב געהט ניט אוועק, אז מען זאל זיך אן זיי ניט דערמאנען און מען זאל זיי אויך ניט פארשאפען קיין פרייד. טוען דען די קריסטען אזוי פיעל גוטס זייערע ארימעלייט?

דא האט זיך אויפגעהויבען דער אלטער רב יעקב. דאס איז געווען א קליינער, גרויער אלטינקער, א שטילער און גוט־מוטיגער. ער האט געלעבט אויף דעם באשיידענעם איינקונפט פון זיין קאפיטאל, און אין שטאדט האט מען איהם געהאלטען פאר א קענער פון דער ביבעל און בכלל פאר א באלזוענעם און קלוגען מענשען. ער האט געזאגט:

— דער בארמהערציגער גאט קוקט אין א מענשענ׳ס הארץ, ניט אויף זיין צדקה. אויב דיין ברודער בעט ביי דיר ברויט, גיב איהם ניט קיין שטיין. אבער א בייז הארץ מאכט פון ברויט א שטיין. איהר גיט דער אלטער מארטא א נדבה, און איהר ווילט, אז זי זאל אייך דאנקען. געדענקט איהר אבער די צייט, ווען זי איז געווען רייך? דאן פלעגען זיך פאר איהר עפענען אלע טירען, און מען פלעגט זי אויפנעמען מיט כבוד. און אט איצט דערמאנט זי די פארגאנגענהייט, ווען זי שטעהט פאר די־זעלבע טירען און נעמט פון אייך א נדבה. זי קוקט ניט אויף די נדבה, איהר הארץ ווערט צוריסען אויף שטיקער, ווייל זי הערט מעהר ניט קיין „ווילקאמען“. טא לאמיר לויבען דעם אלמעכטיגען גאט, וואס שיקט אויף אונז אלערליי נסיונות!

— זאגט נאר, וואלף מענדעל, — האט ווידער אנגעהויבען רעדען דער אונרוהיגער יצחק באמבערגער, — ווי געהט אייך מיט אייער פראצעס? עס ווייזט אויס, אז דער קאמערסאנט יענסען וויל, אז זיין געלט זאל אייך טייער קאסטען.

— אלע מיינע אונגליקען אויף זיין קאפ! — האט וואלף מענדעל אויסגערופען. — וואס וואלט געווען, ווען א איד וואלט זיך אזוי באגאנגען מיט א גוי! עס איז שוין אנדערהאלבען יאהר, ווי איך דארף באקומען פון איהם דאס געלט נאך אלע

רעגלען פון געזעץ. און ער ציהט אלץ און ציהט אונטער דעם אויסרעד, אז די סחורה איז ניט ווערט געווען דאס געלט. האב איך איהם דען געצוואונגען צו קויפען מיין סחורה? און אין צייט פון פראצעס, און אין אלע פאפירען רופט ער מיך ביי יעדער געלעגענהייט „דער איד מענדעל“. נישקשה, זאל ער נאר ווארטען! באלד וועט ארויסגעגעבען ווערען דער ווער־דיקט פון געריכט, און ווען אפילו איך זאל דארפען פארקויפען זיין לעצטען קישען, וועל איך מיין געלט פון איהם קריגען! ביי יעדער באגעגעניש מיט איהם קוקט ער אויף מיר מיט חוצפה און לאכט מיר אין די אויגען. נישקשה, זאל ער נאר ווארטען!

— עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז איהר זייט גערעכט, וואלף מענדעל, — האט יצחק געזאגט. — אבער האט אין זינען, אז אט דער יענסען זעהט מיט אלע מעגליכקייטען אויפצור־הויבען דאס פאלק אנטקעגען די אידען. גאנצע טעג כסדר שטעהט ער אפ אין גאסטהויף און דערצעהלט אלעמען, אז דער איד מענדעל וויל מאכען איהם און זיינע קינדער פאר בעטלער.

— אום גאטעס ווילען, — האבען זיך מיט אמאל דערהערט עטליכע דערשראקענע שטימען, — דערפיהרט ניט די געשיכטע צו א פאגראם, וואלף מענדעל! איהר הערט?

— וואס זשע ווילט איהר, איך זאל איהם נאך מיין געלט אוועקשענקען? — האט מיט צארן אויסגערופען מענדעל. — אפשר מיינט איהר, אז איך וועל מיין סחורה געפינען אויפ'ן גאס? איך בין דאך געווען גרייט נאכצוגעבען. איך האב איינ־געשטימט זיך צופרידענצושטעלען מיט דער סומע, וואס דריי קריסטליכע סוחרים וועלען באשטימען פאר מיין סחורה. האט זיך דער גנב ניט אפגעזאגט פון מיין פארשלאג? ניין, איצט וועל איך שוין ניט אפטרעטען: ווען דאס זאל מיר אפילו קאסטען מיין לעבען, וועל איך זיך מיינס דערשלאגען, און ער וועט מיר באצאהלען אלץ, ביז צום לעצטען שילינג! יע, יע, דער איד מענדעל וויל טאקי מאכען איהם און זיינע קינדער פאר בעטלער! — האט וואלף מענדעל געענדיגט.

די שטימונג פון דער געזעלשאפט איז אינגאנצען געפאלען. פיעלע האבען זיך פארטראכט וועגען דעם, מיט וואס אזא פראַ־צעס קען זיך ענדיגען פאר דער אידישער באפעלקערונג פון שטאדט. און וואלף מענדעל האט זיך גאר ניט געקענט בארו־הינען פון אויפרעגונג און צארן.

— געהן זאלט איהר אלע אין דר'ערד! — האט זיך אונטער'ן פענסטער דערהערט דער שארפער געשריי פון מארטא'ן, וואס איז שוין ווידער געוועזן ביי פיליפ בענדיקסען'ס הויז.

מיט אן אונהיימליכען געפיהל זיינען די געסט זיך צו־גאנגען אהיים, נאך אן אויסטויש פון ניט אויפריכטיגע פארזי־כערונגען אין פריינדשאפט מיט די בעלי בתים.

VII

א אידישער פאגראם.

איינמאל אין דער פריה האט פיליפ בענדיקסען באקומען א בריעף פון זיין ברודער אין קאפענהאגען. אט וואס ער האט געשריבען:

„טייערער ברודער!

„דו האסט שוין מסתמא געהערט נאך איידער דו וועסט באקומען מיין בריעף וועגען די שרעקען, וואס מיר האבען די טעג איבערגעלעבט אין קאפענהאגען. איך שרייב דיר גאר, אז דו זאלסט וויסען, אז דערוויל לעבען מיר נאך אלע, א דאנק דעם אויבערשטען! אבער וואס וועט זיין ווייטער? מיט שרעק פרעגען מיר דאס איינער דעם אנדערען, און קיינער קען אונז אויף דעם ניט ענטפערען, קען אונז ניט טרייסטען. מיר ציטערען, ערווארטענדיג דאס אנקומען פון יעדען נייעם טאג. די קריסטען זיינען משוגע געווארען, זיי צוברעכען ביי אונז די שויבען, און וועה איז צו דעם אידען, וואס וואגט צו בא־ווייזען זיך אויפ'ן גאס! רב יהודה'ן האט מען אזוי צושלאגען, אז ער איז שוין געשטארבען. נאך א סך גאטספארכטיגע אידען האט מען צושלאגען. מיין שווער איז אריינגעפאלען אין די הענט פון צוויי מאטראסען, וואס האבען געדראחט איהם צו

הרג׳ענען, אויב ער וועט פאר זיי ניט טאנצען. וואס האט דער אלטער געקענט טאן? ער האט געטאנצט. נאכדעם האבען זיי איהם א שפיי געטאן אין פנים און געזאגט: „אט נא דיר, דו אידישער פרצוף, דערפאר, וואס דו טאנצסט אזוי שלעכט!“ אבער זיי האבען איהם אפגעפיהרט אהיים אונבאשעדיגט. דער אלטער איז שטארק קראנק נאך דעם איבערגעלעבטען שרעק. מען האט אהער פון האמבורג פארטראגען די פעסט, און זי פארשפרייט זיך אלץ ווייטער ארום. אך, ווען דאס וואלט אין דער אמת׳ען געוועזן א מגפה! ביימאג האלטען זיך די קריסטען שטיל און קוקען נאר צו, ווי מיר שטעלען אריין די שויבען. דערפאר אבער אין אוונד ווערען זיי פרעהליך און אמוזירען זיך איבער אונז און אונזערע אריינגעשטעלטע שויבען. מיר האבען שוין געהאט באשלאסען צו אנטלויפען פון דעם סדום און זוכען זיכערהייט ביי דיר. אבער דער פאליציימייסטער, דער אלטער האגען, האט אונז איינגערעדט אפצווארטען נאך עטליכע טעג. ווען איך בין צו איהם געקומען נאך א פאספארט, האט ער מיט מיר אנגעהויבען רעדען, ווי געוועהנליך. דו געדענקסט איהם דאך נאך פון דער צייט, ווען ער פלעגט אריינקומען אין אונזער מוטער׳ס הויז? „וואס האט איהר מורא, מארקוס? — האט ער געזאגט. — גלויבט איהר דען ניט, אז מיר וועלען קענען אייך באשיצען? אט ווארט נאך אויף א פאר טעג, ביז דער קעניג וועט ארויספיהרען זיינע סאלדאטען און וועט אלץ איבערלאזען צו מיר און מיינע וואוילע שטעקענס! איך קען בעסער מיינע דיענער“. אך, זאל גאט אריינטאן א כח אין די פאליצייאישע שטעקענס! אבער אויב דאס וועט ניט געשעהן גאר אין גיכען, וועל איך אוועקפאהרען צוזאמען מיט מיין פרוי און קינדער, און איך האף, אז דו וועסט זיך ניט אפזאגען מיך אויפצונעמען, ביז אלץ וועט זיך בארוהיגען. גריס דיין פרוי און דיין קליינעם זוהן. אלע אין מיין הויז שיקען דיר זייערע אויפריכטיגע גרוסען.

דיין ליעבענדער ברודער

מארקוס.“

אין אן אונבאשרייבליכער אויפרעגונג איז פיליפ בענדיק־סען אוועקגעלאָפען צום שוואָגער, אום איהם איבערצוגעבען די שרעקליכע נאַכריכט. ביי איהם האָט ער געפונען עטליכע אי־דען, וואָס האָבען באקומען עהנליכע בריעף. אין אייניגע פון די בריעף איז דער אונגליק געווען באשריבען נאָך אין טונקעלערע פאַרבען. דאָס מיליטער האָט זיך ענטזאגט צו פאָלגען, און די שטאָדט מיליץ איז איינס מיט די, וואָס מאַכען דעם פּאָגראָם, האָט מען געשריבען פון קאָפּענהאגען. דער קעניג האָט באַ־שלאָסען מקריב צו זיין די אידען, אום נאָר צו רעטען זיין קרוין... אלע אידען פון דענמארק וועלען אויסגע׳הרג׳עט ווערען אין איין טאָג.

די פארזאמעלטע ביי יצחק׳ען זיינען געווען אָנגעפילט מיט שרעק פאר דעם אונגליק, וואָס האָט זיך אָנגערוקט, און אין דערזעלבער צייט האָט זיי געקלעמט דאָס הארץ פון רחמנות אויף זייערע גלויבענס ברידער, אויף וועלכע דער שווערער נסיון איז שוין געפאלען. די מענער האָבען געוויינט, ווי קינדער, און האָבען זיך געשלאָגען אין ברוסט, ניט זעהענדיג קיין רע־טונג פון דער אונפארמיידליכער געפאהר. „גליקליך זיינען די, וואָס האָבען שוין געפונען זייער רוה אין קבר! — האָבען זיי אויסגערופען, פארמאכענדיג די אויגען. — אָבער מיר, ווי אין צייט פון מבול, קענען ניט געפינען קיין רעטונג! וועה, וועה, וועה איז אונז! גאָט האָט זיך אָפּגעקערט פון זיין פאָלק, און עס ווערט מקוים, וואָס שטעהט געשריבען: „אייער פעסט וועט ווערען א טרויער, און אייער פרייד — א געוויין!“

— וועלען טרערען דען העלפען? — האָט יצחק באמבערגער געגומען רעדען. — דאָס שיקזאל פון אונזערע ברידער ליגט אין גאָט׳ס הענט, און מיר קאָנען זיי מיט קיין זאך ניט העלפען. אָבער זיך אליין קאָנען מיר העלפען, אויב מיר וועלען זיך האל־טען צוזאמען און וועלען ניט פארלירען דעם מוט.

— ווי אזוי? — האָבען אלע געפרעגט, ווערענדיג אביסעל מונטערער.

—מיר זיינען ניט פיעל, — האָט יצחק געזאָגט, ארויס־

טרעמענדיג, — אָבער מיר זיינען געגוג, צו פאַרטיידיגען זיך ערגעץ וואו הינטער שטאַרקע ווענט. איך האָב איינמאָל אַליין געזעהן, ווי אַ קליין הייפעל פראַנצויזען האָט זיך פאַרטיידיגט הינטער דער וואַנט פון אַ בית עולם און האָט אָפּגעשלאָגען דעם אָנפאַל פון אַ גאַנצען רעגימענט. זיי האָבען זיך אונטערגעגעבען גאָר דאַן, ווען מען האָט געגומען שיסען אין זיי פון קאַנאָנען. מיר וועלען ערגעץ וואו אַלע זיך צונויפקלייבען מיט אונזערע פאַמיליען און וועלען זיך פאַרטיידיגען ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט. איך גיב אייך אָפּ פאַר דעם מיין הויז.

— איהר רעדט ניט שלעכט, יצחק באַמבערגער! — האָט אויסגערופען וואָלף מענדעל. — הייסט דאָס, אַלע דאַרפען אוועקוואַרפען זייערע הייזער און האָב און גוט און פאַרטיידיגען אייערס? און ווער קען וויסען, צי מען וועט אויף אונז אַלעמען אָנפאַלען? אפשר וועלען נאָר אייניגע פון אונז ליידען, און די איבריגע וועט מען שוינען? אויב אָבער מיר וועלען אַלע זיך צונויפקומען אויף איין אָרט, וועלען מיר אַלע אומקומען.

— און ווי אזוי וועלען מיר זיך פאַרטיידיגען? — האָט אַנ־אַנדערער באַמערקט. — מיר זיינען דאָך ניט קיין סאָלדאַטען און ניט קיין פראַנצויזען. עס איז גוט, ווען עס פאַרטיידיגען זיך מענשען, וואָס האָבען נאָר די איין זאַך געלערענט. ווען איך וואָלט דערזעהן אַ מאַסע אָנפאַלענדע און ווילד געוואָרענע מענשען, וואָלט איך געווים פון שרעק אַרויסגעפאַלען פון פענסטער גלייך צו זיי. איך וויל זיך גאָר ניט אָנגעבען פאַר אַ העלד. כלב איז געווען אַ קריגער, אהרן אָבער איז געווען אַ פריעדליבער מענש.

— פון דער צייט אָן, ווען ירושלים איז געפאַלען, — האָט אַ דריטער געזאָגט טרויעריג, — איז ישראל פאַר'משפט צו לייַדען אָהן ווידערשטאַנד. איך וועל געהן אַהיים און וועל שטיל וואַרטען אויף דעם, וואָס דער באַרמהערציגער גאָט וועט מיר שיקען.

די איבריגע האָבען געהאַט דיזעלבע מיינונג, און שטיל זייַנען זיך אַלע צוגאַנגען אַהיים.

יצחק באמבערגער איז אוועק צו פיליפ'ען, צו טרייסטען און בארוהיגען זיין פרוי.

דערווייל איז די נאכריכט וועגען פאגראם אין קאפענהא־גען דערגאנגען צו די אנדערע איינוואוינער פון שטאדט, און זיי האבען וועגען דעם געפיהרט לעבעדיגע געשפרעכען.

דער צאלאמט אינספעקטאר און דער אמטמאן זיינען גע־זעסען ביים בירגערמייסטער.

— איך האב באקומען א באפעהל אפצוהאקען אין ווארצעל יעדען פארזוך צו א פאגראם, — האט דער בירגערמייסטער גע־זאגט. — מען פארלאזט זיך אויף מיין פלינקייט. אבער איין גאט ווייס, וואס איך וועל אנהויבען צו טאן, ווען עפעס וועט טאקי געשעהן! איך האב אונטער מיר צוויי פאליציסטען: איינער פון זיי איז באפרייט געווארען פון דיענסט אין צאל־אמט צוליעב זיין אלטקייט און שוואכקייט און דער אנדערער האט באקומען א שטעלע אין דער פאליציי דערפאר, וואס ער האט אין 1807 פארלארען א פוס און האט מעהר ניט געקענט טאן זיין אייגענע ארבייט. דאס איז מיין גאנצע ארמיי.. און דאך האף איך צו זעהן, אז דא זאל זיין רוהיג. איך בין מיט די בירגער אין גוטע באציהונגען, און א פארניגפטיג ווארט, געזאגט אין צייט, קען זעהר פיעל אויפטאן.

— ווען מען זאל קענען אניאגען אויף די אידען אביסעל שרעק און פטור ווערען פון זיי אויף א געוויסע צייט, וואלט איך גענגען דעם גארניט געהאט, — האט געזאגט דער אמטמאן. — איך בין ווייט ניט אונטאלעראנט, אבער איך מוז צונעבען אפענהערציג, אז איך קען ניט פארטראגען דאס פאלק פון משה. אט דער עקעל צו די אידען דארף דאך האבען עפעס אן ערנסטען גרונד. דער עקעל צו זיי ליגט ביי מיר אין בלוט.

— די אורזאך איז גיכער פארבארגען אין אונזער ערציהונג, — האט באמערקט דער גוטמוטיגער גרייזגרויער צאלאמט אינ־ספעקטאר. — זיי ווערען ערצויגען באזונדער, און מיר בא־זונדער, און מיר ווערען דורכגעדרונגען מיט א האס איינער צום אנדערען נאך פון די קינדער יאהרען.

— יע, אָבער דאָס איז יעדענפאַלס אַ געמיין פאָלק, וואָס דורשט נאָך געלט, — האָט דער אַמטמאַן ערווידערט. — נעמען מיר אפילו די בעסטע פון זיי, ווי, צום ביישפיעל, ביי אונז אין שטאָדט, יצחק באַמבערגער און זיין שוואָגער, פיליפ בענדיקסען, איז אפילו אין זיי אויך פאַראַן עפּעס אונאַנגענעהמעס, איך ווייס אַליין ניט, וואָס דאָס איז, אָבער דאָס איז אין זיי פאַראַן. אין זייער געזעלשאַפט פיהלט איהר זיך, ווי אין אַנאַנדער אַטמאָ־ספער... אפשר אין אַן אַטמאָספער פון קנאָבעל, — האָט ער צו־געגעבען מיט אַ קורצען געלעכטער.

— באַמבערגער און בענדיקסען זיינען ארבייטסזאַמע און עהרליכע מענשען, — האָט געזאָגט דער צאָלאַמט אינספּעקטאָר, — און איך וואָלט מיר געפיהלט ערנסט געקרענקט, ווען מען זאָל זיי מיט עפּעס באַליידיגען. און בענדיקסען'ס זוהן האָט איהר געזעהן? אַזאַ וואוילער, אַן אונגעוועהנליך קלוגער און ענט־וויקעלטער אינגעל! ווען איך קוק אויף איהם, פיהל איך שטענ־דיג אַן אויפריכטיגען פאַרדרוס וואָס ער איז אַ איד.

— אָט זעהט איהר! — האָט דער אַמטמאַן אויסגערופען. — איהר פיהלט פונקט דאָסזעלבע, וואָס איך. ווען איך דערזעהה אין אידען עפּעס גוטס, ווייזט מיר אויס, אַז דאָס פּאַסט זיי ניט.

— איהר האָט מיך ניט גוט פאַרשטאַנען. און אפשר האָב איך זיך ניט אויסגעדריקט גענוג קלאָר, — האָט געענטפערט דער צאָלאַמט אינספּעקטאָר, שאָקלענדיג דעם קאָפּ מיט אַ שמייכעל.

— איך וועל געהן אין שטאָדט, — האָט אויסגערופען דער בירגערמייסטער. — איך וועל ארומגעהן אַלע אידישע הייזער און וועל זיי ערמוטיגען. און אויף די בירגער וועט מאַכען אַ גוטען איינדרוק שוין דאָס אַליין, וואָס איך וועל געהן צו די אידען.

דער בירגערמייסטער האָט גענומען זיין הוט און שטעקען, און אַלע דריי זיינען ארויס אין גאַס.

אויף דעם גאַסטהויף האָט זיך פאַרזאַמעלט אַנאַנדער געזעל־שאַפט, און האָט ארומגערעדט דיזעלבע פראַגע. דער גרויסער

צימער איז געווען פול מיט מענשען. אין דעם קלאפען אויפ׳ן בילארד און דעם קלינגען פון גלעזער האבען זיך געהערט הויכע און אויפגערעגטע שטימען. דער בראנפען פאבריקאנט לארסאן איז געזעסען מיט׳ן רוקען צום אפענעם פענסטער און האט הויך גע׳טענה׳ט.

— יע, — האט ער א געשריי געטאן, אויפהויבענדיג די רעכטע האנט מיט דער שוימענער ליולקע, — די קאפענהאגענער זיינען בראווע יונגען. זיי פארלירען ניט קיין צייט אויף נוצלאזע פלוידעריי, זיי טהוען.

— מען זאגט, אז דער קעניג איז אין א שלעכטער לאגע, — האט באמערקט דער פריזירער, מאכענדיג א פיעלבאדייטענדען פנים. — מען האט איהם געגעבען צו פארשטעהן, אז אויב ער וועט ערלויבען דעם פאלק פארטיג צו ווערען מיט די אידען, קען ער בלייבען אויפ׳ן טראן, אויב אבער ער וועט זיך אין די געשיכטע אריינמישען, וועט...

— יע, די קאפענהאגענער זיינען בראווע יונגען! — האט מיט ענטציקונג אויסגערופען דער בראנפען פאבריקאנט. — לעבען זאלען די קאפענהאגענער!

— לעבען זאלען די קאפענהאגענער! — האבען אונטערגעכאפט אלע אנוועזענדע.

— איך וואלט געוואלט זעהן די מיאוסע צורות פון די אידען, ווען זיי שטעהען אויף די קניה, און מען שלאגט זיי, און זיי בעטען: „אברהם, יצחק און יעקב, העלפט מיר!“ און אברהם׳ען, יצחק׳ען און יעקב׳ען הויבט דאס גאר ניט אן צו ארען, — האט אויסגעשריען דער יונגער הענדלער פעטערסען, און האט זיך אליין פאנאנדערגעלאכט פון זיין וויץ.

— נו, אזא פארלאנג איז גאר ניט אזוי שווער צו ערפילען, — האט פיעלבאדייטענד באמערקט דער פליישהענדלער קארסטען.

— איז דען א זינד צו הרג׳ענען א אידען? — האט באמערקט דער קירכענדיענער גרען. — די אידען האבען דאך דער׳הרג׳עט קריסטוס׳ען.

— און איצט זוינגען זיי דאָס בלוט פון קריסטען! — האָט עמיץ אַ געשריי געטאָן פון ווינקעל.

— און אָט די באַשעפעּנישען שטעהט ניט אָן צו עסען דאָס, וואָס קריסטען עסען! — האָט געזאָגט דער פליישהענדלער. — דוכט זיך, איך קען שוין אַלעמען צופריעדענשטעלען, אָבער ניט די אידען. ווען אַ בהמה שטעהט פאַר די עהרע צו ווערען געשאָכטען, דאַוונען די אידען, און וואַשען זיך, און וואָס טהוען זיי ניט! וואָס קלערען זיי זיך, אָט די לומפּען?

דער ווירט פון גאַסטהויף האָט אַ געשריי געטהאָן:

— זיי קאַרגען און ציטערען איבער'ן געלט, וואָס זיי נאַרען אַרויס דורך שווינדעל ביי די געטויפטע. דוכט זיך, אַז איך שטעל צו ווייַן די בעסטע מענשען אין שטאָדט, אָבער קיינמאָל האָט נאָך מיר קיין איין איד ניט אָנגעטאָן דעם כבוד אויסצוטרינקען ביי מיר כאָטש איין גלעזעל. זאָלען זיי געהן צום טייוועל, די שמוציגע! צו וואָס דאַרפען מיר זיי?

— מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט מיר דער דיקער וואָלף מענדעל ניט דערגעבען צוויי ריקסדאַלער, ווען ער האָט מיר אָפּגעצאָהלט פאַר מיין אַרבייט אין זיין הויז, — האָט זיך באַקלאָגט דער טישלער האַנסען. — ווען מען זאָל נאַר אַרביימען ביי אַזעלכע מענשען, קען מען גאַנץ לייכט שטאַרבען פון הונגער.

— וואָלף מענדעל — דאָס איז דער, וואָס האָט אַריינגעזעצט יענסענ'ען אין מושב זקנים, — האָט עמיץ געזאָגט.

— יע, ער איז אַ באַוואוסטער שווינדלער, — האָט אַנאַנדער שטים אויסגערופען.

— גוט וואָלט געווען צוצופיהרען זיי צום גרענעץ און דאַרטען זיי גוט צושלאָגען.

— מען וואָלט זיי געדאַרפט צו'הרג'ענען, ווי משוגע'נע הינט!

אָבער דאָס מאָל האָט זיך געענדיגט מיט דראָהונגען, — פּיטאַנצייט איז אָנגעקומען, און אַלע זיינען זיך צונאַנגען אַהיים.

אין מושב זקנים איז אויך ניט געווען רוהיג. דאָרט איז

אומגעלאָפען ווי א משוגענער דער געוועזענער הענדלער יענסען. ער האָט זיך דאָ באַזעצט, נאכדעם ווי ער האָט פארלאָרען זיין פּראָצעס מיט וואָלף מענדעל. ער איז זעהר אויסגעצעהרט געוואָרען, און מען האָט געקענט זעהן, אז ער געהט אוים פון אן אונהיילבארער קראנקהייט. אָבער היינט האָבען זיינע בלויע, געוועהנליך מאַטע אויגען געברענט מיט א פארבאָרגענעם פייער, און אויף די איינגעפאלענע באַקען האָבען זיך באוויזען רויטע פלעקען. ער איז איינפאך וואהנזיניג געוואָרען ביי דעם געדאנק, אז די ראכע, וואָס האָט איהם אויסגעוויזען ביז איצט אונאויספיהרבאר, איז איצט אזוי נאָהנט. ער איז געלאָפען איבער'ן מושב זקנים, איז צוגעלאָפען דאָ צו איינעם, דאָ צו אנאנדערען, האָט אָנגעכאַפּט פאר'ן ארבעל און שטיל איינגערוימט:

— דער קעניג האָט געהייסען מאָרגען אוים'הרג'ענען אלע אידען!.. ניין, דו באַנעם נאָר: מאָרגען וועלען מיר רויבען רייכע אידען און זיי הרג'ענען. קום מאָרגען מיט'ן דרעשפלעגעל און מיסטגאָפּעל, מיר וועלען הרג'ענען און רויבען די אידען...

ער איז אוועקגעלאָפען אויפ'ן מארק און האָט דאָרט דאָסזעלבע איינגערוימט די בויערען.

— איז דאָס טאַקי אמת? — האָט איין בויער געפרעגט. — איבריגענס, היינט הערען מיר נאָר דאָס דעם גאַנצען טאָג. נו, אויב דער קעניג האָט געהייסען, דארף מען פאָלגען.

— יע, קום מאָרגען צופאָהרען, ווי אלעמאָל. און איין אָוועגד, ווען עס וועט פינסטער ווערען, וועלען מיר נעמען הרג'ענען אידען.

— וואָס איז דאָס פאר א מענש? — האָט איין בויער געפרעגט.

— דאָס איז דאָך יענסען, וואָס איז פריהער געווען א הענדלער, — האָט אנאנדערער געענטפערט. — ער איז א קלוגער מענש. ער ווייס אלץ. אין קאָפּענהאַגען איז מען שוין פארטיג געוואָרען מיט די אידען. און מאָרגען וועט קומען אונזער צייט אָנצורויבען זייער געלט.

יענסען איז ארומגעלאָפען איבער׳ן מאַרק, ביז די בויערען זיינען זיך צופאַהרען.

אין אווענד איז ער געזעסען מיט זיין פרוי אין זיין קע־מערעל.

— מאָרגען וועל איך זיך ענדליך אויסגלייכען מיט וואָלף מענדעל, — האָט ער גערעדט. — איך האָב געוואוסט, אז גאָט וועט מיר ניט לאָזען שטארבען, איידער מיין פארלאנג וועט ער־פילט ווערען.

— הלואי! — האָט זיין פרוי געזאָגט. — דער מערדער האָט געלעגט אין קבר אונזערע ביידע קינדערלעך. די אָרימע עופעלעך זיינען געשטאָרבען פון נויט, — און זי האָט זיך צואוויינט.

— מאָרגען! — האָט ווידערהאָלט יענסען. — און דאן וועל איך שטאַרבען מיט פרייד. איך וויים, אז דו וועסט מיר באַלד נאָכפאָלגען, ניט אמת, מוטער?

די פרוי האָט גאָרניט געענטפערט און שטיל געוויינט.

— צוויי יאָהר זעה איך דיך אין אָט דעם איינפאַכען, אָרי־מען קלייד, און זיין פרוי געהט אום אָנגעטאָן אין זייד און סאַמעט. אָבער מאָרגען, מאָרגען וועלען מיר זיך אויסגלייכען מיט דיר, וואָלף מענדעל!

— אָבער ער האָט דאָך דיר פאָרגעשלאָגען אויסצוגלייכען דעם שטרייט צווישען אייך, — האָט אונזיכער באַמערקט די פרוי, באוואוינגען פון גערייכטיגקייטס געפיהל, וואָס איז ביי פרויען אָפטמאָל פיעל ענטוויקעלטער, ווי ביי מענער.

— יע, אָבער ער האָט זעהר גוט געוואוסט, אז איך קען ניט באַצאָהלען. האָב איך איהם דען געקענט אויסצאָהלען נאָך די אַלע דורכפאַלען, וואָס האָבען זיך אויף מיין קאָפּ געשאָטען? און וואָס פאר אַ באַטרעף האָבען געהאַט ביי אַזאַ רייכען מאַן אַ וועלכע צוויי הונדערט טאַלער? פאר מיר איז דאָס געווען אַלץ! זיי האָבען מיר געקאָסט מיין געזונט, מיין גליק און מיינע צוויי קינדער! יע, וואָלף מענדעל, דאָס איז געווען טייערע געלט! אָבער מאָרגען וועלען מיר מאַכען דעם סך הכל. לאָמיר

זינגען א קאפיטעל תהלים, מיין פרוי, — האָט ער אביסעל שפּעטער געזאָגט. — מיר האָבען שוין לאנג ניט געזונגען צו־זאמען.

ער האָט גענומען דאָס געבעט בוך, האָט עס געעפענט און גענומען זינגען דעם ערשטען קאפּיטעל, וואָס ער האָט דער־זעהן. פון קליינעם קעמערעל האָט זיך דערטראָגען א געזאַנג פון דער פּאָר:

„איך ווייס, איך געה צום קבר שוין,
באַלד געה איך פון דער וועלט אוועק,
איך וואַרט, די שעה זאָל קומען שוין, —
איך פיהל ניט פאר'ן טויט קיין שרעק...“

אָבער באַלד זיינען די שטימען אנשוויגנען געוואָרען, און אַן אונהיימליכע טילקייט האָט ארומגענומען אָס גרויסע, אונ־באַקוועמע הויז.

*   *
*

אויף מאָרגען אין דער פריה, ווי נאָר עס איז טאָג גע־וואָרען, איז יצחק באמבערגער געקומען צו בענדיקסען'ען.

— פּיליפּ בענדיקסען! — האָט ער זעהר ערנסט געזאָגט. — מיר האָבען פיעל יאָהרען געלעבט צוזאמען ווי ברידער. אויב דו ווילסט, פונקט ווי איך וויל דאָס, וועלען מיר שטעהן איינער פאר'ן אנדערען ביז צום סוף.

פּיליפּ האָט שווייגענדיג געדריקט זיין האנט.

— דער בירגערמייסטער פאָדערט, — האָט יצחק ווייטער גערעדט, — אַז מיר זאָלען דעם גאנצען טאָג ניט פארמאכען אונזערע קראָמען און זאָלען זיך האלטען, ווי עס איז גאָרניט פאָרגעקומען. אזוי וועל איך טאָן. אָבער ווי נאָר עס וועט ווערען פינסטער, וועל איך קומען אהער מיט מיינע בעסטע זאכען. דו האָסט צו פארטיידיגען עפּעס אזוינס וואָס איז טייערער פון אַליץ, וואָס איך האָב. דו האָסט א זוהן.

— מיין זוהן! מיין אָרים קינד! — האָט פּיליפּ אויס־גערופען, און זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען.

— מיר וועלען ניט דערלאָזען, מען זאָל איהם אָנריהרען, מיר וועלען איהם פארטיידיגען! — האָט יצחק הויך אויסגע־שריען. — אזוי לאנג ווי איך וועל נאָך האָבען כח צו האלטען א האק, וועט איהם קיינער ניט ריהרען.

— אָרים, אונגליקליך קינד! — האָט אין פארצווייפלונג ווידערהאָלט פיליפ.

— זיי דאָך א מאן, פיליפ, — האָט יצחק א געשריי געטאָן, אָנכאפענדיג איהם פאר'ן האנט. — נארישע ווערטער וועלען ניט העלפען. פארטיידיג דיין זוהן, ניט וויין איבער איהם.

— אך, יצחק! — האָט פיליפ געקרעכצט, — דו ווייסט ניט, וואָס הייסט פארטיידיגען אן אייגען קינד. איז דען ניט שרעקליך, אז יעדער קלאַפּ, וואָס וועט נעגעבען ווערען די באַ־לייריגער, וועט פאלען מיט דאָפּעלטער קראפט אויפ'ן קינד'ס קאָפּ?

יצחק האָט אונבאמערקט אָפּגעטרייסעלט פון אויג א טרער און איז אוועק צו זיך.

* *
*

נאָך קיינמאָל האָבען די פארקויפער ניט געהאנדעלט אזוי אונווילינ, און די קונדען האָבען נאָך קיינמאָל ניט געקויפט אזוי פלייסיג, ווי יענעם טאָג. די אידען האָבען געהאָפט, אז זיי וועלען פטור ווערען פון די בויערען און וועלען זיי פאר־טרייבען פון זייערע קראָמען, ווען זיי וועלען פאָדערען אונגע־הויער הויכע פרייזען. אָבער די בויערען האָבען שווייגענדיג געצאָהלט, וואָס מען האָט ביי זיי געבעטען, און האָבען נאָר געקוקט, ווי דאָס געלט פארשווינדט אין די קעסטלעך, מיט אַן אויסדרוק, ווי זיי וואָלטען געוואָלט זאָגען: „נישקשה, אין אַוועגד וועט זיך אונזער געלט אומקערען צו אונז".

ווען עס האָט גענומען פינסטער ווערען, האָבען די אידען פארשלאָסען די קראָמען, און די בויערען האָבען זיך פארזאַ־מעלט אויפ'ן מארק. די יונגען און געזעלען, וואָס ווערען גע־האלטען אין מושב זקנים, זיינען צו זיי צוגעשטאנען, און מיט

טומעל און געשרייען האָט זיך די מאַסע אוועקגעלאָזען צו וואָלף מענדעל׳ס הויז.

די טויטע שטילקייט, וואָס האָט אין הויז געהערשט, האָט אויף א ווײַלע אָפּגעשטעלט די מאַסע. נאָר אַזוי ווי מען האָט אין ערגעץ ניט געקענט זעהן קיין סימנים פון א ווידערשטאַנד, האָט די מאַסע אויפגעבראָכען די טירען און האָט זיך אַרײַנגעריסען אין קראָם. אין איין רגע האָט מען אויסגעלעדיגט אַלע פּאָליצעס און קאַסטענס, און מען האָט די סחורה אַרײַנגעלעגט אין אָנגעגרייטע זעק. דער אונערמיעדליכער יענקען, וואָס האָט גענומען אויף זיך די ראָל פון אַן אָנפיהרער פון דער באַנדע, האָט אַרײַנגעפיהרט די מענשען אין די אינוועניגסטע צימערען. ווען מען האָט אויפגעבראָכען די טיר אין לעצטען צימער, האָט די מאַסע דערזעהן וואָלף מענדעל׳ען, וואָס האָט פאַרשטעלט מיט זיך זיין פרוי, זיין ערוואַקסענע טאָכטער און א קאַסטען מיט געלט. די פרויען זיינען געווען בלייך, ווי לייוונט, און האָבען זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס. וואָלף מענדעל האָט געציטערט מיט׳ן גאַנצען קערפּער, אָבער צו זיין שרעק איז געווען צוגעמישט א ווילדער צאָרן.

די צוויי פיינד האָבען זיך א וואָרף געטאָן איינער אויף׳ן אַנדערען. דער געזונטער פויסט פון וואָלף מענדעל האָט געטראָפען אין יענקען׳ס קראַנקע ברוסט, און יענער האָט וואָלף מענדעל׳ען מיט זיין גאַנצער קראַפט געגעבען איבער׳ן קאָפּ מיט א שטיק האָלץ. און ווי אונצושיידבאַרע פריינד זיינען זיי געפאַלען איינער לעבען אַנדערען.

די סצענע האָט געווירקט אויף די בויערען. אייניגע פון זיי האָבען זיך געוואָרפען צו יענקען׳ען, אַנדערע האָבען אויפגעהויבען וואָלף מענדעל׳ען און האָבען איהם ארויסגעטראָגען פון הויז, פּונקט ווי די באַוואוסטלאָזע פרויען. מען האָט זיי אַלע דריי אוועקגעטראָגען צו שמעון נאַשע, וואָס האָט געוואוינט דערביי. די טיר פון זיין הויז האָט מען אויך אויפגעבראָכען, אָבער מען האָט שוין דאָ ניט גערויבט, — עס האָט אויסגע־

וויזען, ווי די ערשטע קרבנות וואָלטען דאָס הויז געמאַכט פאַר אונבאַריהרבאַר. די מאַסע איז אוועק ווייטער.

דאָס צווייטע הויז איז געווען פיליפ בענדיקסען׳ס. זיין טיר האָט מען אויך אויפגעבראָכען, און וואָס ווייטער די מאַסע איז איבערגעגאַנגען פון איין צימער אין אנדערען, אומעטום אויפברעכענדיג די טירען, האָט זיך בענדיקסען׳ס פאַמיליע באַהאַלטען אַלץ טיפער און האָט זיך ענדליך פאַרקליבען אין קעלער, וואוהין מען האָט שוין פריהער אראָפּגעטראָגען די טייערסטע זאַכען. די מאַסע האָט געהערט, ווי מען האָט פאַר־מאַכט די טיר פון קעלער, און האָט זיך אָפּגעשטעלט אונענט־שלאָסען, מורא האָבענדיג צו געהן איבער׳ן פינסטערען קאָררי־דאָר אונטער דער ערד.

— איך וויים דעם וועג! — האָט אַ געשריי געטאָן אַ בויער, וואָס האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער מאַסע, — איך האָב געדיענט אין דעם הויז.

אַלע האָבען זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איהם, נאָר זיינען באַלד געבליבען שטעהן ביי אַ ווינקעל.

— געהט רוהיג נאָך מיר! — האָט ווידער דער בויער אַ געשריי געטאָן, וואָרפענדיג זיך פאָראויס.

די, וואָס זיינען געגאַנגען נאָהנט לעבען איהם, האָבען פּלוצלונג דערזעהן, ווי עפּעס האָט אַ בליץ געטאָן אין לופט, דאַן האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקטער געשריי, און דער בויער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צוריק.

— וואָס איז געשעהן? — האָט מען איהם פון דער מאַסע געפרעגט.

— דאָרט זיצט דער אידישער גאָט! — האָט אַ געשריי געטאָן דער בויער, וואָהנזיניג פון שרעק און שמערצען. — האָט איהר דען ניט באַמערקט דאָרט אַ קליינינקען, שוואַרצינקען... אָט, אָט איז ער!...

אין אונבאַשרייבליכען שרעק האָט ער זיך געוואָרפען צום ארויסגאַנג און אַלע האָבען איהם נאָכגעפאָלגט.

אויבען אין די צימערען האָבען זיי זיך אָנגעשטויסען אויף

דעם בירגערמייסטער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין מונדיר און האָט געהאַלטען זיין שטעקען, לעבען איהם זיינען געווען זיינע צוויי פּאָליציסטען, וואָס האָבען יעדענפאַלס געקענט דינען פאַר סטאַטיסטען.

— וואָס האָט איהר דאָ געטאָן? — האָט ער מיט כעס אַ געשריי געטאָן צום ערשטען, וואָס איז איהם געקומען אַנטקעגען.

קיינער האָט איהם ניט געענטפערט.

— און וואָס איז מיט דיר? — האָט ער געפרעגט אַ בויער, וואָס איז אויסגעגאַנגען מיט בלוט און האָט קוים געקענט זיך באַוועגען. — איך האָב דיך געכאַפּט ביים פאַרברעכען. אין נאָמען פון קעניג ארעסטיר איך דיך.

ער האָט ארויפגעלעגט זיין האַנט אויפ'ן פארוואונדעטען'ס אַקסעל, אָבער יענער איז פון שרעק און פון בלוטפאַרלוסט אומגעפאַלען.

די ווערטער „אין נאָמען פון קעניג" האָבען איבעראַשט די בויערען.

— אין נאָמען פון קעניג, — האָט דער בירגערמייסטער ווידערהאָלט אין אַ שטרענגען טאָן, — באַפעהל איך, איהר זאָלט באַלד אַלע געהן יעדערער אין זיין הויז. די, וואָס וועלען דאָ בלייבען, וועלען באַשטראָפט ווערען ווי רעבעלען און פאַרברעכער. האָט איהר מיך פאַרשטאַנען?

די בויערען האָבען שטיל איינער נאָך דעם אַנדערען פאַרלאָזען דאָס הויז, אוועקוואַרפענדיג די אָנגעפילטע זעק.

בענדיקסען'ס פאַמיליע האָט אין אונבאַשרייבליכען שרעק זיך צוגעהערט צום טומעל און האָט אין אַ שטילער תפלה געדאַנקט גאָט, ווען דער טומעל איז איינגעשטילט געוואָרען, און די מאַסע האָט פאַרלאָזען דאָס הויז.

— יעקב! וואו ביזטו? — האָט ענדליך אַ געשריי געטאָן די מוטער, טאַפּענדיג אין דער פינסטער מיט די הענט. — וואו ביזטו, יעקב? — האָט זי נאָכאַמאָל אויסגערופען. — וואו איז מיין אינגעל? איך האָב איהם דאָך פאַר מיר אריינגעלאָזען

אין קעלער. וואו איז ער? יעקב, וואו ביזטו? — האט זי גערופען, און איהר שרעק איז אלץ געוואקסען.

— אפשר האט ער זיך שטארק איבערגעשראקען און ליגט ערגעץ א באוואוסטלאזער, — האט דער אנקעל באמערקט.

מען האט גענומען זוכען אין אלע ווינקלען, מען האט איהם אבער נים געפונען.

— שמע ישראל! די קריסטען האבען איהם געפונען און האבען איהם אוועקגעשלעפט מיט זיך! — האט די מוטער אויסגעשריען אין אונבאשרייבליכער פארצווייפלונג. — זיי הרג'ענען איצט מיין קינד! אט פארוואס זיי זיינען שטיל געווארען.

— טא געה איצט ארויס, יצחק, און ערפיל דיין צוזאג! — האט א געשריי געטאן פיליפ בענדיקסען. ער האט אויפגע־עפענט די טיר פון קעלער און איז ארויסגעלאפען מיט א האק אין דער האנט.

— פאטער! — האט זיך שטיל דערטראגען א שטים פון קארידאר.

— יעקב! א, גאט! דאס ביזטו! — האט דער פאטער אויסגערופען, און די האק איז ארויסגעפאלען פון זיין האנט.

דער אינגעל איז געזעסען אין א ווינקעל אויף א שטיין און האט געהאלטען אין האנט א קליינעם קינזשאל, וואס איז געווען אין בלוט ביז'ן הענטעל. ביי דעם שוואכען שיין אין קארידאר האבען דער פאטער און דער אנקעל דערזעהן דאס טויטבלייכע געזיכט פון דעם אינגעל און דעם פארבלוטיגטען קינזשאל. זיי האבען גלייך פארשטאנען, וואס דא איז פאר־געקומען.

מיט א געמישטען געפיהל פון שרעק און ענטציקונג האט דער פאטער זיך איינגעבויגען איבער דעם קינד, וואס האט פארלארען דאס באוואוסטזיין ביי איהם אויף די הענט.

— איצט איז צווישען איהם און די קריסטען בלוט, — האט שטיל געזאגט אנקעל יצחק.

* *
*

דער בירגערמייסטער איז אראפגעגאנגען אין קעלער, האט געפונען די פאמיליע, וואס האט זיך דארט באהאלטען, און האט אלעמען פייערליך ארויפגעפיהרט אויבען, אין די צימערען. ער האט גענומען אויף די הענט דעם אינגעל, וואס איז נאך אלץ געווען באוואוסטלאז, און האט איהם פארזיכטיג אוועקגעלעגט אויפ׳ן דיוואן, שרייענדיג אויף די דיענסטען, וואס האבען ניט אזוי גיך געבראכט קישענס און דעקען. דאן האט ער אפגעפיהרט יצחק באמבערגער׳ן אן א זייט און געזאגט, ווארפענדיג אויף איהם א פיעלבאדייטענדען בליק:

— אונטען אין קעלער האט מען א בויער פארוואונדעט מיט א מעסער. מיר אי. אלץ איינס, ווער עס האט דאס געטאן, ווייל דער בויער האט פארדיענט זיין שטראף. איך האב איהם געכאפט ביי דעם פארברעכען. איהר האט דאס געוויס ניט געטאן, הערר באמבערגער?

יצחק האט מיט זיין שווייגען באשטעטיגט דעם בירגערמייסטער׳ס ווערטער. עס וואלט געווען ערגער, ווען זיינע ערקלערונגען וואלטען געפיהרט צו אן אונטערזוכונג.

דער בירגערמייסטער האט זיך געווענדט צו אלעמען מיט אזעלכע ווערטער:

— מארגען וועט איהר עפענען אייערע קראמען, ווי געוועהנליך. איך גאראנטיר אייך, אז קיינער וועט אויף דעם ניט האבען חרטה. בארוהיגט אייך דאך, מאדאם באמבערגער, און איהר אויך, ליעבע מאדאם בענדיקסען. איך האף, אז דער אינגעל וועט שנעל קומען צו זיך. א גוטע נאכט.

ער האט געדריקט די הענט די מענער און איז ארויסגעגאנגען.

אבער די געדאנקען פון אלע אנוועזענדע זיינען גאר געווען פארנומען מיט אנאנדער זאך, ניט מיט דעם, וואס דער בירגערמייסטער האט געמיינט. אלע האבען געשוויגען, זיי האבען אבער אין דערזועלבער צייט געפיהלט, אז זיי קענען זיך נאך

ניט צושיידען. עס איז געשעהן עפּעס אזוינס, וועגען וואָס זיי האָבען ניט געוואָגט רעדען, אָבער יעדערער פון זיי האָט געוואוסט, אז די אנדערע קלערען נאָר וועגען דעם. דאָס איז געווען א סוד ניט נאָר פאר אנדערע מענשען, נאָר פאר זיי אליין. עס האָט אויסגעוויזען, ווי זיי וואָלטען מורא געהאט אויפצוהויבען דעם פאָרהאנג, ווי זיי וואָלטען מורא געהאט צו דערזעהן נאָך מעהר.

ווען דאָס קינד האָט געעפענט די אויגען, האָט די מוטער געפרעגט, צי ער וויל ניט עסען. דער אינגעל האָט געענטפערט, אז יע, און האָט זיך באלד ארויפגעוואָרפען אויף די שפּייז, וואָס מען האָט איהם געבראכט. די איבריגע האָבען געקוקט איינער אויף דעם אנדערען מיט ערלייכטערונג, און אביסעל שפּעטער זיינען זיך אלע צוגאנגען.

VIII

די אויפרעגונג אויפ'ן ים נאָך א שטורעם ווערט ניט באלד איינגעשטילט. עס איז אוועקגעגאנגען גענוג צייט, איידער די ליידענשאפטען האָבען זיך איינגעשטילט, און די פריהערדיגע רוהיגקייט האָט ווידער געהערשט אין שטאָדט. ביי די אידען האָט נאָך לאנג נאָך דער געשעהעניש יעדע קריסטליכע געזיכט געוועקט ערינערונגען וועגען דעם איבערגעלעבטען שרעק. וואָס אנבאטרעפט די קריסטען, האָבען די געבילדעטערע פון זיי, וואָס האָבען זיך באטייליגט אין פּאָגראָם, זיך געשעהמט, ווען זיי האָבען זיך באגעגענט מיט די אידען, און דאן זיינען זיי געווען אין כעס אויף זיך אליין, פארוואָס זיי האָבען זיך געשעהמט. אָבער די מענשען פון פאָלק, און הויפּטזעכליך די, וואָס זיינען עפּעס שולדיג געווען די אידען, זיינען באלד נאָך דעם פּאָגראָם צו זיי געקומען, און יעדערער פון זיי האָט אין די אויפריכטיג־סטע ווערטער און מיט דעם פריינדליכסטען אויסדרוק אויפ'ן געזיכט פארזיכערט, אז ווער־ווער, אָבער ע ר האָט שוין גאָר ניט צו טאָן מיט די, וואָס האָבען געמאכט דעם פּאָגראָם.

אמת, אויף דער וועלט איז פאראן וועניגער פאלשקייט, ווי מען קען מיינען, לעזענדיג ראמאנען, אבער דאך פיעל מעהר, ווי מיר דענקען, אורטיילענדיג נאך אונזער אלטעגליכען לעבען. מענשען מיט א קלארען אויסדרוק פון נארישקייט אויפ׳ן גע־זיכט קענען זעהר גוט פארבארגען א שלויען גדאנק, וואס איז נעבארען געווארען ביי זיי אין מארך.

נאך א יאהר איז פארגאנגען אין דער געוועהנליכער רוהיג־קייט. און אט איינמאל, א שבת אין דער פריה, אין זומער 182... יאהר, איז יעקב געגאנגען מיט זיין פאטער איבער׳ן גאס צו דער שול. פאטער און זוהן זיינען געווען אנגעטאן אין יום־טוב׳דיגע קליידער. יעקב האט צום ערשטען מאל געטרא־גען א פידזשאק, א צילינדער און א זשאבא. ער איז געווארען בר מצוה.

אין שול איז דער ארון קודש געווען פארדעקט מיט א נייעם פרוכת, א געשאנק פון פיליפ׳ען. אויפ׳ן שלחן זיינען גע־שטאנען צוויי גראבע וועקסענע ליכט, אלע לייכטער זיינען געווען אנגעצונדען, און די פארזאמעלטע אין שול זיינען געווען אנגעטאן יום־טוב׳דיג.

דער פאטער און דער זוהן האבען אין עהרפורכט זיך גע־בויגען פאר׳ן ארון קודש. דאן האט דער פאטער ארויסגענומען א נייעם טלית, וואס איז געווען געוועבט פון דינסטען וואל, מיט א פורפורנעם זוים און א ברייטען גילדערנעם פאס, און האט עס ארויפגעלעגט אויפ׳ן זוהן׳ס אקסלען. נאכדעם האבען ביידע שווייגענדיג פארנומען זייערע ערטער און האבען גענומען נאכזאגען די ווערטער, וואס דער בעל תפלה האט ארויסגערעדט.

עס איז אנגעקומען די פייערליכע מינוט פון קריאת התורה. מיט הויכען געזאנג זיינען דער חזן און די שמשים צוגעקומען צום ארון קודש און האבען ארויסגענומען די ספר תורה אונטער די טענער פון די הויכע תפלות פון אלע אנוועזענדע. דער, וואס ווייס ניט און פארשטעהט ניט די צערעמאניע, וואלט געקענט מיינען, אז דער בעל תפלה וויל דא באגעהן גנבה, און

די אנדערע ווילען איהם דערפון אפהאלטען מיט חויכע אויס־געשרייען.

ביי דער טויטער שטילקייט פון אלע אנוועזענדע, האט דער בעל תפלה פאנאנדערגעוויקעלט די תורה און זי אוועק־געלעגט אויפ'ן שלחן. ער האט גענומען לייענען דאס, וואס איז געווען באשטימט פאר יענעם טאג. דאן האט ער אויס־גערופען זיבען פון די אנוועזענדע, און יעדערער פון זיי האט איבערגעלייענט א פסוק. ענדליך האט דער בעל תפלה אויס־געשטרעקט די זילבערנע „האנט" און האט אויסגערופען: „יעמוד רב יעקב ברב פייבוש!"

דער פאטער האט שטילערהייט געמאכט א ברכה, אבער ער האט זיך ניט געריהרט פון ארט. דער יונגערמאן דארף אליין און זעלבסטשטענדיג אננעמען די איינוועהונג. ציטע־רענדיג פון אן אויפרעגונג, וואס ער האט קיינמאל שפעטער ניט געפיהלט, אפילו ווען ער האט זיך עקזאמינירט, איז יעקב דורכגעגאנגען פארביי דער מאסע אידען, האט זיך אויפגע־הויבען אויף די טרעפ, האט באריהרט מיט די ציצית פון זיין טלית די ספר תורה און האט זיי א קוש געטאן, און דאן האט ער זינגענדיג, ווי דאס ווערט געפאדערט, ארויסגערעדט: „גע־בענשט איז גאט, דער האר פון דער וועלט, וואס האט אונז געשאנקען גליקזעליגקייט צווישען אלע פעלקער און האט אונז געגעבען די תורה!" נאכדעם האט ער גענומען לייענען א פסוק, וואס ער האט צופעליג דערזעהן אין דער אפענער ספר תורה. שטרענגע, אונערבארמליכע ריכטער זיינען געשטאנען און האבען זיך צוגעהערט, און ער האט געוואוסט, אז זיי ווילען באמערקען דעם קלענסטען טעות, וואס ער וועט מאכען.

די אידען גלויבען, אז דער פסוק, וואס א בחור לייענט אין יענעם טאג, האט אין זיך א נבואה פאר זיין גאנצען לעבען. יעקב האט געלייענט:

„און גאט האט געזאגט צום שלאנג: דערפאר וואס דו האסט דאס געטאן, ביזטו פארשאלטען פאר אלע בהמות און אלע חיות פון פעלד; דו וועסט קריכען אויף דיין בויך און וועסט

עסן שטויב אַלע טעג פון דיין לעבן; און אַ שנאה וועל איך באַשאַפן צווישן דיר און דער פרוי, און צווישן דיינע זאָמען און איהרע; זיי וועלען דיך שלאָגען אין קאָפּ, און דו וועסט זיי בייסען אין פוס."

יעקב האָט נאָכאַמאָל בעריהרט די ספר תורה מיט די ציצית, האָט זיי אַ קוש געטאָן און געמאַכט אַ ברכה. דאַן האָט ער זיך אומגעדרעהט אַראָפּצוגעהן פון די טרעפּלעך. ער איז געווען אזוי צומישט, אַז ער האָט אַ טעות געהאט און האָט געוואָלט געהן אהין, פון וואנען ער איז ארויף, וואָס איז געגען דעם צערעמאָניאַל, אָבער דער בעל תפלה האָט איהם אָנגענומען פאַר'ן האנט און איהם אומגעקערט. די פאַרזאַמעלטע האָבען אַראָפּגעלאָזט די אויגען, ווי זיי וואָלטען ניט געוואָלט זעהן די קליינע מיספאַרשטענדנים, און ווען יעקב איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּלעך, האָבען איהם דער פאָטער און אלע אנוועזענדע הויך גראַטולירט. דער אַלטער רב יעקב האָט איהם אַ קניפּ געטאָן אין באַק און האָט געזאָגט:

— אַ כשר אינגעלע. — דאַן האָט ער אויפגעהויבען די אויגען אין געבעט און האָט געזאָגט: — גאָט זאָל שומר ומציל זיין די גוטע קינדער פון ישראל.

נאָכ'ן דאַוונען זיינען אַלע פאַרזאַמעלטע איינגעלאַדען געוואָרען אין פיליפּ בענדיקסען'ס הויז אויף אַ סעודה.

יעקב איז געווען אזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט קוים געפיהלט, ווי אזוי ער איז דערגאַנגען ביז צום הויז. אָבער שפּעטער האָט ער מיט אַ מערקווירדיגער קלאָרקייט דערמאָנט דעם טאָג, די געזיכטער פון אלע נייגעריגע, וואָס האָבען ארויסגעקוקט פון די פענסטער, ווען ער איז געגאַנגען צוריק אהיים אין בעגלייטונג פון פאָטער און די געסט. ער האָט געדענקט, ווי יעדערער פון די אנוועזענדע אין שול איז געווען אָנגעטאָן, איהם האָט אפילו אויסגעוויזען, אַז ער וואָלט געקענט גענוי זאָגען, ווי ווייט די וועקסענע ליכט אין שול זיינען דאַן געווען אָפּגעברענט. און כאָטש שפּעטער האָט זיין האַרץ ניט איינמאָל געקלאַפּט פון שטאָלץ, כאָטש עס זיינען געווען מינוטען, ווען

פון ליידענשאפט און פון א געפיהל פון גרויסען גליק האט זיין בלוט ווי א פלאמיגער שטראם גערונגען אין זיינע אדערען, האט פונדעסטוועגען קיין איין אנדער טאג ניט איבערגעלאזען אין זיין זכרון אזא צויבער גלאנץ.

אין אווענד, ווען די געסט זיינען שוין אוועקגעגאנגען, זיינען דער פאטער און דער אנקעל געזעסען אין לעהנשטוהלען און אפגערוהט נאך די אלע אויפרעגונגען פון טאג. יעקב איז געשטאנען ביים פענסטער לעבען דער מוטער'ס שטוהל און האט שווייגענדיג ארויסגעקוקט אין גאס. אזוי ווי מאכענדיג אן אנשטרענגונג, האט דער פאטער זיך אפגעריסען פון זיינע געדאנקען און האט מיט אן אונגעוועהנליך צארטער שטים צו־גערופען יעקב'ען:

— קום צו מיר, טייערער זוהן. איך דארף מיט דיר עפעס רעדען.

יעקב איז צוגעגאנגען צום פאטער. מיט ביידע הענט האט דער פאטער צארט ארומגענומען זיין קאפ און געזאגט:

— מיין זוהן, איצט ביזטו געווארען א מענש, א איד. דו ביזט שוין מעהר ניט קיין צווייג אויף מיין שטאם, דו ביזט איצט א בוים פאר זיך.

— א פיינער בוים! — האט זיך דער אנקעל געוויצעלט און האט אנגעוויזען מיט דער האנט אן אייל פון דער ערד.

דער פאטער האט ווייטער גערעדט:

— ווען עס איז געוועזען דער טאג פון מיין בר מצוה, האט מיר מיין מוטער געזאגט: „איצט געה און ערנעהר דיך אליין“. נו, און איך מיין יעקב, וועל טיילען מיט דיר אלץ, ביז וואנען איך וועל נאר עפעס האבען.

— וואס ער קען דאס אויסטראכטען! — האט פרעהליך א געשריי געטאן דער אנקעל. — זאל אקארשט דער פאטער פרואווען זאגען: „געה, ערנעהר דיך אליין“. מיר וועלען אבער אלץ בלייבען אין דער היים.

יעקב'ס אויגען האבען זיך אפגעשטעלט דא אויף דעם פרעהליכען געזיכט פון אנקעל, דא אויף דעם ערנסטען און

פריינדליכען געזיכט פון פאָטער. און איהם האָט זיך געוואָלט אין דערזעלבער צייט אי וויינען, אי לאַכען. וואָס מעהר דער אָנקעל האָט זיך געוויצעלט, אלץ מעהר האָבען אויף איהם געווירקט די בארעכענטע און ליעבע רעד פון פאָטער. אין האלז האָט איהם גענומען שטיקען, עס איז איהם געווען אזוי אונגעוועהנליך גוט און אין דערזעלבער צייט אזוי טרויעריג. די מוטער איז צוגעגאנגען צו איהם און האָט איהם ארומגע־גומען. אָט די שוויגענדיגע פארזיכערונג, אז אויך זי וועט איהם אלעמאָל ליעבען, האָט אויפגעלעזט דעם אינגעל׳ס נער־יועז אָנשטרענגונג, און ער האָט זיך צוואוויינט.

דער אָנקעל האָט אָנגעשטעלט אויף איהם זיינע אויגען.

— וואָס איז געשעהן מיט׳ן אינגעל? איז ער אפשר קראנק? ווער האָט דאָס איהם געמאכט אזוי טרויעריג? אפשר איך, יעקב? — האָט ער א געשריי געטאָן, אָנכאפענדיג דעם אינגעל׳ס האנט.

— ניין, אָנקעל, — האָט יעקב געענטפערט, זיך אָנ־שטרענגענדיג ניט צו וויינען. — אָבער דו וויצעלסט זיך אזוי זאָנדערבאר.

— ווי געפעלט דאָס אייך, — האָט יצחק געזאָגט מיט פארדרוס. — איך האָב ניט געוואָלט, מען זאָל רעדען מיט דעם אינגעל פייערליך און אָניאָגען אויף איהם טרויעריגע געדאנקען, און דעריבער האָב איך זיך געוויצעלט. און ער האָט זיך צוא־וויינט, ווייל איך האָב זיך געוויצעלט! א דאנק גאָט, מיר וועלען באלד פטור ווערען פון איהם!

דאָ האָט זיך יעקב נאָך שטארקער צוואוויינט.

שטארק גערירט, האָט דער פאָטער א ווײלע געשוויגען און האָט דאן געזאָגט:

— גענוג, יעקב, הער אויף וויינען! זיי ניט קיין קינד, דו ביזט געוואָרען א גרויסער, דעריבער האלט איך פאר מיין פליכט צו רעדען מיט דיר ערנסט. אין עטליכע טעג ארום פארלאָזט דיין אייגען הויז, אין וועלכען איך האָב געזאָרגט וועגען דיר און האָב דיך ערצויגען, ווי מען דארף ערציהען א

אידען. ווען עס וועט אָנקומען דער יום הדין, וועסטו אויף דעם קענען עדות זאָגען פאר גאָט, יעקב?

— יע, — האָט דער אינגעל געענטפערט וויינענדיג.

דער פאָטער האָט ווייטער גערעדט:

— איידער דו פארלאָזט מיך, וועל איך דיר געבען עטליכע גוטע עצות. בלייב ניט טויב צו די ווערטער פון דיין פאָטער.

יעקב האָט אויסגעווישט די אויגען און האָט געווענדט אויפ'ן פאָטער אַן אויפמערקזאמען בליק. דער פאָטער האָט אידם צוגעצויגען נאָהנטער צו זיך און האָט געזאָגט:

— מיין הארץ ציטערט פאר דיר. גאָט זאָל געבען, אז דו זאָלסט זיך קיינמאָל ניט אָפּווענדען פון ריכטיגען וועג, ווען דו וועסט פון מיר אוועקגעהן! היט אָפּ די גוטע לעהרען, וואָס דו האָסט געהערט פון פאָטער, מוטער און אָנקעל. זיי זיינען ארויסגעקומען פון גוטע הערצער, און זייער ציעל איז געוועזען דיין וואוילזיין. די קריסטען וועלען דיך אויסלערנען אַ סך גוטע און ניצליכע זאכען, אָבער דערפון קומט נאָך ניט ארויס, אז דו דארפסט פארגעסען די אלטע אידישקייט. זאָג אלע טאָג די אידישע תפלות און פארגעס דערביי ניט אָנצוטאָן די תפילין. דער טאָג איז גוט אָנגעהויבען געוואָרען, וואָס דו האָסט אָנגעהויבען מיט גאָט. גיב אכטונג, דיינע ציצית זאָלען ניט ווערען שמוציג. גאָט'ס אויג וואכט שטענדיג אויפ'ן בונד מיט ריינקייט. ביינאכט, ווען דו וועסט אָפּזאָגען קריאת שמע, וועט דער גייסט פון גאָט וואכען איבער דיר אָנשטאָט דעם פאָטער. יום טוב זאָלסטו געהן אין שול. אויב דו וועסט צוליעב דעם עפּעס פארפעהלען אין דיין שטודיום, וועסטו דאָס שפּעטער לייכט אָניאָגען; ווייל גאָט וועט שטארקען דיין שכל אין די טעג פון רוה. זיי פריינדליך צו חברים און פריינד, — בעסער אליין ליידען, איידער אנדערע זאָלען צוליעב דיר ליידען. האָב דורך ארץ פאר עלטערע, דאָס וועט דיר מאכען אַ גוטען נאָמען, און אַ גוטער נאָמען איז די בעסטע ירושה. אין אלע אנדערע זאכען זאָל דיך דער אלמעכטיגער גאָט בענשען!

מיט די ווערטער האָט פיליפּ צוגעצויגען צו זיך זיין זוהן,

האָט איהם אַ קוש געטאָן, אוןביידען'ס טרערען האָבען זיך צונויפגעמישט.

* * *

דעמזעלבען טאָג, שפּעט אין אָווענד, איז פיליפּ בענדיקסען געשטאַנען ביי זיך אין קאָנטאָר און האָט געבראַכט אין אָרדנונג זיינע פּאַפּירען.

— האָב איך געזאָגט אלף, דאַרף איך זאָגען בית, — האָט ער שטיל געזאָגט צו זיך. — אויב מיין זוהן וועט זיין אַ סטודענט, דאַרף ער ניט זיין קיין קרעמער. זאָל מיין זוהן כאָטש אין דעם נאָר ניט זיין קיין איד.

ער האָט גענומען אַ דיקען פּעקעל אסיגנאַציעס, האָט דאָס פאַרזיגעלט אין אַ קאָנווערט און האָט אויפ'ן קאָנווערט אָנגעשריבען: „מיין זוהן'ס אייגענטום".

אַ שטילער קלאַפּ אין לאָדען האָט זיך דערהערט. פיליפּ איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט געעפענט דעם לאָדען און האָט דערזעהן דעם שוואָגער.

— עפען! — האָט יצחק געזאָגט.

ווען דאָס פענסטער איז שוין געווען אָפען, האָט ער אויפגעהויבען אַ זעקעל און האָט דאָס אוועקגעשטעלט אויפ'ן ברעט. אין זעקעל האָט עפּעס אַ קלונג געטאָן.

— ביי מיר אין הויז האָט מיר אַזוי פאַרדראָסען, וואָס צוליעב מיר האָט זיך דער אינגעל צוואוויינט, — האָט יצחק געזאָגט. — און דאַן האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב איהם גאָרניט געשאָנקען צו בר מצוה. אָט נעם אָט די גאָלדשטיקער... איידער מיר וועט איינפאַלען זיי נאָכאַמאָל איבערצוצעהלען.

— יצחק! — האָט אויסגערופען פיליפּ גערירט.

— באַהאַלט דאָס וואָס שנעלער! — האָט יצחק געשריען מיט אַ געמאַכטער שאַרפקייט. דאַן האָט ער צוגעגעבען אין שפּאַס: — זעה נאָר, אויב דו וועסט דאָס איבערלאָזען אויפ'ן פענסטער, בין איך דיר פאַר דעם ניט ערב.

* *
*

אין עטליכע טעג ארום איז יעקב מיט'ן פאטער געשטאנען אויפ'ן דעק פון א דאמפער, וואס איז געגאנגען אין זעעלאנד. מיט א טרויעריגען געפיהל האט ער געקוקט אויף דעם פאר־שווינדענדען ברעג, און פלוצלונג האט זיך זיין בליק אפגע־שטעלט אויף דעם ארט, וואו זיין ערשטער קאמף איז פאר־געקומען. און אין זיין זכרון איז אויפגעשטאנען א לאנג פאר־געסענע בילד. ער האט קלאר דערזעהן פאר זיך דאס געזיכט פון דעם אינגעל, מיט וועלכען ער האט אמאל זיך אזוי ווילד געראנגעלט.

אום צו פארשטיקען אין זיך די בענקשאפט און פארגעסען די ביטערקייט פון צושיידען זיך מיט'ן פאטער'ס הויז, האט ער קאנצענטרירט זיינע געדאנקען אויף אט דער ערינערונג. און די געשטאלט פון זיין ערשטען פיינד האט יעקב'ן ניט פאר־לאזען, ביז מידקייט האט איהם ניט געצוואונגען זיך לעגען שלאפען.

IX

עס איז גראד אויסגעקומען אזוי, אז די נאהנטסטע שול פון אנקעל מארקוס'עס הויז איז געווען די בעסטע שול אין קאפענהאגען.

אין דעם דירעקטאר פון דער שול האבען ענערגיע און שטרענגקייט זיך פאראייניגט מיט א הייסען אינטערעס צו ערציהונגס ארבייט. גאר ניט ווי אנדערע דירעקטארען פון יענער צייט, האט ער זיך ניט באשרענקט מיט דעם, וואס ער פלעגט אכטונג געבען אויסשליסליך אויף די דיסציפלין און אויף דעם, אז מען זאל אין א געוויסען פעריאד דורכגעהן א באשטימטען קורס פון וויסענשאפטען; ניין, ער האט גע־שטרעבט צו ענטוויקלען ניט נאר דעם פארשטאנד פון די קינ־דער, נאר אויך זייער נשמה. ער האט ניט געוואלט זיין פאר די קינדער נאר אן אויבערהאר און א לעהרער, נאר ער האט

זיך געשטעלט פאר א ציעל צו זיין זייער פיהרער און ערציהער. אָבער ביי דער דאמאָלסדיגער שטרענגער צוטיילונג פון ער־ציהונג און בילדונג האָט זיך, נאַטירליך, אזא שטרעבען גע־קענט ארויסווייזען נאָר זעהר שוואך און ווי אַן אויסנאהם.

אָט דער פעדאגאָג פון בערוף האָט אָפטמאָל געמוזט זיך צופרידענשטעלען מיט א מיינונגס אויסטויש מיט די לעהרער, ווייל א נאָהנטערע באריהרונג מיט די שילער איז ניט אלעמאָלי געווען מעגליך. כאָטש יעקב׳ס עלטערען האָבען געוואוינט ווייט פון קאָפּענהאגען, און זיין פאָטער האָט זעהר שטארק גע־בעטען דעם דירעקטאָר אכטונג צו געבען אויפ׳ן אינגעל, איז יעקב געווען אונטער שול אויפזיכט נאָר אין צייט פון לערנען. די איבריגע צייט פלעגט ער פארברענגען אין אָנקעל׳ס הויז, און דער דירעקטאָר האָט דעריבער נאָר פון דער ווייטען געקענט איהם בעאָבאכטען און האָט ניט געהאט די מעגליכקייט אריינ־צומישען זיך דירעקט אין זיין ערציהונג.

איינמאָל, באלד נאָך יעקב׳ס אָנקומען אין שול, האָט דער דירעקטאָר, רעדענדיג מיט די לעהרער, באמערקט:

— ווען איך קוק אויף דעם אינגעל מיט דעם אָריענטא־לישען געזיכט, ווי ער זיצט אויף א הינטערשטען באנק צווישען די טעמפּסטע שילער אין קלאס, דוכט זיך מיר אמאָל, אז מיין שול איז א זאמלונג פון הויז חיות, צווישען וועלכע א קליינער פּאנטער איז צופעליג אריינגעפאלען. די איבריגע הינטלעך וועלען מוזען גוט בעהאנדלען דעם פאנטער און ניט אויפוועקען אין איהם זיין ווילדע נאטור.

דער דירעקטאָר האָט דאָס געזאָגט האלב אין שפּאס, האלב ערנסט, אָבער צו זיין אייגענער ערשטוינונג, זיינען זיינע ווער־טער געווען אין א געוויסער מאָס פּראָפעטיש, ווי דאָס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען.

די ערשטע צייט האָט יעקב איינפאך זיך געבאָדען אין גליק. זיין פארשטאנד איז געווען ענטוויקעלט פון דעם שארפ־זיניגען אויסטייטשען דעם תלמוד, און ער איז געווען אָנגע־לאָדען מיט שטיקלעך פון די פארשידענסטע צווייגען פון מענש־

ליכען ווייסען. דאָס האָט איהם אין שול געשטעלט אין דיזעלבע לאגע, אין וועלכער עס געפינט זיך איינער, וואָס שפּיעלט גוט אויף פידעל, קען אָבער גאָר קיין נאָטען ניט. מען האָט איהם עקזאַמענירט, ווי די איבריגע אינגלעך, אָבער ער האָט ניט געקענט געבען קיין איין צופרידענשטעלענדען ענטפער. אָבער ביי דער סיסטעמאַטישער בילדונג האָבען די שטיקלעך וויסען ביי איהם זיך שנעל צוזאַמענגעבונדען אין איינס, און ער האָט גענומען מאַכען וואונדערליכען פאָרטשריט, וואָס האָט געוואונדערט אפילו זיינע לעהרער.

און וואָס פאַר אַ גליק עס איז פאַר איהם געווען צו זיצען אויף אַ באַנק צווישען אַנדערע אינגלעך! וואָס פאַר אַ פאַרגניגען ער האָט דאָס געהאַט פון דעם, וואָס מען האָט איהם באַהאַנדעלט פּונקט אַזוי ווי אַנדערע, און מען האָט נאָך אַמאָל איהם געגעבען דעם פאַרצוג. דאָ, אין שול, האָבען די שילער זיך אונטערשיידט איינער פון אַנדערען נאָר אין פלייס און פעהיגקייטען. און ווי פלייסיג ער האָט דאָס געלערענט, און מיט וואָס פאַר אַן אונגעדולד ער האָט דאָס ערוואַרט דעם מאָרגענדיגען טאָג, ווען דער וואונדערליכער קאָנקורס וועט ווייטער אָנגעהן!

יע, אָבער זיין פאַרגניגען צו זיין אין געזעלשאַפט פון אַנדערע אינגלעך איז נאָר געווען אַ פאַרגניגען אין צייט פון לערנען, ווען די שילער זיינען ווי סאָלדאַטען געווען געבונדען דורך אַ דיסציפּלין. ווי נאָר דאָס לערנען פלעגט זיך ענדיגען, האָט שוין יעקב פון אַלע זייטען געהערט, אַז ער איז אַ איד. און דאָס איז געווען גענוג, אַז ער זאָל זיך דערווייטערען פון זיינע חברים און בלייבען אַליין, ווי אַ הויכער פאַרקאַן וואָלט איהם אָפּגעטיילט פון זיי.

דערווייל האָט נאָך דאָס שול לעבען געהאַט פאַר איהם דעם צויבער פון אַ נייער זאַך, און די קאָנקורענץ מיט זיינע חברים האָט איהם פאַרשאַפט פאַרגניגען. דעריבער איז ער געווען גאַנץ גלייכגילטיג צו די פאַרפאָלגונגען, און איז געווען מיט לייב און לעבען פאַרטאָן אין לערנען. אָבער וואָס קיהלער

עס איז געוואָרען זיין אינטערעס אין דער שול, אלץ עמפינד־ליכער איז ער געוואָרען צו באליידיגונגען פון די חברים. ווען דער גאנצער קלאַס פלעגט זיך ארומקלייבען ארום איהם, און די אינגלעך פלעגען לאכען און שרייען איהם: „איד“, אָדער „אוי ווער מיר!“ פלעגט ער דאָס נאָך פאַרטראָגען, געדריקט פון א טעמפּער געהאַרכזאמקייט, ווי דאָס וואָלט איהם די גאנצע וועלט געשריען. ווען אָבער איין שילער פלעגט אמאָל צו־קומען און שרייען: „אוועק פון דאנען, איד!“ און פלעגט איהם דערביי א שטויס טאָן, פלעגט ער דאָס אָננעמען פאַר א פערזענליכע באליידיגונג און פלעגט זיך ארויפוואַרפען אויף דעם באליידיגער ווי א פאַרוואונדעטער טיגער. ענדיגען פלעגט זיך דאָס געוועהנליך מיט דעם, וואָס אנדערע שילער פלעגען קומען דעם באליידיגער צו הילף, און מען פלעגט יעקב'ען צושלאָגען.

איין אָוועגד האָט דער וועכטער, קערענדיג די שולצימערען, געפונען אויפ'ן דיל אין איין צימער א באוואוסטלאָזען שילער. אויף זיין קערפּער זיינען געווען צייכענס פון גרויזאמע קלעפּ. פון א קליינער וואונד אין קאָפּ האָט געשטראָמט בלוט, און דער דיל דערביי איז געווען רויט. מען האָט דעם אינגעל באלד אוועקגעטראָגען אהיים.

אויף דעם אנדערען טאָג אין דער פריה האָט מען געהייסען די שילער געהן אין גרויסען זאַל, וואו די לעהרער האָבען זיך שוין פאַרזאמעלט. אויפ'ן קאַטעדער איז ארויף דער דירעק־טאָר און האָט דערצעהלט די שילער, וואָס נעכטען איז געשעהן. דאן האָט ער צוגעגעבען:

— איך האָף, נאַטירליך, זעהר וועניג, אז דער שולדיגער וועט זיך מודה זיין, און עס איז זעהר מעגליך, אז דער צו־שלאָגענער, אויב ער וועט נאָר קומען צו זיך, וועט פון חבר־שאפט ניט ארויסגעבען דעם שולדיגען. אָבער ווער דער שול־דינער זאָל ניט זיין, זאָל ער וויסען, אז אלע זיינע לעהרער און גוטמיינענדע חברים פיהלען דעם גרעסטען עקעל צו זיין האנד־לונג. און איך האָף, אז יעדערער פון אייך, ווען די עהרע

פון אונזער שול איז טייער, ווערט ניט פארשוויגען פון דעם פאלשען געפיהל פון חבר'שאפט, וועט אלץ דערצעהלען, וואס ער ווייס, און וועט טאן אלץ, אום צו געפינען דעם שולדיגען. מען טאר ניט דערלאזען, אז א פארדאכט זאל פאלען אויף אן אונשולדיגען.

דער דירעקטאר האט באטראכט די שילער מיט א שטרענגען בליק און האט געווארט. אבער אלע האבען געשוויגען. פלוצלונג איז ארויסגעקומען יעקב בענדיקסען און האט געזאגט:

— דאס האב איך געטאן.

— ווי! — האט דער דירעקטאר אויסגערופען, אפטרעטענדיג פאר ערשטוינונג איין טריט צוריק. — דו, בענדיקסען, דער רוהיגסטער און שטילסטער פון אלע שילער? מיר ווילט זיך דאס גאר ניט גלויבען.

— אבער אזוי איז דאס, ווי איך האב אייך געזאגט. דאס האב איך געטאן, — האט יעקב ווידערהאלט אין א פעסטער שטים.

— אבער וואס האט דיך געקענט דערפיהרען צו אזא טאט? אפשר האסטו דאס געטאן ניט ווילענדיג? דו האסט דאך ניט געוואלט דאס טאן אבזיכטליך.

— ניין, איך האב דאס געטאן אבזיכטליך, — האט יעקב געזאגט אין דעמזעלבען טאן. — ער פלעגט צו מיר צושטעהן אפטער פון אלעמען, פלעגט מיך שטענדיג רופען „איד" און פלעגט שטענדיג דערביי זיך באהאלטען הינטער אנדערע. נעכטען אווענד זיינען מיר געבליבען אליין, און ווען איך בין ארויסגעגאנגען, איז ער מיר נאכגעלאפען און האט א געשריי געטאן: „אראפ פון וועג, איד!" און האט מיך מיט אלע קרעפטען א שטויס געטאן אויפ'ן טיר, אז איך האב זיך שטארק צושלאגען די קניה. דאן האב איך איהם גענומען שלאגען און האב איהם געשלאגען אזוי לאנג, ביז מיר האט אויסגעוויזען, אז ער איז טויט... איך ווייס, — האט יעקב צוגעגעבען, דערנעהנטערנדיג זיך צום דירעקטאר אויף צוויי טריט, — איך

ווייס, אז איהר זייט איינס מיט איהם און רופט מיך אויך אן „איד“, אבער ניט ווען איהר זייט מיט מיר אליין!

יעקב׳ס ליפען האבען געציטערט, און זיינע באקען זיינען געוואָרען בלייך. אין זאל האט געהערשט א טויטע שטילקייט. דער דירעקטאָר האט געקוקט אויף איהם זעהר אויפמערקזאם, האט ניט אראָפּגענומען די אויגען פון דעם אינגעל׳ס געזיכט. די לעהרער זיינען צוגעקומען נאָהנטער צום קאטעדער. זיי האבען אביסעל דורכגערעדט צווישען זיך און זיינען צוזאמען מיט דעם דירעקטאָר ארויסגעגאנגען פון זאל. ווי נאָר די טיר האט זיך צוגעמאכט נאָך איהם, האבען זיך צווישען די שילער דערהערט עטליכע שטימען: „נו, איד, איצט וועסטו שוין האבען דיינס!“ אבער די מעהרהייט שילער האט געשוויגען, און עטליכע מינוט זיינען אריבער אין אונהיימליכער ערוואר־טונג. יעקב איז געשטאנען און האט זיך ניט געריהרט פון אָרט. ענדליך האבען זיך אין זאל ווידער באוויזען דער דירעקטאָר און די לעהרער, און ביי א מויטער שטילקייט איז דער דירעקטאָר ארויף אויפ׳ן קאטעדער.

— יעקב בענדיקסען! — האט ער אנגעהויבען. — די באַ־לייזדיגונגען, וואס דו ביזט אויסגעשטאנען, זיינען אזוי געמיין און פארדיענען אזוי פיעל פאראכטונג, און איך שטעל מיר פאָר אזוי קלאָר דעם איינדרוק, וואס די שטענדיגע ערנידריגונגען האבען אויף דיר געמאכט, אז איך האלט מיך ניט פאר באַ־רעכטיגט צו באשטראָפען דיך. — דער דירעקטאָר האט געמאכט א קליינע פאוזע און האט געקוקט אויף יעקב׳ן, וואס איז ביי די ווערטער געבליבען ווי פארשטיינערט. דאן האט ער זיך גע־ווענדט צו די איבריגע שילער און האט שטרענג געזאָגט: — דער, וועמען בענדיקסען האט געשלאָגען, האט נאָר באקומען זיין פארדיענטע שטראָף. און איצט הערט, וואס איך וועל אייך זאגען און געדענקט מיינע ווערטער! אויב עס וועט זיך ארויס־שטעלען אין דער צוקונפט, אז די הומאנע און קולטורעלע גע־פיהלען, וואס די שול שטרעבט איינצופלאנצען אין אייך, זיינען ניט גענוג אויפצוהויבען אייך איבער דעם פעבעל, וועלען מיר

מוזען אַנווענדען אַנאַנדער מיטעל: יערערער, וואָס וועט ווייטער געפונען ווערען שולדיג אין אַזאַ גראָבקייט און ווילדקייט, וועט שטרענג באַשטראָפט ווערען. און וואָס איז שייך דיך, — האָט ער געזאָגט, זיך ווידער ווענדענדיג צו יעקב׳ן, — האָף איך, אַז דו האָסט צו מיר גענוג צוטרויען, ניט צו דאַרפען אַליין זיך אָפּרעכנען מיט דיינע באַליידיגער; און אפילו ווען דו וועסט ליידען שווערע באַליידיגונגען, וועסטו ניט פאַרגעסען, וואָס דו האָסט צו פאַרדאַנקען דער שול, און וועסט זוכען שוץ ביי מיר. און איצט געהט אַלע אין הויף און וואַרט ביז דער נעקסטער לעקציאָן. איך האָף, אַז די שעה, כאָטש מען האָט אין איהר ניט געטאָן די באַשטימטע אַרבייט, איז דאָך ניט אינגאַנצען פאַרלאָרען געגאַנגען.

ווען אַלע שילער, און יעקב צווישען זיי, זיינען אַרויס אין הויף, און אין זאַל זיינען געבליבען נאָר די לעהרער, האָט איינער פון זיי געזאָגט צום דירעקטאָר:

— וואָלט אפשר ניט געווען בעסער איבערצולאָזען בענדיקסען׳ען דאָ און איהם ניט לאָזען זיך מישען מיט די איבריגע?

— פאַרקערט, — האָט דער דירעקטאָר אויסגערופען, — ווען מיר וואָלטען איהם איבערגעלאָזען דאָ, וואָלטען מיר איהם דערווייטערט פון די חברים, אַנשטאָט צו דערנעהנטערען זיי, און שפּעטער וואָלט דאָס שוין געווען שווער צו פאַרריכטען. די וואונד פאַרהיילט זיך בעסער, ווען זי איז נאָך פריש, אויב זי קען זיך איבערהויפּט פאַרהיילען. און אויב איהם איז איצט אפילו אונאַנגענעהם צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון חברים, איז דאָס קיין אונגליק ניט, זאָל ער אַביסעל ליידען, מען דאַרף צאַמען זיין טעמפּעראַמענט.

— איך האָב ניט ערוואַרט אַזאַ ענערגיע פון אַ קינד פון אַט דער נאַציאָנאַליטעט, — האָט איינער פון די לעהרער באַמערקט. — אין אַנדערע שולען, וואו איך לערען, זיינען אויך פאַראַן אידען, אָבער זיי פאַרטראָגען קלעפּ און זידלעריי, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ נאַטירליכע זאַך. מיך האָט אַלעמאָל אַ

כעם אנגענומען, ווען איך פלעג צוזעהן, ווי געדולדיג זיי זיינען. אין דעם איצטיגען פאל פארדריסט מיר שוין ניט.

באלד איז שוין דאס לערנען אנגעגאנגען, ווי געוועהנליך, ווי עס וואלט גארניט געשעהן. נאכ'ן לערנען, ווען די שילער זיינען זיך צוגאנגגען אהיים, האט דער דירעקטאר צוגערופען צו זיך יעקב'ן.

אוועקזעצענדיג דעם אינגעל אנטקעגען זיך, האט ער גע־זאגט, אום ווי עס איז אנצוהויבען דעם געשפרעך:

— זאג מיר, וואס טהוסטו אין דער היים אין די אווענדען?

יעקב האט צוערשט געמיינט, אז דאס האט מען איהם אריינגערופען, צו געבען איהם זיין פארדיענטע שטראף. ער האט מיט ערלייכטערונג געענטפערט:

— איך מאך מיינע לעקציאנען.

— און ווען דו ווערסט פארטיג מיט די לעקציאנען, וואס טהוסטו דאן?

— דאן לעז איך עפעס.

— געהסטו דען קיינמאל ניט שפאצירען מיט חברים?

— ניין, — האט יעקב שטיל געענטפערט, אראפלאזענדיג די אויגען.

דער דירעקטאר האט פארשטאנען, אז ער האט דא אנגע־ריהרט אן אנגעוועהטאגטען ארט. ער האט געפרעגט:

— דיין אנקעל האט דאך אבער קינדער. קומט דיר קיינ־מאל ניט אוים צו שפאצירען און שפיעלען מיט זיי?

— ער האט צוויי זיהן. איינער איז אין מיינע יאהרען, דער אנדערער איז עלטער. איינער העלפט אין א טוך געשעפט, דער צווייטער איז א לעהרלינג אין א קאלאניאל קראם. אין דער היים זיינען זיי זעלטען, זיי קומען נאר פרייטאג אווענד.

— און האט דען דיין אנקעל קיין טעכטער ניט?

— יע, ער האט דריי טעכטער. נאר איינע איז גאר קליין, און איך לערען זי לעזען. און די צוויי עלטערע לאכען אלץ פון מיר, ווייל איך וויל זיין א סטודענט. זיי זאגען, אז עס וואלט געווען בעסער, ווען איך זאל ווערען אן אפיציר, ווייל די אפי־

צירען זיינען פיעל אינטערעסאנטער ווי די סטודענטען. אבער איך וויל פונדעסטוועגען זיין א סטודענט.

אויף דעם דירעקטאר'ס געזיכט האט זיך באוויזען א קוים באמערקבארער שמייכעל.

— נו, און ווען דו ווערסט פארטיג מיט די לעקציאנען, און דו ווילסט מעהר ניט לערנען, וואס טהוסטו דאן ?

יעקב האט זיך ניט געאיילט צו ענטפערען.

דער פאראינטערעסירטער דירעקטאר האט נאכאמאל גע־פרעגט :

— דו האסט גאר קיין פארוויילונג ניט ?

— יע, — האט יעקב ענדליך געענטפערט, אראפלאזענדיג די אויגען.

— וואס ? רעד, האב קיין מורא ניט !

— ווען מיר דערעסט צו לערנען, — האט יעקב צומישט גע־ענטפערט, — שטעל איך מיר פאר, אז צו מיר איז געקומען צו פליהען א פויגעל און האט מיך אוועקגעטראגען צו מיינע על־טערען און צו מיין אנקעל, און די גאנצע איברינע צייט פון אוועגד פארברענג איך אין דער היים.

— און דאס איז דיין גאנצע פארוויילונג ? — האט דער דירעקטאר געפרעגט.

— און דאן איז מיר גוט, — האט יעקב ווייטער גערעדט, און אויף זיינע באקען האט זיך באוויזען א לייכטע פארב. — דאן דוכט זיך מיר, אז איך שפאציר אין גארטען, איך פארנעם דעם ריח פון דעם ראהר אויפ'ן ברעג, און ווי מיין מוטער זינגט, זעהר שטיל... און איך זעה מיין פאטער און מיין אנקעל... אבער זיי זעהען מיך ניט. און דאן ווערט מיר אזוי טרויעריג, און איך וויין, און דאן לעג איך זיך שלאפען.

דער דירעקטאר האט לאנג שווייגענדיג געקוקט אויף איהם. דאן איז ער אויפגעשטאנען, האט אראפגענומען פון פאליצע א באנד גאר וואס דאן ערשינענע ליעדער פון עלענשלענער און האט איהם געגעבען יעקב'ען.

— אט לעז דאס, — האט ער געזאגט, — דאן וועט צו דיר

אויך קומען צו פליהען א פויגעל און וועט דיך אוועקטראָגען, אמת, ניט צו דיינע עלטערען, נאָר אין די ווייטע וועלט. אמאָל איז גוט, ווען מען קוקט זיך ארום. און אויב דו האָסט אזוי פיעל פרייע צייט, ווילסטו אפשר אמאָל אריינקומען צו מיר, צו לעזען און לערנען אויסער דעם, וואָס ווערט דורכגענאנגען אין שול? אזוי וועסטו דאָך גיכער ווערען א סטודענט!

יעקב האָט העפליך געדאנקט, און דער דירעקטאָר האָט איהם אפגעלאָזען אהיים.

X

דאָס שול לעבען איז זיך געגאנגען ווי געוועהנליך. עס איז שווער געווען צו זאָגען, צי יעקב האָט געהאט א גרונד זיך צו פרעהען, וואָס די באציהונג פון די חברים צו איהם איז איצט געווען א בעסערע, ווי פריהער. אמת, די הויכע אויסגעשרייען, זידלערייען און אלערליי פארפאָלגונגען האָבען אויפגעהערט. אָבער דאָס שווייגען און די קאַלטקייט, וואָס האָבען איהם איצט ארומגערינגעלט, זיינען פאַר איהם געווען נאָך אפשר אונערטרעגליכער, ווייל ער האָט זעהר גוט געוואוסט, וואָס דאָס אלץ מיינט. דאָס שווייגען האָט גערעדט זעהר קלאָר און הויך, נאָר אָהן ווערטער, פאַר וועלכע מען וואָלט געקענט באשטראָפען דעם שולדיגען. יעקב האָט זעהר גוט פארשטאנען די בליקען און גרימאסען פון די חברים, נאָר ער האָט דאָס ניט ארויסגעוויזען, מען זאָל פון איהם ניט לאכען. אמאָל פלעגט ער האָבען דאָס געפיהל פון א מענשען, וואָס האָט מורא פאַר עפּעס אין דער פינסטערניש פון דער נאכט און וויל, אז דאָס אומפארמיידליכע זאָל וואָס גיכער געשעהען און מאכען א סוף צו זיין שרעק.

מערקווירדיג שלוי און מיט אלערליי קונצען האָבען זיינע חברים געפונען וועגען, ווי איהם צו באליידיגען, ניט ריזיקירענדיג דערביי צו ווערען באשטראָפט. ווי יונג יעקב איז ניט געווען, האָט איהם די נויט געצוואונגען זיך אויסצולערנען באהערשען זיך, און ער פלעגט זיצען רוהיג און מאכען אן אָנשטעל, ווי מען וואָלט דאָס גאָר ניט פון איהם אפגעלאכט. צייטענווייז

פלעגט ער דערפיהלען א פארלאנג זיך ארויפצואווארפען אויף וועמען עס איז און איהם שטארק צושלאָגען.

אין צוויי מאָנאטען ארום האט זיך ווידער באוויזען אין שול א אינגעל, וועמען יעקב האט צושלאָגען. ער האט זיך גאנץ רו־היג אוועקגעזעצט אויף זיין אלטען אָרט, ווי עס וואָלט גאָרניט געשעהן. עס איז אין איהם ניט געווען צו מערקען אפילו קיין שפור פון א פארלאנג זיך נוקם צו זיין אָן זיין באליידיגער. עס האט אויסגעוויזען, ווי ער און יעקב וואָלטען גאָר קיינמאָל ניט געזעהן איינער דעם צווייטען. יעקב'ס געוויסען האט איהם גענו־מען מאטערען, וואס ער איז זיך אזוי גרויזאם באגאנגען מיט'ן חבר. איינמאָל, ווען דער אינגעל איז געשטאנען פאר איהם ביים טיש און האט געלעזען, האט יעקב באמערקט ווי בלייך און קרענקליך זיין געזיכט איז געווען, און פלוצלונג, אין אן אויס־ברוך פון גוטסקייט, האט ער איהם אָנגעכאפט פאר'ן האנט און האט געקוקט אויף איהם מיט אויגען פול מיט טרערען. אָבער דער אינגעל האט ארויסגעריסען זיין האנט און האט א געשריי געטאָן:

— נו, איד, ווילסט מיך ווידער שלאָגען?

יעקב'ן האט פארקלעמט דאס הארץ, און ער האט גע־טראכט:

„איצט זיינען מיר קווית."

די צייט איז געגאנגען, א וואָך נאָך א וואָך, א מאָנאט נאָך א מאָנאט. יעקב איז געגאנגען אין שול און האט פון צייט צו צייט באזוכט דעם דירעקטאָר, וואס איז געווען צו איהם זעהר אויפמערקזאם. עס פלעגט טרעפען, אז אין א יום טוב פלעגט יעקב פארברענגען ביי איהם א גאנצען טאָג פון אין דער פריה ביז ביינאכט. איינמאָל האט איהם דער דירעקטאָר אפילו מיט־גענומען צו זיינע קרובים. פון דער אויפמערקזאמקייט און צערטליכקייט, וואס מען האט איהם אין יענער פאמיליע ארויס־געוויזען, האט יעקב פארשטאנען, אז דער דירעקטאָר האט דאָרט וועגען איהם שוין גערעדט. עס האט איהם אויסגעוויזען, אז אלע

באַמיהען זיך אין זייערע געשפּרעכען אויסצומיידען אפילו אַן אָנדייטונג אויף אידען און אידישקייט.

עס איז איהם אָבער דאָך געווען זעהר אינטערעסאַנט צו זיין אין דער נייער סביבה. ער איז צום ערשטען מאָל געווען אין אַ קריסטליכער געזעלשאַפט; און דאָס שפּאַסען פון דער יוגענד, דער לייכטער דופט פון פלירט, וואָס האָט געהערשט צווישען זיי, דער עלעגאַנט געדעקטער טיש מיט געשמאַקע שפּייזען, פּיעלע פון וועלכע זיינען פאר איהם געווען פארבאָטען און האָבען איהם דעריבער נאָך מעהר צוגעצויגען, און ענדליך די געזאַנגען און מוזיק נאָכ'ן עסען און די שנעל איינגעאָרדענטע טענץ, — אויף דאָס אַלץ האָט יעקב געקוקט מיט ענטציקונג און מיט אַ ביטערען געפיהל. אָט איז איהם ערפילט געוואָרען זיין קינדער טרוים, און דאָך האָט ער ניט געקענט באַטייליגען זיך אין דעם פעסט. איהם האָט זיך געדוכט, אַז אָט די אַלע מענשען מוזען געהערען צו עפּעס אַ העכערען קלאַס, אויב זיי ווייסען די געהיימניספולע קונסט צו באַשאַפען זיך פריידען פון נאָרניט. און זיין הארץ האָט איהם געקלעמט, איהם האָט זיך ליידענשאַפטליך געוואָלט זיין אַזאַ ווי זיי.

איינמאָל, ווען עס איז געווען יום טוב, איז יעקב געקומען אין דער פריה צום דירעקטאָר. דער דירעקטאָר האָט זיך אָנגע־טאָן אין צווייטען צימער, און יעקב האָט געוואַרט אויף איהם אין קאַבינעט. אַ ביסעל שפּעטער איז דער דירעקטאָר צו איהם אַרויסגעקומען אין וועסט און האָט דאָ אַרויפגעוואָרפען אויף זיך אַ שלאָפראָק. ער איז דאַן צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענ־סטער, האָט אַרויסגערוקט זיין קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויס'ן הי־מעל און האָט טיף איינגעאָטעמט די פרישע פריהלינג לופט. דאַן האָט ער זיך אַ צופרידענער געזעצט צום טיש, אויף וועל־כען עס איז שוין געשטאַנען גרייט קאַווע.

יעקב האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט זיין יעדע באַוועגונג. אַזאַ אופן צו דאַווענען אין דער פריה — מיט אַ פריידיגען בליק באַגריסען גאָט — האָט איהם איבעראַשט. דאָס איז געווען אַזוי לייכט און איינפאַך אין פארגלייך מיט זיין מאָרגענדיגען דאַווענען,

ארויפלעגען די תפלין און מורמלען לאנגע און ניט אלעמאל פארשטענדליכע אידישע תפלות. אבער דעם דירעקטאר'ס צו־פרידענער פנים האט קלאר באוויזען, אז אזוי דאווענען קען מען מיט א ריינעם און רוהיגען געוויסען. ווען דער דירעקטאר האט איבערגעלעזען א קאפיטעל פון הערא׳דאטוס, אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט וועגען דער העלדענטהאט פון די ספארטאנער ביי די טערמאפילען, ווי די ספארטאנער האבען זיך געזאלבט מיט אוילען און האבען באציערט זייערע קעפ מיט קראנצען, גרייטענדיג זיך צו דער שלאכט, האט יעקב צום ערשטען מאל באמערקט, אז זיינע באליעבטע ספארטאנער, וועמען ער האט כמעט פארגעטערט, האבען אויף זיך ניט ארויפגעלעגט קיין תפלין.

אויף דעם אנדערען טאג אין דער פריה האט ער צום ער־שטען מאל ניט ארויפגעלעגט אויף זיך די תפלין און איז ווי א פארברעכער פארבייגעגאנגען דעם ארט, וואו עס איז געלעגען דאס זיידענע תפלין זעקעל. דער טאג איז אריבער בשלום, עס איז אנגעקומען דער אווענד, און דער הימעל איז ניט אראפ־געפאלען און קיין שרעקען זיינען ניט פארגעקומען. דאן האט זיך יעקב בארוהיגט און האט באשלאסען נאכאמאל צו דאווענען, ווי דער דירעקטאר האט דאס געטאן. ער האט דאס אלץ אפטער און אפטער ווידערהאלט און איז ענדליך צוגעוועהנט געווארען צו דעם.

דער גלויבען, וואס ער זאל ניט זיין, — צי ער באשטעהט פון צערעמאניען און אבערגלויבענס, אדער ער איז א ריין גייסטיגער, — איז בשום אופן ניט עהנליך צו א געביידע, פון וועלכער מען קען דא און דארט ארויסציהען א שטיין און אריינ־שטעלען א נייעם. עס איז גענוג א קליינער צווייפעל, און די גאנצע געביידע צופאלט, און דער מאטעריאל טויג אפילו ניט אויף אויפצובויען א נייעם טעמפעל פאר דער נשמה. צוויי־פעל — דאס איז אפילו ניט קיין פלעק פון ראסט, דאס איז א גיפט, וואס פארשפרייט זיך איבער דעם גאנצען מענשליכען ארגאניזם, קוים נאר באריהרט ער די צונג.

יעקב האָט זיך פאַרטיפט אין עלענשלעגער'ען און האָט איצט געשוועבט אין דער העלדישער עפּאָכע פון נאָרד. דאָס איינציגע, אין וואָס ער האָט זיך ניט געקענט באַטייליגען צו־גלייך מיט די העלדען, איז געווען די פעסטען אין וואַלהאַלאַ, ווייל דאַן פלעגען די העלדען אויפעסען זעהר פיעל שוויינענ־פלייש. און אַט איינמאָל האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט זיך אליין געפרעגט: איז דען דער גאָטהייט ניט אַלץ איינס, וואָס פאַר א פלייש עס באַריהרט זיינע ליפּען?

קענען דען די שפּייזען, וואָס קומען אריין אין מאָגען, אויף א וועלכען עס איז אופן באַליידיגען דאָס מאָראַלישע געזעץ? — פלעגט ער זיך פרעגען. — מען קען דאָך ניט אָנ־נעמען, אַז גאָט זיצט אין די הימלען און גיט אַכטונג, אַז, נאָכ־דעם ווי איך האָב געגעסען פוטער, זאָל איך זיך נעמען צו פליישיגס ניט פריהער ווי אין א שעה אַרום.

און אַט האָט ער געמאַכט א פּראָבע און האָט אויפגע־געסען ביים דירעקטאָר ברויט און פוטער צוזאַמען מיט פלייש, און ער האָט נאָכדעם ניט געפיהלט אונאַנגענעהם.

איינמאָל האָט ער איבערגעלעזען וועגען די טערקען, אַז זיי זיינען געקומען אויף דעם קבר פון איסקאַנדער — בעק (אלכסנדר מקדון) און האָבען זיך אָנגעהאַנגען אויפ'ן האַלז זייערע ביינער פאַר קמיעות, וואָס האָבען זיי געזאָלט אָפּהיטען פון אַלע געפאַהרען. איבערלעזענדיג דאָס, האָט יעקב געשמיי־כעלט איבער דעם אַבערגלויבען פון די טערקען. וואָס פאַר א קראַפט האָבען דען געקענט האָבען ביינער פון א טויטען. און פלוצלונג האָט ער זיך דערמאַנט, אַז ער אליין טראָגט אויף זיך אַזאַ קמיע — דעם ארבע כנפות. דאָס איז דאָך נאָר א שטי־קעל שטאָף פון וואָל, וואָס פאַר א קראַפט קען דאָס דען האָבען? און ער האָט אויסגעטאָן פון זיך דעם ארבע כנפות, וואָס ער האָט געטראָגען פון זינט ער איז אַלט געוואָרען זיבען יאָהר, פאַר א צייכען פון א בונד מיט גאָט.

אין אַזאַ אינערליכען קאַמף און צווייפלען האָט יעקב אָפּגעלעבט גאַנץ לאַנג, אָבער אַנדערע האָבען דעם קאַמף אין

איהם ניט געקענט זעהן. עס זיינען געווען מינוטען, ווען אין זיין נשמה איז אומגעקראָכען איין שווערער און העסליכער געדאַנק, — דער געדאַנק, אז דער דירעקטאָר, א דאַנק וועמענס איינפלוס א נייע וועלט פון אידעען און באגריפען האָט זיך גענומען עפענען פאר איהם, אז אָט דער דירעקטאָר איז אפשר איינפאַך איינער פון יענע געפעהרליכע פאַרפיהרער, וואָס ברענגען אום גאָטספאָרכטיגע אידען. אָבער ער האָט באַלד פארשטאַנען, אז דער דירעקטאָר איז דאָ גאָרניט שולדיג, אז דאָס ווירקען אין איהם אליין העכערע גייסטיגע קרעפטען, און ער האָט זיי אליין געגעבען די פרייהייט צו ענטוויקלען זיך. און דאָך האָט זיך איהם נאָך א לאַנגע צייט גע'חלום'ט כמעט יעדע נאכט, אז ער זיצט פרייטאָג צו נאכט ביים טיש, און דער פאָטער זאָגט איהם: „ווייז מיר דיין ארבע כנפות, מיין זוהן“, און א דערשראָקענער און פארשעהמטער לאָזט ער זיך שטילערהייט צו דער טיר, צו אנטלויפען פון פאָטער.

אָפטמאָל פלעגען פאר איהם אין דער פינסטערניש פון נאכט אויפשטעהן די פריהערדיגע מיסטישע ערינערונגען און פלעגען אָניאָגען אויף איהם אן אונערקלערבארען שרעק, ווי אויף א וואַנדערער אין שווארצען וואלד ווארפען ארויף א שרעק די ערינערונגען וועגען נימפען און גייסטער. אָבער אין דער פריה פלעגען די זעהונגען פארשווינדען, און ווידער פלעגט יעקב אָטעמען לייכט און פריי אין די שטראהלען פון טאָג ליכט.

ביי די אידען איז געווען שבועות. יעקב איז מיט זיין אָנקעל געגאַנגען אין שול. א זאָנדערבאר געפיהל האָט איהם ארומגענומען, ווען ער האָט זיך ווידער דערזעהן אין שול נאָך אזא לאַנגער צייט. אין פארלויף פון אָט דער צייט האָט ער אָפּגענומען ביי זיין גאָט כמעט אלע זיינע געטליכע אייגענ־שאַפטען און האָט איהם כמעט אינגאַנצען פארניכט. אָבער איהם האָט איצט אויסגעוויזען, אז העכער פון אָט דעם גאָט איז אנאַנ־דערע נאָך א העכערע באַשעפעניש, עהנליך צו דעם פאָטער־באַשעפער ביי די געצענדיענער, א באַשעפעניש, וואָס איז העכער

פון יהוה אליין. און אין אַן אויסברוך פון אויפריכטיגען געפיהל האָט ער זיך צו אָט דער באַשעפעניש געווענדט מיט אַ געבעט:

— גוטער, גרויסער גאָט! דו האָסט ארויסגעפיהרט די אידען פון אַ פיינדליכען לאַנד! איך וויל דיר געהערען, איך וויל גלויבען אין דיר! אָבער זיי מיר מוחל, וואָס איך קען מעהר ניט גלויבען אין אַלץ, אין וואָס איך האָב אויפגעהערט צו גלויבען! — און ער האָט גענומען נאָכזאָגען די ווערטער פון די דאַוונער: — שמע ישראל יהוה אלוהינו יהוה אחד!

געשטאַרקט פון אָט דער איינפאַכער תפלה, האָט ער די אַנדערע אידישע תפלות ניט געזאָגט, און מיט אַ געפיהל פון ביטערניש און מיטלייד האָט ער געקוקט, ווי די אַנדערע אידען האָבען געדאַוונט. ווען מען האָט ארויסגענומען די ספר תורה פון דעם אָרון הקדש און די דאַוונער האָבען גענומען זיך דער־נעהנטערען, אום אָנצוריהרען זי און דאַן קושען די שפּיצען פון זייערע פינגער, — האָט ער אַ קלער געטאָן:

„אָט די מענשען קושען פאַרמענט און טויטע אותיות און גלויבען, אַז דאָס איז אַ לעבעדיגער גייסט.“

ווען די פאַמיליע איז געקומען פון שול אהיים און האָט זיך אין פריידען און פרייד געזעצט צו דער סעודה, איז יעקב געווען ווי צומישט. ער האָט געפיהלט, אַז ער איז ניט ווערט צו טיילען די ריינע פרייד פון די גלוביגע, ווייל ער האָט קיין טייל ניט געהאַט אין זייער עהרפורכטיגער שטימונג. פאַר איהם זיינען אויפגעשטאַנען ערינערונגען, ווען ער אליין פלעגט, פול מיט רעליגיעזער שטימונג, קומען אהיים פון שול, אריינ־געהן אין באַקוועמען צימער, וואו דער יום־טוב'דיג געגרייטער טיש איז געשטאַנען. און כאָטש זיין געזונטער פאַרשטאַנד האָט איהם געזאָגט, אַז איצט איז ער אויפ'ן ריכטיגען וועג, האָט ער אָבער דאָך געפיהלט אין הארצען אַ פאַרבאָרגענעם פאָרוואורף און אַ בענקשאַפט.

אָבער דאָס מאָל האָט ער געפונען אַ גאַנץ אונערוואַרטע שטיצע.

אין פארלויף פון דער סעודה האָט מארקוס גענומען פון שיסעל אַ שטיק הוהן און האָט דאָס גענומען עסען.

— שטעל זיך פאַר, — האָט זײַן פרוי געזאָגט, — ווי איך האָב זיך איבערגעשראָקען, ווען איך האָב גענומען אויס־רייניגען די הוהן און האָב אין איהר העלזעל געפונען אַ שפּילקע.

מארקוס איז בלייך געוואָרען און האָט שנעל ארויסגענומען פון מויל אַ ניט צוקייט שטיקעל הוהן.

— און דו האָסט דאָס מיר נאָר איצט געזאָגט! — האָט ער אויסגערופען אין שרעק, — משוגע ביזטו געוואָרען, מײַן ווייב! ווילסטו טריף מאַכען דאָס גאַנצע הויז?

— בארוהיג זיך, — האָט די פרוי געענטפערט, שניידענ־דיג ווייטער די הוהן. — איך האָב באַלד אװעקגעשיקט צום רב דאָס העלזעל פון דער הוהן מיט דער שפּילקע, און ער האָט געענטפערט, אז מיר מעגען רוהיג עסען די הוהן, נאָר פריהער מוזען מיר דאָס העלזעל מיט דער שפּילקע באַגראָבען אין דער ערד. איך האָב אַזוי געטאָן.

דער מאַן האָט ערלייכטערט אָפּגעאָטעמט און האָט ווידער גענומען עסען.

— ווי זאָנדערבאר דאָס איז, — האָט יעקב באמערקט, — די הוהן איז כשר געוואָרען נאָר צוליעב דעם, וואָס מען האָט איהר העלזעל באַגראָבען אין דער ערד. מען האָט דאָך גע־דארפט מיינען, אז דאָס העלזעל האָט שוין געמאַכט די הוהן טריף, און עס איז שוין שפּעט דאָס צו באַגראָבען. דאָס איז אַלץ איינס, ווי ארײַנצוגיסען אַ געגענגיפט אין אַ פלאַש מיט גיפט נאָכדעם, ווי אַ מענש האָט זיך שוין פאַר׳סמ׳ט.

— זינדיג ניט, יעקב, — האָט שטרענג געענטפערט מאַר־קוס בענדיקסען, — דער רב ווייס בעסער פון דיר. עס זײַנען פאַראַן אַ סך סודות, אין וועלכע מען דאַרף גלויבען, ניט זוכענ־דיג קיין ערקלערונגען. וואָס, אַ שטייגער, איז תקופה?

— יע, וואָס איז אַזוינס תקופה? — האָט יעקב געפרעגט.

— פיער מאָל אין יאָהר פאַלט אראָפּ פון הימעל תקופה, — האָט מארקוס געענטפערט. — דאָס איז אַ טראָפּען בלוט. פון

וואנען דער טראָפּען קומט, קען איך דיר ניט זאָגן, ווען דעם דערצעהלט מען ניט קיין קינדער. תקופה פאלט גע־וועהנליך אין פוטער אָדער אין פלייש, אָדער אין עפּעס אַן עהנליכע זאַך, און דער מענש, וואָס האָט דאָס געגעסען, מוז שטארבען. און דעריבער לעגט יעדע גאָטספאָרכטיגע בעל־הבית'טע אוועק לעבען די עסענוואַרג אַ נאָגעל, און דאַן וועט שוין די תקופה ניט פאלען אויף איהר הויז.

— אַ נאָגעל! — האָט יעקב פארוואונדערט אויסגע־רופען. — קען דען עפּעס אַ טויטע זאַך זיך שטעלען אנטקעגען גאָט'ס ווילען?

— און דער בליצאָפּלייטער פארהיט דען ניט פון בלי־צען? — האָט איהם דער אָנקעל געענטפערט.

— יע, אָבער אַ בליץ איז דאָך אַ נאטור ערשיינונג, ניט גאָט'ס ווילען. און צו דען דארף גאָט האָבען אַ נאָגעל, אז ער זאָל קענען אונטערשיידען דעם פרומען פון דעם ניט פרומען? צו דען זעהט ער אליין ניט די מענשליכע הערצער?

— גאָט פאָדערט פון מענשען באוויזען, אז זיי געהען צו איהם און געדענקען איהם. האָט דען גאָט ניט געהייסען די אידען, זיי זאָלען אויסשמירען די טירען מיט דעם בלוט פון דעם קרבן פסח, אז דער מלאך זאָל קענען אונטערשיידען זייערע הייזער פון די הייזער פון די מצרים?

— גאָט איז אלמעכטיג, — האָט יעקב'ס עלטערער קוזען ארויסגערעדט אין דעם רב'ס פרומען טאָן. — אָבער ניט אלע־מאָל ווענדט ער אָן זיין אלמעכטיגקייט. ער וואָלט געקענט באשאפען דעם מענשען פון גאָרניט, ער האָט איהם אָבער באשאפען פון שטויב. פארוואָס האָט אָדם ניט געלעבט טוי־זענד יאָהר? עס איז פאָראויס באשטימט געוואָרען, אז אָדם וועט לעבען טויזענד יאָהר, און דוד וועט שטארבען, גלייך ווי ער וועט געבאָרען ווערען. אָבער גאָט האָט געוואָלט ארויס־ווייזען די אידען אַ גרויסען חסד, האָט ער אָפּגענומען ביי אָדם'ען זיבעציג יאָהר און האָט זיי אָפּגעגעבען דוד'ען. אָבער

האָט גאָט דען ניט געקענט איינפאַך שענקען דוד'ען זיבעציג יאָהר, און ניט אָפּנעמען זיי ביי אָדם'ען?

— יע, אָבער דאָס איז דאָך מיטאָלאָגיע, און מען דאַרף אין דעם ניט גלויבען, — האָט יעקב אויסגערופען. — דאָס קען מען אָננעמען, ווי די לעגענדע וועגען סאַטורן, וואָס האָט אויפגעפרעסען זיינע אייגענע קינדער.

דער אָנקעל האָט אַ קוק געטאָן אויף יעקב'ען און האָט שטרענג און ערנסט געזאָגט:

— קיין זאַך פון דעם, וואָס איז געשריבען געוואָרען פאַר אידען, קען ניט געהערען צו... ווי איז דאָס וואָרט, וואָס די גוים האָבען דיך אויסגעלערענט? אין אונזערע הייליגע ספרים איז ניטאָ קיין איין וואָרט, וואָס מען זאָל מעגען ניט גלויבען. אויב דו האָסט שוין אַזוי גענומען רעדען, וועסטו שוין אפשר זאָגען, אַז מען דאַרף ניט גלויבען אין יום כפור, אַז מען דאַרף ניט פאַסטען, דאַווענען און מתודה זיין זיך, האַ?

— ניין, — האָט מיט היץ געענטפערט יעקב, — יום כפור איז אַ הערליכער און פּאָעטישער יום טוב! — און אין זיין זכרון זיינען אויפגעשטאַנען בילדער אין פאַרבינדונג מיט דעם גרויסען יום טוב. — שוין צוליעב דעם איין יום טוב לוינט צו זיין אַ איד! ווען דער שופר בלאָזט, און שונאים גיבען זיך איינער דעם אַנדערען די האַנט, — אַ דאַן דאַווען איך און גלויב פיעל הייסער, ווי ווער עס איז, דאַן בין איך שטאָלץ, וואָס איך בין אַ איד!

— יישר כח! אַ שעהנעם דאַנק! — האָט דער אָנקעל אויסגערופען מיט שפּאָט. — איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסען, ווער עס איז ניט שטאָלץ מיט יום כפור? גראָד אין יום כפור האָט דער גרויסער רוימישער קריעגספיהרער פּאָמפּעי גענומען ירושלים מיט שטורם. ווען די ערשטע סאָלדאַטען זיינען דורך די איינגעבראָכענע וואַנט אריין אין בית המקדש און זיינען אָנגעפאַלען אויף די אידישע העלדען, און אַן אויסשלאַכטונג האָט זיך אָנגעהויבען, איז אינוועניג געווען הזכרת נשמות. איין כהן איז צוגעגאַנגען צום כהן גדול און האָט איהם גע־

זאָגט, אז דער שונא איז שוין דאָ, און אז מען וועט אויס־הרג'ענען אַלע אידען. אָבער דער כהן גדול האָט זיך ניט צו־געהערט צו זיינע רעד און האָט רוהיג ווייטער מזכיר נשמות געווען. אין דעם אויגענבליק איז אינוועניג אריינגעקומען פּאָמפּעי, און ווען ער האָט דערזעהן די דאַוונער, וואָס זיינען געווען איינגעהילט אין קיטלען, און האָט דערהערט דעם רוהיגען קול פון כהן גדול, וואָס האָט מזכיר נשמות געווען, אין דער צייט, ווען הארט לעבען איהם האָט זיך געגאָסען בלוט, האָבען זיך געהערט די לעצטע גסיסה געשרייען, און פלאַמען האָבען זיך געהויבען אַלץ העכער, האָט ער שטיל אָפּגעטראָטען און האָט ניט געריהרט ניט די טייערע געשיר פון טעמפּעל, ניט זיינע אוצרות, און פון דאַן אָן איז ער געבליבען א פריינד פון די אידען ביז זיין טויט אין מצרים. אזוי, הייסט דאָס, ביזט שטאָלץ מיט יום כפור? יישר כח! א גרויסען דאַנק דיר! איך וואָלט אָבער געוואָלט וויסען, צו וועט זיך געפינען אזא איד, וואָס וועט ניט שטאָלץ זיין מיט זיין גאַנצער רעליגיאָן?

— געוויס, — האָט יעקב צוגעשטימט, — אין אונזער רעליגיאָן איז פאראַן זעהר פיעל אזוינס, וואָס איז אמת שעהן. אָבער... — האָט ער שטיל צוגעלעגט, — אין איהר זיינען אויך פאראַן זעהר פיעל קאָמישע אַבערגלויבענס...

— יעקב! — האָט דער אָנקעל א געשריי געטאָן. — דו וואַגסט דאָס זאָגען אין מיין הויז! רוף מיר אָן כאָטש עפּעס, וואָס איז קאָמיש. נו, רעד!

— גוט, — האָט יעקב געענטפערט מיט א קוים באַ־מערקבאַרען שמייכעל. — אָט, צום ביישפּיעל, איז קאָמיש, וואָס דו שערסט אָפּ פרייטאָג אָוונד די נעגעל, קלייבסט זיי צונויף און פארברענגסט זיי צוזאַמען מיט א שפּענדעל פון טיש אָדער פון פענסטער.

— עם הארץ! — האָט אויסגערופען דער אויפגעבראַכ־טער אָנקעל. — צו דען פארשטעהסטו ניט, אז איך טו דאָס נאָר דערפאַר, איך זאָל ניט דארפען אין דעם יום הדין, ווען גאָט וועט מיך רופען, לויפען צוזאַמענקלייבען די אָפּגעשני־

טענע נענעל? און די שפענדלעך זײַנען עדות, אַז איך האָב די נעגעל טאַקי פאַרברענט. וואָלסט שוין בעסער געשוויגען, אויב דו פאַרשטעהסט ניט. זעה אקאַרשט, דו זאָלסט ניט דאַרפען אין יום הדין בלייבען אויף דער ערד און צוזאמענקלייבען דאָס, וואָס דו האָסט דאָ איבערגעלאָזען.

מיט די ווערטער האָט זיך דער אָנקעל בייז אָפּגעקערט פון יעקב'ען און האָט געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו די איבריגע:

— רבותי, מיר ווילען בענשען! — און דער דיספוט איז איבערגעריסען געוואָרען.

יעקב האָט שווער געאָטעמט. איהם האָט אויסגעוויזען, אַז די לופט אין צימער איז געוואָרען שטיקענד, אָנגעפילט אינגאנצען מיט אבערגלויבען. איהם האָט זיך ליידענשאפטליך געוואָלט איינאָטעמען די פרישע לופט פון דער שול. נאָך מעהר, ער האָט פּלוצלונג דערפיהלט א בענקשאפט נאָך די חברים, די קריסטען. זיין נשמה האָט זיך געצויגען צו זיי, ווי אַן איינזאמער געפאנגענער בענקט נאָך א מענשליכען קול, וויל אויסרעדען מיט וועמען א וואָרט, כאָטש מיט א פיינד.

יענער אָוונד און יענע נאכט האָבען זיך געצויגען אָהן א סוף, און אויף דעם אנדערען טאָג איז ער אוועקגעלאָפען אין שול, ווי א פויגעל, וואָס מען האָט ארויסגעלאָזען פון שטייג. ווען ער איז אריינגעקומען אין זיין קלאַס, האָט ער געפיהלט אזא פרייד, אז ער איז געווען גרייט ארומצונעמען די חברים, אזוי אנגענעהם איז איהם געווען זיי ווידער צו זעהן. ער איז געווען יונג, אונערפאהרען, און דעריבער איז איהם אפילו ניט איינגעפאלען, אז אנדערע קענען אמאל ניט טיילען זיין פריידיגע שטימונג. ער האָט געוואָרפען אויף אלעמען א פריידיגען, ליעבענדען בליק און האָט א געשריי געטאָן.

— נו, ווי האָט איהר דאָ פאַרבראַכט אָהן מיר?

אך, די איינגלעך האָבען זיך פאַר די עטליכע טעג גאָר ניט געענדערט. איינער פון זיי האָט געענטפערט:

— א דאנק, בענדיקסען! מיר האָבען יעדענפאלס ניט פאַרבראַכט אזוי גוט, ווי דו　דו ביזט דאָך געווען ביים אידי־

שען רב, ער האָט זיך געצערטעלט און געגלעט איבער'ן קעפּעל, און מען האָט דיר געגעבען אַ פּוטערקוכען דערפאר, וואָס דו ביזט געוועזען אַ וואוילער איינגעל און ביזט געגאַנגען אין שול דאַווענען.

אַלע האָבען זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. די אינגלעך האָבען, נאַטירליך, געלאַכט ניט פון בייזקייט, נאָר איינפאַך ווי קינדער, וואָס פרעהען זיך מיט יעדער געלעגענהייט צו לאַכען און שטיפען, אָבער פאַר יעקב'ען איז דאָס געווען גענוג. ער האָט זיך צוזאַמענגעצויגען, מען האָט איהם ווידער דערמאָנט, אַז ער איז אַ איד, אַ פרעמדער. אין האַרצען האָט ער דערפיהלט אַן אונערטרעגליכען וועהטאָג. צום ערשטען מאָל האָט ער ניט גאַנץ קלאָר באַגריפען, אַז ער געפינט זיך צווישען צוויי ברעגען: פון איינעם, זיין אייגענעם, האָט ער זיך אַליין פאַרשטויסען, אויפ'ן צווייטען לאָזען איהם ניט די קריסטען. און ער איז איינזאַם געשוואָומען מיט'ן שטראָם.

— נו, דער איד איז שוין ווידער בייז געוואָרען! — האָט געזאָגט איינער פון די אינגלעך.

XI

ווען יעקב פלעגט איצט קומען פון שול אין הויז פון זיין אָנקעל, פלעגט איהם אויסווייזען, אַז ער געהט אין אַ געפענג־ניס; און ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען, אַז באַלד וועט ער ווידער זיין אין שול, פלעגט אין איהם אויפשטעהן אַ געפיהל פון עקעל. איינמאָל, קומענדיג אַהיים און אויסגעמאַטערטער, מיט אַ צוואוועהטאָגטער נשמה, האָט ער געפונען ביי זיך אויפ'ן טיש אַ בריעף פון פאָטער. דער פאָטער האָט געשריבען וועגען אַלערליי קלייניגקייטען, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו יעקב'ען, און געענדיגט האָט ער מיט דער האָפנונג צו זעהן זיין זוהן אין דער היים נאָכדעם, ווי ער וועט זיך עקזאַמענירען אין פריהלינג. דער געדאַנק, אַז ער וועט באַלד זיין אין דער היים, האָט צוגעגעבען יעקב'ען מוט, — אָט איז ער, דער

שטילער האַפען, וואו ער וועט געפינען רוה און פריעדען! ער האָט פארגעסען די איבערגעלעבטע ביטערע ענטוישונגען און האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן די נייע האָפנונגען מיט דערזעלבער לייכטקייט, מיט וועלכער דער שפּיעלער ווארפט די אַלטע צאָהל און נעמט אַ נייע.

ער האָט אויסגערעכענט די צאָהל פון שטונדען, וואָס זיינען איהם נאָך געבליבען צו זיין אין קאָפּענהאַגען ביז דעם טאָג פון אָפּפאָהרען. דאַן האָט ער אראָפּגערעכענט די שטונדען פון שלאָף, און די איבעריגע האָט ער זיך געמיהט צו פארווילען אין לעזען, לערנען, און ער האָט ניט פארגעסען אראָפּצורעכנען יעדען טאָג, וואָס האָט פארקלענערט דעם טערמין פון זיין געפאנגענשאַפט.

און אָט איז ער אָנגעקומען, דער טאָג פון באפרייאונג. אין אַ בויערשער פוהר איז יעקב געפאָהרען אין קאָרסער. ווען ער איז דערפאָהרען צום ערשטען אָפּשטעל, איז ער ארויסגעשפרונגען פון פוהר און איז אוועק אין פעלד, וואָס ווייטער פון מענשליכע בליקען. דאָרט האָט ער זיך געוואָרפען צו דער ערד און האָט זיך גענומען קייקלען איבער'ן גראָז, מיט אויסגעשרייען פון פרייד. ווען אַ זייטיגער וואָלט דאָס דערזעהן און וואָלט זיך דערוואוסט די אורזאַך פון דער פרייד, וואָלט ער זיך צוואויינט פון מיטלייד: אַ קינד האָט זיך, ווי אַ קליינע חיה, געפרעהט, וואָס עס איז ענדליך אנטלאָפען פון מענשען!

אין ניובאָרג האָט איהם באגעגענט דער פאָטער און האָט איהם אליין אָפּגעפיהרט אהיים. ווען דער עקיפּאַזש האָט זיך אָפּגעשטעלט פאר'ן הויז, איז די מוטער ארויסגעקומען, האָט ארומגעכאַפּט איהר זוהן און האָט איהם כמעט אריינגעטראָגען אין הויז, וויינענדיג פאר פרייד. באַלד איז אויך געקומען אָנקעל יצחק. שפּאַסענדיג ווי געוועהנליך, האָט ער אָנגענומען יעקב'ען פאר'ן אויער און האָט געזאָגט:

— ער איז ווידער דאָ! וואָס דאַרף ער דאָ האָבען?

און קושענדיג זיין נעפּע, האָט ער איהם געגלעט ביים אויער.

יעקב'ס הארץ איז צונאנגען פון די צערטליכקייטן און פון דער ליבע.

אָבער צוויי טעג זיינען אריבער, און אנדערע געפיהלען האָבען ארויסגעשטופט דעם טיפען איינדרוק פון דער ערשטער בעגעגניש אין פאָטער'ס הויז.

פריהער פון אלץ האָט ער ווידער אָפּגעזוכט דעם אָרט אין גאָרטען, מיט וועלכען זיינע בעסטע עריגערונגען זיינען געווען פארבונדען. דאָס איז געווען א ביידעל, פון וועלכען די עלטערען פלעגען געוועהנליך מאכען א סוכה. דאָ פלעגען איהם זיינע טרוימען אוועקטראָגען אין צויבער לענדער. ער פלעגט זיך פאָרשטעלען, אז ער פיהרט זיין פאָלק אין מדבר און זוכט שוץ פון דער הייסער זוהן אונטער דעם שאָטען פון א פאלמע. ער האָט געטרוימט, אז ער וועט ווערען א נביא אין זיין פאָלק. און אָט איז ער איצט ווידער אין דעם ביידעל. ער האָט פארמאכט די אויגען, זיך אויסגעצויגען אויפ'ן באנק און האָט געפּרואווט צוריק ארויסרופען די אלטע טרוימען. אָבער זיי זיינען ניט אזוי שנעל געקומען, און ער האָט זיי ניט אזוי ווארים אויפגענומען. ווייל איצט האָט ער געהאָט פאר זיך שוין אנאנדער ציעל, איצט האָט ער געטרוימט, אז ער וועט גלענצענד אויסהאלטען זיין עקזאמען און וועט באַקומען אן אטעסטאט. און די שאָטענס פון מדבר סני האָבען זיך דאָ, נאטירליך, געפיהלט אונהיימליך. יעקב איז ארויס פון ביידעל מיט דערזעלבער ענטוישונג, מיט וועלכער א מענש כאפּט זיך אויף נאָך אן אנגענעהמען חלום.

איהם האָט זיך דערמאָנט די רוה, וואָס האָט געהערשט אין גאָרטען שבת אין דער פריה, די עהרפורכט, וואָס פלעגט איהם ארומנעמען, ווען ער פלעגט קוקען אויף די רייפע בערען און פרוכט און מורא האָבען זיי אָנצוריהרען, ווייל שבת טאָר מען קיין זאך ניט רייסען אָדער קלייבען. איהם האָט זיך פארוואָלט ווידער דורכלעבען דאָסזעלבע געפיהל, און דעם ערשטען שבת איז ער גאנץ פריה ארויס אין גאָרטען. אָבער ניט דער גאָרטען, ניט די פרוכט האָבען איצט אויסגעזעהן

היילינ, ווייל ער האָט שוין מעהר ניט געהאלטען פאר א זינד אראָפּצורייסען רייפע קאַרשען אום שבת. און ער האָט גע־שמייכעלט, דערמאָנענדיג זיך דעם אמאָליגען אבערגלויבען, און ער איז ארויס פון גאָרטען מיט א שמייכעל אויפ'ן געזיכט און מיט א ביטערען געפיהל אין הארצען.

ער האָט זיך געמיהט דורכצומאכען אלע צערעמאָניען, געוואָלט איינשטעלען כאָטש א וועלכע עס איז הארמאָניע צווישען זיי און זיין קריטיק. דעם מנהג צו וואשען די הענט פאר'ן עסען האָט ער געהאלטען פאר א העכסט היגיענישען. אין דעם, וואָס מען מאכט א ברכה פאר'ן שניידען ברויט, איז געווען פּאָעזיע. און דער מנהג צו באדעקען דעם קאָפּ ביים בענשען פאר און נאָכ'ן עסען איז געווען שעהן, — אזוי האָבען די שפּאַניער באדעקט זייערע קעפּ אין אנוועזענהייט פון זייער קעניג.

איינמאָל אין דער פריה האָט דער פאָטער איהם צוגערופען צו זיך און איהם ערנסט געפרעגט:

— יעקב, מיר דוכט, דו לעגסט מעהר קיין תפלין ניט?

— יע, פאָטער, — האָט יעקב געענטפערט, און א שרעק האָט איהם אָנגענומען פאר דעם, וואָס דאַרף באלד פאָרקומען.

— דו האָסט זיי מסתמא פארגעסען אין קאָפּענהאַגען? אויב אזוי, נעם דערוויל אנדערע, — האָט דער פאָטער געזאָגט.

— זיי ניט אין כעס אויף מיר, פאָטער, — האָט יעקב געענטפערט, און זיין שטים האָט געציטערט. — אָבער איך בעט גאָט אין דער פריה אָהן תפלין.

— וואָס! — האָט דער פאָטער אויסגערופען אין א טאָן פון פארדרוס און כעס. — דו לעגסט מעהר קיין תפלין ניט?... יעקב, מיין זוהן, ווי האָסטו דאָס געקענט מיר פארשאפען אזוי פיעל פארדרוס!?

— פאָטער, — האָט יעקב געזאָגט, — איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלען, אז אום צו רעדען מיט גאָט דאַרף מען ארומוויק־לען א שווארצען רימען זיעבען מאָל ארום א האנט און א רימען

אַרום קאָפּ. גאָט קוקט דאָך נאָר אין הערצער, און אויב אַ האַרץ איז גוט, דאַרף מען ניט קיין תפלין.

— אַ רימען, יעקב! איז דען פאַר דיר תפלין אַן איינ־פאַכער רימען? אויב אַזוי, איז גאָט'ס טעמפּעל פאַר דיר נאָר אַ הויפן שטיינער? זיינען מיר דען מתפלל צו דעם לעדערנעם רימען, און ניט צו גאָט'ס וואָרט, וואָס איז אָנגעשריבען אויף די רימענס? שטעהט דען ניט אין דער גרעסטער תפלה, אין „שמע ישראל", אַז מיר דאַרפען אָט די גרויסע ווערטער לעגען אויף אונזער קאָפּ, האַרץ און האַנט?

— יע, פאָטער, אָבער דאָס דאַרף ניט פאַרשטאַנען ווערען בוכשטעבליך. איך טראָג אין הארצען גאָט'ס ווערטער, ניט קיין פּאַרמענט.

— און דיין ארבע כנפות, יעקב? — האָט דער פאָטער געפרעגט, וועלענדיג שוין אויסטרינקען דעם בעכער ביז'ן דעק.

— איהם האָסטו אויך אַראָפּגענומען?

— יע, — האָט יעקב אַרויסגעמורמעלט, נידערגעשלאָגען פון דעם אויסדרוק פון צאָרן, וואָס האָט צוקרימט דעם פאָטער'ס געזיכט.

פיליפּ בענדיקסען האָט זיך אינגאַנצען אויסגעצויגען, האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און האָט געזאָגט:

— דער איד פייבוש, דער זוהן פון רב בענדיקס, האָט מעהר ניט קיין זוהן. דער זוהן, וואָס ער האָט געהאַט, האָט זיך גע־שמד'ט. ביי דעם קבר פון דעם אידען פייבוש וועט קיינער קיין קדיש ניט זאָגען, קיינער וועט ניט בעטען קיין רוה פאַר זיין נשמה. זיין שטאַם וועט פאַרגעסען ווערען אין פאָלק ישראל, און פאַר דעם אויבערשטען וועט ער זיך אַליין באַשולדיגען, וואָס ער האָט געגעבען לעבען צו אַ זוהן.

דאַן איז ער אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

ביי אַ מינוט איז יעקב געשטאַנען, אינגאַנצען אַ דערשלאָ־גענער פון די ווערטער און פון דער מאַיעסטעטישער פּאָזע, אין וועלכער דער פאָטער, געוועהנליך אַזאַ גוטער און שטילער, האָט זיך אַליין פאַרשאָלטען. אָבער באַלד האָט יעקב דערמאָנט זיך די

אורזאך פון דער דראמאטישער סצענע, — נישטיג איז די אורזאך געווען אין זיין אפשאצונג, — און אלץ, וואס איז גע־שעהן, איז איהם פארגעקומען קאמיש. ער האט ניט געקענט פארשטעהן, ווי דאס האט געקענט זיין, אז ערשט מיט דריי יאהר צוריק האט ער געהאלטען פאר אזוי וויכטיג די תפלין און דעם ארבע כנפות, די סימוואלען פון אידענטום.

לאנג קלערען אזוי האט ער ניט געקענט, ווייל אביסעל שפעטער זיינען אין צימער אריינגעקומען דער פאטער מיט'ן אנקעל. דעם פאטער'ס געשטאלט האט אינגאנצען אויסגעדריקט אונטערגעבענהייט און וועה, און אויפ'ן אנקעל'ס געזיכט האט מען געקענט לעזען די גרעסטע אינערליכע אויפרעגונג.

— דו לעגסט מעהר קיין תפלין ניט, — האט דער אנקעל אנגעהויבען, — טראגסט ניט קיין ארבע כנפות! וואויל, זעהר וואויל! אט אזוי האבען מיר דאס נחת פון דיר! דו עסט מסתמא חזיר אויך... ענטפער, יונגאטש, האסט געגעסען טרפות?

יעקב'ס קניה האבען געציטערט, אבער ער האט געענט־פערט: — יע.

דער אנקעל האט איהם מיט זיין גאנצער קראפט א פאטש געטאן. יעקב האט זיך קוים איינגעהאלטען אויף די פיס, כמעט פארלירענדיג זיין באוואוסטזיין. עס האט גענומען אביסעל צייט, איידער ער איז געקומען צו זיך.

צום ערשטען מאל אין זיין לעבען האט איהם ווער פון זיינע קרובים געשלאגען. ער האט זיך ווילד ארומגעקוקט, ווי וועלענ־דיג געפינען געוועהר. דאן אבער האט ער אנגענומען עפעס א באשלוס און איז שנעל ארויסגעגאנגען פון צימער, דאן פון הויז און ענדליך פון שטאדט און איז אוועק מיט'ן שאסעי. צונויפ־דריקענדיג די צייהן, אהן איין קלארען געדאנק אין קאפ, איז ער שנעל געגאנגען אלץ ווייטער.

אין די ערשטע מינוטען האבען דער פאטער און דער אנקעל, אויפגערעגטע און דערצארענטע, ניט באמערקט, אז ער איז פארשוואונדען. ענדליך איז דער אנקעל צוגעגאנגען צום

פענסטער און האָט ארויסגעקוקט אין גאַס. ניט זעהענדיג דאָרט יעקב'ען, האָט ער זיך אומגעקערט צו פיליפּ'ען און האָט געזאָגט:

— גוט, וואָס ער איז אַנטלאָפען, איך וואָלט איהם דאָ גע־שלאָגען ביז טויט.

— וואוהין איז ער אָבער אוועק? — האָט פיליפּ געפרעגט.

— מסתמא איז ער אוועקגעלאָפען צום ברעג און וועט ניט קומען, ביז מיר וועלען איהם ניט שיקען רופען. וואָס אנבא־טרעפט מיך, מעג ער לויפען כאָטש אין עק וועלט, סאי ווי וועט ער זיך ווען עס איז שמד'ען.

— דו האָסט איהם זעהר שטאַרק אַ פּאַטש געטאָן, — האָט פיליפּ געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט אַ ווײַלע געשוויגען.

— און דו האָסט געוואָלט, איך זאָל איהם נעמען צו זיך אויף די קניה און אַ גלעט טאָן איבער'ן קעפּעל און איהם נאָך זאָגען: „גאָט זאָל דיך בענשען, מיין טייערער! דו זאָגסט זיך אָפּ פון דיין פאָטערס גלויבען, עסט טרפות, פסח האָסטו געגעסען חמץ, כאָטש אין דער תורה שטעהט, אַז אַ איד, וואָס איז אין דעם שולדיג, וועט זיין פארשאָלטען אויף אייביג, פונדעסטוועגען אָבער בלייבסטו מיין ליעבער, טייערער יעקב!" ניט אזוי האָב איך איהם נעדאַרפט זאָגען?

פיליפּ האָט מיט די הענט פארשטעלט זיין געזיכט.

— וואָס זאָל איך טאָן מיט'ן אינגעל? ווי וועל איך ענט־פערען דעם רבונו של עולם, אויב מיין זוהן וועט ווייטער געהן אויף דעמזעלבען וועג? — האָט ער טרויעריג געפרעגט.

— ער איז בר מצוה! דו ביזט פאַר איהם ניט פאַראַנט־וואָרטליך. אויב עס העלפען ניט קיין ווערטער און קיין שטראָף.

— אָבער וואו איז ער אהינגעקומען?

— מסתמא אויפ'ן ברעג אָדער אין גאָרטען. איך וועל שיקען בנימיג'ען איהם אויפזוכען.

אָבער בנימין האָט געזאָגט, אַז ניט לאַנג צוריק האָט ער געזעהן, ווי יעקב איז ארויסגעגאַנגען פון דעם נאָרדליכען טויער פון שטאָדט.

דאָ איז ארייננעקומען די מוטער.

— וואו איז יעקב? — האָט זי אויפגערעגט געפרעגט. — איז דאָס אמת, אז ער איז אַנטלאָפען, ווייל איהר האָט איהם געשלאָגען?

פיליפ און יצחק האָבען זיך דורכגעוואָרפען מיט בליקען.

— דער טויגעניכטס! — האָט דער אָנקעל אַ געשריי געטאָן. — מען האָט איהם געדאַרפט שלאָגען ביז טויט!

די מוטער האָט געוויינט, פאַרדעקענדיג איהר געזיכט מיט די הענט.

— הער אויף צו היצען זיך, — האָט פיליפ געזאָגט. — אזוי קענסטו נאָך טרייבען דעם אינגעל צו עפּעס ערגערס. עס איז ניט גוט, מען זאָל זיך דערוויסען, אז ער איז אַנטלאָפען פון הויז, און פאַרוואָס. וואָס וועלען מיינע קרובים זאָגען? מען מוז איהם ברענגען צוריק און שטילערהייט אָפּשיקען אין קאָ־פּענהאַגען, און זאָל ער דאָרט טאָן, וואָס ער וויל. איך וואַש אָפּ מיינע הענט. איך האָב איהם ערצויגען, ווי אַ אידען.

— אָבער דאָס איז דאָך דיר געקומען דער פאַרפלוכטער געדאַנק צו געבען איהם בילדונג! — האָט יצחק אויסגערופען, געהענדיג צו דער טיר. — בנימין! לויף וואָס שנעלער צו מיר און היים איינשפּאַנען דאָס פערד, און זאָל מען קומען נאָך מיר אַהער!

יעקב האָט שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אויפן שאָסעי אַרום צוויי מייל, ווען דער פאָטער און דער אָנקעל האָבען איהם אַנגעיאָגט. דער פאָטער האָט ווייך געזאָגט:

— יעקב, זעץ זיך מיט אונז, מיר וועלען פאָהרען אַהיים.

יעקב האָט געענטפערט:

— דו האָסט געזאָגט, אז איך בין דיר מעהר ניט קיין זוהן. טאָ לאָז מיר אוועקגעהן און לעבען ווי איך וויל.

— זיי ניט איינגעשפּאַרט, יעקב, — האָט דער אָנקעל אַ געשריי געטאָן. — פאָהר מיט אונז, און אַלץ וועט זיין פאַרגעסען.

— דיר איז לייכט צו זאָגען, אז אַלץ וועט זיין פאַרגעסען, — האָט יעקב געזאָגט, — אָבער פאַרגעס ניט, אז דו האָסט מיך געשלאָגען, יצחק באַמבערגער!

— איך האָב זיך אביסעל צופיעל צוהיצט, יעקב. גו, קום, לאָמיר פאָהרען!

— ניין, טו מיר א טובה, צווינג מיך ניט, איך זאָל נאָך ווען עס איז קוקען אויף דיר. דו האָסט מיך געשלאָגען!

— אינגעל! דיין אַלטער אָנקעל בעט, דו זאָלסט איהם פאַרציייהען, איז דאָס ניט גענוג? — האָט דער אָנקעל אויס־געררופען.

יעקב האָט געפיהלט, אז איצט קען ער מיט עהרע זיך אונ־טערגעבען. אָבער זיין איינגענליעבע און דער גייסט פון ווידער־שפּרוך האָבען איהם געצוואונגען צו געהן ווייטער. דאָ האָט דער פאָטער געזאָגט:

— ווילסטו דען אויף אייביג זיך צושיידען מיט דיין מו־טער? און קיינמאָל זי מעהר ניט זעהן און מיך אויך ניט? אויב אַזוי, לאָמיר זיך געזעגענען, מיין זוהן.

ביי די ווערטער האָט יעקב זיך צואויינט און האָט זיך געזעצט אין עקיפּאַזש.

זיי האָבען זיך אומגעקערט אהיים, און קיינער האָט מעהר ניט גערעדט וועגען דער אורזאַך פון קריעג. אָבער דאָס איז גראָד דער ערגסטער פאמיליען קריעג, ווען מען טאָר ניט דער־מאָנען די אורזאַך.

באַלד האָט יעקב באמערקט, אז ער איז געוואָרען א פרעמ־דער אין זיין אייגענעם הויז. מען האָט איהם געגעבען טרינקען און עסען און אלע באקוועמליכקייטען, מען איז זיך מיט איהם באַגאַנגען, ווי מיט א געווינשטען גאַסט, אָבער ניט מעהר. און דאַן פלעגט ער בלייבען אויסערהאַלב יענעם קרייז פון געגענ־זייטיגער פאַרשטענדניס, וואָס האָט פאַרבונדען דעם פאָטער, די מוטער און דעם אָנקעל. ווי פיינליך ער האָט געפיהלט שוין צוליעב דעם אַליין, וואָס אלע פלעגען גלייך אַנשווייגען ווערען, ווי נאָר ער פלעגט אריינקומען אין צימער!

יעקב האָט געזעהן, ווי טרויעריג זיין פאָטער איז צוליעב איהם, און ער האָט געוואוסט, אז ביי זיין בעסטען ווילען קען ער דעם פאָטער ניט מאַכען פרעהליכער, ווייל ער האָט שוין

טאַרזוכט די פאַרבאָטענע שפּייז; און אפילו ווען ער וואָלט ווידער אָנגעהויבען לעגען תפלין, וועט שוין קיינער ניט גלויבען אין זיין אויפריכטיגקייט.

צו דער מוטער איז ער געווען צוגעבונדען ווי פריהער, ווייל די ליעבע צום קינד איז אין א מוטער'ס הארץ שטארקער פון אַלע אַנדערע געפיהלען, און ער האָט דאָס געפיהלט. איינמאָל אַן אָווענד, איידער מען האָט אָנגעצונדען ליכט, איז ער געזעסען אין מוטער'ס צימער. ער האָט באַשלאָסען צו רעדען מיט איהר וועגען פאָטער.

— דיין פאָטער, — האָט די מוטער געזאָגט טרויעריג, — וועט קיינמאָל ניט אויפהערען צו זיין פאר דיר א ליעבענדער פאָטער. ער וועט פאר דיר טאָן אַלץ, וואָס ער וועט נאָר קאָנען. אָבער זעהענדיג דיך, וועט ער אַלעמאָל טרויערען, ווייל ער ווייס, אז ווען ער און איך וועלען זיך באַגעגענען ביי דעם כסא הכבוד, וועלען מיר אומזיסט דיך דאָרט זוכען. וויין ניט, יעקב. איך וועל פריהער אוועקגעהן, און איך וועל בעטען פאר דיר דעם באַרמ־הערציגען גאָט.

יעקב האָט נאָך מעהר געוויינט. באַלד איז אריינגעקומען דער פאָטער, און יעקב האָט באַמערקט, ווי די מוטער האָט שנעל און ווי ניט ווילענדיג אָפּגענומען די האַנט, וועלכע זי האָט צערטליך געפיהרט איבער זיינע האָר. ער האָט אויסגעווישט די טרערען, און אַן אונגעהויער ביטער געפיהל האָט זיך אריינ־גע'גנב'עט אין זיין הארץ.

ווען די שעה פון אָבשיעד איז געקומען, האָט יעדערער געפיהלט, ווי א שווערער שטיין וואָלט זיך פון איהם אראָפּגע־קייקעלט. שיידען זיך איז געווען שווער, אָבער לעבען אונטער איין דאך איז געווען נאָך שווערער.

שטעהענדיג אויפ'ן דעק פון דאמפער, וואָס האָט איהם אַלץ ווייטער אוועקגעטראָגען פון זיין פאָטער'ס הויז, האָט יעקב זיך געפיהלט היימלאָזער פון די מעווען, וואָס האָבען זיך ארום איהם געטראָגען מיט טרויעריגע געשרייען.

צווייטער טייל

I

אין אווענד פון 28טען אָקטאָבער ...182 איז דאָס הויז פון רייכען נעגאָציאַנט איזראעלסען אין קאָפּענהאַגען געווען העל באַלויכטען. איזראעלסען'ס זוהן איז אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט, און זיין פאָטער האָט צוליעב דעם געמאכט א גרויסאַרטיגען פעסט. אויף דעם רייך געגרייטען טיש האָבען געברענט זילבערנע קאַנדעלאַברען, די אָפּשפּיגלונג פון ליכט האָט שעהן געשפּיעלט אין טייערען קריסטאַל. אויסער דעם נעגאָציאַנט'ס פאַמיליע, איז די געזעלשאַפט באַשטאַנען פון עטליכע קריסטען, צווישען וועלכע עס זיינען געווען צוויי יונגע לייט, וואָס האָבען זיך אויף יענעם טאָג עקזאַמענירט אין אוניווערסיטעט, א אידישער סטודענט פון העברעען קורס און יעקב בענדיקסען.

ווען אלע האָבען זיך געזעצט צום טיש, און די געסט האָבען אויף דער אויפפאָדערונג פון בעל הבית געווענדט זייער אויפמערקזאַמקייט אויף די שפּייזען, האָט איזראעלסען אָנגעפילט זיין גלאָז און אויסגערופען:

— מיר וועלען טרינקען פאַר מיין זוהן'ס וואוילזיין, ווייל ער האָט זיך היינט דערשלאָגען דאָס גליק צו זיין א סטודענט!

אַן אַלגעמיינער „הורא" האָט אָפּגעהילכט, און דער בעל שמחה אליין האָט מיטגעשריען.

אביסעל שפּעטער האָט זיך אויפגעהויבען איינער פון די געסט, דער יונגער ווילהעלם פאַנגעל, און אלע האָבען דערהערט אזא טאָסט:

— מיט דעם ווירט'ס ערלויבנים שלאָג איך פאָר, מיר זאָלען טרינקען פאַר'ן וואוילזיין פון נאָך א סטודענט און אָנהויבער, וואָס האָט זיך ערוואָרבען די העכסטע לויב, — יעקב בענדיקסען!

צום ערשטען מאָל אין לעבען האָט יעקב באקומען אזא עהרע. אמת, דעמזעלביגען טאָג האָט דער רעקטאָר פון אוני־ווערסיטעט אויסגערופען זיין נאָמען אין קירך; אָבער יענע אויסצייכנונג איז געווען געזעצליך און זיין רעכט, ווייל ער האָט אזוי גוט אויסגעהאַלטען זיין עקזאמען. דאָ אָבער האָבען מענ־שען, וואָס ער האָט געאַכט, איהם געעהרט פון זייער אייגענער איניציאַטיוו; דאָס איז געווען באזונדערס אנגענעהם פאר זיין אייגענליעבע. ער איז אויפגעשטאַנען, און באריהרענדיג מיט זיין גלאָז די אנדערע גלעזער, האָט ער געוואָרפען א שנעלען, אָבער אויפמערקזאמען בליק אויף פאנגעל'ס געזיכט, ווי ער וואָלט גע־וואָלט אויף אייביג איינהאַלטען אין זכרון די געזיכטס־צוגען פון אָט דעם מענשען.

— די העכסטע לויב ? — האָט דער נעגאָציאַנט געפרעגט, ווען אלע האָבען זיך אוועקגעזעצט. — וואָס מיינט דאָס, די העכסטע לויב ?

— דאָס מיינט, — האָט איינער פון די געסט געזאָגט, — אז בענדיקסען האָט אזוי גוט אויסגעהאַלטען דעם עקזאמען, אז בעסער קאָן שוין ניט זיין, די צייכענס, וואָס ער האָט באקומען, זיינען העכער פון די העכסטע.

— אהרן, — האָט געזאָגט דער נעגאָציאַנט, זיך ווענדענדיג צו זיין זוהן און קוקענדיג אויף איהם זעהר ערנסט, — פארוואָס האָסטו ניט באקומען די העכסטע לויב ? האָב איך דען אויף דיר ניט אויסגעגעבען אזוי פיעל געלט, וויפיעל בענדיקסען'ס פאָטער האָט אויסגעגעבען אויף איהם ? הייסט פארוואָס זשע האָב איך ניט באקומען דעמזעלביגען פארגניגען פון מיין געלט ?

נו, — האָט דער זוהן געערגערט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, — דערפאר האָט דאָך בענדיקסען מעהר גאָרניט געטאָן, ווי נאָר געלערענט זיך.

— און האָסטו דען ניט געקענט נאָר לערנען זיך ? וועסטו אפשר זאָגען, אז דו ביזט געווען באשעפטיגט מיט נאָך עפּעס, פוילענצער דו איינער ! — האָט דער פאָטער געשריען.

— איך בין גאָר ניט קיין פוילענצער, — האָט דער זוהן פינסטער געענטפערט, צומישט פון זיין פאָטער'ס באַנעמונג.

דאָ האָט זיך אריינגעמישט ווילהעלם פאַנגעל:

— איהר זייט אונגערעכט צו אייער זוהן, הער איזראַעלסען. עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אז ער האָט אויך געלערענט פלייסיג. אָבער גאָט שענקט דאָך ניט קיין פעהיגקייטען אלעמען גלייך.

— איהר זייט גערעכט, הערר פאַנגעל, — האָט דער פאָטער געענטפערט אין א פריעדליכען טאָן. — איהר זייט א זעהר נאָכדענקענדער יונגער מאַן... אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, האָבען נאָך א סך באַקומען אַזאַ אויסצייכנונג, אויסער בענדיקסען'ען?

— ניין, ער איז דער איינציגער.

איזראַעלסען'ס אויגען האָבען גענומען בליצען, און ער האָט געזאָגט:

— ער איז דער איינציגער, וואָס האָט באַקומען די הויכע אויסצייכנונג, און ער איז א איד!

ער איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך געווענדט צו בענדיקסען'ען:

— איך טרינק אייער געזונט! איך וואָלט געווען גליקליך, ווען איהר וואָלט געווען מיין זוהן! מיינע יונגע פריינד! — האָט ער נאָך א ווייַלע שווייגען געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו די סטודענטען־קריסטען: — זייט וויסען, אז ווען אַן עלטערער איד שטעלט זיך אויף פאר א יונגען, גיט ער איהם מיט דעם אָפּ דעם גרעסטען כבוד. איהר האָט געזעהן, אז איך בין אויפגעשטאַנען פאר בענדיקסען'ען. מיין זוהן איז א פערד!

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דעם נעגאָציאַנט'ס רעד זיינען געווען שפּאַסהאַפט, איז אין דעם טאָן פון דעם אַלטען געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט פאַרכאַפּט יעקב'ען, און זיינע אויגען זיינען כמעט אָנגעפילט געוואָרען מיט טרערען. ווילהעלם פאַנגעל איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט און האָט אויסגעשריען:

— הערר איזראַעלסען! דאָ זייט איהר רעקטאָר מאַגני־

פיקום! איהר פארטיילט די גאר העכסטע לויבען און טאדלונגען! לעבען זאל רעקטאר איזראעלסען!

אלע האבען געשריען „הורא!" און געכאפט די גלעזער.

— איהר זייט שוין לאנג געווען אין טעאטער? — האט ראזא, דעם ווירט'ס עלטערע טאכטער, געפרעגט א סטודענט, וואס איז געזעסען לעבען איהר.

— צום באדויערען, שוין לאנג, ווייל איך האב פאר דעם עקזאמען געמוזט פלייסיג לערנען.

— איהר האט ניט געזעהן „בלאנקא"?

— ניין, פריילייך איזראעלסען.

— מען זאגט, אז דאס איז א גרויסארטיגע זאך.

— און איהר האט דאס אויך ניט געזעהן?

— ניין. ווייל איך האב נאר א פערטעל פלאץ. און דעריבער מוז מיר גאר אויסערגעוועהנליך אפגליקען, אז איך זאל קענען זעהן די פיעסע.

— א פערטעל פלאץ? — האט דער סטודענט פארוואונדערט אויסגערופען, אפמעסטענדיג מיט א בליק די גאנץ היבשע פיגור פון זיין שכנה. — דאס דארף זיין זעהר אונאנגענעהם.

— איהר פארשטעהט, מיר זיינען פיער שוועסטער, און מיר האבען נאר איין פלאץ. ווירקליך, פאטער, דו וואלסט גע־מעגט נעמען נאך א פלאץ, — האט זי זיך געווענדט צום פאטער, ווארפענדיג אויף איהם א בליק פול מיט פארוואורף.

— דיר איז גוט צו רעדען, — האט דער נעגאציאנט גע־ענטפערט. — א פלאץ קאסט געלט. אט בארעכען אליין: פיער מארק און ניין מאנאטען... וויפיעל וועט דאס זיין — פיער מאל ניין? — האט ער געפרעגט זיין אינגסטען זוהן, געבענדיג איהם די געלעגענהייט זיך צו איבען אין רעכנען.

— פיער מאל ניין?... צוויי מארק און פיער!

אייניגע פון די אנוועזענדע האבען זיך צולאכט. אבער דער פאטער האט זיך געווענדט צו זיין שכן און האט שטיל געזאגט:

— נו האט דאס דער אינגעל א קאפ! מיט גאט'ס הילף, ער וועט מיר נאך פארשאפען א סך נחת. ער וועט זיך ניט

לערנען, וועט ניט גנב׳ענען ביי גאָט צייט און ביי מיר געלט. ער וועט באַקומען זיין העכסטע לויב, ווי אַ סוחר... אָבער איך זעה, אז קיינער עסט ניט און טרינקט ניט! ביטע, אָהן צערע־מאָניען, עסט און טרינקט וויפיעל איהר ווילט! בענדיקסען, טרינקט, עסט! דאָס וועט אייך צוניץ קומען נאָך אזויפיעל לערנען. איך האָף צו זעהן אייך אָפט ביי מיר אין הויז!

בענדיקסען האָט הארציג געדאַנקט פאַר די איינלאַדונג.

— וואָס מאַכט אייער פאָטער? — האָט דער נעגאָציאַנט געפרעגט. — איך געדענק איהם גוט, איך פלעג אָפט אריינקומען אין אייער זיידען׳ס הויז.

— אַ דאַנק, ער איז געזונט.

— און אייער מוטער? זי איז דאָך, דוכט זיך, די טאָכטער פון דעם אַלטען רב נתן און פון גיטעל, דער שוועסטער פון פיליפ הערץ׳ס פרוי? — האָט דער בעל הבית געפרעגט.

— מיין מוטער איז געשטאָרבען, — האָט יעקב געענטפערט.

דעם נעגאָציאַנט׳ס פּנים האָט זיך גלייך געענדערט און איז געוואָרען טרויעריג. ער האָט באַדעקט דעם קאָפּ און האָט שטיל אַרויסגערעדט: ברוך דין אמת!

אַלע מיטגליעדער פון זיין פאַמיליע האָבען אַ קוק געטאָן אויף יעקב׳ען מיט מיטגעפיהל.

— ווען איז זי געשטאָרבען, מיין אָרימער בענדיקסען? — האָט דער נעגאָציאַנט געפרעגט.

— מיט דריי מאָנאַטען צוריק, — האָט געענטפערט יעקב, פאַרבייסענדיג די ליפּען, אום זיך ניט פאַנאַנדערצוּוויינען.

— אָרימער יונגערמאַן!... פון וואָס איז זי געשטאָרבען?

יעקב האָט גענומען פאַרלירען זיין זעלבסט קאָנטראָל. צום גליק האָט איינער פון די געסט אונגערן אָפּגערוקט זיין שטוהל, און דער בעל הבית האָט זיך דערמאָנט, אז עס איז צייט אויפ־צושטעהן פון טיש. ער איז אויפגעשטאַנען, אַלע האָבען נאָכ־געטאָן זיין ביישפּיעל און זיינען איבערגעגאַנגען אין גאַסט־צימער.

יעקב איז געוועזן שלעכט געשטימט: דעם ווירט׳ס זוהן,

דער נייער סטודענט, איז געווען בייז, דער בעל הבית אליין איז געווען אין א פינסטערער שטימונג. ווען א איד הערט וועגען דעם טויט פון אנאנדער אידען, פיהלט ער, ווי מיט איהם אליין וואלט געשעהן אן אונגליק. ער קוקט אויף זיך און אויף זיין פאלק, ווי אויף גאט'ס אויסערוועהלטע, אבער אין דערזעלבער צייט ווייס ער, אז ער האט א שרעקליכען פיינד, וואס גאט אליין קען ניט באזייטיגען, צוליעב א וועלט געזעץ; דער פיינד איז — דער טויט. און אט האט דער פיינד באזוכט זיין גע־מיינדע און האט זיך גענומען א קרבן. דער מלאך המות איז געווען אין זיין געמיינדע, איז אפשר געפלויגען איבער זיין קאפ. ווען וועלען זיינע אייגענע פאר'יתום'טע קינדער דארפען רייסען קריעה? ווען וועט אויך ער אליין קומען אין באריהרונג מיט דער פינסטערער מאכט און וועט אוועקגעטראגען ווערען צו קבר אבות, צו יענעם געהיימניספולען לעבען? קומען זיך דען ניט צוזאמען די טויטע אין קברות שטוב מתפלל צו זיין, ווען מען באגראבט א פרומען? און דערהערען זיך דען ניט דארט צווישען זיי פארשטיקטע אויסגעשרייען פון צארן, ווען מען וויל צווישען זיי מקבר זיין א זינדיגען? יע, דארט געהט אן א באזונדער לעבען, און אט דאס געהיימניספולע לעבען נאכ'ן טויט רופט ארויס אין יעדען אידען עהרפורכט. אבער די קריסטען גלויבען דאך אויך אין דעם! אנדערש וואלטען זיי ניט געדארפט מורא האבען, ווען זיי געהען בייננאכט פארביי א בית עולם. זייערע געשפענסטער — דאס איז דאך אויך א לעבען נאכ'ן טויט...

די געסט זיינען זיך צוגאנגען אהיים. יעקב איז ארויס־געגאנגען צוזאמען מיט דעם אידישען סטודענט, וואס האט דעם גאנצען אווענד ניט ארויסגערעדט קיין ווארט. דעם סטודענט'ס נאמען איז געווען מארטין לעווי.

— דער נעגאציאנט איזראעלסען איז אביסעל א רויהער מענש, — האט לעווי געזאגט, — אבער מען מוז זיין גערעכט צו איהם: זיין קיך איז אויסגעצייכענט.

— נו, און איך געפין, אז ער איז א גוטמוטיגער מענש, — האט יעקב געזאגט.

— איהר האט באמערקט זיין פרוי? זי האט געשוויגען, ווי זי וואלט אנגענומען א פולען מויל מיט וואסער. און ווען זי האט אפגעגעסען, האט זי צונויפגעלעגט די הענט און האט גענומען דרעהען די גראבע פינגער, ווי אן אידיאטין.

— ווארשיינליך איז זי איינפאך ניט געוועהנט צו דער געזעלשאפט פון קריסטען, — האט יעקב באמערקט.

— און די טעכטער — אמת'ע פיער גראציען! — איינע דיקער פון דער אנדערער

— הערר לעווי, — האט יעקב געזאגט, — איך האב ניט די געוועהנהייט צו רעדען שלעכט וועגען א מענשען, ביי וועמעס טיש איך האב געגעסען.

— נו, איך האב גאר קיין שלעכטס ניט געוואלט זאגען. איהר ווייסט דאך, אז אידען האבען ליעב אביסעל צו בארעדען איינער דעם אנדערען. דערצו נאך האב איך דעם גאנצען אווענד געשוויגען, און מען דארף איצט אניאגען.

— אמת, איהר זייט געווען זעהר שווייגעדיג. פארוואס?

— איידער איך וועל אייך ענטפערען, וויל איך וויסען, צו איהר זייט ניט אין באזונדערע פריינדליכע באציהונגען מיט איזראעלסען'ס פאמיליע. און צו איהר זייט ניט אזא הייסער איד, אז איהר פארטיידיגט אידען אלעמאל און ביי יעדער זאך.

— ניט דאס ערשטע, ניט דאס אנדערע! אין איזראעל־סען'ס הויז בין איך איצט געווען צום ערשטען מאל. דעם אמת זאגענדיג, ווייס איך אפילו ניט, פארוואס זיי האבען מיך איינ־געלאדען. מיט דעם זוהן בין איך קוים באקאנט. נו און וואס אנבאטרעפט אידען, וואלט איך געוואלט זיין מיט זיי פיעל נאהנטער, ווי איך בין געווען ביז איצט.

— זעהר שעהן. איך האב דאס אלץ געוואלט וויסען, ווייל איך האב ניט געוואלט אייך באליידיגען. איך בין דארט געזע־סען די גאנצע צייט, ווי אויף שפילקעס. איך האב יעדע מינוט געציטערט, טאמער וועט הערר איזראעלסען זאגען אדער טהאן עפעס אונפאסיגעס, וועט מיט זיין טאקטלאזיגקייט ארויסרופען א קליינעם סקאנדאל, וואס וואלט געמאכט אן אונאנגענעהמען

איינדרוק אויף די קריסטליכע געסט. און צו וואס לאדען גאר איין אזעלכע אידען קריסטען צו זיך? איך האלט, אז א פאר־איינינונג פון אזא מין אידענטום מיט קריסטענטום איז זעהר אונבאקוועם. אין אזא געמישטער געזעלשאפט פיהל איך זיך זעהר שלעכט: עס פעהלט די איין אטמאספער, וואס פארבינדט אלעמען, אין וועלכער מען וואלט געקאנט פריי אטעמען. פאר־שטעהסטו איין זייט, פארשטעהסטו שוין אבער אין גאנצען ניט די אנדערע זייט. ניין, איך וויל זיין אדער אויסשליסליך אין א קריסטליכער געזעלשאפט, אדער אויסשליסליך אין א אידישער. אין ביידע פיהל איך זיך אויסגעצייכענט. מיר, אידישע סטו־דענטען, זיינען אמפיביען, וואס קאנען זיין אי צווישען אידען, אי צווישען קריסטען.

יעקב איז געוועזען איבעראשט צו הערען, ווי אנאנדערער זאגט ארויס זיינע געדאנקען וועגען אידען און קריסטען. א מינוט האט ער געשוויגען, דאן האט ער געזאגט:

—אמפיביען. איהר זאגט, די אידישע סטודענטען זיינען אמפיביען? און מיר ווייזט אויס, פארקערט, אז גראד מיר זיי־נען דאס געגענטייל פון אמפיביען. פארלאזענדיג אונזער איי־גענעם עלעמענט, זיינען מיר איבערגעגאנגען אין אנאנדערען, וואס פאסט ניט פאר אונזער נאטור.

— אך, דאס איז ניט מעהר ווי פאנטאזיען, — האט לעווי אויסגערופען. — דאס ווייזט נאר אוים אזוי, ביז מען געוועהנט זיך איין צו זיין אין דער און אין יענער געזעלשאפט. ווען מען נעמט ניט אלץ אזוי שטארק צום הארצען, און מען מאכט זיך אמאל ניט הערענדיג, איז גאר אפילו אנגענעהם צו דרעהען זיך דא און איין עלעמענט, דא אין זיין היפוך. אט ביזטו א פיש, און אט — גאר א פויגעל. אלץ ווענדט זיך אן דער שטימונג.

— איהר האט מסתמא א גליקליכען כאראקטער, — האט יעקב באמערקט.

— יע, געוויס. קומט אריין צו מיר, מיר וועלען פאר־ברענגען צוזאמען.

— און איהר קומט אויך אריין צו מיר. אט דא וואוין איך.

— גוט! מאָרגען קום איך צו אייך, אויסצורויכערען מיין ערשטע ליולקע, איידער איך געה אין שפּיטאָל. און איצט א גוטע נאכט! א דאנק פאר די אנגענעהמע געזעלשאפט.

— איך דאנק אייך אויך! א גוטע נאכט.

* * *

אין עטליכע טעג ארום, איינמאָל אין דער פריה, האָט זיך אין יעקב'ס צימער ארייגגעריסען ווי א שטורעם איינער פון זייע קוזענען, אפילו ניט אָנקלאַפּענדיג פריהער אין טיר. ער האָט אפילו ניט געגריסט און האָט גלייך אויסגעשריען אין דער גרעסטער אויפרעגונג.

— געה צום פּאָטער! דער רב האָט געשיקט רופען איהם און דיך!

— צו וואָס זאָל איך געהן צום רב? — האָט יעקב גע־פרעגט. — איך האָב מיט איהם קיין געשעפטען ניט.

— וואָס האלטסטו זיך אזוי גרויס? — איז דער קוזען אויפגעבראכט געוואָרען, — דו האָסט קיין געשעפטען ניט מיט'ן רב? איז מסתמא האָט ער עפּעס א געשעפט מיט דיר. ער וויל דיך זעהן.

טיף אין הארצען איז יעקב געווען געשמייכעלט פון דער איינלאָדונג. דאָס האָט באוויזען, וואָס פאר א שטארקען איינ־דרוק עס האָט געמאכט אויף די אידען דאָס, וואָס א יונגער איד פון דער פּראָווינץ האָט אזוי גלענצענד אויסגעהאַלטען דעם עקזאמען אין אוניווערסיטעט. אָבער פון יוגענדליכער איינגענליעבע, אָדער אפשר וועלענדיג אביסעל זיך רייצען מיט'ן קוזען, האָט ער געזאָגט אין א גלייכגילטיגען טאָן:

— גוט, איך ועל קומען.

— און אין אָווענד מוזטו געהן צום סוחר בערנבוים. מען האָט צו אונז געשיקט א שליח מיט דער איינלאָדונג, ווייל מען האָט ניט געוואוסט דיין אדרעס.

— איך מוז? — האָט יעקב געפרעגט.

— ווי גרויס דו ביזט דאָס ביי זיך געוואָרען, זיגט דו ביזט געוואָרען א סטודענט! פאראן מיט וואָס צו שטאָלצירען!

איך וואָלט געוואָלט זעהן דעם מענשען, וואָס ווערט ניט גע־ריהרט און איז ניט דאַנקבאַר פאַר אַן איינלאַדונג פון דעם רייכען בערנבוים! אָבער געה ניט, געה ניט, מיין דאגה!

און מיט די ווערטער איז ער ארויסגעלאָפען.

קומענדיג צו אָנקעל מאַרקוס, האָט יעקב געפונען זיין טאַנטע ביי דער אַרבייט. זי האָט געהאַלטען אין פּרעסען אַ רייכען זשאַבאָ. ווען דאָס זשאַבאָ איז געווען פאַרטיג, האָט זי עס אָנגעטאָן אויף יעקב'ען, האָט אַריינגעשטעקט אין די שפּיצען מאַרקוס'עס דימענטענע שפּילקע און האָט באַגלייט דעם נעפּע ביז צו דער טיר, אָפּרייניגענדיג דעם לעצטען שטויב פון זיינע קליידער.

מאַרקוס האָט מאַיעסטעטיש מאַרשירט פאָראויס מיט אַ שטאָלצען אויסדרוק אויף זיין געזיכט.

„איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר אויגען די אַנדערע אידען וועלען אויסשטעלען פרייטאָג, ווען זיי וועלען זיך דערוויסען, אַז דער רב האָט מיך איינגעלאַדען צו זיך“, — האָט ער גע־טראַכט.

יעקב איז געגאַנגען שוויינענדיג און האָט געקלערט וועגען דעם, וואָס דער רב וועט איהם זאָגען. וואָס מעהר ער האָט זיך דערנעהנטערט צום רב'ס הויז, אַלץ מעהר איז ער דורכ־געדרונגען געוואָרען פון אַ מורא און עהרפורכט. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיין שכל האָט איהם געזאָגט, אַז ער איז גע־רעכט, האָט איהם זיין געוויסען געמאַטערט, און ער האָט זיך געגרייט אויסצוהערען די פראַגען און דעם אורטייל פאַר דעם, וואָס ער ערפילט ניט די געבאָטען פון דער רעליגיאָן.

זיי האָבען זיך אויפגעהויבען אויף סקריפּענדע טרעפּ און זיינען אַריינגעקומען אין פּאָרהויז, וואו דער גבאי האָט זיי באַ־געגענט. ער האָט זיי אַריינגעפיהרט אין אַ צימער, וואו זיי האָבען דערזעהן דעם רב זיצענדיג און לייענענדיג דעם חומש.

מען האָט לאַנג געדאַרפט וואַרטען, ביז דער רב האָט אויפ־געהויבען זיין קאָפּ. אָבער דערווייל האָט יעקב באַהערשט זיין אויפרעגונג און האָט שוין געקענט רוהיג באַטראַכטען דעם רב.

אויף זיין בלייכען געזיכט מיט דער גרויער באָרד, אויף דעם גאנצען אויסערליכען אויסזעהן פון דעם זקן און אויף זיין סביבה, ניט קוקענדיג אויף די באשיידענהייט און אפילו אָרימ־קייט, איז געלעגען דער שטעמפעל פון פריעדען און רוה. יעקב׳ען האָט שטארק א ציה געטאָן צו אָט דער רוה, ווי עס ציהט צו אן איינזאמען פייערעל אויפ׳ן ברעג אין צייט פון א ים שטורעם. ער האָט געזעהן, אז אין אָט די וועגט זיינען צווייפלען קיינמאָל ניט אריינגעדרונגען. אן איינזאמער, אין דער געזעלשאפט פון גאָט, אָפּגעזונדערט דורך זיין ריטואל פון דער גאנצער קריסטליכער וועלט, האָט אָט דער זקן געלעבט אין א גייסטיגען כנען.

— אך, ווען איך וואָלט נאָר געקענט זיין אזא איד, ווי ער!״ — האָט יעקב א טראכט געטאָן מיט א זיפץ.

ענדליך האָט דער גבאי זיך ערלויבט צו דערנעהנטערען זיך צום רב און האָט איהם געזאָגט שטיל אויפ׳ן אויער, אז די איינגעלאַדענע זיינען געקומען. דער זקן האָט פרום זיך געזעגנט פאר׳ן ספר, איידער ער האָט זיך פון איהם אָפּגעקערט, און האָט זעהר פריינדליך געזאָגט צו די געסט:

— ברוך הבא!

ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָהנטער צו איהם, האָט ער ארויפגעלעגט אויף זיי זיינע הענט, האָט זיי געבענשט און געבעטען זיך זעצען. נאָכדעם האָט ער געווענדט אויף יעקב׳ען א פאָרשענדען בליק, האָט לאנג פון איהם ניט אראָפּגענומען די אויגען, איהם איז, ווייזט אויס, שווער געוועז אָנצוהויבען מיט דעם יונגען מאן דעם געשפּרעך. ער האָט זיך אליין ניט אָפּגעגעבען קיין גענויען חשבון אין זיין פארלאנג צו זעהן דעם יונגען מאן, וועמען די קריסטען האָבען אויסגעצייכענט. אין איהם איז פּלוצלונג אויפגעשטאנען אן אונקלאָר געפיהל, אז אָט דער שפּראָצלינג פון זיין פאָלק איז פול מיט א פרעמדען גייסט, וואָס ער קען ניט פארשטעהן, ניט אָפּשאצען. דער אנקעל איז געזעסען ווי אויף שפּילקעס, דער גבאי איז גע־שטאנען ביי דער טיר און האָט געשוויגען. ענדליך איז דער־

רב אויפגעשטאנען, האט גענומען א גרויסען רויטען עפעל און האט איהם געגעבען יעקב'ען מיט די ווערטער:

— פארגעס ניט צו לעגען תפלין.

און ער האט זיך ווידער אומגעקערט צום חומש. די אוידיענץ איז געווען געענדיגט.

דאס אלץ איז פארגעקומען אזוי שטיל און איז געווען אזוי אונגעוועהנליך, אז יעקב'ען האט אויסגעוויזען, ווי דאס וואלט געווען א חלום. ווען דער רב האט אפגעשטעלט אויף איהם דעם בליק פון זיינע קלארע גוטע אויגען, האט יעקב דערפיהלט, אז דער זקן קוקט איהם אריין טיף אין הארצען. אבער דער אויסדרוק פון דעם רב'ם אויגען איז געווארען אלץ מעהר אונפארשטענדליך, און יעקב'ען האט גענומען אויסווייזען, אז די דיסטאנץ צווישען איהם און אט דעם מענשען וואקסט אלץ מעהר און מעהר. און ווען די טיר אין צימער האט זיך פארמאכט, און דער גבאי האט זיי ארויסגעפיהרט פון פארהויז און האט זיך מיט זיי געזעגענט און איז אוועקגעגאנגען, האט יעקב געפיהלט, ווי ער וואלט דא נאר וואס געהאט א באגעגניש מיט דעם אידענטום, און נאך אומזיסטע באמיהונגען צו פארשטעהן איינער דעם אנדערען, זיינען זיי זיך פאנאנדערגעגאנגען אין פארשידענע ריכטונגען, ניט קומענדיג צו קיין שלום.

דער אנקעל האט איבערגעריסען זיינע געדאנקען, באמערקענדיג מיט ערגערניס, וואס ער האט קוים געקענט באהאלטען:

— וואס פאר א זאנדערבארע מאניער ביי דיר איז צו רעדען מיט א רב!

— איך האב דאך אבער קיין איין ווארט ניט ארויסגערעדט, אנקעל!

— דאס איז דאך דאס! — האט דער אנקעל אויסגערופען. — וואס הייסט דאס אזוינס, זיצען און קוקען אויפ'ן רב און ניט ארויסרעדען קיין איין ווארט?

— וואס זשע, דענקסטו, האב איך איהם געדארפט זאגען? לערען מיך.

ביי די ווערטער איז מארקוס אין כעס געווארען, האט זיך

אפגעשטעלט און געזאגט, אונטערשפארענדיג די זייטען מיט די הענט:

— דארף איך, הייסט דאס, דיך לערנען, ווי צו רעדען מיט א רב?! אט פארוואס דיין פאטער האט דיר געגעבען בילדונג! אט פאר וואס ער האט אויף דיר געלט אויסגעגעבען!

— געווים האט מיין פאטער ניט פאר דעם מיר געגעבען בילדונג, — האט יעקב געענטפערט און איז געגאנגען ווייטער.

— יעקב, יעקב! — האט דער אנקעל געזאגט, אניאגענ־דיג איהם. — דו ערלויבסט זיך אפצושפאטען פון מיר! דיר ארט ניט פאר'ן רב, ניט פאר דיין אנקעל, אפשר ניט פאר דיין פאטער אויך. דו ביזט געווארען א גוי! דער סוף וועט זיין, אז דו וועסט זיך שמד'ען... איבריגענס, וואס רעג איך זיך אזוי אויף? וואס געהט דאס מיר אן? דו ביזט ניט מיין זוהן... א דאנק גאט!

— הער אויס, אנקעל! — האט יעקב געזאגט. — איך וויל זיך מיט דיר ניט קריגען. איך האב געוואוינט אין דיין הויז, און דו ביזט געווען פריינדליך צו מיר, און דערפאר קוק איך ניט אזוי אויף דיינע באליידיגענדע ווערטער. זיי אבער גערעכט און זאג: וועגען וואס האב איך געקענט אנהויבען רעדען מיט'ן רב? האב איך דען ניט געדארפט ווארטען, ביז ער וועט אליין אנהויבען רעדען מיט מיר?

— אך, דאס איז ניט וויכטיג! — האט דער אנקעל גע־ענטפערט. — די הויפטזאך איז, וואס דו ביזט געווארען א גוי! איך האב דאס שוין לאנג באמערקט, אבער איך האב וועגען דעם ניט געוואלט רעדען. אבער וואס ארט דאס מיר? דו ביזט בר מצוה, און איך האב איבער דיר קיין דעה ניט. אבער איך ראט דיר, צוליעב דיין אייגענעם וואוילזיין: קער זיך אום, ווען עס איז נאך ניט שפעט! וועה איז דעם, וואס פארלאזט דעם נאמען פון ישראל, — גלויב מיר!... קריגען זיך... צו וואס זאלען מיר זיך קריגען? דו ביזט מיין ברודער'ס זוהן, די טיר פון מיין הויז איז פאר דיר אפען, ווי אלעמאל. ווילסט איצט אריינגעהן צו אונז?

— ניין, א דאנק, אנקעל. איך האב מורא, אז די טאנטע וועט מיך אויך טאדלען, ווען זי וועט זיך דערוויסען וועגען באזוך ביי דעם רב. אט נעם צו דיין שפילקע. א דאנק פאר די געפעליגקייט.

— ארימע שפילקע! — האט דער אנקעל געזאגט, קוקענ־דיג אויף איהר. — ווען מען האט זי ארייגעשטאכען אין זשא־בא, איז קיינעם ניט איינגעפאלען, אז אונזער באזוך ביים רב וועט זיך אזוי טרויעריג ענדיגען!

— אך, אנקעל, די שפילקע האט שוין געוויס ניט וואס צו באקלאגען זיך. זי איז דאך טאקי געווען נאר פאר דעם צוועק, מען זאל אויף איהר קוקען, ניט רעדען מיט איהר.

— אפלאכער! — האט דער אנקעל ניט ווילענדיג א שמייכעל געטאן און איז אריין אין הויז.

* * *

אין אוונד איז יעקב געגאנגען צו דער אונבאקאנטער פאמיליע פון דעם רייכען. איהם איז געווען אונהיימליך און ער האט זיך אביסעל געשראקען.

ווען ער איז אריינגעקומען אין זאל, וואו די געסט זיינען שוין געווען פארזאמעלט, איז די ווירטין איהם געקומען אנט־קעגען, זאגענדיג:

—איהר זייט ווילקאמען, העדר בענדיקסען! מיך פרעהט זעהר אייך צו זעהן. די טירען פון אונזער הויז זיינען ברייט אפען פאר יעדען געלעהרטען, מעג ער זיין יונג אדער אלט. איהר וועט דא בעגעגנען א סך אזעלכע מענשען, און איך וועל זיי אייך פארשטעלען. זעצט זיך, ביטע! מיר הערען א פארלעזונג.

יעקב האט זיך פארנייגט, האט גענומען א שטוהל און זיך אוועקגעזעצט, ביים רונדען טיש זיינען געזעסען די ווירטין, איהרע פיער טעכטער, צוויי זיהן, א יונגער אידישער סטודענט, וואס איז אהער געקומען איין מאל א וואך צו מיטאג, און דער אנגעשטעלטער אין דעם נעגאציאנט'ס קאנטאר, — ער האט דאס פארגעלעזען. דער נעגאציאנט בערנבוים אליין איז געזעסען ביים אויווען און האט פריעדליך גערוהט. א ביסעל ווייטער פון

מיש זיינען געזעסען נאך צוויי אידישע סטודענטען, און אביסעל שפעטער איז אריינגעקומען לעווי.

— וואו האבען מיר זיך אפגעשטעלט? — האט די ווירטין געפרעגט.

— אויף „כא“, — האט געענטפערט דער קלערק. — איך האב אנגעמערקט מיט'ן נאגעל.

— און ווער זאגט „כא“?

— נורעדין.

— א יע, איך געדענק! נו לעזט ווייטער.

דער קלערק האט פארגעלעזען „אלאדין“ אין פונקט דעמזעלבען טאן, ווי דאס וואלט געווען א קאסע בוך, און דערצו נאך מיט א שטארקען אידישען אקצענט. אבער יעקב האט אלץ געפיהלט, אז ער איז א גאסט, ער האט געפיהלט אזוי פיעל אכטונג צו דער גאסטפריינדליכער פאמיליע, אז אלץ איז געווען פאר איהם שעהן. באלד האט ער זיך שוין צוגעהערט צו דער פארלעזונג, ווי מען הערט א שעהנע מעלאדיע, אפילו ווען זי ווערט שלעכט געשפיעלט. די סטודענטען ביים פענסטער האבען זיך שטיל דורכגערעדט און געלאכט.

די איינטאניגע פארלעזונג איז אזוי אנגעגאנגען אהן שטערונג, ביז דער קלערק איז נים דערגאנגען צום ארט, וואו נורעדין שלאגט פאר זיינע נייע מעשענע לאמפען פאר אלטע. דא האט דער פארלעזער באשלאסען, אז מען דארף מאכען אביסעל פארשיעדענארטיגער זיין איינטאניגע פארלעזונג, און די ווערטער: „ווער וויל אויסבייטען אלטע מעשענע לאמפען אויף נייע“? האט ער אויסגעשריען מיט זיין גאנצער קראפט, וועלענדיג נאכמאכען דעם טאן פון די גאסען פארקויפער.

דער געשריי האט אויפגעוועקט דעם ווירט. ער האט זיך אויסגעריבען די אויגען און האט געזאגט:

— א זאנדערבארער האנדעל! וואס פאר א נאריש בוך לעזט איהר דאס?

— אך, איך בעט דיך, פארדארב אונז נים דאס עסטעטישע פארגניגען! — האט די פרוי געזאגט געערגערט. — לעז ווייטער!

און ווידער האָבען זיך געהערט איינטאָניגע קלאַנגען.

דער נעגאָציאַנט האָט געפּרוּאווט ווידער איינשלאָפען, אָבער דאָס איז איהם ניט געלונגען, דאַן איז ער אויפגעשטאַנען האָט א ווײלע געקוקט אויף זיין פרוי און געשוויגען און דאַן געזאָגט:

— שטעל זיך פאָר, רבקה, א פוהר האָט היינט איבערגעפאָה־רען רפאל ליבמאַנ׳ען אויף טויט. מען זאָגט אז זיין פאַמיליע איז אין א שרעקליכער לאגע. ער האָט דאָך אזויפיעל קליינע קינדער.

— בארמהערציגער גאָט! — האָט די פרוי אויסגעשריען.

— וואו איז דאָס געשעהן?

— אויף קניפעלסברא. איך האָב זיך דערוואוסט וועגען דעם אויף דער בערזע, אָבער איך האָב דאָס דיר ניט געוואָלט באלד דערצעהלען.

די פרוי האָט א ווײלע געשוויגען און אין גאַנצען פארגעסען אָן דער פאָרלעזונג, ווי זי וואָלט זיך אין געדאנק איבערגעטראָ־גען צו דער אונגליקליכער פאמיליע. דאַן האָט זי שטיל געזאָגט עפּעס דער טאָכטער, און ווען יענע איז ארויסגעגאַנגען, האָט זי געבעטען פאָרטזעצען די פאָרלעזונג.

— ווען באלד זיין טיי? — האָט א ביסעל שפּעטער גע־פרעגט דער בעל הבית.

— מיר ענדיגען שוין באלד, — האָט די פרוי געענטפערט,

— אהרן, אייל זיך צו אביסעל!

איינער פון די סטודענטען האָט געזאָגט „העי!“ ווי ער וואָלט דאָס אונטערגעטריבען א פערד. און ווירקליך, דאָס לעזען איז איצט אוועק אין א גאַלאָפּ. און ווען דער פאָרלעזער איז גע־קומען צו די לעצטע ווערטער, האָט ער זיך אין פולען לויף פלוצלונג אָפּגעשטעלט, ווי א פוהר, וואָס האָט פארטשעפּעט מיט א ראַד א בוים. מען האָט אפילו געפיהלט, ווי די פוהר האָט א ציטער געטאָן.

מען האָט געבראַכט טיי און צובייסען.

— וואָס פאַר א וואונדערליך ווערק! — האָט דיווירטין געזאָגט. — א קלאַסיש ווערק!

— ענטשולדיגט, מאַדאַם! — האָט געזאָגט איינער פון די סטודענטען, א יוריסט, צוגעהענדיג צום טיש. — אין דעם ווערק זיינען פונדעסטוועגען פאַראַן א סך פעהלערען. איך וועל נאָר ציהען אייער אויפמערקזאַמקייט אויף אייניגע פונקטען, און איהר וועט זיכער איינשטימען מיט מיר. דאָס ערשטע, וואָס איך פאָדער פון א פּאָעט, איז אמת און טרייהייט צום לעבען. עס איז צום ביישפּיעל נויטיג, אז א מאַטראָס זאָל רעדען ווי א מאַטראָס, ניט ווי א פּראָפעסאָר.

— יע, דאָס איז גאַנץ ריכטיג! — האָט די ווירטין גע־ענטפערט.

— איך פאָדער אויך אז א מענש פון מזרח זאָל רעדען ווי אַן אָריענטאַלישער מענש, און ער זאָל זיך אזוי האַלטען. ער דאַרף ניט... ערלויבט מיר, גיט מיר אויף א ווייל דאָס בוך... דאָס ווערק לאָזט אייך ניט זיך אין גאַנצען איבערגעבען דער אילוזיאָן, ווייל דער געזונטער פאַרשטאַנד ווערט יעדע מינוט אויפגערעגט. מוסטאַפא, מאַרגיאַנא, נורעדין, אלאדין הערען אויף אויף יעדען טריט צו שפּיעלען די ראָל פון אָריענטאַלישע מענשען און רעדען ווי עכטע קאָפּענהאַגענער... וואָס זאָגט איהר וועגען דעם, הער בענדיקסען? בין איך ניט גערעכט?

יעקב האָט אונוויליג געענטפערט:

— דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך ביז איצט ניט באמערקט די פעהלערען, וועגען וועלכע איהר רעדט, ווי איך האָב ניט באמערקט די פלעקען אויף דער זון, ביז די אסטראָנאָמען האָבען ניט געווענדט אויף דעם מיין אויפמערקזאַמקייט.

— איהר שטודירט אסטראָנאָמיע? — האָט שנעל געפרעגט די ווירטין.

די צוויי סטודענטען ביים פענסטער האָבען אויסגעפּלאַצט אין געלעכטער. די ווירטין האָט זיך אומגעקערט צו זיי, און טרערען האָבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען:

— גאט מיינער, וואס האב איך אזוינס געזאגט, אז איהר זאלט פון מיר לאכען? — האט זי געפרעגט.

די סטודענטען זיינען רויט געווארען און האבען פארזיכערט, אז זיי האבען ניט פון איהר געלאכט.

די ווירטין האט זיך אבגעקערט פון זיי א בארוהיגטע און האט געזאגט צו איסאקסען׳ען:

— עס קען זיין, אז „אלאדין“ האט די אלע פעהלערען, וואס איהר האט דערמאנט. אויסער דעם לעזט אהרן אזוי שלעכט, אז א סך זאכען בלייבען אונבאמערקט... אהרן, דו וואלסט זיך גע־דארפט לערנען פארלעזען מיט מעהר געשמאק... אבער וואס אנבאטרעפט דעם אויטאר, מוז איך דאך זאגען, אז ער איז א פעהיגער יונג! אמת, צייטענווייז איז ער אונגאטירליך און געהט ווי אויף שטאלצעס, און אפשר זיינען טאקי פערסישע מעשיות ניט זיין ספעציאליטעט. בעסער וואלט געווען, ווען ער פארנעמט זיך מיט דענישע אדער רוימישע לעגענדען.

— יע, האט איסאקסען געזאגט, — אט צום ביישפיעל, די לעגענדע וועגען אמור און פסיכעע.

— אמור און פיסעקעע? — האט די ווירטין א געשריי געטאן. — מיר האבען טאקי גראד ניט לאנג וועגען דעם גע־רעדט.

— ענטשולדיגט, מאדאם, — האט איהר איסאקסען אפ־געשעמעלט, — ניט פיסעקעע, נאר פסיכעע.

— דאס איז שרעקליך, ווי איהר לערענט דאס מיך היינט!

— האט די ווירטין אויסגערופען געערגערט. — איך רעד ארויס דאסווארט, ווי עס ווערט געשריבען.

— ניין, מאדאם, איהר זאגט פיסעקעע, און מען דארף זאגען פסיכעע.

— הערט שוין אויף א מאל מיך לערנען! — איז די וויר־טין אויפגעבראכט געווארען — איהר קענט דאך ניט ארויס־רעדען דאס ווארט קענען דעם געזונטען פארשטאנד. ניט אמת, אהרן, מען דארף דאך זאגען פיסעקעע?

— יע, איך לעז אלעמאל פיסעקעע, — האט אהרן געענט־פערט.

— איך פארזיכער אייך, מאדאם...

— איהר זייט איינפאך אונהעפליך, העך איסאאקסען! און נאך אין מיין אייגענעם הויז... איהר מיינט איינפאך, ווייזט אויס, אז אויב איהר זייט א סטודענט, שטעהט איהר שוין איבער אלע חכמות! נו, וועגען דעם...

— און איהר, פרוי בערנבוים, מיינט, אז אויב איהר האט אביסעל מעהר געלט, ווי מיינע עלטערען, מעגט איהר מיך שוין באהאנדלען ווי איך וויים ניט וועמען! — האט איסאאקסען גע־זאגט, נעמענדיג זיין הוט. — אבער איהר וועט שוין מעהר קיינ־מאל ניט ליידען פון מיין אנוועזענהייט! און דאך, זאל דאס זיין מיין לעצט ווארט. וואס מיר איז דא באשערט צו זאגען: פסיכעע, און ניט פיסעקעע! אדיע!

קיינער פון די אנוועזענדע האט שוין ניט געקענט באַ־גייען דעם אונטערבראכענעם געשפרעך און פארגלעטען דעם אונאנגענעהמען איינדרוק פון דער לעצטער סצענע. אייניגע פון די געסט האבען זיך דורכגעווארפען מיט א פאר באמער־קונגען, האבען א ביסעל גערעדט וועגען וועטער, און באלד נאכדעם זיינען אלע ארויסגעגאנגען.

לעווי און בענדיקסען זיינען ארויסגעגאנגען צוזאמען. אפגעהענדיג עטליכע טריט, האט בענדיקסען געזאגט:

— א זאנדערבארע געזעלשאפט! ווירקליך, מען קען מיי־נען, אז דאס איז א הויף פון א וועלכען עס איז נעגערשען קייז־זעריל אויפ׳ן אינזעל האיטי. מען זאגט, אז זיי באציערען זיך דארט אויף דעם אונגעלומפערטסטען אופן: איינער געהט מיט עפאלעטען אויף די אקסלען, אבער אינגאנצען א נאקעטער; אנאנדערער געהט ארום אין הויכע קאוואלעריע שטיוועל און אין א פארוק, אבער אהן הויזען; א דריטער איז צופריעדען מיט א פאר שפארען, וואס זיינען צוגעפעסטיגט צו די הוילע פיס. דא האבען זיך אלע אויסגעפוצט אין עסטעטישע בילדונג: אי־סאקסען — אין א פראנזאאישען פארשטעהן אלץ מיט דער גאנ־

צער טרוקענקייט, די ווירטין — אין א סענטימענטאַלען ניט פארשטעהן, און איהרע זיהן און טעכטער האָבען, ווייזט אויס, אפילו קיין שפּאָרען זיך ניט צוגעטשעפּעט צו די נאקעטע פּיס.

— דאָס איז אַ זעהר געלונגענער פאַרגלייך, — האָט לעווי לאַכענדיג געזאָגט. — אין דער געזעלשאַפט, וואו מיר זיינען נאָר וואָס געווען, איז אין דער אמת'ען אַלץ עפּעס אונגעלומפּערט. אָבער, — האָט ער ערנסט צוגעגעבען, — מען קען דאָך ניט פאָדערען, אַז בילדונג זאָל אַריינדרינגען אין אידישע פאַמיליען, ביז וואַנען מיר, וואָס געהען פאַראויס, וועלען ניט באשאַפען אַ נייע פאַמיליען לעבען.

— אמת, מיר פאַרדריסט, וואָס איך בין דאָרט געווען!

— האָט יעקב געזאָגט. — אויף מיר האָט געמאַכט אַ שווערען איינדרוק די אויפפיהרונג פון יענעם יונגען אידען. וואָס דענ־קען וועגען אונז די קריסטען, ווען זיי קומט אוים צו זעהן אַזעלכע סצענען?

— איך קען אויך ניט זאָגען, אַז מיר איז דאָס געווען אנ־גענעהם צו זעהן... — דאָ האָט לעווי זיך פּלוצלונג הויך צו־לאַכט. — ווירקליך, דאָס איז קאָמיש, — האָט ער געזאָגט, ווען יעקב האָט מיט פאַרוואונדערונג אַ קוק געטאָן אויף איהם, — קאָמיש, וואָס כמעט אַלעמאָל הויבען מיר אָן זעהר ערנסט רעדען וועגען אונזער „נאַציאָן"! סטודענטען־קריסטען, ווען זיי געהען פון געסט, וואָלטען מסתמא גערעדט וועגען קאָרטען, וויין, פרויען, ווי עס פּאַסט פאַר פאַרגינפטיגע יונגע לייט... איבריגענס, — האָט ער געזאָגט נאָך אַ ווײַלע שווייגען, — דאָס איז אַ באַווייז, אַז מיט די אידען האַלט נאָך גאָר ניט אַזוי שלעכט. אַט טאַקי אונזער זאָרג און וועה פאַר אידען ווייזט, אַז אין אונזער פאָלק איז אויפגעשטאַנען אַ נייער גייסט. וואַרט! אידען וועלען זיך נאָך אַרויסווייזען! אונזער איצטיגע בילדונג איז אַ טעמפּעל, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרען אין איילעניש. ער איז ווייט פון אויסוועניג, אינוועניג אָבער איז אין איהם נאָך דאָ אַ סך אַרבייט. אין צוואַנציג־דרייסיג יאָהר אַרום, ווען די קרעפטען, וואָס האָבען איצט גענומען ריהרען

זיך, וועלען זיך אָפּשטעהן, וועלען מיר דאָך צווינגען די קריסטען אונז צו אַכטען!

— הלואי זאָל דאָס זיין אַזוי! — האָט יעקב געזאָגט. — מיין איינציגער פאַרלאַנג איז אויסצוקעמפען זיך אַזאַ אָרט ג׳וויישען זיי, אַז זיי זאָלען מיך אַכטען.

— נו, אַזאַ אַמביציאָן איז ניט שווער צו באַפרידיגען, — האָט באַמערקט לעווי.

— ניין, עס איז גאָר ניט אַזוי לייכט, ווי באַשיידען אַזאַ אַמביציאָן זאָל ניט זיין! — האָט יעקב געענטפערט מיט אַ זיפץ.

— אָבער מיר האָבען זיך שוין צופיעל פאַרטיפט אין דעם! — האָט לעווי אויסגערופען. — היינט אָוועגד וויל איך זיין פרעהליך און זאָרגלאָז. קומט אריין אין אַ קאָנדיטעריי.

II

איינמאָל איז לעווי אריינגעקומען צו יעקב׳ען און האָט געהאַט דערביי דעם אויסזעהן פון אַ מענשען, וואָס האָט זיך באַפרייט פון אַ שווערער לאַסט, און ער קען איצט פריי אָטמען.

— גוט מאָרגען! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — גיט מיר אַ ליולקע! מען האָט מיך אויף אַכט טעג באַפרייט פון שפּיטאָל, איך זאָל אין דער צייט קענען שטודירען אַנאַטאָמיע. אָבער היינט וויל איך אַביסעל אָפּרוהען. אָט פאַרוואָס איך בין אריינגעקומען צו אייך. מיר וועלען אַביסעל פּלוידערען, דאַן וועלען מיר צוזאַמען ארויסגעהן. גוט? אָבער וואָס פאַר אַ גע־זיכט איהר האָט דאָס! איך האָב אייך שוין פיעלמאָל געזעהן אַ זויערען, אָבער אַזוי גרינדליך זויער זייט איהר נאָך קיינ־מאָל ניט געוועזן. ביי אייך איז מסתמא דער מאָגען ניט אין אָרדנונג, אָדער דער גאָל פּענכער פונקציאָנירט ניט ווי געהעריג. מעגליך, אַז דער לעבער איז אין אַ שלעכטען צושטאַנד. ווייזט נאָר אייער צונג.

— נעמט די ליולקע, לעווי, אָבער הערט אויף וויצלען זיך.

איך בין היינט פאר דעם ניט אויפגעלעגט.

— איהר האָט געהאט אן אונאנגענעהמליכקייט? איז עפּעס געשעהן? — האָט לעווי געפרעגט ערנסט.

— אייך קען איך דאָס זאָגען, לעווי. איהר וועט מיך פאר־שטעהן. יע, יע, איך וויל ענדליך אַלץ ארויסרעדען! דאָס דריקט מיך צופיעל.

— גאָט מיינער, וואָס איז געשעהן? אפשר גאָר ליידען פון ליעבע?

— יע, איך לייד פון ליעבע, — האָט יעקב ערביטערט גע־ענטפערט. — אָבער דאָס ערגסטע אין דעם איז דאָס, וואָס אין אָט דער ליעבע איז פאראן אזוי פיעל האס. אָ יע, מיינע ליידען קען מען אָנרופען ליידען פון ליעבע! מיין פארשטאַנד, מיין נשמה, מיינע סימפּאַטיען זיינען אויף דער זייט פון די קריסטען. און ווירקליך, מיר דוכט, אז איך וואָלט געווען פעהיג צו געהן אין דער שפּיץ פון אן ארמיי און באָמבארדירען קאָפּענהאַגען, נאָר אום צו באַקומען זייער ליעבע.

— אזא פאַל איז נאָך אין מיין פּראַקטיק ניט געווען, — האָט באַמערקט לעווי.

— לאַכט ניט אָפּ פון מיר, ווען אפילו איך ווייז אייך אוים קאָמיש. איך בין צו אויפגערעגט צו וועגען מיינע ווערטער.

— אָבער זאָגט דאָך, אום גאָטעס ווילען, וואָס האָט מען אייך געטאָן? און ווער האָט אייך אזוי טויטליך באַליידיגט?

— דאָס איז אַן אַלטע וואונד, מיר דוכט, אז איך האָב זי באַקומען נאָך ווען איך בין געבאָרען געוואָרען. דאָס אָפּשפּאָטען פון אידען האָט מיר פארשאַפט ליידען אַמאָל, און איצט ווידער־האָלט זיך דאָס. די סטודענטען טהוען ווייטער, וואָס די שילער פון דער עלעמענטאַרער שול האָבען אָנגעהויבען. היינט האָבען די סטודענטען גענומען ווארפען פּאַפּיר קייקעלעך איינער אין אַנדערען, און כאָטש איך האָב זיך אין שפּיעל ניט באַטייליגט, האָבען די קייקעלעך גענומען האָגלען אויף מיר. אין אָנהויב האָב איך געמיינט, אז דאָס איז אונגערן, שפּעטער אָבער האָב איך דערהערט, ווי דאָ איינער, דאָ אַנאַנדערער האָט שטיל גע־

זאָגט: „ציעל אין דעם אידען!" איך האָב זיך געמאַכט ניט הערענדיג און האָב אַלץ געדולדיג איבערגעטראָגען. אָבער דאָ האָט איינער אַ וואָרף געטאָן אין מיר אַ שטיקעל האָלץ און האָט מיר געטראָפען אין רוקען. איך האָב געכאַפּט דאָס שטיקעל האָלץ און האָב מיט מיין גאַנצער קראַפט דאָס אַ שליידער געטאָן אין די גרופּע סטודענטען. איך האָב געטראָפען איינעם אין קאָפּ, און ער איז אַוועקגעגאַנגען. דאָס האָט אָפּגענומען ביי מיר יעדען פאַרלאַנג צו באַזוכען די קאָרפּאָראַציאָן. די קריסטען פאַרשטעלען מיר דעם וועג אין אוניווערסיטעט, ווייל איך בין אַ איד. מיט וואָס האָב איך זיך פאַרשולדיגט, מיט וואָס האָב איך פאַרדיענט אַזאַ שפּאָט? זיי זיינען דאָך ער־וואַקסענע. האָבען זיי דען ניט אויף אַזוי פיעל שכל צו אנער־קענען, אַז די וויסענשאַפט איז אונזער געמיינשאַפטליכע מוטער, אַז מיר זיינען ברידער?...

— יע, אָבער די ברידער וואַרפען איינער אין אַנדערען שטיקער האָלץ...

— אַך, הערט אויף, לעווי! — האָט יעקב אויסגערופען. — אויב איהר טיילט ניט מיינע געפיהלען, זאָגט דאָס, וועל איך מעהר ניט רעדען.

— אָפענהערציג גערעדט, קען איך גאָר ניט פאַרשטעהן. ווי אַזוי איהר ווילט זיך אויסשליסען פון דער קאָרפּאָראַציאָן צוליעב חוצפה'דיגע אינגלעך. פיעל פאַרנינפטיגער וואָלט געווען צו קוקען זיי רוהיג אין די אויגען.

— אַך, לעווי, ווי פאַרשטעהט איהר דאָס ניט, אַז דאָס האָט פאַר מיר אַ פיעל טיפערע באַדייטונג. איהר מיינט דאָך ניט, אַז מיין ערביטערונג איז אַ רעזולטאַט פון דער געשיכטע מיט דעם שטיקעל האָלץ, וואָס מען האָט מיר געוואָרפען אין רוקען? דאָס איז, פאַרשטעהט זיך, אַ נאַרישקייט, אָבער דער פאַל האָט מיר דערמאָנט אָן דעם אונגליק, וואָס הענגט איבער מיר און איבער אייך, לעווי. אָן אונגליק, וואָס ווערט אויסגע־דריקט אין דעם איין וואָרט: איד! פאַרוואָס זייט איהר ניט געוואָרען, ווי אייער פאָטער, אַ שוחט? פאַרוואָס בין איך ניט

געבליבען אין מיין פאטער'ס געשעפט? פארוואס האט זיך אונזער גייסט אפגעריסען פון דעם הויז, וואו ליעבע האט אונז ארומגערינגעלט, און האט גענומען זוכען פארוואנדשאפט מיט דעם גייסט פון די קריסטען, וואס שטויסען אונז אפ פון זיך מיט פאראכטונג? פארגעסען דען ווען די קריסטען דעם אידען אין א מענשען? איז דען דער באגריף „איד" פאר זיי ניט א סינאנים פון עפעס ספעציפישעס? ווירקליך, מען קען מיינען, אז דאס ווארט איז אויסגעברענט ביי אונז אויפ'ן שטערן, אויב מען דערמאנט אונז ווענען דעם ביי יעדער געלעגענהייט!

— איהר זייט גערעכט. אבער איך בין שוין געוועהנט צו דעם. דאס ריהרט מיך שוין גאר ניט.

יעקב האט געשוויגען, אן אויסגעמאטערטער און אויפגערעגטער.

— הערט, בענדיקסען! — האט ענדליך אויסגערופען לעווי, און א ציטער פון די מוסקעלען אויף זיין געזיכט האט ארויסגעוויזען די אויפרעגונג אין איהם. — איך פארשטעה אויסגעצייכענט, אז צווישען אייך און מיר איז א גרויסער אונטערשיד. איך בין ארים. ווייל איך האב געמוזט זארגען ווענען טעגליכען ברויט און ווענען דער צוקונפט, האב איך איבערוועלטיגט די עמפינדליכקייט, וואס האט אויך מיין נשמה אנגעפילט, כאטש ניט אין אזא מאס, ווי ביי אייך. דערצו בין איך נאך א פרעהליכער און נאכגעביגער. איהר אבער זייט א היציגער, א טרוימערישער, און אויסערדעם פארשטעלען ביי אייך ניט די זארגען ווענען טעגליכען ברויט אלע אנדערע אונאנגענעהמליכקייטען. איהר מוזט אננעמען אן ערנסטען און פעסטען באשלוס, איהר קענט ניט, ווי איך, זיין גלייכצייטיג אין צוויי ספערען, איהר מוזט אויסקלייבען די אדער יענע. זייט א איד, גיסט זיך צונויף מיט אידען, שטודירט די אידישע טעאלאגיע און ווערט א רב.

— דאס איז אונמעגליך! — האט יעקב היציג אויסגערופען. — איך לייקען דאך אפ דעם גרעסטען טייל פון אידישען ריטואל. וועל איך דען בויען מיין צוקונפט אויף פאלשקייט

און ליגען? און אויסערדעם קען איך דאך אויך ניט צונויפ־גיסען זיך מיט די אידען. פאר א גליקליכען צוזאמענלעבען איז נויטיג א גלייכהייט אין בילדונג. וועט איהר דאך מיר ניט ראטען צו באזעצען זיך אין א קליינעם פארוואָרפענעם שטעד־טעל אין דער געזעלשאפט פון שניידער און שוסטער, מעגען זיי אפילו זיין ליעבליכע און גוטמוטיגע מענשען? מיט מיין בלוט ליעב איך די אידען, אבער מיין נשמה לעבט זיך ניט איין מיט זיי. איך האָב א קריסטליכע נשמה, און זי שטרעבט מיט אן אונבאוואוסטער קראפט צו עהנליכע מענשען.

— אויב אזוי, ווערט א קריסט! טויפט זיך!

— לעווי, איהר רעדט דאך דאס ניט ערנסט. טויפען זיך! זיך אפזאָגען פון דער פארגאנגענהייט, פון דער קינדהייט... טויפען זיך! אויף א געמיינעם אופן אנטלויפען פון דער רייה אין צייט פון שלאכט! ווייל קיינמאל האָב איך ניט געפיהלט אזוי קלאר, ווי איצט, אז עס קומט פאר א קאמף א פיעל ערנ־סטערער, ווי דער קאמף איבער מיין קליינער פערזאָן. ווען מיר, וואס געהען פאראויס פון אונזער פאָלק א דאנק אונזער בילדונג, וועלען עס פארלאָזען, וועלען איהם בלייבען נאר די נידריגערע עלעמענטען, און די קריסטען וועלען עס אינגאנצען בייקומען, און זייערע פארפאָלגונגען וועלען האבען א בארעכטיגונג. ניין, איך וויל קעמפען מיט די קריסטען, איך וויל זיי צווינגען, זיי זאָלען אין מיר אנערקענען דעם מענשען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס איך בין א איד! מעג איך פאלען אין דעם קאמף — איך וויל זיך איהם איבערגעבען אינגאנצען!...

— בענדיקסען, בענדיקסען! — האט לעווי אויסגערופען,

— אין אייער שטימונג איז פאראן עפעס שרעקליכעס!

— א, איך פיהל איצט אזוי פיינליך, ווי איך האס זיי! לאָזט מיר לייכטער מאכען מיין הארץ און אויסרעדען אפען: איך האָב געהאלטען פאר די גרעסטע עהרע, פאר א טובה, ווען ווער עס איז פון זיי פלעגט צוזאמען מיט מיר איבערגעהן א גאס! איז דען פאראן א האס, וואס איז גענוג שטארק און ברענענד, אז ער זאל קענען אויסקויפען אזא ערנידריגונג!

— און איך האב געהערט, אז די סטודענטען־קריסטען באשולדיגען אייך, אז איהר זייט שטאלץ און ניט צוגענגליך, אז איהר האט זיך איינגעשלאסען אין זיך אליין! — האט לעווי אויסגערופען.

— יע, ווייל אין מיין ערנידריגונג האב איך מורא געהאט צו דערנעהנטערען זיך צו זיי! ווייל איך האב פון זיי ערווארט דעם ערשטען טריט מיט פונקט אזוי פיעל שרעק און בענקשאפט, ווי א קנעכט ערווארט א פריינדליכען בליק פון זיין האר... איך בין א באליידיגטער, זיי דארפען מאכען דעם ערשטען טריט.

— דענקט איהר דען, אז יעדער קריסט געדענקט אייביג די גדריקטע לאגע פון די אידען אזוי העל, ווי איהר?

יעקב האט געשוויגען.

— זייט גערעכט, — האט לעווי ווידער גערעדט. — איך האב אייך פארגעשלאגען צוויי וועגען. איצט זעה איך, אז נאך א דריטער וועג איז פאראן. נעמט מיר פאר א ביישפיעל, ווארפט אוועק אייערע צווייפלען און פארקערט אין דער געזעלשאפט פון קריסטען. פארוואס ווילט איהר זיך ניט צונויפקומען מיט מענשען, וואס ווייזען אייך אפען ארויס זייער סימפאטיע? לאמיר נעמען, צום ביישפיעל, ווילהעלם פאנגעל. ער רעדט אלעמאל וועגען אייך מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט, ער איז איינפאך פארליעבט אין אייך. פארוואס געהט איהר איהם ניט אנטקעגען? איהר ווילט קעמפען פאר אידען. אבער ווי אזוי וועט איהר קעמפען? איז דען פאראן א בעסער געוועהר, ווי זעלבסטבאהערשונג? דער זיכערסטער מיטעל איז א דערנעהנטערונג פון אייך מיט קריסטען און פון קריסטען מיט אייך. מיר, אידישע סטודענטען, דארפען שטעהן אין שפיץ פון אט דעם קאמף — דאס איז אמת. מיר וועלען געהן פאראוים צו די קריסטען און וועלען זיי לערנען ליעבען אין די אידען דאס, וואס אין אונז איז גוט... נו, קומט... נעמט אייער הוט, מיר וועלען געהן אין די כירורגישע אפטיילונג. דארט וועלען מיר געפינען פאנגעל'ען און אנדערע. איך וועל זיין אייער ארצט און אפילו אייער אפטייקער און בארמהארציגע

שוועסטער. ניט נאָר וועל איך אייך פאַרשרייבען אַ מעדיקאַ־מענט, נאָר איך וועל דאָס אַליין פאַר אייך מאַכען. נו, קומט דאָך!

יעקב איז געווען אונענטשלאָסען.

— בענדיקסען! — האָט לעווי געזאָגט. — איצט דאַרף איך שוין רעדען מיט אייך ערנסט. איך עפען אויף פאַר אייך די טיר צו מענשען. אפשר וועלען מיר זיך שוין מעהר ניט בעגעגנען אין אַזאַ שטימונג, ווי היינט. אפשר וועל איך שוין מעהר ניט פיהלען אַזאַ שטאַרקען פאַרלאַנג אייך צו העלפען, ווי איצט. באַנוצט זיך מיט דער געלעגענהייט, ווייל די טיר וועט זיך פאַרמאַכען.

יעקב האָט שווייגענדיג גענומען זיין הוט און איז אַרויס־געגאַנגען מיט לעווי.

III

צווישען די סטודענטען פון קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט צייכנען זיך די מעדיצינער באַזונדער אויס מיט זייער פרעה־ליכקייט און מיט דעם, וואָס זיי האַלטען, אַז זיי שטעהען העכער פון אַלע פאָראורטיילען. אין אַ מענשען זעהען זיי נאָר אַ מעהר אָדער ווייניגער גוטען מענשען, און אַמאָל אפשר אַ מעהר אָדער ווייניגער גוטען טויטען קערפּער. אויב דעם אידישען טיפּוס קען מען היילען מיט דיזעלביגע מעדיקאַמענטען, ווי דעם קריסט־ליכען, אויב אָפּזעגען אַ אידישען פוס איז ניט שווערער, ווי אָפּ־זעגען אַ קריסטליכען פוס, אויב אפילו די מוסקעלען און נערוועז זיינען פאַנאַנדערגעטיילט ביי דעם אידען פונקט ווי ביי דעם קריסטען, איז דאָך ניטאָ קיין מינדסטער גרונד צו מאַכען אַן אונטערשיעד צווישען קריסט און איד. די אַרבייט ביי די מע־דיצינער איז אַזאַ, אַז זיי קומען אין ענגערע באַציהונגען איינער מיט'ן אנדערען, ווי סטודענטען פון אנדערע פאַקולטעטען. צו־ליעב דעם, וואָס זיי שטעהען שטענדיג פאַר לעבען און טויט, קראַנקהייט און ערהאָלונג, זיינען זיי מעהר לעבענסלוסטיג און

זארגלאז, מעהר געזעלשאפטליך, ווי די סטודענטען פון אנדערע פאקולטעטען.

יעקב האט זיך זעהר שנעל צוזאמענגעלעבט מיט אט די פרעהליכע מענשען. די אפטע באגעגנישען מיט די חברים אין שפיטאל, וואו וויסענשאפטליכע דיספוטען זיינען געווען איבער־געמישט מיט פרעהליכע וויצען, האבען געפיהרט צו דעם, אז ער זאל ענדליך זיך באטייליגען אין יענעם סטודענטישען לעבען, וואס האט אלעמאל געהאט פאר איהם אזא באזונדערען צויבער. דאס באוואוסטזיין, אז ער איז א חבר צווישען חברים, האט אויף איהם געהאט א באזונדערס גוטע ווירקונג.

אזוי האט ער פארבראכט זיין ערשטען יאהר אין אוניווער־סיטעט. נאך דעם צווייטען עקזאמען איז עפעס ארויסגעקומען גאנץ נאטירליך, וואס ער האט פאר זיין ספעציאליטעט אויס־געקליבען מעדיצין. און וואס מעהר זיין נשמה איז געזונט גע־ווארען, און וואס מעהר מוט ער האט באקומען, אלץ מעהר איז פארשוואונדען זיין קראנקהאפטע עמפינדליכקייט, און ער האט שוין גענומען גלויבען, אז איבער איהם הענגט גאר נים קיין באזונדערע קללה, אדער, ווענינסטענס, אז די קללה, וואס איז געהאנגען איבער איהם אין זיין קינדהייט, האט זיך פארביי־געטראגען, ווי א שטורעם.

*   *   *

יעקב'ען איז שוין געווארען צוואנציג יאהר. אזויפיעל איז שוין וועגען איהם דערצעהלט געווארען, אז ווענינסטענס די לע־זערינס וועלען וועלען וויסען, ווי ער האט אויסגעזעהן. נו, אויס־געזעהן האט ער ווי א איד, וואס האט זיך עפעס אויסגעלערענט. און דאס הייסט, אז די בילדונג האט פארנאבעלט די אידישע צוגען אויף זיין געזיכט, וואס זיינען פאר אזויפיעל מענשען געווען אפשטויסענד. ווייל די וויסענשאפט געהט ווי א רייני־גענדער פייער דורך די נשמה, און די נשמה ארבייט אונערמיעד־ליך, ביז זי מאכט נים איהר וואוינונג פאר א מעהר אדער וועניגער פאסיגע פאר זיך, ביז זי מאכט נים, אזוי צו זאגען, א שיכר פאר זיך פון דעם געזיכט.

איז יעקב'ען געווארען צוואנציג יאהר, און די ערצעהלונג האט מיט איין שפרונג איבערגעהיפט צוויי יאהר פון זיין לעבען. איז וואס איז? ניטא דער מענש, ועמעס לעבען באשטעהט פון איין אונאונטערבראכענער רייה געשעהענישען, וואס עס איז ווערט צו דערמאנען. עס איז אויך גאר ניט איבריג צו געבען דעם העלד פון צייט צו צייט אן אפרוה.

איבריגענס, מיר וועלען דא ברענגען איין עפיזאד פון אט דער צייט, וואס וועט אונז העלפען אריענטירען זיך אין די איבערגעהיפטע יאהרען, פונקט ווי איין בריעף פון א ווייטען פריינד גיט אונז די מעגליכקייט צו אריענטירען זיך אין זיינע רייזען.

* * *

— היינט נאכ'ן רעגען איז די לופט אזוי גוט און פריש! — האט געזאגט איין סטודענט, שטעהענדיג אין דער פריה ביים פענסטער אין קליניק און ווארטענדיג אויפ'ן פראפעסאר.

— מיר האט זיך אפילו פארוואלט געהן היינט אין וואלד, — האט אנאנדערער געזאגט, קוקענדיג אויפ'ן בלויען הימעל.

— לאמיר מאכען א פיקניק! — האט דער ערשטער אויס־גערופען.

— איך קען ניט, איך בין פארנומען מיט א שילער, וועמען איך רעפעטיר.

— און איך בין פארנומען מיט'ן אינסטרוקטאר...

— איך בין איינגעלאדען צו מיטאג...

עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז כמעט יעדערער האט געהאט אן אורזאך, וואס האט איהם ניט געלאזט זיך באטייליגען אין שפאציר.

— דאס איז אן אמת'ער אויפשטאנד! — האט לעווי געשריען. — און איך האב געמיינט, אז דער שפיטאל וועט ארויסווייזען פיעל מעהר געזונטען פארשטאנד. איינער געהט צו א שילער, א צווייטער — צו אן אינסטרוקטאר, א דריטער — גאט וייס, וואוהין... דאס זיינען גראד ערנסטע אורזאכען, איהר זאלט פאהרען אין וואלד, און איהר גיט זיי אן, אום אפ־

צוזאָגען זיך פון דעם שפּאַציר. ניין, איך בעט אייך, צושטערט ניט די פּיהרונגען פון שפּיטאָל און פאַרדארבט ניט די איצטיגע שטימונג!

— נו, אויב די פראַגע איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אַזוי ערנסט, מוז מען זי דערפיהרען ביז צו אַ גוטען סוף! — האָט אויסגערופען פאַנגעל. — אום אויפצוהאַלטען די עהרע פון שפּיטאָל, מוז מען אָפּשיקען אין וואַלד כאָטש איין פוהר מיט סטודענטען. פריהער פון אַלץ, זאָלען ארויסקומען וואָלונטירען, ווי פאַר אַ שטורם. די איבריגע וועלען מיר אויסקלייבען דורך אַ גורל. וואָלונטירען, קומט ארויס!

אַלע זיינען ארויסגעקומען, ווי איין מענש.

— אָט דאָס איז לויבענסווערט! — האָט פאַנגעל ווייטער געזאָגט. — און איצט דאַרף מען שיקען אַ דעפּוטאַציאָן אין געבורטס אַנשטאַלט און אין די אַלגעמיינע אָפּטיילונג.

— אָבער וואו איז אהינגעקומען בענדיקסען? — האָט איינער געפרעגט. — ער מוז אונבאַדינגט פאָהרען מיט אונז. ער איז דאָסזעלבע, וואָס אַ טערמאָמעטער אָדער אַ זיכערהייטס טירעל. ווען מיר זיינען פרעהליך, ווערט ער ערנסט, ווען מיר זיינען ערנסט, ווערט ער גאָר אונגעוועהנליך פרעהליך. ער שטעלט פאַר מיט זיך עפּעס עהנליכס צו דעם אויטאָמאַטישען רעגולאַטאָר אין אונט'ס דאַמף קעסעל: ווען אין קעסעל איז פאַראַן צו ווייניג וואַסער, דערלעגט ער, און ווען וואַסער איז פאַראַן צופיעל, נעמט ער אַראָפּ.

— אָט איז ער, דער טערמאָמעטער, דאָס זיכערהייטס טירעל, דער אויטאָמאַטישער רעגולאַטאָר! — האָט פאַנגעל אַ געשריי געטאָן, אָנווייזענדיג אויף די טיר, וואָס בענדיקסען האָט אין דעם אויגענבליק געעפענט.

— בענדיקסען, פאָהרסט מיט אונז אין וואַלד?
— געוויס. ווער פאָהרט נאָך?
— אַלע!
— אויסגעצייכענט. ווען?

— פיער אזייגער פארזאמלען מיר זיך דאָ אלע, דאַן געהען מיר צוזאמען ארויס און דינגען עקיפּאַזשען.

אין דער מינוט איז אריינגעקומען דער פּראָפעסאָר, און דאָס שטודיום האָט זיך אָנגעהויבען.

* * *

— אַ, וואָס פאר אַ פארגניגען דאָס איז צו אָטמען מיט אַ פולער ברוסט, ארויסרייסען זיך פון דער שטיקענדער שטאָדט מיט איהרע גאסען, מויערען און אייגנוואוינער! איך אָטעם איין די פרישע לופט, און מיר דוכט, אז איך וועל קיינמאָל ניט קענען גענוג אָנאָטמען זיך, ווי אַ וואנדערער, וואָס שטארבט פון דורשט, זויגט דעם טוי און קלערט, אז ער וועט קיינמאָל זיין דורשט ניט שטילען. ווען מען וואָלט געקענט כאָטש אויף איין אויגענבליק צוגעהן אין דער לופט און זיך אוועקטראָגען אין אַ שטורם, אָדער נאָך בעסער, זיך אויפהויבען ווי אַ וואָלקען און אראָפּפאלען אין קליינע שטראָמען אין ים, און פון דאָרטען זיך ווידער אויפהויבען ווי דאַמף צו דער זון... ווי טרויעריג עס איז דאָס שיקזאל פון מענשען! אפילו נאָכ'ן טויט איז ער ניט פריי, — מען שליסט איהם איין אין ענגען קבר. פיעל בעסער וואָלט געווען, ווען מען פארברענט טויטע קערפּער, און דער ווינט צוטראָגט דעם אש אין אלע פיער זייטען, ווי אמאָל דעם אש פון דמיטרי דעם מאָסקווער.

אָט די לאנגע טיראַדע האָט ארויסגערעדט בענדיקסען, ווען די דראָשקע איז ארויסגעפאָהרען אויף סטראנדוועהען, און דער ים אויסגוס האָט זיך געעפענט מיט די ווייסע זעגלען אויף איהם.

גרענדאל, וואָס איז געזעסען לעבען יעקב'ען, האָט אויף די עקסטאטישע רעדע געענטפערט:

— וואָס מיינסטו, דאָס וואָלט טאקי געווען זעהר גוט, ווען מען וואָלט פארברענען די טויטע קערפּער. דאַן וואָלטען מענשען ניט געשטרעבט מיט אזא אידיאָטישער איינגעשפּארט־קייט צו באגראָבען גאנצע טויטע אין דער ערד. און עס וואָלט לייכט געווען פון צייט צו צייט צו באקומען אַן אינטערעסאנ־טען קאדאווער.

— אך, דו קלערסט נאָר וועגען דיינע קאַדאַוועריס! — האָט בענדיקסען אויסגערופען. — ווירקליך, מיר דוכט, אז אויב דו וועסט אמאָל באַגעגנען א פרוי מיט אן אינטערעסאַנטער אונ־היילבארער קראַנקהייט, וועסטו ניט אנדערש חתונה האָבען מיט איהר, נאָר אום צו באַקומען איהר קערפּער נאָך איהר טויט.

— דאָס איז מעגליך, — האָט גרענדאָל געענטפערט.

קעניג, וואָס איז געזעסען הינטער זיי, האָט זיך אריינגעמישט אין געשפּרעך:

— מען קען מיט זיכערהייט זאָגען, — און איך קען דאָס לאָגיש באַווייזען. — אז גרענדאָל וועט פאַר קיין פאַל ניט קומען אין גן עדן.

— פאַרוואָס? — האָט יעקב געפרעגט.

— זעהר איינפאַך. ווען גאָט וואָלט געוואָלט זיין גנעדיג צו איהם, וואָלט ער איהם בשום אופן ניט גענומען אין הימעל. ווייל דער גן עדן וואָלט דאָך פאַר גרענדאָל'ען גאָר קיין גן עדן ניט געווען: דאָרט זיינען דאָך נאָר פאַראַן באַשעפעניש׳ען אָהן קערפּער. א גן עדן וואָלט פאַר איהם געווען דער גיהנם, ווייל דאָרט וואָלט ער געהאַט די באַקוועמע אומגעבונג צו באַטראַכטען מוסקעלען, וואָס ווערען געבראָטען אויף אלערליי פייערען.

— נו, דיין באַוויז איז ניט זעהר שטאַרק, — האָט גרענדאָל געזאָגט. — אויב דו מיינסט, אז די פּאַציענטען ברענגען מיט זיך זייערע קערפּער אין גיהנם, פאַרוואָס זאָלען זיי אויך ניט מיטברענגען זיי אין גן עדן?

— ניין, איהר הערט זיך נאָר צו איהם צו! — האָט קעניג אויסגעשריען. — ער איז אזוי אוועק אזוי וויט, אז ער האָט אָפּגעשאַפט דאָס וואָרט „מענש“ און האָט דאָס פאַרביטען מיט'ן וואָרט „פּאַציענט“!

— און קומען דען ניט מענשען אויף יענער וועלט נאָר ווי פּאַציענטען? באַקומט דען ניט יעדער מענש סוף כל סוף די שאַרפסטע, די אונהיילבאַרסטע קראַנקהייט, — טויט?... איבריגענס, וואָס אַנבאַטרעפט מיך, איז מיר אלץ איינס, וואוהין מיין לעצטער אָטעם וועט אוועקגעהן, ווען איך וועל שטאַרבען.

— דאָס הייסט, דו גלויבסט ניט אין די אונשטערבליכקייט פון דער נשמה? — האָט קעניג געשריען.

— ניין, — האָט געענטפערט גרענדאָל, ארויסלאָזענדיג פון מויל א וואָלקען ציגארען רויך, און אויף זיין געזיכט איז ארויסגעטראָטען א מעהר איידעלער, נאָכדענקענדער אויסדרוק. — אייער אונשטערבליכקייט איז פאר מיר אביסעל צו מאסיוו. די ענערגיע, וואָס איך ברענג ארויס אין געדאנק, אין האנדלונג, אין קאמף מיט מענשען און מיט זיך אליין, אָט דאָס איז דאָס אונשטערבליכע טיילכעל פון מיין „איך". ווען פון פעדער האָט אראָפגערונען דער גאנצער טינט, קען זי שוין מעהר ניט שרייבען און דאָס, וואָס זי האָט שוין אָנגעשריבען, און וואָס וועט אייביג ניט אָפּגעמעקט ווערען, — דאָס איז ניט קיין טינט און ניט קיין פעדער, נאָר די נשמה, וואָס איז געבליבען אין דעם אָנגעשריבענעם.

עטליכע מענשען זיינען צוגעשטאנען צום דיספוט, און יעדערער האָט ארויסגעזאָגט, ווי דאָס איז אלעמאָל אין אזעלכע פאַלען, זיין אייגענע מיינונג וועגען אונשטערבליכקייט און וועגען לעבען אויף יענער וועלט.

יעקב האָט געקוקט פאר זיך אין איין פונקט, וואו ערד און הימעל האָבען זיך צוזאמענגעגאָסען אין א נעבעלדיגער ליניע, און האָט פארטראכט געזאָגט:

— ווי זאָנדערבאר דאָס איז, וואָס יעדערער אָרדענט איין דאָס לעבען נאָכ'ן טויט נאָך זיין געשמאק, און וויל נאָך, אז אנדערע זאָלען אָננעמען זיין פּראָגראם. מען קען מיינען, אז דאָס לעבען נאָכ'ן טויט ווערט איינגעאָרדענט נאָך דער מיינונג פון דער מעהרהייט! אונשטערבליכקייט איז דאָך ניט קיין אנדער זאַך, ווי די פּאָעזיע פון מענשליכען לעבען, דער קוואַל פון וועלכען יעדעס פּאָעטישע געפיהל ווערט גענעהרט. ווען אין מיר וועט שטארבען די פּאָעזיע, וועט שטארבען אויך מיין זעל, מעג אפילו מיין קערפּער לעבען ווייטער. אונשטערבליכקייט עקזיסטירט נאָר פאר די, וואָס גלויבען אין איהר; און דער, וואָס גלויבט, דארף קיינעם און קיין זאַך ניט, ווייל אין

זיין לעבען איז געווען גענוג שעהנהייט, און ער האט שוין באַ־קומען זיין באלוינונג פאר זיין גלויבען. יע, איך גלויב אין אייביגע פאָעזיע און אין אייביגקייט פון לעבען!

— ביזט ניט קיין איד, בענדיקסען, — האט גרענדראַל באמערקט.

— זעהר מעגליך. אָבער קיין קריסט בין איך אויך ניט!

— הער, בענדיקסען! האָסטו אפשר געזעהן די קליינינקע קלאַרא, נאָכדעם ווי זי האָט זיך אויסגעשריבען פאָריגע וואָך?

— האָט איינער אַ געשריי געטאָן פון הינטען.

— ניין, איך האָב זי מעהר ניט געזעהן, — האָט גע־ענטפערט בענדיקסען אביסעל אויפגערעגט.

— זי האָט אויף דיר געוואָרפען אזעלכע צארטע בליקען. איבריגענס, דו ווייסט גאנץ גוט, וואו זי וואוינט, דו באהאלטסט זי איינפאך פאר זיך אליין.

— אָ, איך בין גאנץ גלייכגילטיג צו צארטע אויגען. זיי זאָגען צו מעהר, ווי זיי קענען ערפילען.

— וואָס נאָך פאר א נארישקייט ועסטו זאָגען? ווילסט אפשר גאָר מאכען פון זיך א געהענדיגע טוגענד?

— איך האָב ניט דעם מינדסטען פארלאנג צו מאכען פון זיך א געהענדיגע טוגענד. אָט באַרעכנט נאָר אליין. אזא בליק איז אַ העלער זון שטראהל, וואָס דרינגט אריין טיף אין די נשמה. אויף אן אויגענבליק פאר'שיכור'ט ער די נשמה מיט א פאַר־געפיהל פון דעם אונענדליכען, אונבאקאַנטען גליק... פיהלט איהר דאָס אָבער, ווען עס קומט אָן די מינוט פון פארווירקליכונג פון די אונקלאָרע האָפנונגען?... איבריגענס, אפשר האָט איהר דאָס יע דורכגעלעבט?

— נארישקייטען! מען דארף ווייטער זוכען, דאָס לעבען איז אן אונאויפהערליכער קאמף און שטרעבען, — האָט איינער פרעהליך געענטפערט.

— ניין, איך געפין ניט קיין צויבער אין דער פארביי־פליהענדער אויפרעגונג, וואָס אַ קאָקעטישער בליק פון שעהנע אויגען פאראורזאכט. איך וויל ניט איבערלעבען די פארביי־

לויפענדע אויגענבליקען פון בענקשאפט נאך דעם אונדערגרייכ־בארען.

— ליידען פון הארצען! — הערט, בענדיקסען ווערט היס־טעריש! — האבען די סטודענטען געשריען לאכענדיג.

יעקב האט ניט געענטפערט, און דער געשפרעך האט גע־נומען אנאנדער ווענדונג. באלד איז דער עקיפאזש אריינגע־פאהרען אין קלאמפענבארג.

אין רעסטאראן האבען אלע געגומען אומלויפען הין און צוריק, ווען די טומעלדיגע קאמפאניע סטודענטען איז אנגע־קומען. די געסט האבען געשריען, געלאכט און האבען איינער נאכ׳ן אנדערען געגעבען די דיענער די פארשידענסטע באשטע־לונגען. נאך לאנג ארומרעדען אין בעראטען זיך, האט יעדערע ענדליך באשטעלט פאר זיך א געריכט נאך זיין געשמאק. נאכ־דעם זיינען אלע ארויסגעגאנגען אין קליינע גרופען זיך דורכ־שפאצירען אין וואלד פאר מיטאג.

קעניג און יעקב זיינען צופעליג צוגעקומען צום פענסטער פון עסצימער. יעקב האט גענומען באטראכטען די פארגעס־מיך־ניט׳ס, וואס זיינען געוואקסען אין טעפ אויפ׳ן פענסטער.

— מעג איך נעמען איין בליהמעל? — האט ער געפרעגט די דיענסט, וואס איז געשטאנען ביים פענסטער.

— ביטע! — האט פריינדליך געענטפערט דאס שעהנע מיידעל.

— וואס איז דא? — האט געפרעגט קעניג, צוקומענדיג נאהנטער. — א, פארגעס־מיך־ניט׳ס! פריילייו, אפשר וועט איהר מיר געבען איין בליהמעל פאר אן אנדענק אן אייך?

— מיט פארגניגען! — האט דאס מיידעל געענטפערט מיט א פרעהליכען שמייכעל, און זי האט אפגעריסען עטליכע בליהמלעך און האט זיי געגעבען קעניג׳ען.

מיט דער שנעלקייט פון א בליץ האט יעקב געמאכט איין בעאבאכטונג, און זיין הארץ האט פארקלעמט א געפיהל פון ערגערניס און ערנידריגונג.

„איך האב געבעטען דאס בליהמעל ניט צוליעב איהם

אליין, — האָט ער געזאָגט אין געדאנק צו זיך אליין, — נאָר דערפאר, ווייל דאָס שעהנע מיידעל האָט מיט איהר אנוועזענ־הייט צוגעגעבען די פארגעס־מיך־ניט'ס אַ באזונדערען חן. אָבער איך האָב געזאָגט: מעג איך זיי נעמען? און ער, אַ גליקליכער מענש, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אַ קריסט, ער מערקט אליין ניט, ווי ער, פונקט ווי אלע קריסטען, איז דורכגעדרונגען מיט דעם דופט פון ראָמאַנטיק. ער האָט באלד געפונען דעם פאַ־סיגען אויסדרוק: „וועט איהר מיר זיי אפשר געבען?" — האָט ער געזאָגט. אָ, ווי גליקליך די קריסטען זיינען!"

זיי זיינען געגאנגען ווייטער. קעניג האָט אריינגעשטעקט די בלומען אין לאַץ און האָט זיי אין אַ האלבע שעה ארום פארלאָרען. יעקב האָט זיינע בלומען באהאלטען אין נאָטיץ ביכעל. ווען ער איז צוגעקומען צו די איבריגע חברים, האָט ער פלוצלונג דערפיהלט, ווי עס איז איהם געוואָרען אונהיימליך, ווי ער איז געוואָרען אונרוהיג, ווי ער וואָלט מאכטלאָז געשטרעבט צום אונדערגרייכבאַרען. אַ ביטערער יאוש האָט איהם ארומ־גענומען, און ער האָט געקוקט אויף די חברים אזוי, ווי זיי וואָל־טען באשאפען געוואָרען פון אַ בעסערען מאטעריאל, איידער ער.

— אפשר זאָלען מיר עפּעס אָנהויבען, ביז מען וועט רופען צו מיטאָג? — האָט איינער אויסגעשריען.

— לאָמיר שפּיעלען אין „רוויבער"! — האָט יעקב פרעהליך געזאָגט.

— אין רוויבער? — האָט איינער איבערגעפרעגט לאכענ־דיג. — דאָס וואָלט געווען גאָר ניט שלעכט, ווען נאָהנט וואָלט געווען אַ פרויען מאָנאסטיר.

יעקב האָט זיך ניט מודה געווען, אז ער האָט זיך קיינמאָל ניט באטייליגט אין אַ שפּיעל, און אז ער האָט דאָ געוואָלט זיך באנוצען מיט אַ גוטער געלעגענהייט צו האָבען אזאַ פארגניגען.

אזוי האָט מען גאָרניט באשלאָסען, ביז מען האָט גיט גערופען צו מיטאָג.

דער געגרייטער טיש איז געשטאנען אין גאָרטען, פון וועל־כען עס האָט זיך געעפענט פאַר'ן אויג אַ באצויבערענד בילד

פון בלויען ים און טונקעלע וועלדער. די זון איז געשטאנען נידריג אין הימעל, צווישען די בוימער האט געוועהט א לינדער ווינט, איבער דעם ים אויסגוס זיינען געשוואומען דא און דארט פישער שיפלעך מיט רויטע זעגלען. דער טיש איז געווען גע־דעקט מיט א ווייסען טישטוך, פון די טעלער האט זיך געהויבען א דאמף, דער וויין האט געבליצט אין די גלעזער, און אלע געזיכטער האבען געשיינט מיט יונגער לעבענסלוסטיגקייט.

יעקב האט ארומגענומען מיט א בליק דאס גאנצע בילד, און פון דער שעהנקייט און דעם צויבער פון דעם מאמענט האט זיין הארץ געגומען קלאפען שנעל און פול מיט פרייד. דאס רייכע, געזונטע לעבען האט געשטראמט אין זיינע אדערען, און אין דערזעלבער צייט האט א שטילע, נאגענדע בענקשאפט זיך אלץ טיפער איינגעגעסען אין זיין הארץ. ער האט א כאפ געטאן זיין גלאז און האט אויסגעשריען:

— דאס ערשטע גלאז ברענג איך פאר א קרבן צו די אונטערערדישע געטער, פיין, אונגליק און טויט, וואס ברענגען טרערען און זיפצען! די געטער לויערען אויף אונז, שטערב־ליכע, מיט א בייזער פרייד, ווען די שטראהליגע גייסטער פון טאג זיינען ביי אונז צו גאסט. זיי ווייסען גוט, אז נאכט און פינסטערניש וועלען אנקומען, און דאן וועט זיין זייער צייט. איך פאראכט אייך, פינסטערע קרעפטען, ווייל דאס ליכט אין מיין נשמה וועט ניט אויסגעלאשען ווערען! אבער אויב איך קען קויפען אייער פריינדשאפט מיט א גלאז וויין, איז זאל זיין אזוי... אט, נאט אייך, שלינגט דאס איין!

און מיט די ווערטער האט ער אויסגעגאסען דעם וויין פון זיין גלאז אויף דער ערד. אלע, וואס זיינען געזעסען ביים טיש, האבען מיט פרייד געשרייען נאכגעטאן זיין ביישפיעל.

פאנגעל האט ווידער אנגעפילט זיין גלאז און האט געזאגט:

— איך בין ניט בענדיקסען, איך קען ניט אנהויבען מיין רעדע אויף סטעלצען און ענדיגען זי אין שמעק שיך. און דעריבער וועל איך מיך צופרידענשטעלען מיט דעם, וואס איך וועל מיין צווייטע גלאז, דער טייוועל זאל מיך נעמען, ברענגען

א קרבן צו זיך אליין! זאָלען די אונטערערדישע געטער אויסזויגען זייער טייל פון דער ערד, איך וועל מיר אויסטרינקען מיין גלאָז, ווי דאָס פאסט פאר אַן איינפאכען שטערבליכען. — אייער געזונט!

— איך אויך! איך אויך! — האָבען אַלע אונטערגעכאפט, אויסלעדיגענדיג זייערע גלעזער.

— ווי איז דער ראָסטביף? — האָט געפרעגט גרענדאל, אריינקוקענדיג צו אַ שכן אין טעלער. — איך האָב מורא, איך האָב געמאכט אַ טעות, וואָס איך האָב גענומען טשערעפאכע.

— אָך, מען קען איהם גאָר ניט צוקייען! — האָט געענטפערט גרענדאל'ס שכן, אויפהערענדיג אַ ווײלע קייען.

— אויב אזוי, בין איך בארוהיגט, — האָט געזאָגט גרענדאל און האָט אויסגעטרונקען נאָך א גלאָז. — יע, אפראָפּאָ, איך האָב עפּעס געוואָלט זאָגען וועגען די הארצענס ליידען, וואָס א בליק פון שעהנע פרויען אויגען פאראורזאכט. אין מיין פּראקטיק איז עפּעס עהנליכס פּאָרגעקומען. ווען איך בין אַלט געווען צוואַנציג יאָהר, פלעגט אַ בליק פון איין פּאָר אזעלכע אויגען ארויסרופען אין מיין הארץ אַ זאָנדערבאר געפיהל פון בענקשאפט, אָט פּונקט אזוי ווי בענדיקסען האָט באשריבען אין זיין דיאַגנאָז. און איך האָב נאָר דאַן פארשטאַנען, וואָס דאָס איז געווען פאר אַ געפיהל, ווען איך האָב אין אַ יאָהר ארום דערהערט, אז זי איז דערטרונקען געוואָרען. דאָס איז געווען פּונקט מיט אכט יאָהר צוריק. און יענע אויגען זיינען געווען שעהן... איך טרינק פאר דעם אָנדענק אָן זיי צו גלאָז פאר יעדע אויג.

און גרענדאל האָט מיט אמאָל אויסגעטרונקען צוויי גלעזער.

— הער, גרענדאַל, — האָט איהם קעניג געזאָגט אויפ'ן אויער, — איז אָט פארוואָס דו לויפסט קוקען אויף אַלע דערטרונקענע פרויען. און איך האָב נאָר געמיינט, אז דיך אינטערעסירען נאָר טויטע קערפּער.

נאָך אַ ווײלע שווייגען האָט יעקב געזאָגט:

— זאָנדערבאר! אמאָל הערסטו עפּעס צום ערשטען מאָל,

און דיך דוכט זיך, אז דו האסט דאס שוין אמאל געהערט פריהער, אין דער נעבעלדיגער פארגאנגענהייט. איך געדענק גוט, אז אין מיין פארשטעלונג איז אמאל אויפגעשטאנען אין אונקלארע שטריכען דער פאל, וועגען וועלכען גרענדאל האט דערצעהלט. און איצט ווייזט מיר אויס, אז איך האב געהאט א פארגעפיהל, אז מיר וועט אמאל אויסקומען דאס צו הערען. איך בין איינמאל געגאנגען איבער עסטערגארע, פארטיפט אין געדאנקען, און פלוצלונג האט מיך אנגעיאגט א יונג מיידעל. דורכ'ן שלייער האט זי געווארפען אויף מיר אזא בליק, ווי דער, וועגען וועלכען מיר האבען דא גערעדט. איך האב אינער־ליך אויפגעציטערט, איך האב געפיהלט, ווי דער פארבייפליהענ־דער בליק וואלט מיך דערוואריםט. נאכדעם האב איך ווידער דערפיהלט א קעלט. אן אפיצער האט שנעל אנגעיאגט דאס יונגע מיידעל און האט אנגעהויבען רעדען מיט איהר. און אויף קאנהענסניוטראוו האט זי איהם גענומען אונטער'ן ארעם. איך האב זיך אומגעקערט מיט א ביטערען געפיהל. מיר האט אויס־געוויזען, ווי דער אפיצער וואלט דאס פרעך און גראב אנגע־ריהרט אן אונשולדיג מיידעל, וואס איך ליעב. מיר אליין האט מיין נאריש געפיהל אויסגעוויזען קאמיש, אבער איך האב גאר־ניט געקענט מאכען. פון יענעם אווענד אן האס איך אלע אפיצערען.

— אלע אפיצערען? דאס איז אביסעל געזאגט! — האט איין סטודענט א געשריי געטאן. — מיר ווייסען נאך אבער גיט, צו א סך פון זיי באגעהען דאזעלבע אונרעכט, וואס דער.

— יע, אלע אפיצערען! — האט יעקב היציג ווידער־האלט. — נאטירליך, אלע יונגע אפיצערען. דאס פיהרען דאך זיי הויפטזעכליך אן די יאגד נאך פרויען. און בכלל הערען זיי שוין אויף צו אכטען די פרוי. און דאס ווידערשפרעכט דאך דעם פרינציפ פון די ריטער, וועלכע זיי פרעטענדירען צו פאר־בייטען.

לעווי האט זיך אנגעבויגען צו יעקב'ען און האט איהם געזאגט אויפ'ן אויער:

— און וואָס שטעלען צונויף א קאָרפּאָראציאָן, פון וועל־כער אידען זיינען אויסגעשלאָסען, — ניט אמת?

יעקב איז רויט געוואָרען און האָט גאָרניט געענטפערט.

— לאָמיר עפּעס זינגען! — האָט איינער א געשריי גע־טאָן. זאָל איינער נאָכ'ן אנדערען אָנהויבען זינגען עפּעס א באקאנט ליעד, און די איבריגע וועלען איהם נאָכזינגען.

דער פאָרשלאג איז אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג. איין ליעד נאָכ'ן אנדערען זיינען געזונגען געוואָרען, אונטער־בראָכען פון שפּאס און געלעכטער. די הילכיגע יונגע שטימען האָבען זיך צוטראָגען ווייט ארום אין דער שטילער אָוונד לופט. ווען די רייהע איז דערגאנגען צו יעקב'ען, האָט ער זיך פאר־טראכט. באלד אָבער האָט ער פּלוצלונג אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט גענומען זינגען איינס פון ווילהעלם מילער'ס ליעדער, וואָס זיינען באקאנט אונטער דעם אלגעמיינעם נאָמען „דייטשע גריכענליעדער". די ליעדער זיינען שוין לאנג פאר־געסען, ווי פארגעסען איז דער ליידענשאפטליכער פרייהייטס קאמף, וואָס האָט זיי ארויסגערופען. יעקב האָט געזונגען דאָס ליעד מיט זיין שעהנער שטים, און ווען ער איז אנשוויגען געוואָרען, איז געווען שטיל, קיינער האָט קיין וואָרט ניט ארויס־גערעדט, אַ ערנסטע שטימונג האָט אלעמען ארומגענומען.

— זעהט, — האָט יעקב ענדליך געזאָגט, — אָט פארגעהט שוין די זון! ווי זאָנדערבאר דאָס איז זיך פאָרצושטעלען, אז אָט די זעלביגע רויטע שטראהלען, וואָס באציערען דאָ אונזער פרעהליכען יום טוב, באלויכטען אויף די קברים פון די גריכען און קוקען אריין אין די געפענגניסען פון די דייטשע סטודענטען, וואָס האָבען געוואָלט זיין פריי. לאָמיר זיי דערמאָנען, איידער מיר פארגעסען זיך אין אונזער פרייד!

— דער אָפּמאך איז ניט אָפּגעהיט געוואָרען! — האָט איין סטודענט אויסגערופען. — מען האָט געדארפט זינגען אזא ליעד, וואָס מיר וואָלטען געקענט נאָכזינגען.

— איך בין דאָ ניט שולדיג, — האָט יעקב געענטפערט. — פארוואָס האָט איהר ניט נאָכגעזונגען?... ווי זאָנדערבאר דאָס

איז! איך, א קינד פון א ניט פרייען פאָלק, דאַרף אייך דער־מאָנען וועגן פרייהייט! אייגענטליך איז דאָס גאַנץ נאַטירליך, ווייל די אידען באַגעגנען זיך מיט פרייהייט פיעל נאָהנטער, איידער איהר.

— וואָס פאַר א נאַרישקייט! פּרוּאוו כאָטש ערקלערען דאָס, בענדיקסען, — האָט איינער א געשריי געטאָן.

— ווען דאָס פאָלק אין דייטשלאַנד אָדער אין דענמאַרק וויל באַקומען פרייהייט, הויבט עס אָן אויסברעכען די שויבען אין די אידישע הייזער. ווי נאָר פרייהייט דערפיהלט זיך אין לופט, הויבען אָן ביי דעם אידען ברעכען די ביינער, ווי ביי איינעם, וואָס לייִדט פון רעוומאַטיזם, פאַר אַן ענדערונג פון וועטער. דעריבער דאַרף איך רעדען מיט אייך וועגן פרייהייט עקס אָפּיציאָ. דאָס וואָס איך אַליין האָב ליעב באַקומען פרייהייט, אָנשטאָט מורא צו האָבען פאַר איהר, האָט ניט קיין באַדייטונג.

— פאַר דעם בעווייז וועל איך אויסטרינקען א באָקאַל! — האָט אויסגערופען גרענדאַל. — און פאַר די גריכען און מיסאָ־לונגי בין איך גרייט אויסצוטרינקען צוזאַמען מיט אייך.

— לעבען זאָלען די גריכען און די פרייהייט! — האָט פאַנגעל א געשריי געטאָן. — אמת, איך בין באַקאַנט מיט דעם וואונדערליכען לאַנד נאָר פון די שמיץ, וואָס איך פלעג באַ־קומען אין שול פאַר האָמער. נאָר אפשר טאַקי צוליעב דעם פיהל איך אַזאַ אונערקלערבאַרע ליעבע צו אָט דעם לאַנד. לעבען זאָל פאָטער האָמער! זעהט, דערמאָנט אייך ניט דער ים איצט דאָס הערליכסטע באָרדאָ? אָ, וואָס פאַר א גליק עס איז צו שווימען אין דעם וואונדערליכען וויין!

— איך פּראָטעסטיר קעגען פאַרשווענדען וויין פאַר'ן אויסערליכען געברויך! — האָט געזאָגט גרענדאַל. — אָבער אַז מיר האָבען שוין געטרונקען פאַר גריכענלאַנד'ס פרייהייט, מעגען מיר אפשר אויך טרינקען פאַר דענמאַרק'ס פרייהייט. זי איז דאָך אונז נים ווייניגער טייער.

— יע, יע! — האָט אונטערגעכאַפּט יעקב, וואָס האָט

זיך שוין צוהיצט און האט זיך מעהר ניט געקענט צוריקהאל־טען. — מיט פרייד הויב איך אויף מיין גלאז. אייגענטליך ליעב איך דאך דענמארק מעהר ווי אנדערע לענדער.

— נו, זעהסטו, דאס איז שוין גאר נאריש! — האט מיט כעס אויסגערופען גרענדאל. — מיר דוכט, אז דענמארק איז פונקט אזוי דיין לאנד, ווי מיינס. דו ביזט דאך געבארען געוואקסען און אויסגעוואקסען אין פיאניע! אדער ווילסטו אפשר זיך אפזאגען פון דיין היימאט?

— ניין, — האט יעקב געזאגט. — אבער דענמארק קען ניט זיין פונקט אזוי מיין לאנד, ווי אייערס, ווייל איך האב דא ניט אלץ, וואס איהר. דענקט איהר דען, אז א איד, וואס באציהט זיך באוואוסטזיניג צו מענשען רעכט און ווייס ווי אפצושאצען אזעלכע רעכט, קען רוהיג צוזעהן די אונגלייכהייט, וואס די רעגירונג האלט אן מיט אזוי פיעל איינגעשפארטקייט צווישען איהם און דעם קריסטליכען בירגער? מען ווארפט די אידען פאר, אז זיי האבען ניט קיין פאטערלאנד. פארוואס זשע וויל מען זיי ניט געבען קיין פאטערלאנד?

— נו, דער אונטערשיד אין רעכט איז א גאנץ אונבאדייטענדער, — האט געענטפערט איינער פון די סטודענטען. — נאר אין זעהר ווייניג פאלען גיט מען די קריסטען דעם פארצוג איבער די אידען.

— פרייהייט קען מען ניט טיילען אויף שטיקלעך! ווי נאר מען שניידט עפעס אפ פון איהר, ווערט זי קנעכטשאפט.

— און איך ווייס אפילו גארניט פון אזעלכע פאלען, ווען אידען זאלען ליידען פון אונגערעכטיגקייט, — האט באמערקט קעניג. — האסטו דען באקומען ווען אויף אן עקזאמען נידריגערע צייכענס דערפאר, וואס דו ביזט א איד?

— דו זאגסט, עס זיינען ניטא אזעלכע פאלען? איך רעד שוין ניט וועגען דער געזעלשאפטליכער מיינונג, כאטש זי שפיעלט אפשר די הויפט ראל און איז פיעל שטארקער פון געזעצען און פארשריפטען. אבער קען דען א איד זיין א בע־אמטער? קען ער דען זיין כאטש א וועכטער? קען ער דען

זיין אַן אָפיצער אין דער אַרמיי? אויב עס טרעפט, אַז ער דערדינט זיך אין דער מיליץ ביז צום ראַנג פון קאַפּיטאַן, איז ער שוין אַלעמאָל אין דעמיסיאָן. איך האָב ניט געוואָלט רעדען וועגען דער עפענטליכער מיינונג, נאָר איך מוז פונדעסטוועגען אָנמערקען עטליכע כאַראַקטעריסטישע שטריכען. אַזוי, צום ביישפּיעל, זיינען פאַראַן גאַנצע צעכען, וואָס ענטזאָגען זיך אַריינצונעמען אידען. ווען אַ דראַמאַטישער שרייבער ווייס ניט, וואָס אויסצוקלערען, אַז דער עולם זאָל לאַכען, מוז ער אַריינפיהרען אין זיין פּיעסע אַ אידען, און אַ וועלכער עס איז קאָמעדיאַנט פון די אַקטיאָרען וועט די ראָל שפּיעלען. אייגענטליך קען מען אין אַזעלכע ראָלען קיינמאָל ניט געפינען קיין נאַציאָנאַלע שטריכען, אפילו די אויסשפּראַך איז ניט ריכטיג. אָבער דער פּעבעל לאַכט, — און דער פּעבעל איז דאָך דער וויכטיגסטער עלעמענט ביי אַזעלכע פאָרשטעלונגען.

— דו איבערטרייבסט, בענדיקסען! — האָט פאַנגעל אויסגערופען. — איך בין אַמאָל געוועזען אין טעאַטער און האָב אָהן אויפהער געלאַכט פון אַט אַזאַ אידען. אָבער וועגען מיר וועט דאָך שוין קיינער ניט זאָגען, אַז איך פאַראַכט די אידען.

— שוין דאָס אַליין איז גענוג גרויזאַם, — האָט יעקב קאַלט באַמערקט, — וואָס מען דאַרף הערען: איך פאַראַכט ניט די אידען.

— וואָס זשע ווילסטו, בענדיקסען? — האָט פאַנגעל אויסגעשריען. — ווילסט, מיר זאָלען שרייען „הוראַ“ צו דער עהרע פון די אידען?.. לעבען זאָלען די אידען! הוראַ!

— הוראַ! — האָבען אַלע ווי איין מענש אונטערגעכאַפּט.

— איך וויל, האָט יעקב אויסגערופען, ניט קימערענדיג זיך וועגען דעם טאָסט, — איך וויל, אַז איהר זאָלט מיר זאָגען, פאַרוואָס איך פאַרדיען ניט פרייהייט, פולען צוטרוי און יעדען אמט, פונקט ווי איהר. איך וויל, — האָט ער צוגעלעגט אין אַ האַלב ביטערען, האַלב שפּאַסהאַפטען טאָן, — אַז איהר זאָלט מיר ערקלערען, פאַרוואָס איך קען ניט זיין קיין וועכטער, ווי יעדער איינער פון אייך.

— טו זיי א וועכטער! בענדיקסען וועט זיין א וועכ־טער! — האבען זיך דערהערט פריידיגע אויסגעשרייען. — לעבען זאל דער וועכטער בענדיקסען!

יעקב האט פלוצלונג דערפיהלט א מיעדקייט נאך דער נערוועז אנשטרענגונג, און ער האט זיך אביסעל געשעהמט, וואס ער האט ניט איינגעהאלטען זיינע געפיהלען. גראד דאן האט גרענדאל, וואס איז אוועקגעגאנגען אין קיך, צוזונגרייטען דארט דעם פונש „נאך זיין אייגענעם רעצעפט", פייערליך צוגעפיהרט די דיענסט, וואס האט געהאלטען די שיסעל מיט דעם הייסען געטראנק.

עס איז ניטא קיין ערגערע זאך, ווי זיין ניכטער צווישען שיכור'ע. יעקב איז ניט געווען אויפגעלעגט זיך אנצוטרינקען, און ער האט שוין געוואלט פארלאזען די פרעהליכע קאמפאניע. פלוצלונג אבער האט ער א כאפ געטאן א פול גלאז און האט עס מיט אמאל אויסגעטרונקען, דאן נאך איינס און נאך איינס. עטליכע מינוטען שפעטער האט ער דערפיהלט, אז ער האט אריבערגעיאגט די אנדערע...

שפעט ביינאכט איז דער קוטשער זעהר פארזיכטיג גע־פאהרען אין דער ריכטונג פון שטאדט, פיהרענדיג די סטודענ־טען, וואס האבען קוים געקענט זיך ארייזעצען אלע אין עקי־פאזש. פון דעם ווייכען און איינארטיגען טרייסלען פון דעם עקיפאזש און פון דער פרישער דופטיגער לופט זיינען זיי באלד אריינגעפאלען אין א זיסען דרימעל. ווען דער עקיפאזש איז אריינגעפאהרען אין טויער פון שטאדט, האט דער קוטשער אנגערירט גרענדאל'ס אקסעל און האט איהם געפרעגט, וואוהין ער זאל פאהרען. גרענדאל, וואס האט געוואוינט אין דעם גע־בורט אנשטאלט, האט געענטפערט:

— אין שפיטאל פאר קינפעטארינס!

— דער שיכור מיינט אודאי, אז ער איז א שוואנגערע פרוי, — האט דער קוטשער ארויסגעמורמעלט. ער האט א שטויס געטאן אנאנדערען און האט ווידערהאלט זיין פראגע.

— אין שפיטאל! — האט יענער געקרעכצט.

— דער פארשטעהט כאטש עפעס. זיי האבען זיך אבי־סעל אנגעזופט... אבער אין שפיטאל זיך לעגען צוליעב דעם לוינט נאך ניט! — האט דער קוטשער אלץ געמורמעלט, שטוי־סענדיג א דריטען. יענער איז געווארען אויסער זיך פון די גראבע שטויסען פון א שווערער האנט און האט א געשריי געטאן:

— געה צום טייוועל!

— איך קען דאך אבער ניט ארומפאהרען מיט אייך איבער די גאסען, ביז איהר וועט זיך ניט אויסניכטערען! דאס קען דאך דויערען ביז מארגען ביינאכט, — האט דער קוטשער פאר־זארגט געזאגט און האט אפגעשטעלט די פערד. — נו, גע־שעפטען! ניין, ווען מענשען קלייבען זיך אנצוטרינקען זיך, דארפען זיי פריהער געבען דעם קוטשער זייערע אדרעסען.

דערווייל האט גרענדאל דערפיהלט, אז דער עקיפאזש האט זיך אפגעשטעלט. ער האט זיך אויפגעכאפט פון זיין זיסען דרימעל און האט געמיינט, אז ער איז שוין געקומען צופאהרען אין געבורט אנשטאלט. ער האט מיט גרויס מיה ארויסגע־שטאמעלט:

— רופט די עלטסטע אקושערין און זאגט איהר, אז דאס בין איך!

— עס ווערט וואס ווייטער אלץ ערגער! — איז דער קוטשער ווידער אויפגעבראכט געווארען. — איהם איז ווייניג אן איינפאכע אקושערין — גיט איהם אהער די עלטסטע! אוי, האט ער זיך דאס אנגעזויפט!... העי, ליעבע מענשען, זאגט זשע מיר אמאל, וואוהין איך זאל אייך פיהרען! — האט ער א געשריי געטאן, פארליערענדיג די געדולד.

— אין שפיטאל! אין שפיטאל! — האבען זיך דערהערט שטימען פון עקיפאזש.

— נו, אויב איהר ווילט אזוי שטארק אהין, וועט איהר דארט שוין זיין, דער טייוועל זאל אייך נעמען! — האט גע־זאגט חער אויפגערעגטער קוטשער און האט א טרייב געטאן די פערד. באלד האט זיך דער עקיפאזש אפגעשטעלט ביי די

טויערען פון שפיטאל, וואס האבען זיך גאסטפריינדליך גע־עפענט פאר די אנגעקומענע.

IV

איין ווינטער אוהענד איז יעקב געזעסען ביי קעניג׳ען. זיי האבען ביידע שטודירט באטאניק. קעניג האט צוזויפגעשטעלט א הערבאריום, און ער האט געהאט פארגניגען, ווען די חברים האבען זיך מיט זיין הערבאריום באנוצט און האבען געלויבט זיין ארבייט. איינמיטען א היציגען דיספוט וועגען א גאר זעלטענער פלאנץ, וואס קעניג האט פאר קיין פאל ניט געקענט באקומען פאר זיין הערבאריום, איז צו איהם אריינגעקומען א שליח פון א פרוי, וואס האט געוואוינט דערביי, און האט גע־בעטען, אז קעניג זאל באלד קומען העלפען דער פרוי׳ס מאן, וואס איז געפאלען אויפ׳ן גאס און האט זיך צובראכען א פוס.

— נו, זיינען דאס אביסעל גאסען אין קאפענהאגען, — האט קעניג געזאגט, אנטועענדיג אנדערע קליידער, — ווינטער, ווען עס איז גליטשיג, האט א יונגער מעדיצינער וועניגסטענס אביסעל פראקטיק... איך האף, אז דו וועסט אויפווארטען אויף מיר, בעגדיקסען, איך וועל באלד קומען צוריק.

ארויסגעהענדיג האט קעניג געלאזען די טיר אין גאסט־צימער אביסעל אפען. יעקב האט ניט ווילענדיג אונטערגעהערט א געשפרעך פון קעניג׳ס מוטער מיט זיינע שוועסטער:

די מוטער: קוק ניט ארויס אלע ווייל דורכ׳ן פענ־סטער, לואיזא! אזוי וועט דאך דיין קלייד קיינמאל ניט פאר־טיג ווערען. מען וועט עס מוזען געהען אין דער לעצטער נאכט פאר דעם באל.

לואיזא: אך, דער באל, דער באל! זאל שוין גיכער אנקומען דער טאג! — זי איז אויפגעשפרונגען פון ארט און האט זיך גענומען דרעהען איבער׳ן צימער.

הענריעטא (די עלטערע טאכטער): אבער וואו וועלען מיר נעמען קאוואלערען? מען דארף ניט פארגעסען, אז

מיר האָבען שוין איינגעלאַדען אכצעהן דאַמען. און ווען עס זיינען פאַראַן אַזויפיעל דאַמען, דאַן ווערען די קאַוואַלערען שרעקליך גרויס ביי זיך.

לואיזא: נו, וואָס אנבאַטרעפט אונז, וועלען מיר זיך גענוג אַנטאַנצען, ווייל מיר זיינען דאָך די ווירטינס.

די מוטער: ווי גוט דאָס איז פון דיר אַזוי צו זאָר־גען וועגען די געסט! מען קען ניט זאָגען, אַז דו ביזט צו גאַסט־פריינדליך, מיין ליעבע! מיר דוכט אָבער, אַז עס וועלען זיין גענוג קאַוואַלערען פאַר אַלעמען. ערשטענס אייערע צוויי ברי־דער, דאַן די צוויי לייטענאַנטען, גרענדאַל, בענדיקסען...

לואיזא: ווי, דער איד וועט אויך זיין?

די מוטער: אַזוי האָב איך געמיינט, ווייל איהר האָט מורא, אַז עס וועלען ניט זיין גענוג קאַוואַלערען. אָבער איך פערזענליך האָב גאָרניט קעגען דעם, אַז מען זאָל איהם אויס־שטרייכען פון דער ליסט.

יעקב האָט מעהר ניט געוואָלט הערען. די ווערטער פון דער יונגער מיידעל האָבען שווער פאַרוואונדעט זיין הארץ. ער האָט געפיהלט צו איהר די לעצטע צייט אַן אויפריכטיגע סימפּאַטיע, איהר ריהרעוודיגקייט און לעבענסלוסטיגקייט האָ־בען איהם פאַראינטערעסירט. זי פון איהר זייט האָט איהם אויך געשענקט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. זי פלעגט אָפט רעדען מיט איהם זעהר פריינדליך, און אפילו הארציג. און איצט פאַראַכט זי איהם, ווייל ער איז אַ איד! ער איז נאָך ניט געווען גענוג הארט, אויפצוגעמען רוהיג פון דער זייט אַ קלאַפּ. ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז אוועקגעגאַנגען.

אביסעל שפּעטער האָט זיך קעניג אומגעקערט אהיים. מיינענדיג, אַז בענדיקסען זיצט אין גאַסטצימער מיט דער מוטער און די שוועסטער, האָט ער געעפענט די טיר און געפרעגט:

— וואו איז אַהינגעקומען בענדיקסען? איז ער דען ניטאָ דאָ?

— בענדיקסען? ער איז דאָ גאָר ניט געווען.

— ער איז אָבער יעדענפאַלס געווען דאָ, ווען איך בין

ארויסגעגאנגען. איך האָב איהם געבעטען אויפוואַרטען אויף מיר.

— גאָט מיינער! — האָט לואיזא א געשריי געטהאָן און איז איינגאַנצען רויט געוואָרען. — ער האָט אפשר געהערט וואָס איך האָב געזאָגט! מיר האָט טאַקי אויסגעוויזען, ווי עמיצער וואָלט ארויסגעגאַנגען אין פאָרהויז. אָבער אפשר האָב איך געהאַט א טעות?

— וואָס האָסטו געזאָגט? און ווי אזוי האָט איהר געקענט רעדען אזוי אונפאָרזיכטיג, ווען די טיר איז ניט געווען איינ־גאַנצען צוגעמאַכט, און איהר האָט געוואוסט, אז דאָרט זיצט א פרעמדער.

— מיר האָבען געהערט, אז דו ביזט ארויסגעגאַנגען, האָ־בען מיר געמיינט, אז מעהר איז דאָרט קיינער ניטאָ.

— אָבער וואָס איז געשעהן, לואיזא? פארוואָס האָסטו מורא, אז ער האָט געקענט דערהערען וואָס דו האָסט געזאָגט?

— ווען די מוטער האָט געזאָגט, אז בענדיקסען וועט אויך זיין אויפ׳ן באַל, האָב איך געפרעגט: ווי, דער איד אויך? דאַן האָט די מוטער געענטפערט, אז זי האָט גאָרניט קעגען דעם, אז מען זאָל איהם אויסשטרייכען פון דער ליסט פון איינגעלאַדענע.

— יע, דאָס איז שוין פאַר בענדיקסען׳ען געווען גענוג! אָבער זאָג מיר, איך בעט דיך, ווי קען א מיידעל, וואָס פרע־טענדירט אויף דעם, מען זאָל זי האַלטען פאַר א געבילדעטע, פאַרגעסען זיך אזוי וויית, אפילו אין די געדאַנקען! — האָט אויסגערופען דער אויפגעבראַכטער קעניג. — בענדיקסען איז מיין פריינד, און דאָס דאַרף זיין גענוג פאַר מיין שוועסטער, דאָס איבעריגע איז שוין ניט וויכטיג. דו דאַרפסט זיך פאַר איהם ענטשולדיגען, און אויב דו וועסט דאָס ניט טהאָן, וועל איך זיך ענטשולדיגען פאַר דיר אין דיין אנוועזענהייט.

— לודוויג! — האָט לואיזא אויסגערופען ערנסט און מיט ווירדע. — דו וועסט דאָס ניט טהאָן, וועסט מיך ניט אזוי ער־נידריגען! און איך האָף, אז דו וועסט מיך כאָטש אביסעל

ענטשולדיגען, ווען איך וועל דיר זאָגען, אז דאָס איז פון מיין זייט געווען נאָר אביסעל קאָקעטיש... הענריעטאַ רייצט זיך מיט מיר שטענדיג, דערמאָנענדיג זיין נאָמען, און איך האָב געוואָלט ארויסווייזען צו איהם אַ פאַלשטענדיגע גלייכגילטיג־קייט, וואָס איז אין דער אמת'ען ניט אזוי. אפשר וועט אָט די ערקלערונג ענטשולדיגען מיין אונווילליגען פארברעכען, און דו וועסט זעהן ווי עס איז דאָס צו פארגלעטען.

— נו געוויס, דו זעהסט נאָר ריינצוואַוואַשען זיך אַליין און ווארפסט אַלץ ארויף אויף מיר, — האָט קעניג ארויס־געברומט. — אָבער איצט פאָדער איך שוין, מען זאָל בענ־דיקסענ'ען איינלאַדען צום באַל.

זאָגענדיג דאָס, איז ער אוועקגעגאנגען צו בענדיקסענ'ען.

דערווייל האָט שוין יעקב זיך אביסעל בארוהיגט, און אין איהם איז נאָר געבליבען אַ געפיהל פון ביטערניש און שאנד. ער האָט אזוי געטראַכט:

„איך האָב דאָך קיין רעכט ניט געהאַט צו הערען יענע רעד. ווען מען וואָלט נאָר געוואוסט, אז איך בין דאָ, וואָלט מען דאָך דאָס ניט געזאָגט... פארוואָס אָבער, פארוואָס קען אָט די מיידעל ניט קלערען וועגען מיר, ווי וועגען אַ מענשען, און פארגעסט ניט, אז איך בין אַ איד! פארוואָס קלערט זי וועגען מיר, ווי וועגען דעם אידען בענדיקסען? איבריגענס, סוף כל סוף בין איך דאָך טאַקי אַ איד, דער איד בענדיקסען... אָבער וואָס פאר באַציהונגען וועלען איצט זיין צווישען מיר און יענער פאַמיליע?.. אַך, פארוואָס האָט די נארישע מיידעל ניט צוגעמאַכט די טיר, איידער זי האָט אָנגעהויבען פּלוי־דערען!"

ער איז אָן אויפגערעגטער געגאנגען הין און צוריק אי־בער'ן צימער און האָט אין געדאנק אַלץ געבראַכט אזעלכע ארגומענטען, אום צו בארוהיגען זיך אינגאנצען. פלוצלונג האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר, און קעניג איז ארייגגעקומען. זיי זיינען ביידע געווען אזוי צומישט, אז זיי האָבען ניט באַ־מערקט זייער צומישטקייט. מעכאַניש האָבען זיי זיך געדריקט

די האַנט. יעקב האָט זיך גענוג באַהערשט, צו זאָגען עטליכע ווערטער:

— ענטשולדיג, וואָס איך בין פון דיר אַנטלאָפען, — האָט ער געזאָגט גאַנץ רוהיג. — איך האָב געמוזט אָפּשיקען אַ נויטיגען בריעף, און איך האָב וועגען דעם גאָר פאַרגעסען.

דער אָרימער קעניג איז שיער ניט אויפגעשפּרונגען פון פרייד, דערהערענדיג די ווערטער. אונגעריכט פאַר איהם אַליין האָבען זיך ביי איהם אַרויסגעריסען די ווערטער: „אַ דאַנק גאָט!" אָבער ער האָט זיך באַלד פאַרכאַפּט, מורא האָבענדיג, אַז ער וועט זיך פאַרראַטען. אָבער יעקב'ן האָט זיין אויסגעשריי ניט פאַרוואונדערט, ער האָט אויך אַ קלער געטאָן „אַ דאַנק גאָט!" און האָט זיך געפרעהט, וואָס ער האָט זיך ניט אַרויס־געגעבען.

מיט ערלייכטערטע הערצער האָבען זיך די פריינד אַוועק־געזעצט און האָבען פאַרפיהרט אַ געוועהנליכען געשפּרעך. נאָך קיינמאָל איז יעקב ניט געוועזען אַזוי פריינדליך מיט זיין חבר און קיינמאָל האָט ער נאָך אַזוי גערן ניט אָנגעפילט זיין ליולקע. און קעניג איז אויך קיינמאָל ניט געוועזען אַזוי ליעבליך און הארציג. זיי האָבען לאַנג גערעדט, איבערגעהענדיג פון איין זאַך צו דער אַנדערער, מורא האָבענדיג אָנצוריהרען דאָס, וועגען וואָסביידע האָבען געקלערט. ענדליך האָט קעניג געפונען אַ געלעגענהייט איבערצוגעבען יעקב'ען די איינלאַדונג צום באַל. און ווען יעקב האָט מיט דאַנקבאַרקייט אָנגענומען די איינלאַ־דונג, האָבען ביידע ענדליך דערפיהלט אַ זיכערהייט, אַז די פריינדשאַפט צווישען זיי איז געבליבען ווי געווען.

— דו טאַנצסט דאָך? — האָט קעניג געפרעגט.

— יע, אין שול האָב איך זיך געלערענט טאַנצען. אָבער אויף אַן אמת'ען באַל בין איך נאָך קיינמאָל ניט געווען.

— נאַרישקייטען, — האָט קעניג געענטפערט. — אַ באַל איז טענץ און מעהר גאָרניט.

מיט די ווערטער האָט ער זיך געזעגענט און איז אַוועק־געגאַנגען.

* * *

דער באל.

ווען דו געהסט אריין מיט א לייכטען ציטער אין טאנץ זאל און דו זעהסט די בונטע גרופען פון אויסגעפוצטע דאמען, די ווענט, שפיגלען, הענגלייכטער, — פאלסטו אריין עפעס אין א געבעל. דו באגעגענסט פריינד און באקאנטע, דערקענסט זיי אבער קוים, ווייל זיי רעדען ניט ווי אלעמאל, עפעס אזוי אנגע־צויגען און מיט צערעמאניען. סוף כל סוף הויבסטו אן פיהלען זיך איינזאם, און אויב דו ביזט נאך דערצו א שרעקעדיגער אויך, וועט דיר שוין אויסווייזען, אז די דאמען רעדען זיך דורך שטי־לערהייט וועגען דיר און לאכען פון דיר, און דו האסט מורא צו דערנעהנטערען זיך צו זיי, ווען דאס איז גאר דאס איינ־ציגע, וואס זיי ווילען. דער עטיקעט און די שטרענגע צערעמא־ניען שפרייטען אויס זייער פארגליווערנדע האנט איבער דעם גאנצען זאל. מענשען באוועגען זיך ניט ווי מענשען מיט רויטען, הייסען בלוט אין הארצען, נאר ווי שטיינערנע סטאטוען.

אבער אט דערהערען זיך די ערשטע קלאנגען פון די פידלען, און די קאלטע געזיכטער ווערען באלויכטען מיט שטראהלען פון לעבען, און דא און דארט לויפט פארביי א פרעהליכער שמייכעל.

די וועלען פון מוזיק פילען אן דעם גאנצען זאל, און די ענג צונויפגעפלאכטענע פארען שווימען איבער דעם זאל.

דער זאל ווערט פארוואנדעלט אין א טעמפעל, וואו אפראדיטא קעניגט, און איהר באפליגעלטער זוהן שפיעלט זיך, ארויס־שיקענדיג זיינע פיילען.

און אינמיטען פון א קריסטליכער שטאדט שטעהט אויף א שטאלצער טעמפעל, וואו די אלימפישע געטער הערשען, וואו מענשען פארגעטערען די שעהנהייט, פארגעסענדיג דעם קאטעכיזים, — ניט דערפאר אפשר זיינען די קריסטליכע פריסטער אלעמאל געוועזען אזעלכע שטארקע געגנער פון טענץ?

אמת, ניט אלע זיינען דא גלויביגע. אט וואנדערען איינינע

אום אין עלעגאנטע פראקען און מאנאקלען. זיי געפינען, אז ביי דער אדער יענער דאמע זיינען די פיס צו גרויס, אז דער לימאנאד איז ביי די ווירטען צו זיס, און די פידלען שפיעלען פאלש אויף א האלבען טאן. זיי טאנצען וועניג, עסען אבער א סך. עס זיינען אויך פאראן דא מענשען מיט א דערשראָ־קענעם אויסזעהן, — דאס זיינען די אונגליקליכע, וואס האבען מורא זיך צו פארליעבען. קען מען דערקענען א יונג מיידעל אויפ'ן באל? אט די שרעקעדיגע מענשען זיינען מעהרסטענס אדער קאנדידאטען פון פילאסאפיע, אדער רעגימענט כירורגען. זיי זיינען איבריגע אויפ'ן בארג פון אידא.

ווען אבער א מענש מיט א יונגען געזונטען הארצען טרעט צום ערשטען מאל אריבער די שוועל פון דעם טאנץ זאל, שמייכ־לען די געטער מיט דעמזעלביגען שטראהלענדען שמייכעל, ווי אמאל, ווען מען פלעגט זיי ברענגען קרבנות. זיי רינגלען ארום דעם נייעם מיט א נעבעל פון טרוימען און רופען ארויס אין זיין זכרון די האלב פארגעסענע מיטען.

*   *   *

פערביי יעקב'ן האבען זיך געטראגען שעהנע פרויען, און ער אליין האט געהאלטען אין זיינע ארעמס א יונג מיידעל. ער האט א געפיהל, ווי אלץ ארום איהם וואלט שוין אמאל געוועזן איהם באקאנט. אט זיינען זיי, די בלויע אויגען און די גאלדענע לאקען, וועגען וועלכע זיין מוטער האט איהם געזונגען! די מעשה'לע איז געווארען א ווירקליכקייט, — ער האט אין זיינע ארעמס געהאלטען דאס מיידעל פון דער מעשה'לע. אמת, איהרע לאקען זיינען ניט גאלדענע, נאר אביסעל טונקעלער, אבער זיי זיינען טונקעלער געווארען אין פארלויף פון יאהרען.

דאס איז טארא, פאנגעל'ס שוועסטער. זי האט זיך נאר וואס אומגעקערט אהיים פון האלשטיין, און ער זעהט זי דא איצט צום ערשטען מאל. ווילהעלם האט איהם פארגעשטעלט פאר זיין שוועסטער, ווען זי איז געשטאנען אין דער געזעלשאפט פון אנדערע דאמען. יעקב האט זיך טיף פארנייגט פאר איהר, און זי האט לייכט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ — דאס איז

געווען אלץ. אָבער אין דעם אויגענבליק, ווען זי האָט געוואָרפען אויף יעקב'ען אַ פארביילויפענדען בליק, האָט איהם אויסגע־וויזען, אַז איהרע אויגען האָבען אַ מערקווירדיגע אייגענשאַפט: זי האָט דוכט זיך אויף איהם ניט געקוקט, און דאָך האָט זי געזעהן. אָט איבער דעם זאָנדערבאַרען בליק האָט ער זיך פארטראַכט, דער בליק האָט אויפגערייצט זיין פאַנטאַזיע. אָבער איצט, ווען ער האָט זי געהאַלטען אין זיינע אָרעמס, און זי, אַ קינדעריש־פריידיגע, האָט דאָ ארומגעקוקט זיך מיט אַ גליקליכען בליק, דאָ געקוקט אויף איהם, ערוואַרטענדיג, ער זאָל אָנהויבען רעדען, האָט יעקב מעהר ניט געקענט באַמערקען קיין שאָטען פון יענעם אויפמערקזאַמען, זאָנדערבאַרען בליק. זי איז געווען אַזוי שעהן, און אַזאַ אומבאַשרייבליכער צויבער איז געווען אויסגעגאָסען אויף איהר גאַנצער געשטאַלט, אַז ער האָט מורא געהאַט אָנצוריהרען זי און האָט פון גרויס פרייד גאָר קיין ווערטער ניט געפונען פאַר אַ געשפּרעך.

באַהערשענדיג זיך, האָט ער געזאָגט:

— ענדליך זעה איך דיזעלביגע פריילין טאָרא, וועגען וועל־כער מען האָט מיר אַזוי אָפט דערצעהלט.

— יע, יע, — האָט זי פרעהליך געענטפערט, — ענדליך האָט איהר דערזעהן דעם באַריהמטען טראָנדיעמער דאָם, און אַזוי ווייטער.

— און אויב מען וואָלט מיך געפרעגט, צי די קלאַנגען זיינען געווען ליגען, וואָלט איך ניט געקלערט און באַלד גע־ענטפערט, אַז ניט, — האָט יעקב ווייטער געזאָגט.

„ער איז דאָך גאָר ניט אַזאַ נאַר, — האָט טאָרא געקלערט. — איהם איז נאָר שווער געווען צו ענטשליסען זיך אָנצוהויבען רעדען.“

— טאָרא, — האָט יעקב ווייטער גערעדט, — דאָס איז זעהר אַ שעהנער נאָמען. פון מיינע ערשטע קינדערשע יאָהרען האָט מען מיך געלערנט צו ליעבען דעם נאָמען.

— מיין קוזען אין האַלשטיין האָט אויך געפונען אין דעם

נאָמען עפּעס אונגעוועהנליכעס. ער זאָגט, אז דאָס איז די ווייב־ליכע פאָרם פון דעם נאָמען פון גאָט טאָר.

— יע, אזוי איז דאָס אין דעניש! דער גאָט טאָר האָט געהאַט א פרוי סיף מיט גאָלדענע האָר און א מילדען בליק.

אויף טאָרא'ן האָבען געווירקט ניט אזוי די ווערטער, ווי דער טאָן, אין וועלכען זיי זיינען געזאָגט געוואָרען. זי האָט אויפמערקזאם א קוק געטהאָן אויף איהם, ווי זי וואָלט זיך גע־וואָלט איבערצייגען, אז זי האָט ניט געהאַט קיין טעות. אָבער יעקב איז געוועזען אין כעס אויף זיך אליין, — דאָס, וואָס ער האָט געפּיהלט, איז געווען שעהנער און טיפער פון זיינע ווער־טער.

ווען אנאנדער קאוואלער האָט אוועקגעפיהרט טאָרא'ן און האָט גענומען רעדען צו איהר, האָט זי ניט ווילענדיג זיך אומ־געקוקט, און איהר בליק האָט זיך באגעגענט מיט דעם בליק פון בענדיקסען, וואָס איז געשטאַנען אין אנדערען עק פון זאַל. טאָרא איז רויט געוואָרען און האָט ארונטערגעלאָזען די אויגען.

— איך וויל האָבען דאָס פאַרגניגען פאָרצושטעלען מיינע פריינד איינעם פאר דעם אנדערען, — האָט געזאָגט קעניג, צופיהרענדיג צו יעקב'ען א יונגען אָפיציר. — לייטענאנט ענג־בערג, קאנדידאט בענדיקסען.

— מיר דוכט, אז מיר זיינען מיט העררן בענדיקסען אלטע באקאנטע. מיר פלעגען זיך דאָך באגעגנען אין פּיאַניע, — האָט געזאָגט דער לייטענאנט. — אָבער איהר האָט שוין אפשר מיך פארגעסען?

אָבער יעקב האָט זיך דערמאָנט: פאר איהם איז געשטאַ־נען זיין ערשטער פיינד, דערזעלבער איינגעל, וועמען ער האָט אמאָל געשלאָגען אויפ'ן ברעג פון ים אין זיין געבורטס שטאָדט, ווען דער שפּאָט פון די קריסטליכע אינגלעך האָט איהם געמאכט ווילד. וואָס פאר אן אונגעריכטע און זאָנדערבארע באגעגניש אויפ'ן באל! איהם האָט אויסגעוויזען, ווי אין א קלאָרען זומער־דיגען טאָג וואָלט א שווארצער וואָלקען פארשטעלט די זון און דערמאָנט די מענשען וועגען פינסטערניש און נאכט.

דער לייטענאַנט איז געווען זעהר שעהן, עלעגאַנט און העפליך.

פון דעם אויגענבליק אַן האָט יעקב׳ען אַרומגענומען אַ גע־פיהל פון שרעק, ווי עפּעס בייזעס וואָלט איהם געדראָהט. אין איהם איז אויפגעשטאַנען אַ ליידענשאַפטליכער און אונערקלער־באַרער פאַרלאַנג אַנצוהויבען אַ קאַמף מיט׳ן פיינד. אָט די געפיהלען האָט פאַרבּיטען אַ נייע וועל פון פרייד, ווען ער איז ווידער געשטאַנען לעבען טאַראַ׳ן.

זיי זיינען געשטאַנען ביים פענסטער, אַביסעל אַן אַ זייט פון די טאַנצענדע. ער האָט געזאָגט:

— וואָס פאַר אַן אונבאַשרייבליך גליק אַ מענש קען דאָס פיהלען! איך האָב אַזאַ געפיהל, ווי איך וואָלט אין אָט דעם זאַל זיך אַנגעכאַפּט מיט די הענט פאַר מיין גליק, און מיר איז אונהיימליך פון זיין אונמיטעלבּאַרער נאָהנטקייט. מיר דוכט, אַז דער מענשליכער אָרגאַניזם איז צו שוואַך, צו קענען אריבער־טראָגען די אונמיטעלבּאַרע נאָהנטקייט פון גליק.

— איהר האָט געווים זעהר ליעב צו טאַנצען, — האָט גע־זאָגט טאַראַ.

— טאַנצען? ניין, איך טאַנץ ניט!

— ווי? איהר טאַנצט ניט? — האָט זי אויסגערופען מיט אַ געלעכטער. — האָט איהר דען נאָר וואָס ניט געטאַנצט מיט מיר?

— יע, מיט אייך!

טאַראַ האָט דערפיהלט, אַז די ווערטער זיינען ניט געווען קיין געוועהנליכער באַל קאָמפּלימענט. צו אויפריכטיג און האַר־ציג האָט געקלונגען יעקב׳ס שטים.

נאָך אַ ווײַלע שווייגען האָט יעקב ווייטער געזאָגט:

— אין אַלטע מעשה׳לעך ווערט דערצעהלט, אַז ווען מען גראָבּט אויס פון דער ערד אַן אוצר, דאַרף הערשען אַ טיפע שטילקייט. אָבער ווען מען וויל נעמען דאָס גליק פון לעבען, דאַרף מען רעדען... אָ, ווען מען וואָלט נאָר געקענט געפינען דאָס צויבער וואָרט!

— נו, אויף וויפיעל איך האב געקענט באמערקען, וועט אייך ניט זיין שווער דאס צו געפינען! — האט זי געזאגט אין א לייכטען, נאטירליכען טאן.

— א, האט ער געזאגט, בלייך ווערענדיג, — ווען איך וואלט נאר געקענט געפינען דאס ווארט, וואס זאל האבען די קראפט דורכצוברעכען די וואנט פון פאראורטיילען! ווען מען וואלט געקענט געפינען דאס צויבער ווארט, פון וועלכען פיעל ווערט פארגעסען... מיר דוכט, אז אין מוזיק בין איך נאהנט צו אט דעם ווארט... אונזער רייה, פרייליין!

נאך האלבער נאכט איז ער געשטאנען אין קרייז פון זיינע פריינד. אלע האבען געטרונקען שאמפאניער, די פארשטיקטע קלאנגען פון מוזיק האבען זיך דערטראגען פון זאל. אין דער מינוט, ווען יעקב האט צוגעטראגען צו די ליפען דעם באקאל, האט אין וויין פלוצלונג א שטראם געטאן בלוט. די דערשראָ־קענע חברים האבען זיך א ווארף געטאן איהם צו הילף, מיינענ־דיג, אז אן אדער האט געפלאצט ביי איהם אין האלז. אבער דאס בלוט האט זיך באלד אפגעשטעלט, נאר יעקב'ס פראק איז געוועז אין פלעקען, און ער האט געמוזט אוועקגעהן אהיים. ער איז געוועז פארצווייפעלט, ווייל ער האט געקענט בלייבען נאך לעבען איהר, זיך געזעגנען מיט איהר, און ער האט ניט געזעהן, ווי די שמייכלענדע אויגען ווערען אלץ נעבעלדיגער, די באקען בלייכער, און די פרישע טואלעטען ביי די דאמען וועלקען אלץ מעהר און מעהר אין דעם שלעפעריגען שיין פון די באלד דער־ברענטע ליכט.

V

אויף מארגען, ווען יעקב האט זיך אויפגעכאפט, האט ער דערפיהלט אן אונצופרידענהייט מיט זיך. ער האט זיך עפעס געשעהמט, ווי ער וואלט אויסגעקומען קאמיש פאר אנדערע מענשען. אונרוהיג האט ער גענומען דערמאנען אלץ, וואס ער האט געזאגט, ווי ער האט זיך אויפגעפיהרט; און ניט קוקענ־דיג אויף דעם, וואס ער האט גארניט געפונען וואס זיך פאר־

צוואווארפען, האָט דער עקזאמען נאָר פארשטארקט זיין אונצו־פרידענהייט מיט זיך.

ער האָט זיך געזאָגט:

„איך בין געווען פאר׳שכור׳ט! איך בין ניט געווען פאר־אנטוואָרטליך פאר מיין אויפפיהרונג!.. וואָס האָט יענע יונגע מיידעל געקלערט וועגען מיר?... אך, זי וועט מיך אפשר גאָר ניט דערקענען, ווען מיר וועלען זיך באגעגנען... אפשר וועל איך זי אויך ניט דערקענען — זי איז דאָך געווען אין א באל טואלעט!"

ער האָט אָבער דאָך באשלאָסען ניט אָפצולעגען די זאַך און איז באלד אוועקגעגאנגען צו ווילהעלם פאנגעל. אויף טאָרא׳ס געזיכט האָט זיך באוויזען אַן אויסדרוק פון פרייד און צופרידענהייט, ווען זי האָט איהם דערזעהן, און יעקב האָט אין דעמזעלביגען אויגענבליק זיך בארוהיגט, א פריידיג געפיהל האָט פארנומען דעם אָרט פון דער פריהערדיגער אונ־רוהיגער שטימונג. טאָרא׳ס מוטער, וואָס איז געווען זעהר צופרידען מיט דעם, וואָס איהר טאָכטער האָט אזוי פיעל גע־טאנצט נעכטען, האָט געזאָגט צו יעקב׳ען:

— היינט מוזט איהר אונז ענטשולדיגען... איהר ווייסט דאָך, וואָס אין הויז טהוט זיך, ווען די טעכטער קומען פון א באל כמעט אין דער פריה. אָבער איהר וועט אונז פארשאפען פיעל פארגניגען, ווען איהר וועט צו אונז קומען מאָרגען אָוועגד.

א גליקליכער און צופרידענער איז יעקב אוועקגעגאנגען אהיים. אין דער היים אָבער איז אויף איהם ווידער געקומען א צווייפעל:

„האָט מען שוין איהר אפשר דערצעהלט, ווי איך האָב זיך אויפגעפיהרט נעכטען אָוועגד, און זי לאַדט מיך איין צו זיך אזוי שנעל, אום אָפצולאַכען פון מיר?"

ער איז אָבער אין באשטימטען אָוועגד אריינגעקומען אין פאנגעל׳ס הויז, און דאן האָט ער ווידערהאָלט זיינע באזוכען אזוי אָפט, ווי דאָס איז נאָר געווען מעגליך. ביסלעכווייז האָט איהם אלץ טיפער ארומגענומען דאָס געפיהל פון ליעבע.

טאָראַ'ס יעדע וואָרט האָט פאַר איהם באַקומען אַלץ מעהר באַדייטונג. יעדע ענדערונג אין אויסדרוק פון איהר געזיכט האָט אין איהם באַלד אַרויסגערופען שרעק אָדער פרייד.

פאַר יעקב'ען איז אָנגעקומען די צייט, ווען זיין גאַנצע פאַרגאַנגענע לעבען האָט איהם אויסגעוויזען טויט און ציעל־לאָז. ער האָט איצט אָנגעהויבען אַ נייַ לעבען, וואָס איז אינ־גאַנצען געווען פאַרבונדען מיט אָט דער מיידעל.

פאַנגעל'ס הויז האָבען אויך באַזוכט אַנדערע יונגע לייט. אַמאָל פלעגט טרעפען, אַז יעקב האָט געמיינט, אַז ער האַסט טאָראַ'ן פון גאַנצען האַרצען. און דאַן האָט דאָס געפיהל, וואָס האָט איהם אַזוי שטאַרק געצויגען צו איהר, איהם אויסגעוויזען ווי אַ פינסטערע, פיינדליכע קראַפט. ער האָט זיך געוואָרפען און האָט געליטען אין די קייטען, וואָס ער האָט אַליין אויף זיך אַרויפגעלעגט, און פלעגט ווערען אויפגערעגט, אַזוי ווי אַנדערע האָבען דאָס די קייטען אַרויפגעלעגט אויף איהם.

ווי פיינליך זיין געמיטס צושטאַנד איז ניט געווען, האָט ער ניט געזוכט קיין ערלייכטערונג אין דער געזעלשאַפט פון זיינע פריינד, נאָר פאַרקערט, ער האָט זיך געהאַלטען וואָס ווייטער פון זיי, אום אָפּצוגעבען זיך אין איינזאַמקייט זיינע טרוימען און צווייפלען.

*   *   *

...אַ טיגער פון דער וויסט האָט זיי פאַרקויפט אַ פאַרביי־פאַהרענדער סוחר. זיי האָבען איהם געשפּייזט מיט ברויט און געזעטיגט מיט מילך אָנשטאָט בלוט. זיי האָבען איהם געגלעט און געצערטעלט מיט צאַרטע הענט, ווען די דערנער האָבען פאַרוואונדעט זיינע ברידער. ווען דער שטורעם פלעגט אויפ־וועקען אין איהם עראינערונגען וועגען דעם אוראַלטען וואַלד, פלעגט ער דערפיהלען אַ פאַרלאַנג צו אַנטלויפען... אָבער ער האָט ניט געקענט... ווייל ער איז געוועהנט געווען צו מילך, ברויט און סאַמעטענע, צאַרטע הענט...

*   *   *

...פנחס בן עליעזר, בן אהרן, משה'ס ברודער, האָט גענומען

א שווערד און האט דורכגעשטאכען דעם אידען, וואס האט געליעבט א געצענדינעריש מיידעל, האט איהם מיט איהר אינאיינעם דורכגעשטאכען מיט'ן שווערד...

* * *

...מיט וואס ערקלערט זיך, וואס נאר איין שמייכעל אויף די ליפען פון א פרוי ריהרט אזוי אויף מיין הארץ? ליפען זיינען דאך נאר פלייש און בלוט, א שמייכעל איז דאך נאר צוזאמענגע־צויגענע מוסקעלען. אומזיסט זאג איך דאס אלץ... ווען איך דערזעה איהר שמייכעל, ווערט מיין פארשטאנד פארטונקעלט, איך ווער בארוישט פון גליק...

* * *

...ער טראגט א רויטען מונדיר און עפאלעטען, אויפ'ן זייט א סאבעל, אויפ'ן הוט פעדערען, און איך... איך בין א איד!

* * *

...די גמרא זאגט, אז מען דארף זיך לערנען רייטען, פעכ־טען און שווימען. איך האב זיך דאס אלץ אויסגעלערענט. איך בין א רייטער, וואס האט זיך פארקליידט פאר א אידען... מיין אונגליק באשטעהט אין דעם, וואס איך קען זיך ניט באפרייען פון מיין אויסערליכער הויט!

* * *

...אין קינדהייט האב איך איהם באלד דער'הרג'עט אין צייט פון אן עהרליכען שטרייט. דאס איז געווען א פריהצייטיגער כעס פון מיין זייט. איצט טהוט ער מיר דאס, פאר וואס איך האב איהם דאן געוואלט דער'הרג'ענען.

* * *

...איז דאס נאר געווען א צופאל, וואס זי האט, ארויסגעהענ־דיג פון טיר לעבען מיר, מיך גענומען אונטער'ן ארעם, איידער איך האב געוואגט דאס איהר פארצושלאגען? האט זי געוואוסט, אז ער וועט אויך געהן מיט אונז?... איך וואלט זי געקענט פרעגען וועגען דעם... און וואס וועט זיין, ווען איהר ענטפער וועט צושטערען מיין האפנונג, און איך וועל דערזעהן, אז איך האב זיך דא אליין אפגענארט... א, ווי פיינליך דאס איז!

קען מען דען גלויבען אין גאָט, ווען ער דערלאָזט, אַז דער מענש זאָל ליידען פון אַזא אינקוויזיציאָן!

* * *

...און אויב זי איז נאָר אַ קאָקעט און שפּיעלט זיך נאָר מיט מיר? אפשר לייד איך דאָס אַלץ, נאָר אום צופרידענצושטעלען איהר פרויען איינגענליעבע? שפּיעל ניט מיט מיר קיין קאָמעדיע, קריסטליך מיידעל!

* * *

...מען זאָגט, אַז אַ סך אידען האָבען ערפאָלג ביי קריסטליכע מיידלעך, אָבער אין געהיים... וואָלט איך דען ווען עס איז דערלאָזט צוטרעטען אין מיר דעם א י ד ע ן, ווען זי וואָלט געקושט ביי מיר די ליפּען פון דעם מ אַ ן! וועל איך דען אונטער דעם צודעק פון געהיימניס זיך ערקלערען פאַר אַ מענשען! ניין, קיינמאָל ניט! איך האָב איין גרויסען פאָרצוג פאַר די קריסטען: ווען אַ קריסט באַזיצט אַ פרוי, האָט ער מורא, אַז זי וועט איהם זיין אונטריי. איך אָבער וואָלט געקענט זיין זיכער אין דער ליעבע פון דער פרוי, וואָס וואָלט געוואַגט צו געהערען מיר אָפען.

* * *

איינמאָל האָט לעווי פאַרוואונדערט יעקב'ען מיט אַן אונגעריכטען וויזיט. איבריגענס, ניט דער וויזיט אַליין האָט איהם אַזוי געוואונדערט, — לעווי איז פאַר דער צייט עטליכע מאָל אַריינגעקומען צו איהם, אָבער ער פלעגט באַלד פאַרשווינדען, ווייל ער פלעגט געפינען יעקב'ען אין אַ פינסטערער און שוויי־גענדיגער שטימונג. אָבער דאָס מאָל האָט לעווי מיט זיין ענטשלאָסענעם אויסזעהן קלאָר געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז ער קלייבט זיך ניט באַלד אַוועקצוגעהן. ער האָט גענומען אַ ליולקע, האָט זיך באַקוועם אַנידערגעזעצט און האָט גענומען אַרויסלאָזען וואָלקענס רויך, וואָרפענדיג פון צייט צו צייט באַמערקונגען, אויף וועלכע יעקב האָט קורץ געענטפערט.

ענדליך האָט לעווי געזאָגט:

— איך זעה דאָך גוט, אַז איך בין געקומען ניט אין צייט.

איך האָב אָבער אַ וויכטיגע אורזאַך. אין מיין פּראַקטיק איז פאָרגעקומען אַ זאָנדערבאַרער פאַל, און איך קען אַליין ניט ענטשליסען זיך צו האַנדלען. בין איך געקומען אַהער בעראַטען זיך מיט אייך.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַל? — האָט יעקב געפרעגט.

— דער פאַל איז אַזאַ. איינער פון מיינע פּאַציענטען האָט געליטען פון פאַרשטאָפּונג. איך האָב איהם פאַרשריבען אַ גע־וועהנליכען מיטעל אין אַ נאָרמאַלער דאָזע. דער אונגליקליכער האָט אָבער מיט אַמאָל איינגעשלונגען אַ גאַנצע פלאַש, און איצט ליידט ער פון אַ שרעקליכער אונאָרדנונג.

— און אין אַזאַ פאַל דאַרף איך דאָס אַרויסזאָגען מיין קאָמפּעטענטע מיינונג? — האָט יעקב אויסגערופען לאַכענדיג.

— יע, ווייל „יענער מענש ביזטו, קעניג!“ ווי נתן הנביא האָט געזאָגט צו דוד המלך. איהר זייט דאָס יענער פּאַציענט!

— איך? איהר זייט פון זינען אַראָפּ, לעווי!

— יע, איהר. איך האָב אייך פאַרשריבען אַ טיי לעפעלע קריסטען אַ טאָג איבער אַ טאָג. און איהר האָט מיט אַמאָל אויסגעטרונקען אַ גאַנצע פלאַש!

— וואָס פאַר אַ העסליכער פאַרגלייך! — האָט אויסגע־רופען יעקב אַן אויפגערעגטער. — ווי האָט איהר דאָס דעם מוט... — ער האָט ווייטער ניט געקענט רעדען, ער האָט ניט געקענט אַרויסברענגען דעם נאָמען פון דער, וועמען ער האָט געליעבט ביי אַזאַ פערגלייך.—וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר...

— שטילער, שטילער, בענדיקסען! איך האָב זיך גערעכט, אַז איהר וועט ווערען אויפגעבראַכט, — אַלע פאַרליעבטע היצען זיך. פאַרגעסט אָבער ניט, אַז מיט אייך רעדט אַ פריינד, און ער רעדט ניט אין זיינע אינטערעסען, נאָר אין אייערע. אויב איהר האָט אויף אַזוי פיעל פאַרלאָרען אייער פאַרשטאַנד, אַז איהר קענט מעהר ניט פאַרטראָגען מיין אַנטייל אין אייך, איז זאָגט נאָר איין וואָרט, וועל איך אַוועקגעהן.

יעקב האָט ניט געהאַט דעם מוט אַרויסצוברענגען אַזאַ וואָרט. לעווי האָט ווייטער געזאָגט:

—איך האָב געמאַכט אַן אונאַנגענעהמען פאַרגלייך, אָבער דאָס מאַכט ניט אויס. אפשר איז דאָס גאָר נאָך ניצליכער, אַז די רויהע מאַטעריעלע ווירקליכקייט זאָל אוועקגעשטעלט ווערען אַנטקעגען די אידעאַלע בילדער און טרוימען. זייט זשע פאַרנינפטיג, באַדענקט אייך און הערט אויף צו זיין משוגע איבער אַ שעהנינקען פּנים׳על. די גאַנצע וועלט וויים, אַז איהר זייט יעדען טאָג ביי פאַנגעל און מאַכט זיך צום נאַרען.

יעקב איז געוועזען דערשלאָגען. אַ פאַרשעהמטער האָט ער קוים געקענט אַרויסרעדען:

— דאָס האָט זי געזאָגט, אַז איך מאַך זיך צום נאַרען?

לעווי האָט ניט געהאַט דעם מוט צו דערגרייכען זיין ציעל דורך אַ ליגען, ער האָט געענטפערט גוטמוטיג:

— דאָס האָב איך ניט געזאָגט. איך האָב נאָר געזאָגט, אַז מיר דוכט, אַז אַזוי איז דאָס.

מיט די ווערטער האָט לעווי פאַרלאָרען דעם באָדען, וואָס ער האָט געהאַט געוואונען. ער האָט ניט גענומען אין באַטראַכט, אַז פאַר דעם פאַרליעבטען איז ניטאָ קיין אַנדער ריכטער, ווי נאָר זיין געליעבטע, און צו אַנדערע איז ער גאַנץ גלייכגילטיג. יעקב האָט ערלייכטערט אָפּגעאָטעמט, צוגרייטענדיג זיך צו אַ שטרייט מיט לעווי. ער האָט געפרעגט:

— וואָס האָט איהר קעגען איהר?

— קעגען איהר? גאָרניט! זי איז זעהר גוט... פאַר אַ קריסט.

— און ווען זי זאָל מיך ליעבען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איך בין אַ איד?

— דאָס איז אונמעגליך! יעדענפאַלס קען זי ניט וועלען הייראַטען מיט אייך.

— איך בעט אייך, לעווי, באַליידיגט ניט די, וועגען וועמען מיר רעדען, אָננעמענדיג, אַז זי ליעבט מיך און וויל ניט הייראַטען מיט מיר.

— יע, זי קען ניט! די טאָכטער פון אַ בראַמין קען ניט הייראַטען מיט אַ פּאַריער. אָדער ריכטיגער, זי קען, נאָר ער

קען ניט הייראטען מיט איהר. באדענקט נאָר אליין, וואָס איז דאָס פאר א פאראייניגונג, ווען די פרוי דענקט, אז זי געהערט צו א העבערער קאסטע, ווי איהר מאן!

— ליעבע וועט אַפּווישען דעם אונטערשיד.

— יע, אויב איהר וואָלט געוואוינט אין א וויסט! ווען ארום וואָלטען ניט געווען קיין קרובים, פריינד און באקאנטע פון דעם בראַמין'ס טאָכטער, וואָס האַלטען, אז זיי ערנידריגען זיך, געבענדיג דעם פאַריער די האנט. פאַרגעסט ניט, מיין פריינד, אז ווען מען הייראט, הייראט מען ניט נאָר מיט דער געליעבטער, נאָר אויך מיט איהרע קרובים, יעדענפאַלס מיט איהר פאַמיליע. און וואָס אַנבאטרעפט דער... לאָמיר אַננעמען, אז ווי א געליעבטע וועט זי פארגעסען, אז איהר זייט א איד, אָבער ווי א פרוי, ביי ווענען די ערשטע ליידענשאַפטליכע ליעבע איז שוין אביסעל אָפּגעקיהלט, וועט זי דאָס אפשר דערמאָנען... ניין, איהר שטעלט זיך נאָר פאָר, אז אין אַן אויסברוך פון כעס וועט זי דאָס אייך אמאָל דערמאָנען.

א ציטער איז דורכגעלאָפען יעקב'ס קערפּער, אָבער ער האָט געשוויגען.

— ניין, — האָט ער געזאָגט נאָך א לאַנגען נאָכדענקען, — א געבילדעט מיידעל וועט דאָס קיינמאָל ניט טהאָן. ניין, קיינ־מאָל ניט!

— נו, און די געזעצען פארגעסט איהר? ווער וועט מאַכען די הייראטס צערעמאָניע? א קריסטליכער גלח. אין וואָס פאר א רעליגיאָן וועלען אייערע קינדער ערצויגען ווערען? אין דער קריסטליכער. פון זייער צאַרטסטען עלטער וועלען זיי זיך דורכדרינגען מיט אַן אַנטיפּאַטיע צו אידען און וועלען פאַר־אַכטען זייער פאָטער. אָך, שטעלט זיך נאָר פאָר, אז איהר האַלט אויף די הענט אייער אייגען קינד און עקזאמענירט איהם אין די שול געגענשטאַנדען, און פּלוצלונג אונטערברעכט אייך אייער קינד און פרעגט: „פאָטער, דאָס האָבען די אידען גע־קרייציגט קריסטוס'ען? די העסליכע אידען!"

— לעווי, דאָס וואָס איהר זאָגט איז שרעקליך!

— און פארגעסט נאָך ניט, — האָט לעווי פאָרטגעזעצט, — אז הייראַט איז עפּעס אַ העכערע זאַך, ווי נאָר דאָס איינפאַכע צוזאַמענלעבען פון מאַן און פרוי, וואָס האָבען קינדער. אין הייראַט איז אויך פאַראַן אַ רעליגיעזער עלעמענט, אין וועלכען דער מאַן און די פרוי דאַרפען זיך צונויפגיסען אין איין גאַנצעס. עס איז פאַראַן עפּעס פיינדליכעס צווישען קריסטענטום און אידענטום, ווי צווישען דעם פייער פון אַטרעי און דעם פייער פון טיעסט: זיי ברענען זייט ביי זייט און קענען זיך דאָך ניט צונויפמישען. איך ווייס ניט, פון וואַנען די פינסטערע, אונבאַזיעגבאַרע פיינדשאַפט נעמט זיך. זאָגט, איהר האָט קיינמאָל אין אייער לעבען ניט באַמערקט, אַז אַ פלוך הענגט איבער אונז? אָדער איהר האָט איצט פלוצלונג פארגעסען וועגען דעם?.. וואָס איז מיט אייך, בענדיקסען? איהר זעהט אויס אַזוי... שרעקט זיך ניט אַזוי! נעמט ניט מיינע ווערטער אַזוי בוכשטעבליך.

— און איהר, לעווי? איהר קלערט גאָר קיינמאָל ניט וועגען הייראַט? — האָט יעקב געפרעגט, אָבער מען האָט געקענט זעהן, אַז זיינע געדאַנקען זיינען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש.

— וואָס איז דאָ צו רעדען וועגען מיר! ווען איך וועל האָבען אַ גוטע פּראַקטיק, וועט זיך שוין געפינען אַ כלה אין אַ וועלכער עס איז אידישער פאַמיליע. איך וועל גוט פאַרדינען, וועל פיהרען אַ טהעטיג לעבען, — וואָס נאָך דאַרף מען?

— וואָס פאַר אַ גליקליכער מענש איהר זייט, לעווי! — האָט יעקב געזאָגט פאַרטראַכט. ער איז אַ ווײַלע געזעסען, קוקענדיג ערגעץ פאַר זיך. דאַן האָט ער פלוצלונג אויסגערופען, ווי אין אַ פּראָפעטישען עקסטאַז: — איך ווייס! דאָס איז אַן אונגליק! אָבער איך פאָדער איהם אַרויס! זאָל דער בעכער זיין אָנגעפילט מיט אַ טויטליכען גיפט, איך וועל איהם אויסטרינקען ביז'ן דעק!

— ווילען מיר אפשר געהן שפּיעלען אַ פּאַרטיי בילאַרד?

די ענדערונג אין דער געדאנקען ריכטונג איז געוועזן אזוי שארף, אז יעקב איז געוועזן ערשטוינט.

— איהר קוקט אויף מיר מיט פארוואונדערונג, — האט געזאגט לעווי. — איך האב אבער נאר געוואלט זאגען, אז אויב איהר זייט שוין משוגע, זאל אייער משוגעת ניט זיין איינזייטיג. איהר דארפט זיך ניט דערווייטערען פון מענשען און אינגאנצען אומקומען צוליעב ליעבע. נו, און וואס אנבאטרעפט מיך, וואש איך אפ די הענט... נו, וואס, — האט ער געזאגט נאך א ווילע שווייגען, זעהענדיג אז יעקב שטעהט ביים פענסטער און קוקט ארויס אויפ'ן גאס, — האט איהר זיך ענטשלאסען?

— יע, — האט יעקב געענטפערט מיט א טיפען זיפץ.

ארויסגעהענדיג מיט'ן פריינד, האט ער שטארק צוזאמענגעדריקט די הענט, ווי ער וואלט דאס געוואלט איינהאלטען דעם ענטשלוס, וואס וויל פון איהם אנטלויפען.

פראגמענטען פון טארא'ס בריף צו א פריינדין אין האלשטיין.

...יע, ווילהעלמינא, מען האט מיר געשענקט זעהר פיעל אויפמערקזאמקייט אויף יענעם באל! קאמער־יונקער וויטבארן און לייטענאנט ענגבערג זיינען כמעט ניט אפגעטראטען פון מיר, ווענדענדיג אריבערשטייגען איינער דעם אנדערען, באשיטענדיג מיך מיט קאמפלימענטען און ליעבליכקייטען. אמאל האבען זיי איינער דעם אנדערען געשטערט, און דאן זיינען זיי געוועזן שטארק עהנליך צו צוויי העהנער, וואס זיינען גרייט צו שלאגען זיך איבער א ווייץ קערענדעל. דאס איז געוועזן אזוי קאמיש! אויף דעם באל איז אויך געוועזן א מערקווירדיגער מענש. איך וועל ניט זאגען, אז ער האט געצויגען אלעמענס אויפמערקזאמקייט מיט זיין שעהנקייט אדער עלעגאנץ. ניין, מערקווירדיג אין איהם איז דאס, וואס אויסערליך איז ער געוועזן גאר אזא, ווי אלע אנדערע קאוואלערען, נאר שפעטער האב איך זיך דערוואוסט, אז ער איז א איד. דו קענסט זיך לייכט פאר־

שטעלען מיין ערשטוינונג, ווען איך וועל דיר זאָגען, אז מיט דעם באגריף „איד“ בין איך געוועהנט געוועזען צו פארבינדען די פאָרשטעלונג וועגען יענעם שמוציגען, העסליכען אידען, וואָס פלעגט ביי אייך אין האלשטיין אויספיהרען אלערליי קליינע ארבייטען, און איז געוועזען אזוי געלטגייציג און גנב׳יש. ווען מען באדענקט נאָר, אז אָט דער יונגערמאַן איז אויך א איד! דאָס ווייזט מיר גאָר אוים צו זיין אונמעגליך. דער איין געדאַנק, אז ער וואָלט געוועזען פעהיג אויף גנב׳ישע קונצען, באליידיגט איינפאך, איך פיהל דאָן, ווי איך וואָלט באגאנגען א שרעקליכע זינד. ניין, וואָס אַנבאטרעפט איהם, איז דער נאָמען „איד“ נאָר א צייכען, ווי די צונעמען פון סאָלדאטען, וואָס מען גיט זיי צו באשטימען, פון וועלכען געגענד זיי קומען.

* * *

....מיר ווייזט אמאָל אוים, אז אָט דער מענש שטעהט אפשר איבער דער ווירקליכקייט, נאָך איך, ווי אלע אנדערע, ווענד אויף איהם אונוויליג אָן א צו נידעריגע מאָס. באדענק נאָר, ניט נאָר צייכענט ער זיך אוים צווישען די סטודענטען מיט זיינע פעהיגקייטען, נאָר ער זינגט נאָך אויך, און זיין שטים איז אונגעוועהנליך ווייך און אנגענעהם. ווידער האָב איך זיך דערמאָנט אָן אייער אידען... אך, פרואוו נאָר איהם אוועקזעצען פאר׳ן קלאוויר, און זאָל ער זינגען עפּעס א ראָמאנס!

* * *

...איד... דאָס וואָרט איז איינגעהילט אין עפּעס טונ־קעלעס, עפּעס אזוינס, וואָס איז עהנליך צו האס און פאראכ־טונג. אָבער ווען נאָר איך נעם איהם באטראַכטען נאָהנטער, פארשווינדט דאָס טונקעלע ווי א שאָטען. האָט דען א זין צו האסען און פאראכטען א מענשען נאָר דערפאר, ווייל ער איז פון אנאנדער גלויבען? און דאָך, ווען נאָר דאָס וואָרט שווימט ארויף אין מיין זכרון, ווייזט עס מיר ווידער אוים ווי איינ־געהילט אין עפּעס אזוינס, וואָס איז טונקעל. עס מוז אין אָט דעם פאָלק זיין עפּעס אזוינס, וואָס איז פרעמד פאר אונז, וואָס איז פאַנטאַסטיש. דאָס פאָלק שטאמט דאָך פון אָריענט און

איז אזוי ניט עהנליך צו אונז, נאָרד מענשען... איבריגענס, איך ווייס אליין ניט, וואָס מאכט זיי אזוי פרעמד פאר אונז. איך ווייס נאָר, אז עס וואָלט געווען דער גרעסטער טעות צו אור־טיילען די אידען נאָך די עקזעמפּלארען, וואָס מיר איז אויסגע־קומען צו באגעגענען אין האָלשטיין. איך וויל בעסער דענקען, אז אָט דאָס פאָלק לעבט פארשלאָסען, ווי רעבעקאַ אין „איוואנהאָ". ווען ווער עס איז פון זיי ענטשליסט זיך צו באווייזען זיך צווישען מענשען, באהאלט ער זיין אמת'ע געזיכט אונטער א שמוציגען אויסזעהן. און אָט דאָס פאָלק שיקט ארויס פון צייט צו צייט זיינע נאָר בעסטע פאָרשטעהער אין די ברייטע וועלט, אז זיי זאָלען אויפהאלטען די עהרע און דעם גלאַנץ פון זייער פאָלק, און דאַן זיך אומקערען און באקומען זייער באלוינונג. עס איז זעהר מעגליך, אז דאָס איז נאָר א פּראָדוקט פון מיין פאנטאזיע, אָבער מיר איז אונאנגענעהם דאָס זיך פאָרצושטעלען אנדערש.

* * *

...סאלאדין איז דאָך געווען א גרויסער מענש, ער איז געווען גלייכצייטיג א סולטאַן און א נאָבעלער קריעגער. און די סאראצינער זיינען געווען פונקט אזוי ריטערליך־נאָבעל, ווי די אנפיהרער פון די קרייץ־צוגען. איך האָב וועגען דעם געלעזען אין דער געשיכטע און ביי וואלטער סקאָט. די אידען זיינען פון דערזעלביגער אָפּשטאַמונג, זיי קומען אויך פון אָריענט. אין דער צייט פון די מכבים האָבען זיי געהאט גרויסע העלדען. און יעזוס קריסטוס אליין און די אַפּאָסטעלען זיינען דאָך אויך געווען אידען.

* * *

...ער האָט אַן אונגעוועהנליך אויסדרוקספולע געזיכט. פון אַלע יונגע לייט, וואָס איך ווייס, איז ער דער איינציגער מיט דעם שטעמפּעל פון א נשמה אויפ'ן געזיכט. ווען לייטענאַנט ענגבערג קומט, איז דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגען, זיין מונדיר. ווען קאַמער־יונקער וויטבאָרן באווייזט זיך, מוז איך באלד באטראַכטען זיין וועסט און זיינע הענד־

שקעס. מיר איז אָבער קיינמאָל ניט איינגעפאַלען אַ קוק צו טהאָן, ווי ע ר איז געקליידט. איך ווייס אפילו ניט, צי ער האָט גרויסע אָדער קליינע פיס... כאָטש ער מוז געוויס האָבען קליינע פיס, אַנדערש וואָלט זיך מיר דאָס געוואָרפען אין די אויגען. זיין געזיכט — דאָס איז ער אינגאַנצען. דאָ ניט לאַנג איז ער געזעסען ביי אונז, איז געווען אין אַ פינסטערער שטי־מונג, און פּלוצלונג האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן. איך האָב אונווילליג זיך אַ קער געטהאָן צום פענסטער, מיר האָט אויס־געוויזען, אַז די שטראַהלען פון דער זון האָבען זיך דורכגעריסען דורך די וואָלקענס. און דאָך איז זאָנדערבאַר, וואָס אַזעלכע איי־גענשאַפטען קענען זיך געפינען ביי אַ אידען.

* * *

...איך שטעל מיר פאָר גאַנץ קלאָר, אַז ווען אַנדערע רעדען טהוען זיי דאָס נאָר אום אַרויסצובריינגען ווערטער: אָבער ווען ער רעדט, דריקט ער אויס זיינע געדאַנקען. ער האָט אפשר צופיעל געדאַנקען. יעדע פראַגע קלייבט ער פאַנאַנדער אַזוי אויספיהרליך, אַז איך הויב גאָר אָן רחמנות האָבען אויף די אונגליקליכע פראַגע. און זיין געדאַנקען גאַנג איז אַזוי אָריגי־נעל און אונגעריכט. כמעט יעדע זאַך באַטראַכט ער ניט פון דער זייט, פון וועלכער איך נעם זי אויף, נאָר פון דער געגענזעצלי־כער, און פונדעסטוועגען קומען מיר צו איינעם און דעמזעלבען שלום. מיר דוכט, אַז מיר דענקען פאַרשידען, אָבער פיהלען גלייך.

* * *

...ניט לאַנג האָט די שוועסטער זיך געררייצט מיט מיר. זי האָט פאַרזיכערט, אַז בענדיקסען איז אין מיר פאַרליעבט. ס׳פאַרשטעהט זיך, אַז זי האָט געשפּאַסט. פונדעסטוועגען איז דאָס מיר געווען אונאַנגענעהם, און איך האָב זיך באַלד צוּאַ־וויינט. איך פאַרזיכער דיך, אַז מיר האָט גאָר קיינמאָל ניט גע־קענט אפילו איינפאַלען, אַז ער זאָל אין מיר זיין פאַרליעבט, כאָטש וועגען אַלע אַנדערע האָב איך דאָס אין מיין אייטעלקייט יע געקלערט... אייגענטליך האָב איך קיינמאָל ניט געקלערט

וועגען דעם א סך, אָבער מיר האָט זיך אַלעמאָל געדוכט, אַז ער האָט שוין לאַנג אויסגעקליבען זיך אַ באַצויבערנד מיידעל פון זיין אייגענעם פאָלק, און אַז ווען עס איז וועט ער מיט איהר אוועקגעהן פון אַלעמען און וועט זיין גליקליך. אָט פאַרוואָס דער שוועסטער'ס ווערטער האָבען אַזוי שטאַרק געווירקט אויף מיר... און אויך דערפאַר, וואָס איך וואָלט געוואָלט... פאַרוואָס זאָל איך דאָס ניט אָנשרייבען? איך קען דאָך דעם בריעף ניט שיקען אויך... יע, איך וואָלט געוואָלט זיין יענע מיידעל פון זיין פאָלק... איבריגענס, אויב ער וועט זיך אין מיר פאַרליעבען, וועט איהם ניט אַרען דער אונטערשיד פון פאָלק און גלויבען.

* * *

...ער ליעבט מיך! ער ליעבט מיך! איצט איז שוין טאָג, און איך בין אָפּגעזעסען אַ גאַנצע נאַכט, אַרומגעמענדיג מיט די הענט די קניה, און האָב די גאַנצע צייט נאָר געקלערט וועגען די ווערטער, וואָס ער האָט מיר געזאָגט: „טאַראַ, איך האָב דיך אַלעמאָל געליעבט. מיין זעליגע מוטער האָט מיר וועגען דיר געזונגען!" און ווען נאָר איך האָב ווידערהאָלט אין געדאַנק די ווערטער, האָב איך כמעט אויפ'ן קול געלאַכט פון אונבאַשרייבליכער פרייד און פון גליק. וואָס פאַר זאָנדערבאַרע ווערטער: „איך האָב דיך אַלעמאָל געליעבט. מיין מוטער פלעגט זינגען וועגען דיר!" עפּעס האָט פאַרכאַפּט אין דעם קלאַנג פון די ווערטער און אין זיין שטים. קיינמאָל איז נאָך אַזאַ שטאַרק, באַטויבענד געפיהל ניט אַריינגעדרונגען דורך מיינע אויערען אין מיין האַרץ... מיר איז געוואָרען ניט גוט, און איך בין געקומען צו זיך, נאָר ווען איך האָב דערפיהלט, אַז ער פּרעסט מיך צו זיין ברוסט. גאָט מיינער, ווי ער האָט דאָס געשיינט פון גליק! אָבער זיינע ליפּען האָבען געציטערט, און ער איז געווען זעהר בלייך. און אין זיינע אויגען איז געווען אויסגעדריקט אַזאַ שטאָלץ, ווי ער וואָלט דאָס איינגענומען די גאַנצע וועלט... ווירקליך, איך האָב אפילו גענומען שטאָלצירען מיט זיך.

* * *

מיין טייערע ווילהעלמינאַ!

ענדליך שרייב איך דיר אַן אמת'ען בריעף. איך האָב זיי אָנגעשריבען א סך... אָבער דו ועסט זיי שוין ניט באקומען.

איך בין אַ כלה! יע, מיין טייערע, איך האָב טאַקי ניט ערפילט דאָס, וועגען וואָס מיר האָבען גערעדט, אַז איך וועל קיינמאָל ניט הייראַטען. אַזוי איז שוין דאָס לעבען. ער איז אַ סטודענט, און מען רופט איהם בענדיקסען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז ער איז שעהן, באַצויבערענד! וואָס פאַר אַ גליקליך לעבען מיר האָבען דאָס געפיהרט די לעצטע צייט! ניט לאַנג צוריק איז געשטאָרבען מיין מוטער'ס אַ ווייטע קרובה, איז פון אנשטענדיגקייט וועגען לעבען מיר שטיל און ווייזען זיך אין ערגעץ ניט. וואָס פאַר באַצויבערענדע און גליקליכע טעג איך פאַרברענג דאָס מיט איהם און מיט מיינע קרובים. דו קענסט זיך אפילו ניט פאָרשטעלען, ווי הויך עס שטייגט דער פרעסטיזש פון אַ יונגער פרייליין, וואָס ווערט אַ כלה, אין איהר פאַמיליע. און ווירקליך, אַלץ ארום איז אַזוי פריידיג, אַלע זיינען אַזוי אויפמערקזאַם און ליעבליך, אַז יעדען טאָג מיין איך דאָס איז מיין געבורטסטאָג. טייערע מיינע, זעה, ווער אַ כלה וואָס גיכער... און ווי גוט דאָס איז אויסגעקומען, וואָס מיר מוזען איצט אָפּהיטען טרויער. דו ווייסט, דאָס איז אפילו קאָמיש, אָבער מיין חתן קען ניט ליידען, ווען מען גראַטולירט איהם. ווען איינער פון די ווענינע באַקאַנטע, וואָס באַזוכען אונז איצט, גראַטולירט איהם, באַווייזט זיך אויף זיין געזיכט אַן אויסדרוק פון שרעק. מיר האָבען זיך צוליעב דעם אפילו געוויצעלט איבער איהם. ער לאַכט אויך און פאַרזיכערט, אַז דאָס קומט פון זיין שרעק, אַז די געטער זאָלען איהם ניט מקנא זיין. און דערביי קוקט ער אַזוי אויף מיר, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, די געטער זאָלען אין זייער קנאה מיך ניט צונעמען פון איהם. אָבער דאָס איז נאָר אַ קאַפּריז פון זיין זייט, קיינער וועט מיך ניט איינרעדען, אַז דאָס איז ניט אַזוי. אַלע מענער זיינען זאָנדערבאַר, און אויב ער מוז דאָס אויך זיין, טאַ זאָל דאָס זיין אַן אונשולדיגער קאַפּריז. בכלל אָבער איז ער אַזאַ ליעבליכער און גוטער! דער פאָטער און די מוטער ליעבען איהם אויך, און מיין ברודער

איז שוין לאַנג זיין פריינד, בין איך די גליקליכסטע פון אַלע מיידלעך אויף דער גאַנצער וועלט.

דו פאַרשטעהסט, נאַטירליך, אַז איך האָב מורא געהאַט, דער פאָטער זאָל ניט זיין קעגען מיין הייראַט. דו קענסט דאָך גוט מיין פאָטער, ער איז אַ גוטער און ליעבט אונז אַלעמען, ער האָט אָבער זיינע פאָראורטיילען. אַמאָל, ווען עס קומט ווער צו אונז, זיצט ער לאַנג, הערט זיך צו און שווייגט, דאַן שמייכעלט ער פלוצלונג, שטעהט אויף און געהט אַוועק צו זיך אין קאַבינעט. האָב איך מורא געהאַט, ער זאָל ניט האָבען קעגען בענדיקסען׳ען. אַך, איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען דעם טאָג, ווען בענדיקסען איז געגאַנגען רעדען מיט׳ן פאָטער!.. איך בין געשטאַנען אין צימער נעבען קאַבינעט און האָב אינגאַנצען געציטערט, ווי איך וואָלט געוואַרט אויף אַ ווערדיקט פון געריכט. פלוצלונג האָט זיך די טיר געעפענט, און איך האָב דערהערט די שטים פון פאָטער, וואָס איז אַרויסגעקומען צוזאַמען מיט בענדיקסען׳ען: „איהר זייט אַ גוטער מענש, דאָס איז געגוג... אָט איז זי אויך! איהר קענט זי נעמען". מיט די ווערטער האָט ער מיך אַרומגענומען, שטאַרק אַ קוש געטאָן און געזאָגט: „איך וועל נאָר אַריינגעהן צו דער מוטער. ענטשולדיגט, וואָס איך געה אַוועק!" אָ, ווי גוט ער איז, מיין ליעבער אַלטער פאַפאַ! יע, טייערע ווילהעלמינאַ, איך בין גליקליך! זאָל גאָט דיר אויך שיקען אַזוי פיעל גליק! מיין אָרימענקע, דאָס ווינשט דיר פון גאַנצען האַרצען

דיין פריינדין טאָראַ פאַנגעל.

VI.

די גאָלדענע צייט פון ליעבע! דו ביזט איבערפילט מיט גליק, און קיינער פיהלט דיר ניט מיט, אויסער די, וואָס לעבען דיך איבער. און דאָס איז טאַקי אַ באַווייז, אַז אין דיר אַליין איז דאָס אמת׳ע גליק. דיין שפּראַך איז די שפּראַך פון מאַסאָנען, זי איז אונפאַרשטענדליך און אונזיניג פאַר דעם ניט איינגעווייהטען. עס זיינען פאַראַן אונגליקליכע, זאָגען זיי, אַז

זיי האָבען קיינמאָל ניט איבערגעלעבט ליעבע; אָבער זיי האָבען אזא געפיהל, — כאָטש זיי ווייזען דאָס ניט ארויס, — ווי זיי וואָלטען באהאלטען א קנאָספּ, וואָס האָט פארוועלקט, איידער זי האָט זיך נאָך צובליהט.

אָבער דער גן עדן פון ליעבע דויערט ניט לאַנג. אמאָל נאָר ביז דאן, ווען דעם מאנ׳ס אויגען עפנען זיך, און ער דערזעהט, אז זיין געליעבטע האָט א שעהנעם קערפּער. און די ליידענשאַפט ערוואַכט מיט איהר בענקשאַפט, האָפנונגען, פארלאַנגען, שטרעבונגען און קאַמף... און דער שטויב פון פּסיכעע׳ס פליגעלעך צופליהט. אָבער עס טרעפט, אז דער מלאך פון לעבען טרייבט דעם מאן פון גן עדן, ווי אדם׳ען, און ער מוז עסען זיין ברויט אין דעם שוויים פון זיין געזיכט. אָבער אמור קען ניט אויסהאַלטען אזא לאַסט, ער ווערט בלייך און פארלירט זיינע פליגלען. דאָך פון צייט צו צייט קען ער נאָך האָבען שטילע אָווענדען, ווען ער קען אָפּרוהען נאָך דער טעגליכער ארבייט, דאן שפּיעלט ער אין די שטראַהלען פון דער פארגעהענדער זון, הויבט זיך ווידער אויף אויף די אויסגעשפּרייטע פליגלען... אָבער פון זיינע ליפּען פארשווינדט ניט דער טרויעריגער שמייכעל, דער געדאַנק ווענען מאָרגען פארלאָזט איהם ניט, און שטיל לאָזט ער זיך אראָפּ אויף דער ערד. אך, וואָס פאר אן אויסזעהן דער מלאך זאָל דאן ניט אָננעמען, אָבער ער וועט זיכער קומען און וועט פארמאַכען די טויערען פון גן עדן. אָבער דאָך זיינען מיר דאָרט געוועזן, אונזער הארץ איז רייכער געוואָרען, און מיט א געפיהל פון דאנקבארקייט היטען מיר אונזער אוצר אין די ערינערונגען.

עס איז געוועזן אן אונאנגענעהמער ווינטער אָווענד, כאָטש לויט דעם קאלענדאר האָט געדאַרפט זיין פריהלינג. עס האָט אויסגעוויזען, ווי דער ווינטער, ערוואַרטענדיג זיין אונפארמיידליכע נידערלאַגע, וואָלט באשלאָסען צו מאַכען די לעצטע אָנשטרענגונגען. עס האָט זיך אויפגעהויבען אן אמת׳ער ווייבער מיט א שניידיגען מזרח ווינט, וואָס האָט געדראָהט אויסצולעשען די לאַנטערנען. דאָ און דאָרט האָבען זיך אָפּגעריסען לאַ־

דענס און האבען געקלאפט אין די ווענט. יעקב איז געווען פאר־טיפט אין זיינע געדאנקען, און דער שטורעם האט איהם ניט געארט. ער איז געגאנגען צום הויז פון זיינע נייע קרובים. יע־נעם אווענד האט אין פאנגעל'ס הויז געדארפט זיין די ערשטע גרויסע אויפנאהמע נאכ'ן טרויער.

יעקב האט זיך פארקערט ביי א ראג און איז שוין געווען ניט ווייט פון הויז, ווען צוויי הערען האבען איהם איבערגע־יאגט. זיי זיינען געגאנגען מיט אראפגעבויגענע קעפ, און ווען איינער פון זיי איז אוועק אביסעל ווייטער פון צווייטען און איז געווען לעבען יעקב'ען, האט דער אנדערער, איהם דעריאגענדיג, געזאגט, פארטזעצענדיג זייער געשפרעך: „וואס פאר א פאר־דרוס!.. און נאך אזא שעהנינקע מיידעל!..“ נאר דאס האט יעקב געהערט, זיי זיינען שנעל אוועק פאראוים, און די ווייטער־דיגע ווערטער זיינען פארשטארבען אין רוים.

יעקב'ען האט אויסגעדוכט, ווי א פייערדיגער פייל וואלט איהם דורכגענומען. די ווערטער האבען קיין שיכות ניט געקענט האבען צו איהם, ער האט זיי אבער דערהערט אין א מאמענט, ווען זיי האבען איהם אויסגעוויזען ווי די שטים פון בייזען שיק־זאל, וואס האט געדריקט זיינע געדאנקען.

אזוי לאנג ווי ער האט געהאט נאר איין געדאנק, איין ציעל — טארא'ס ליעבע, איז זיין וועג געגאנגען ארויף בארג, וואס האט פאר איהם פארשטעלט די וועלט. אבער איצט, ווען דער ציעל איז געווען דערגרייכט, און ער איז געשטאנען אויפ'ן שפיץ פון זיינע פארלאנגען, האט ער דערזעהן פאר זיך גאנץ נייע זא־כען. איצט, האלטענדיג טארא'ן אין זיינע ארעמס, האט ער גע־קלערט, ווי אנדערע קוקען אויף דעם.

און אט, געהענדיג איבער'ן גאס אין דעם שטורמיגען אווענד, האט ער באקומען אן ענטפער, וואס ער האט ניט גע־וואגט ארויסזאגען אפילו פאר זיך אליין. מען האט באדויערט א יונג מיידעל, ווייל זי וועט הייראטען מיט א אידען...

ווען ער איז אריינגעקומען אין דעם העל באלויכטענעם זאל, וואו די גאנצע פאמיליע איז שוין געווען פארזאמעלט, — די דא־

מען האבען צום ערשטען מאל געטראגען עלעגאנטע טואלעטען אנשטאט די טרויער קליידער, — האט איהם אויסגעוויזען, ווי דאס הויז וואלט געווארען פאר איהם גאר פרעמד, און איהם האט ארומגענומען אן אונקלארער שרעק פאר עפעס, וואס איז אונבאוואוסט. טארא איז אין איהר העלען זיידענעם קלייד געווען זעהר עלעגאנט און אריסטאקראטיש. זי האט זיך פארנייגט, באגריסענדיג איהם, און בענדיקסענ'ען האט אויסגעוויזען, אז פון איהר פארנייגונג האט געוועהט די קאלטע גוטמוטיגקייט פון א גלענצענדער וועלטליכער פריילין. אפשר איז טארא'ס פארנייגונג ווירקליך געווען ניט אזוי נאטירליך, ווי געוועהנליך, אבער דאס האט געקענט זיין צוליעב דעם, וואס זי האט מורא געהאט, איהר שעהנע קלייד זאל זיך ניט צוקנייטשען.

יענעם אווענד האט טארא'ס פאטער, גאר ניט ווי געוועהנליך, פארבראכט מיט דער פאמיליע; און כאטש יעקב האט צו דעם מענשען געפיהלט אן אויפריכטיגע אכטונג, כמעט די אכטונג צו א פאטער, האט ער דאך זיך געפיהלט אביסעל אונהיימליך אין זיין אנוועזענהייט. די פריידיגע שטימונג פון די אנדערע מיטגליעדער פון דער פאמיליע האט ער אין דעם מאמענט ניט געקענט טיילען, און זיי האבען איהם אויסגעוויזען ווי פרעמדע.

אביסעל שפעטער איז צום טויער צוגעפאהרען אן עקיפאזש, און נאכדעם זיינען אין זאל אריינגעקומען צוויי יונגע פריילינס, טארא'ס פריינדינען.

פון דעם ערשטען בליק אויף די אינגסטע פון זיי, האט יעקב דערפיהלט צו איהר אן אונערקלערליכע אנטיפאטיע. איהר גאנצער אויסזעהן, איהר ראז פנים'על מיט דער ארויפגעריסענער נאז, די אפשפאטענדע אויגען, — אלץ האט געמאכט אויף איהם אן אפשטויסענדען איינדרוק; און אויסערדעם האט עפעס אן אונערקלערליכע איבערצייגונג איהם געזאגט, אז זי איז אנטיסעמיטיש. און יעקב האט זיך גענומען שרעקען, אז אט די פריינדין וועט אויסאיבען א פאטאלען איינפלוס אויף טארא'ן.

פריילין טאפיע האט באלד גענומען פלוידערען מיט טא־

רא׳ן. זי האָט אָפּגעפיהרט איהר פריינדין אָן א זייט, האָט גע־וואָרפען אויף יעקב׳ען אַן אויפמערקזאַמען בליק און האָט שטיל געזאָגט:

— דיין חתן איז זעהר שעהן! וואָס פאַר שעהנע שווארצע האָר ער האָט!

טאָרא האָט אויך אַ קוק געטהאָן אויף יעקב׳ען און האָט אַראָפּגעלאָזען די אויגען. יעקב האָט באַמערקט, אַז די יונגע פריילין רעדט וועגען איהם, ער האָט דערזעהן, ווי טאָרא איז רויט געוואָרען, דאָס האָט איהם אין איהם אַרויסגערופען אַ פיינליכען שרעק, איהם האָט זיך פאַרוואָלט וויסען, וואָס אַזוינס די יונגע פריילין האָט געזאָגט, און וואָס האָט אַרויסגערופען די פארב אויף טאָרא׳ס געזיכט. ער האָט באַשלאָסען, אַז די פריינדין האָט ניט אַנדערש אונטערגעשטראָכען, אַז ער איז אַ איד.

אַן אַלגעמיינער געשפּרעך האָט זיך פאַרבונדען, אָבער יעקב האָט זיך אין איהם ניט באַטייליגט. זיינע געדאַנקען זיינען גע־זוען ווייט, און ער איז קוים אימשטאַנד געווען צו ענטפערען אויף פראַגען.

די פאַמיליע פאַנגעל האָט באַמערקט די ענדערונג אין בענ־דיקסען׳ען. געוועהנליך, אין דעם ענגען פאַמיליען קרייז איז ער געווען פרעהליך און נאַטירליך, איצט אָבער איז ער געזעסען אַ פינסטערער און צושטרייטער, קוקענדיג אויף אַלעמען מיט עפּעס אַן אונפריינדליכען בליק.

באַלד איז אָנגעקומען לייטענאַנט ענגעבערג. ער האָט באַלד גענומען פרעהליך פלוידערען מיט די יונגע פריילינס, האָט זיי דערצעהלט אַנעקדאָטען און האָט זיי געמאַכט צום לאַכען. ער האָט, ווייזט אויס, געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג, ווייל זיין פלוי־דעריי איז אַלע ווייל אונטערבראָכען געוואָרען פון געלעכטער. יעקב איז אַליין געזעסען אַליין, ווי ער וואָלט צו דער געזעלשאַפט גאָר קיין שיכות ניט געהאַט. אַ פּאָר מאָל האָט ער געפּרואווט אַריינקומען אין טאָן פון געשפּרעך, אָבער דערפון איז גאָרניט אַרויסגעקומען.

טאָרא האָט געזעהן, אַז ער איז ניט אויפגעלעגט, אָבער זי

האָט ניט געקענט פארשטעהן די אורזאך. זי האָט אָנגענומען, אז ער איז אייפערזיכטיג, און האָט באשלאָסען איהם אָפצולערנען פון דער שלעכטער געוועהנהייט. דעריבער האָט זי מיט א פארדאָפּעלטען אינטערעס געגומען אויסהערען דעם לייטענאנט'ס פּלוידעריי, און האָט אַליין לעבעדיג געפּלוידערט מיט איהם.

עס האָבען זיך פארזאמעלט א רעכט ביסעל געסט, אָבער וואָס מעהר עס זיינען געקומען, אַלץ פינסטערער איז געוואָרען יעקב'ס שטימונג. ביי זיין גאַנצען ווילען האָט ער זיך ניט געקענט בעהערשען, ער איז געבליבען אזא פינסטערער און צושטרייטער און האָט אויף אַלעמען געמאכט אַן אָפּשטויסענדען איינדרוק.

ביינאכט, ווען די געסט זיינען זיך צופאָהרען, און אַלץ איז שטיל געוואָרען אין הויז, איז מאַרא'ס פאָטער לאַנג געגאַנגען הין און צוריק איבער'ן שלאָפצימער. ענדליך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאר זיין פרוי און האָט געזאָגט :

— דו האָסט באמערקט בענדיקסען'ס אויפפיהרונג ?

— יע, מיר האָט אויסגעוויזען, אז ער איז מיט עפּעס געווען אונצופריעדען, — האָט געענטפערט פרוי פאַנגעל, פאַנאַנדערשפּילענדיג איהר קלייד.

— ער האָט מיך דעם גאַנצען אָווענד אויפגערעגט ! נו, קען מען דען אזוי זיך אויפפיהרען מיט דאַמען ! איך האָב איהם זעהר ליעב, ער איז א העכסט ווירדינער יונגערמאַן, און איך וואָלט געוויס געווען דער לעצטער איהם פאָרצוואַרפען, וואָס ער איז א איד. אָבער מיר דוכט, אז זיין היינטיגע אויפפיהרונג קען מען נאָר ערקלערען מיט דעם, וואָס ער איז א איד. אידען קענען ניט זיין קיין דזשענטעלמען. נאָר אזוי ווי א קריסטליך מיידעל איז זיין כלה, דאַרף ער זיך כאָטש אביסעל באַהערשען.

די פרוי האָט געענטפערט :

— מיר דוכט, אז איהם האָט אויפגערעגט, וואָס ער איז ניט אַליין מיט אונז. אָבער דו ביזט גערעכט. עס איז זעהר גוט, וואָס ער איז אַזוי צוגעבונדען צו אונז, אָבער מיר קענען דאָך ניט

פארמאכען צוליעב איהם אונזער הויז פאר אלעמען. זאל ער ניט מיינען, אז ער קען זיין א בעל הבית אין אונזער הויז!

— גוט, אבער איך קען דאך זיך ניט נעמען ערציהען איהם,

— האט דער מאן געזאגט נאך א ווײלע שווייגען. — בכלל איז די אויפגאבע א זעהר דעליקאטע. און מען דארף וועגען דעם רעדען מיט מארא׳ן זעהר פארזיכטיג.

מאן און פרוי האבען נאך א ביסעל גערעדט וועגען דעם און האבען ענדליך באשלאסען צו האנדלען זעהר פארזיכטיג, ניט איילען זיך און ווארטען אויף א גינסטיגע געלעגענהייט.

VII.

אבער אין פארלויף פון עטליכע טעג איז ניט געווען קיין גינסטיגע געלעגענהייט, און שפעטער האט מען וועגען דעם פארגעסען. צי דאס איז געווען א צופאל, אדער יעקב האט דאס געטאן אבזיכטליך, האט די פאמיליע פאנגעל זיך ניט געפרעגט, אבער אין פארלויף פון עטליכע טעג פלעגט יעקב קומען אין זיין כלה׳ס הויז נאר דאן, ווען קיין זייטיגע מענשען זיינען דארט ניט געווען. ער האט זיך געהאלטען ווי פריהער, איז געווען צו אלעמען אויפמערקזאם און פריינדליך, כאטש אויף זיין געזיכט איז געווען פארגליווערט אן אויסדרוק פון אינערליכע ליידען.

שבת אווענד האט איהם טארא געפרעגט:

— וועסט קומען צו אונז מארגען פאר מיטאג?

יעקב איז בלייך געווארען. זונטאג האבען פרוי פאנגעל און איהרע טעכטער אויפגענומען געסט. ווי ער האט זיך ניט געמיהט צו זיין רוהיג, האט זיך דאך באקומען אויף זיין געזיכט אזא קרענקליכער אויסדרוק, אז טארא האט זיך דערשראקען.

— דו ביזט קראנק! — האט זי אויסגערופען.

— ניין, ניין, — האט יעקב געענטפערט, פיהרענדיג די האנט איבער׳ן שטערן, — דער קאפ שווינדעלט מיר אביסעל, דאס וועט אבער באלד איבערגעהן.

— אך, ניין, דו ביזט קראנק! — האט טארא געזאגט צארט

און באזארגט. — איך האב באמערקט, אז שוין עטליכע טעג ווי דו האסט א קרענקליכען אויסזעהן. בלייב מארגען אין דערהיים. איך וועל איבעררעדען מיט דער מוטער, און מיר וועלען דיר מאכען א קליינעם וויזיט.

טארא האט ניט באמערקט, אז ביי די ווערטער איז איינגאנצען פארשוואונדען דער קרענקליכער אויסדרוק אויף יעקב'ס געזיכט. זי האט אנגענומען זיין שווייגען פאר א באשטעטיגונג, אז ער איז קראנק, און זי האט זיך ניט בארוהיגט, ביז זי האט איהם ניט אוועקגעשיקט אהיים.

אויפ'ן אנדערען טאג איז יעקב געווען פאלשטענדיג געזונט. און ווען טארא האט איהם אין א וואך ארום ווידער געבעטען קומען צו זיי זונטאג, האט ער איינגעשטימט.

קעגען זיין ערוואַרטונג, האט ער זי געפונען אליין.

זי איז געווען ערשטוינט פון דעם אויסדרוק פון כמעט קינדישער פרייד, מיט וועלכען ער האט זיך ארומגעקוקט אין די לערע צימערען און געקוקט אויף איהר, ווי זיי וואלטען זיך דאס באגעגענט נאך א לאנגער צושיידונג. עפעס אין איהם האט זי טיף גערירט, אבער זי האט זיך ניט אפגעגעבען קיין רעכנונג, וואס דאס איז.

זי איז געזעסען לעבען איהם, האט צארט געפיהרט מיט דער האנט איבער זיינע האר און האט אריינגעקוקט אין זיינע אויגען, וואס האבען געקוקט אויף איהר מיט דער טיפסטער ליעבע. און כאטש זי האט גוט געוואוסט, אז זי ליעבט איהם, דאך האט זיך איהר געדוכט, ווען זי האט געזעהן דעם אויסדרוק פון זיינע אויגען און געהערט זיין הארציגע שטים, אז זי ליעבט איהם ניט גענוג, אז זי איז איהם ניט גענוג דאנקבאר פאר זיין גרענצלאזע ליעבע. זי האט איהם אויסגעהערט, זאגענדיג נאר פון צייט צו צייט עטליכע ווערטער, און גערעדט האט ער א סך, מיט א שטילער, טיפער שטים, אין וועלכער עס האט אפגעקלונגען א ליידענשאפטליך געפיהל, וואס איז איינגעהאלטען, ווי ער וואלט מורא געהאט צו געבען דעם געפיהל פרייהייט. אבער זיינע ווערטער זיינען געווען אזוי קלאר, אזוי שטארק און אזוי קאליר־

פול, אז זיי האָבען ארויסגעגעבען זיין אָריענטאַלישע אָפּשטאַמונג.

זי האָט זיך נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צו איהם און האָט איהם אריינגעקוקט טיף אין זיינע ברוינע אויגען. יעקב'ן האָט פּלוצלונג אויסגעוויזען, אז ער האָט ווידער דערזעהן אין איהרע אויגען יענעם דאָפּעלטען אויסדרוק, ווי דאַן, ווען זי האָט צום ערשטען מאָל אויף איהם געקוקט אויפ'ן באַל. און פון דעם בליק האָט ער ווידער דערפיהלט, ווי בלוט וואָלט היים א שטראָם געטהאַן אין זיין הארץ.

ער איז אנשוויגען געוואָרען און האָט זי נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך.

די מוטער און די שוועסטער זיינען אָנגעקומען און האָבען אונטערבראָכען זייער שטילען געשפּרעך. יעקב איז ארויסגעגאַנגען אין פאָרהויז אנטקעגען זיין צוקונפטיגער שוויגער און האָט העפליך געהאָלפען איהר אראָפּנעמען איהר מאַנטעל.

— וואוהין זייט איהר דאָס געגאַנגען אזוי פריה, און נאָך אזוי אויסגעפּוצט, — האָט ער געפרעגט אין שפּאַס.

— מיר זיינען געווען אין קירך און האָבען געהערט מינסטער'ן פּרעדיגען, — האָט געענטפערט פרוי פּאַנגעל. — טאָרא, ווערסט מיר אפשר געבען קאווע? היינט איז שרעקליך קאַלט.

אביסעל שפּעטער איז יעקב אוועקגעגאַנגען. ער האָט אָבער געמוזט צוזאָגען, אז אין אָוועגד וועט ער קומען פריהער.

ווען ער איז אוועקגעגאַנגען, האָט פרוי פּאַנגעל געזאָגט אויפגערעגט:

— וואָס פאר אַן אונמעגליכער מענש! ווירקליך, עס זעהט אויס, ווי ער וואָלט אונז געוואָלט פארוועהרען געהן אין קירך! דאָס גאַנצע הויז קען דאָך צוליעב איהם ניט ווערען אידען!..

וואָס פאר א מינע ער האָט דאָס געמאכט, ווען איך האָב געזאָגט, אז מיר זיינען געווען אין קירך! גאָט מיינער, פארוואָס זאָל ער ניט זיין פּונקט אזוי טאָלעראַנט, ווי מיר?

די ווערטער האָבען אזוי שטאַרק באַליידיגט טאָרא'ן, אז זי האָט זיך צוואוויינט.

— ווײן ניט, מײן מײדעלע! — האָט די מוטער געזאָגט. — עס האַלט נאָך גאָר ניט אַזוי שלעכט. מיר האָבען זיך דורכגערעדט מיט'ן פאָטער וועגען דײן חתן, און מיר זײנען געקומען צום שלום, אַז דו וועסט לײכט קענען איהם ענדערען. אויב דו וועסט זיך אויפפיהרען פאַרנינפטיג, וועט ער זיך שוין אויסלערנען, ווי צו האַלטען זיך מעהר דזשענטעלמעניש, ווי דער פאָטער זאָגט, און וועט אָוועקוואַרפען זײנע קאַפּריזען. אַ כלה קען זעהר פיעל אויספיהרען בײ איהר חתן. און אַז ער ליעבט דיך גענוג, איז נאָר קײן צווייפעל ניט. דו קענסט איהם אַרומדרעהען אַרום פינגער.

טאַרא האָט אויפגעהערט װײנען און האָט אויפמערקזאַם געהערט.

אין אָוענד זײנען געוועזען געסט, און יעקב'ס האַלטונג איז ווידער געוועזען עפּעס אַ זאָנדערבאַרע. ער איז ניט געוועזען אונהעפליך אָדער ניט פרײנדליך און אפילו ניט פינסטער, עס וואָלט שווער געווען איהם באַשטימט צו באַשולדיגען אין עפּעס. אפילו מענשען, וואָס האָבען איהם געזעהן אין בעסערע מאָמענטען, וואָלטען קוים באַמערקט עפּעס באַזונדערס אין זײן מאַניר זיך צו האַלטען. ער איז געוועזען זעהר שטיל, האָט וועניג גערעדט, און אויף זײן געזיכט איז געוועזען אַן אויסדרוק פון אונרוהע אָדער אפילו שרעק. אָבער די פאַמיליע פאַנגעל האָט דאָס אַלץ שאַקירט, זײ האָט זיך געוואָלט, אַז זײער צוקונפטיגער קרוב זאָל זײן פרעהליך, לעבעדיג, אַז מענשען זאָלען רעדען וועגען איהם: „וואָס פאַר אַ ליעבען און פרײנדליכען חתן פרײלײן טאַרא האָט!“

אויף דעם אָוענד האָבען יעקב'ן אַרומגענומען דיזעלבע געפיהלען, ווי פריהער, ווען אין הויז זײנען געוועזען געסט. איצט איז אָבער צוגעקומען עפּעס אַ נײע זאַך, וואָס האָט ווײט ניט געהאָלפען בארוהיגען איהם. ווען ער איז אַרײן אין פאַרהויז, איז איהם אַנטקעגען אַרויסגעקומען טאַראַ. זי האָט צערטליך געגלעט זײן באַק און געזאָגט:

— איך האָף, אַז דו וועסט היינט זיין א ליעבער און א פרעהליכער, ניט אמת?

פאַרוואָס האָט זי דאָס געזאָגט? האָט מען שוין אפשר גערעדט וועגען איהם אין הויז? האָט מען אפשר גערעדט וועגען זיין אויפפיהרונג? אפשר איז ער געוועזן די אורזאַך פון מיספערשטעטנדניסען אָדער פאָרוואורפען?

שפּעטער אין אָוועגד, ווען ער האָט אָנגעהויבען רעדען מיט פרוי פּאַנגעל, האָט ער דערפיהלט אין איהר טאָן אזא קאַלטקייט, ווי ער האָט נאָך פריהער קיינמאָל ניט באמערקט. און ווען ער האָט זיך געווענדעט מיט עפּעס א באמערקונג צו טאָראַ'ס פאָטער, האָט יענער איהם געענטפערט זעהר העפליך, אָבער צו העפליך — און מעהר גאָרניט. יעקב האָט זיך אָפּגעקערט, זיינע ליפּען האָבען גענומען ציטערען, די אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען. נאָכדעם האָט ער זיך שוין איינגאַנצען איינגעשלאָסען אין זיך אליין, און אפילו די געסט האָבען אויך באַמערקט זיין פינסטערע שווייגעדיגקייט.

איצט האָט זיך שוין טאָראַ אויך איבערצייגט, אַז איהר חתן פיהרט זיך ווירקליך אויף זעהר זאָנדערבאַר. און ווען ער איז אוועקגעגאַנגען, האָט זי גענומען ערנסט קלערען, ווי זי דאַרף זיך האַלטען מיט יעקב'ן, אַז זיין אויפפיהרונג זאָל זיך ענדערען.

VIII.

אויף מאָרגען אין דער פריה איז יעקב געזעסען ביי זיך אין הויז און האָט צוגעגרייט קאַווע מיט יענער טיפער ערנסטקייט, מיט וועלכער מענשען טהוען א געוועהנליכע אַרבייט, גאָר ניט קלערענדיג וועגען איהר און האַנדלענדיג ריין מעכאַניש.

— ווי גוט דאָס איז, — האָט יעקב געקלערט, אָנגיסענדיג וואַסער אין קליינעם קעסעל, — ווי גוט דאָס איז, וואָס לעווי איז אוועקגעפאָהרען. איך הויב זיך גאָר אָן שרעקען, ווען איך דערמאָן זיך, אַז ער דאַרף זיך באַלד אומקערען... כאָטש ער איז דער איינציגער מענש, מיט וועמען איך קען רעדען.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. באַלד האָט זיך די טיר לאַנגזאַם געעפֿנט, — לעווי איז אַרײַנגעקומען.

— לעווי! — האָט אויסגערופֿן יעקב אַן ערשטוינטער, געהענדיג איהם אַנטקעגען. — וואָס מאַכט איהר! ווי זאָנדערבאַר דאָס איז, איך האָב נאָר וואָס געקלערט וועגען אײַך!

— שטילער! — האָט געזאָגט לעווי, שטעהענדיג בײַ דער טיר און מאַכענדיג אַ פֿײַערליכע מינע. — שטילער! צושטערט ניט מײַן פֿײַערליכע שטימונג. איך קום אַרײַן צו אַ חתן. איך בין אַרײַנגעקומען — דאָס איז דאָס מערקווירדיגסטע. איהר זײַט אין דער היים, גליקליכער מענש! איהר קלערט גאָר וועגען שפּײַז, אַ וואוינונג, רײנקייט, ווען איהר לעבט אין ליעבע און מיט ליעבע... איך גראַטוליר אײַך!

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, לעווי! נו, קומט שוין אַרײַן. אַ דאַנק!

— גוט! נו, ערנסט גערעדט, וואָס מאַכט איהר? איבעריגענס, לויגנט דען נאָר פֿרעגען וועגען דעם? געוויס זײַט איהר אין פֿיבער, אין אַ פֿיבער פֿון עקסטאַז...

יעקב האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג אויסצוזעהן גליקליך און געבען מיט דעם אַן ענטפֿער אויף זײַן פֿרײַנד'ס פֿראַגע. מיט דערזעלבער געמאַכטער פֿרעהליכקייט האָט ער אַוועקגעזעצט לעווי אויפֿ'ן דיוואַן, האָט איהם געגעבען אַ ליולקע און געזאָגט:

— ערלויבט מיר אײַך אָנצוגיסען קאַווע! מען דאַרף דאָך אײַך כאָטש מיט עפּעס באַלוינען פֿאַר אײַער גראַטולאַציאָן, וואָס איז נאָך דערצו געמאַכט געוואָרען אין אַזאַ באַצויבערענדער פֿאָרם!

לעווי האָט אויפֿמערקזאַם געקוקט אויף יעקב'ען, וואָס האָט איהם אָנגעגאָסען קאַווע. דאַן האָט ער גענומען רוהיג אָנפֿילען די ליולקע און האָט זיך באַקוועם געזעצט אויפֿ'ן דיוואַן. ער האָט פֿאַרזוכט די גוטע קאַווע און האָט געזאָגט:

— איך וועל אויסטרינקען אײַער קאַווע, בענדיקסען, אָבער איהר וועט מוזען צוגעבען, אַז מיט דעם טראַקטירט מען ניט

פריינד, וואָס קומען גראַטולירען אייך ביי אַזאַ פייערליכער געלעגענהייט. איך האָב ערוואַרט, אַז אויפ׳ן טיש וועט זיך באַווייזען אַ גאַנצע באַטעריע פון פלאַשען שאַמפּאַניער, זיבען און צוואַנציג פלאַשען, פאַר די זיבען און צוואַנציג געזעצליכע שאָסען. האָט איהר שוין אפשר געשאָסען?

— ניין נאָך, — האָט יעקב געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— נו, ווי זעהט דאָס אויס? — איז לעווי געוואָרען אויפגעבראַכט. — ווען מען לעבט אויפ׳ן זיבעטען הימעל און מען שווימט אין גליק, און אויף דער ערד געהט מען אום נאָר ווייל מען איז גנוטמוטיג, איז ווי אַזוי קען מען דאָס זיצען ביי זיך אין צימער און פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ פּראָזאַישער אַרבייט, ווי צוגרייטען קאַווע? און ווי קען מען דאָס אַזוי זיך באַהערשען און ניט לאָזען די קאַווע אויסלויפען, און אין דערזעלבער צייט פאַרטיפען זיך אין געדאַנק אין די אויגען פון דער געליעבטער? און ווי קען מען דאָס ניט פאַרגעסען אָנשמירען פוטער אויפ׳ן ברויט, ווען מען געהט איבער אין געדאַנק פון אומאַרמונג צו אומאַרמונג אין דעם קרייז פון דער כלה׳ס פאַמיליע? ווען דו דערמאָנסט זיך נאָר אָן די צערטליכקייטען פון די טאַנטעס, קוזינעס, פריינד און באַקאַנטע פון דער כלה, ווען דו ווייסט, אַז זיי זיינען אַלע ענטציקט פון דיר, און דו פיהלסט זיך שטאָלץ, גליקליך, ווי אַ קעניג?... דאָך, בענדיקסען, ווי איך זעה, האָט איהר גאָר ניט דעם אויסזעהן פון אַ מענשען, וואָס שווימט אין גליק, אייערע אויגען שיינען ניט, אייער שמייכעל ווערט פאַרטריקענט, ווי אַ טייכעל אין דער וויסט.

הערענדיג די שעהנע און לאַנגע באַשרייבונג פון דעם צושטאַנד פון אַ פאַרליעבטען, האָט זיך יעקב ווירקליך פאַרגעסען, און דער געמאַכטער צופרידענער אויסדרוק אויף זיין געזיכט איז פאַרשוואונדען. ער איז געזעסען אַ טרויעריגער און פאַרזאָרגטער.

— אָט האָט איהר אייך אַליין פאַרראַטען, — האָט געזאָגט לעווי. — נאָכאַמאָל זאָלט איהר ניט מאַכען קיין אָנשטעל. מיינט איהר טאַקי, אַז איך קען אייך אַזוי ווענינ, ניט צו באַ־

מערקען, אז אייך איז גאר ניט אזוי גוט און פרעהליך, ווי איהר ווילט דאס ווייזען?... אבער וואס איז געשעהן? — האט ער געפרעגט מיטפיהלענד, — דער כלה'ס פאמיליע פארהאלט זיך צו אייך ניט גוט? מען לאכט פון אייך, ווייל איהר זייט א איד?

— ניין, ווען איך וואלט זיך אויף עפעס באקלאגט, ווען איך וואלט ארויסגעוויזען די מינדסטע אונצופרידענהייט, וואלט דאס געווען פון מיר די גרעסטע אונדאנקבארקייט, — האט געענטפערט יעקב. — איך אליין, ניט זיי, פארדארב זיך אלץ, איך בין אליין שולדיג, ווען איך פיהל זיך אונגליקליך!

— אזוי האב איך טאקי גערעכנט, — האט ווי צו זיך אליין באמערקט לעווי.

— איך מאטער זיך אליין, — האט יעקב ווייטער גערעדט, — און איך קען מיך ניט באהערשען. א, איהר קענט זיך גאר ניט פארשטעלען, וואס פאר א גיהנם איך לעב אמאל דורך! עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז איך האב מורא צו געהן אין מיין כלה'ס הויז, ווען געסט זיינען דארט פאראן. מיר דוכט זיך אפילו, אז פון מיר איז גאר ניט דעליקאט צו דער פאמיליע פאנגעל צו ווייזען זיך דארט פאר געסט און אזוי ווי דעמאנסטרירען, אז זייער צוקינפטיגער קרוב איז א איד. און ווען איך מוז זיין ביי זיי, פאלט אויף מיר אן א טויט שרעק, ווען נאר איך זעה, אז צוויי געסט רעדען עפעס שטיל, וואדפען זיך דורך מיט בליקען, שמייכלען... איך זעה קיינעם ניט אויסצולאזען פון אויג, הער זיך צו צו זייערע רעד... און עס איז דאך גאנץ מעגליך, אז דאס זיינען אונשולדיגע בליקען און שמייכלען! אבער אז איך בין אנגעשטעקט מיט אט דעם שרעק, איז דאך אלץ איינס. ווען איך בין דארט ניטא, ציהט מיך אהין, מיר דוכט דאן, אז צוליעב מיין אנוועזענהייט וועלען זיך מענשען אפהאלטען פון באמערקונגען, און אז איך מוז זיך פארהיטען. און דערצו ווייזט נאך לייטענאנט ענגבערג ארויס זיין אויפמערקזאמקייט מיין כלה, ווען איך בין ניטא!

— זייט איהר נאָך צום אונגליק אײַפערזיכטיג אויף?

— ניין... אָבער ער איז געווען פריינדליך צו מיין כלה נאָך פריהער. און איצט, ווען זי האָט מיך אויסגעקליבען, וואָלט מען דאָך געקענט ערוואַרטען, אז ער וועט זיין גענוג אנשטענדיג צו פאַרשווינדען. מען דאַרף דאָך פונדעסטוועגען האָבען גענוג חוצפה, צו באַזוכען ווייטער דאָס הויז, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעהן. ווירקליך, מען קען מיינען, אז ער האָפט, אז זיין צייט וועט נאָך קומען.

— אָבער איז ער דען ניט א קרוב אין דער פאַמיליע?

— יע, אָבער א גאַנץ ווייטער. יעדענפאַלס קען דאָס ניט האָבען קיין בעדייטונג אין אזא פאַל.

— נו, דאָס אלץ איז נאָך ניט אזוי וויכטיג, אויב איהר זייט אין גוטע בעציהונגען מיט דער פאַמיליע. און איהר האָט דאָך אליין געזאָגט, אז זיי זיינען מיט אייך זעהר דעליקאַט.

— אָבער האָט איהר דען קיינמאָל ניט באַמערקט, אז עס איז פאַראַן א דעליקאַטע בעציהונג, וואָס קען באַליידיגען? אין זייער דעליקאַטען שווייגען איז פאַראַן עפּעס, וואָס איז פיינליך פאַר מיר. וואָלטען זיי שוין בעסער גערעדט פאַר מיר אין די אויגען וועגען אידען און געלאַכט פון זיי. דאָס וואָלט פאַר מיר געווען א וואוילטאַט, דאָס וואָלט מיר באַוויזען, אז זיי האָבען פאַרגעסען, אז איך בין א איד. ניט לאַנג צוריק האָט מען גערעדט וועגען איינעם א יאַקאָבסען. איך האָב אויף אלע געזיכטער געלעזען די פראַגע, צי איז דאָס ניט א איד, אָבער איך בין געזעסען דערביי, האָבען זיי געשוויגען. הייסט דאָס, זיי פאַרגעסען קיינמאָל ניט, אז איך בין א איד. פאַר מיר וואָלט געווען דאָס העכסטע גליק צונויפצוגיסען זיך מיט זיי, פאַרשווינדען ווי אַן אינדיווידוּ, ווערען א טייל פון זייער פאַמיליע. אָבער יעדען אויגענבליק דערמאָנט מען מיר אויף אלערליי וועגען, אז איך בין א איד, און איך האָב א פיינליך געפיהל, אז איך בין א פרעמדער צווישען זיי. עפּעס א פאַרבאָרגענע פאַטאַלע קראַפט שטעהט צווישען אונז.

נאָכדעם ווי יעקב האָט אויפגעהערט רעדען, איז לעווי

לאנג געזעסען מיט אן אראפּגעבויגענעם קאָפּ און האָט געשוויגען. ענדליך האָט ער געזאָגט:

— אלץ, וואָס איהר האָט מיר דאָ איצט פּאָרטרעט, האָב איך אייך געקענט פאָראויסזאָגען ביז צו די קלענסטע איינצעלהייטען. דער עיקר איז, וואָס מיר זיינען אידען, און דאָס ערגסטע דערביי איז, וואָס מיר אליין פיהלען און געדענקען דאָס צו גוט. אָט דעריבער האָב איך געפּרואווט... אָבער איצט איז אלץ איינס... איך בין אייער ארצט און וועל דאָס בלייבען, כאָטש איהר האָט ניט געפאָלגט מיינע פאָרשריפטען. אָבער ווען איהר וואָלט געהאט א פּאציענט, וואָס וואָלט ניט געפאָלגט אייער ראט, וואָלט זיך פארקיהלט און באקומען לונגען-ענטצינדונג, וואָלט איהר דאָך איהם ניט אוועקגעוואָרפען, כאָטש ער וואָלט אליין שולדיג געווען אין זיין קראנקהייט?... ווילט איהר אָננעמען מיין עצה?

יעקב האָט זיך א וואָרף געטאָן אויפ'ן דיוואן, האָט פאַרדעקט די אויגען מיט די הענט און האָט גאָרניט געענטפערט.

לעווי איז זיך דורכגעגאנגען עטליכע מאָל איבער'ן צימער און האָט דאן געזאָגט:

— איהר וואָלט געמעגט פרעגען, פארוואָס איך קום צו אייך און רוף אייך ארויס אויף אָפענהערציגע רעד. איך וואָלט זיך אפשר אליין געקענט שטעלען די פראגע, ווייל איך ווייס דאָס אליין ניט. אָט דאָ צווישען די ריפּען איז עפּעס געבליבען שטעהן און בעט, מען זאָל עס ארויסלאָזען. און ווען איך וואָלט ניט געווען אזא פיינד די מאטעריאליסטען, וואָס פארזיכערען, אז די רעזידענץ פון געפיהל איז דאָס הארץ, וואָלט איך אפשר געמיינט, אז אין מיין געפיהל צו אייך איז פאראן אביסעל צארטקייט. דאָס איז אָבער ניט אזוי. ווייל דאן וואָלט איך דאָך ארומגעלאָפען איבער'ן צימער, געבראָכען די הענט און געשריען: „צו וואָס זייט איהר געוואָרען א חתן! וואָס זייט איהר אהין געקראָכען? אך, ווען איהר וואָלט נאָר געווען גענוג פערנינפטיג זיך אָפּצוהאלטען פון דעם שריט!" איך טו דאָס אָבער ניט. איך בין אייך גאָר ניט קיין פריינד.

איך בין אײַנפאַך אייער הויז ארצט, און איהר זייט קראַנק. איהר ליגט אויפ׳ן דיוואַן, און איך מאַך אַ דיאַגנאָז און רוף ארויס אין מיין מאַרך פון אַ געלעהרטען אלע פאַלען פון אזא קראַנקהייט.

— גיט מיר אַ ציגאַר... אַ, אָט זיינען זיי... ווען די ציגאַר וועט זיין דערררויכערט, וועט אונזער באַראַטונג זיין געענדיגט... איצט הערט... עס זיינען פאַראַן עטליכע פאַלען, ווען אַ איד קען זיין גליקליך מיט אַ קריסטליך מיידעל. עס קען זיין אַ גליקליכע הייראַט, ווען, צום ביישפיעל, אַ איד פון פאַרשטאָדט נעמט אַ קריסטליך מיידעל, וואָס האָט די בילדונג פון אַ דיענסט, אונגעפעהר. זיי צייט פאַר דער חתונה פאַרברענגען זיי געוועהנליך אזוי, אז איין מאָל אַ וואָך צושלאָגען זיי זיך. מעהר־סטענטיילס קומט דאָס פאַר זונטאַג. דאָס ענדיגט זיך מיט דעם, וואָס דער געליעבטער פליהט פון בוידעם אראָפּ איבער די טרעפ, און זיין כלה באַגלייט איהם מיט דעם געשריי: „געה צום טייוועל, פאַרשיווער איד!“ מאָנטאַג, פאַרשטעהט זיך, מאַכען זיי שלום אויף אַ ריהרענדען אופן. נאָך דער גליקליכער חתונה ווידערהאָלען זיך אזעלכע סצענען, מיט דעם איינציגען אונטערשיד, וואָס זיי קענען פאָרקומען צו יעדער צייט, אין אַ יום טוב צי אין דער וואָכען. דערפאַר אָבער זיינען די ריהרענדע מאָמענטען אויך אָפטער. און דאָס אלץ שטערט זיי ניט זייער גליק, ווייל אויב זיי האָבען קרעפטיגע פויסטען, זיינען די נערוועין ביי זיי אויך שטאַרקע.

— עס זיינען אויך פאַראַן פאַלען, ווען דער איד האָט חתונה מיט איהר צוליעב געלט אָדער אנדערע מאַטעריעלע פאָרטיילען. דאָס איז אזוי אײַנפאַך און פאַרשטענדליך... אָבער איך מוז מודה זיין, אז ווען איהר זייט משוגע געוואָרען און האָט זיך פאַרליעבט, האָב איך דערשראָקען. איך האָב אין מיין פראַקטיק אזא רובריק ניט געהאַט. איך האָב מורא געהאַט, אז איהר וועט אריינפאַלען אין אזעלכע צוואַנגען, פון וועלכע איהר וועט זיך ניט קענען באַפרייען. איצט אָבער זעה איך פאַר זיך אַ זעלטענעם פאַל: אַן אַנשטענדיגער און

שעהנער איד — הויבט אויף העבער אייער קאָפּ! — פאַלט אריין אין אַ קריסטליכער פאמיליע, וואָס וויל אויף דעם אויפ־ריכטיגסטען אופן זיין אזוי טאָלעראנט ווי נאָר מעגליך, און איז נאָך אזוי שטארק באַזאָרגט, אז די קלענסטע רייבונגען אין די באציהונגען זאָלען פארשווינדען. איך געפין, אז אין אזא פאל וואָלט געקענט זיין אַ סאָלשטענדיג ראָמאנטיש גליק. ווען נאָר דער איד אליין וואָלט מיט זיין קרענקליכער פאָר־שטעלונג און אייגענליעבע ניט געהאנדעלט ווי דער שטעכיגער שוויין, וואָס שטעלט אויף זיינע נאָדלען, צו אַ פריינד קומט, צו אַ פיינד. בענדיקסען! פארגלייכט אייער לאגע מיט דער לאגע פון די אנדערע חתנים, און דאנקט דעם אויבערשטען פאר אזא גליק! זייט פארנינפטיג, מאכט זיך אנגענעהם! ניט פארוואַרפט נאָט'ס געשאנק! ווען אנדערע פארגעסען, אז איהר זייט אַ איד, אָדער מאכען זיך, ווי זיי וואָלטען דאָס פארגעסען, פארגעסט איהר אויך, אָדער מאכט אַן אָנשטעל, אז איהר פארגעסט. אייער כלה ליעבט אייך דאָך, אין דעם איז קיין צווייפעל ניטאָ. פארוואָס זאָלט איהר זיך ניט דורכ־רעדען מיט איהר? פארוואָלט זאָלט איהר ניט באהערשען זיך און ניט באריהרען די קרענקליכע איבערלעבונגען, וואָס פאר'סמ'ען אייך אייער גליק? מאכט אייער כלה פאר אַ פריינד, פארטרויט איהר אלץ! אָט דאָס איז דאָס דער היילזאמער מיטעל! רעדט מיט אייער כלה, אונגליקליכער מענש! איהר וועט דאן האָבען אַ פארבינדעטען אין דער פאמיליע, דעם איינציגען, וועלכען איהר דארפט אייגענטליך! נו, איך האָב געענדיגט! דיקסי, און דערווייל איז מיין קאווע קאלט געוואָרען.

נאָך לאנג איידער לעווין האָט געענדיגט רעדען, איז יעקב'ס געזיכט קלאָר געוואָרען. איצט איז ער אויפגעשפרונ־גען און האָט מיט פרייד אויסגערופען:

— איהר זייט גערעכט, לעווי. איהר זייט גאנץ גערעכט! איך בין געווען בלינד, טויב... איך בין געווען... פארוואָס זידעלט איהר מיך ניט אויס, ווי איך האָב פארדינעט? אַ, איך האָב אויסגעלעבט! איך בין ווי אַ ניי געבאָרענער... לעווי,

איהר האט מיך גערעטעט! איך בין געווען פייג און קורצ־זיכטיג! איהר זייט מיין וואוילטעטער! ווי זאל איך אייך וועט עס איז באדאנקען פאר דעם?

— נו, אויב מיר האלטען שוין ביי באלוינונג. מאכט מיך פאר אייער פאמיליען ארצט, ווען איהר וועט חתונה האבען. אט האב איך שוין א קליינע פראקטיק. איבריגענס, איהר זייט אליין אן ארצט, און איך וועל אייך מוזען דיענען אומ־זיסט. אויב אזוי, מעגט איהר מיך טראקטירען באטש מיט שאמפאניער, ווען איך וועל קומען נאך דער חתונה אייך גראַ־טולירען, ניט מיט קאווע, ווי איצט.

ווי נאר לעווי איז ארויס, איז יעקב באלד אוועקגעגאנגען צו זיין כלה. אויפ׳ן וועג האט ער זיך געזאגט:

„איך וועל אויפריכטיג זיך מודה זיין פאר איהר אין מיין פייגהייט, זאל זי ארייגקוקען אין אלע ווינקלען פון מיין נשמה. זי וועט מיר העלפען, זי וועט ווי א מלאך אפהיטען מיך פון די בייזע געדאנקען.“

אויפ׳ן הארצען איז איהם געווען אזוי לייכט, די אויגען האבען געקוקט קלאר און רוהיג, ווען ער איז אריינגעקומען אין זיין כלה׳ם הויז.

IX.

אין פאנגעל׳ס הויז זיינען געווען געסט, — א זאונגינס־טיגער מאמענט פאר ערקלערונגען. אבער יעקב׳ס שטימונג איז געווען אזא געהויבענע, ער האט געפיהלט אין זיך אזא פעסטע ענטשלאסענהייט, אז ער וואלט זיך ניט אפגעשטעלט פאר קיינע שטערונגען.

אין גאסטצימער האט מען פרעהליך און הויך גערעדט, ווען יעקב איז אהין אריינגעקומען. יענעם טאג איז צום ערש־טען מאל אהין געקומען א פראנצויזין. צוזאמען מיט איהר איז געקומען די פאמיליע, וואס האט זי אריינגעפיהרט אין פאנגעל׳ס הויז. עס זיינען אויך געווען לייטענאנט ענגבערג און נאך צוויי יונגע לייט.

ווען יעקב איז אריינגעקומען, האָט טאַרא זיך דערמאָנט, אז זי האָט געוואָלט זיין בייז אויף איהם. אָבער גאָר ניט ווי געוועהנליך איז אויף יעקב׳ס געזיכט געווען אזוי פיעל פרייד, און אזא גוטמוטיגקייט און הארציגקייט האָט געוועהט פון איהם, אז זי האָט אלץ פארגעסען און האָט איהם באַגעגענט מיט דעם ליעבליכסטען שמייכעל. מיט שטאָלץ האָט זי פאָרגעשטעלט איהר מאַן פאַר דער פראנצויזין. יענע האָט דעריבער געפונען פאַר נויטיג ארויסצואווייזען איהם באזונדערע אויפמערקזאַמ־קייט און האָט איהם באלד אריינגעצויגען אין אלגעמיינעם געשפרעך. מען האָט גערעדט הויפטזעכליך וועגען דער פראנ־צויזין׳ס איינדרוקען פאַר דער קורצער צייט, וואָס זי איז געווען אין קאָפּענהאַגען.

מען האָט גערעדט אויף פראנצויזיש, און יעקב האָט באלד באַמערקט, אז לייטענאַנט ענגבערג באהערשט די פראנצויזישע שפּראַך פיעל בעסער פון איהם. אין געדאַנק האָט יעקב בא־שלאָסען, אז אזא פאָרצוג פון דעם לייטענאַנט איבער איהם דאַרף ניט לאַנג דויערען. אָבער אין דעם איצטיגען מאָמענט האָט יעקב׳ס באשלוס איהם ניט געקענט העלפען. דאָס בא־וואוסטזיין, אז דער לייטענאַנט האָט דאָ א פאָרצוג איבער איהם, איז געווען פאַר יעקב׳ען זעהר פיינליך. צו דער קנאה איז דאָ נאָך צוגעקומען אייפערזוכט. אזוי ווי טאַרא האָט אויך גוט גערעדט פראנצויזיש, איז איהר געשפרעך מיט ענגבערג׳ען גע־ווען א סך לעבעדיגער, איידער מיט יעקב׳ען.

מיט שרעק און פארדרוס האָט יעקב זיך דערמאָנט, צו וואָס ער איז היינט געקומען צו זיין כלה. ער האָט אָנגעהויבען זיך פיהלען באלעסטיגט פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט געשטערט זיינע אבזיכטען. ער האָט אָבער קיין צייט ניט געהאַט וועגען דעם צו טראַכטען, ווייל אונווילּיג האָט ער געמוזט זיך באַטיי־ליגען אין אלגעמיינעם געשפרעך. ער האָט גערעדט זעהר פיעל און שנעל, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט דעם פארגלעטען זיין ניט ריכטיגע שפּראַך. ער האָט אפילו מיטגעלאַכט, ווען די אנדערע

האבען געלאכט, כאטש איהם האט זיך מעהר געוואלט וויינען.
מען האט געבראכט קאווע מיט געבעק.
— אט, איך רעקאמענדיר אייך אט דעם טארט, — האט צווישען פרעהליכען געשפרעך געזאגט טארא צו דער פראנצויזין, אויסשטרעקענדיג צו איהר דעם טאץ, — דאס איז עכטע דעניישע געבעק. איהר האט אין פראנקרייך געווים קיינמאל אזא זאך ניט פארזוכט... דאס האט אונז צוגעשיקט די טאנטע פון דארף... אפראפא, בענדיקסען, די טאנטע קומט צופאהרען צו אונז אפשר די טעג. מיך פרעהט אזוי, וואס דו וועסט ענדליך זיך באקענען מיט מיין ליעבער טאנטע מאטילדא.
יעקב האט זיך ניט אריינגעטראכט אין טארא'ס ווערטער און האט געענטפערט צושטרייט:
— דאס פרעהט מיך זעהר, באזונדערס אויב דיין טאנטע איז אזא גוטע, ווי דער טארט. איך וועל עסען נאך א שטיקעל לכבוד איהר אנקומען.
יעקב האט געזאגט אין פראנצויזיש „פיעס" אנשטאט „מארסא", און דאס ערשטע ווארט מיינט, ווי באקאנט, דאס גאנצע. די פראנצויזין האט זיך צולאכט און האט געזאגט:
— ענטוועדער איהר קלייבט זיך ווירקליך צו ליעבען זי זעהר שטארק, אדער איהר זייט זעהר הונגעריג.
דא האבען טארא און דער לייטענאנט זיך אויך פאנאנדערגעלאכט. יעקב'ען האט נאך אויסגעוויזען, אז דער לייטענאנט צווינגט זיך צו לאכען, דערפאר אבער האט מען געזעהן, אז טארא לאכט פון גאנצען הארצען. איהם וואלט ניט געוועזן אזוי שווער, ווען דאס וואלט געוועזן פארקערט. יעקב האט זיך באליידיגט, זעהענדיג, אז מען לאכט פון איהם. איהם האט זיך געדוכט, אז אין אט דעם הויז דארף ער זיין זיכער פון שפאט. דאס איז געוועזן גענוג, אז פון זיין געזיכט זאל פארשווינדען יעדער שפור פון פרעהליכקייט, און אז ער זאל ווידער ווערען פינסטער און אונצופרידען.
די ענדערונג אויף זיין געזיכט איז געוועזן אזוי שארף, אז די פראנצויזין און טארא זיינען באלד אנשוויגען געווארען.

דערפאר האָט אָבער דער לייטענאנט, באמערקענדיג די ענדערונג אויף די געזיכטער, זיך ווידער פאנאנדערגעלאכט הויך אויפ'ן קול.

יעקב האָט זיך אומגעקערט צו איהם און האָט געזאָגט מיט א ציטער פון צאָרן אין שטים:

— הער לייטענאנט !..

דער לייטענאנט איז בלייך געוואָרען און האָט אויפגעהערט לאכען.

עס איז פלוצלונג שטיל געוואָרען, און יעקב האָט דערפיהלט, אז ער האָט זיך אליין פארראטען. אומזיסט האָט ער געפּרואווט ווידער פארפיהרען אן אלגעמיינעם געשפּרעך, דאָס איז איהם ניט געלונגען. אין פארלויף פון עטליכע סעקונדען האָט ער זעהר שטארק געליטען. ער האָט געפיהלט, אז אלעמענס אויגען זיינען געווענדט אויף איהם.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט א גערויש פון אן אָנגעקומע־נעם עקיפּאזש. אלע האָבען זיך ווי אויפגעכאפּט און האָבען זיך געוואָרפען צו די פענסטער, צו זעהן ווער עס איז געקומען. טיף אין הארצען האָט יעקב געבענשט דעם אָנקומענדען.

— מוטער, — האָט טאָרא אויסגעשריען, — די טאנטע איז געקומען!

— דאָס איז ווירקליך די טאנטע, — האָט אונטערגעכאפּט איהר שוועסטער, און קלאפּענדיג מיט די הענט פאר פרייד, האָט זי זיך געוואָרפען אנטקעגען דער טאנטע.

די געסט האָבען גענומען זייער אָפּשיד. יעקב, וואָס איז נאָך ניט איינגאנצען געקומען צו זיך, וואָלט אויך גערן אוועק־געגאנגען, ווען דאָס וואָלט נאָר געווען מעגליך.

נאָכדעם ווי די טאנטע האָט זיך צוקושט מיט איהר שוועס־טער און איהרע ניכטען און האָט געפרעגט וועגען דעם שוואָ־גער'ס געזונט, האָט מען איהר פאָרגעשטעלט יעקב'ען, ווי טארא'ס חתן.

— איך גראטוליר, — האָט געזאָגט די טאנטע און האָט

זעהר קאלט און העפליך געענטפערט אויף בענעדיקסען'ס העפליכע פארנייגונג.

— אָבער ווי אזוי ביזטו דאָס אָנגעקומען אזוי אונגעריכט, טייערע מאטילדא? — האָט געפרעגט פרוי פאנגעל.

— דאָס האָב איך צו פארדאַנקען איין גליקליכער געשעהע־ניש, — האָט די טאנטע געענטפערט. — דו ווייסט דאָך, אז נאָכדעם ווי מיין מאן'ס שוועסטער איז געשטאָרבען, איז איהם געוואָרען זעהר שווער צו לעבען ווייטער אין פאסטאָר'ס גוט, באָטש די געמיינדע איז אין יענעם דאָרף זעהר א גוטע. ער האָט גענומען בעטען, מען זאָל איהם באשטימען אין שטאָדט. מיט צוויי טעג צוריק האָט מען איהם אָנגעזאָגט, אז זיין פאר־לאַנג איז באוויליגט געוואָרען. ווי נאָר איך האָב זיך וועגען דעם דערוואוסט, האָב איך קיין איין מינוט מעהר ניט געוואָלט בלייבען די פרוי פון א דאָרפישען גייסטליכען, און איך בין גע־קומען אהער. איצט וועל איך וואוינען ביי אייך, ביז מיין מאן וועט אהער אָנקומען. גאָט מיינער, ווי איך האָב זיך דאָס פאר־בענקט נאָך קאָפענהאגען!

— אך, ווי גוט דאָס איז! — האָט אויסגעשריען טארא'ס שוועסטער. — איצט וועט דער אָנקעל זיין דער פאסטאָר אין אונזער קאָנגרעגאציאָן! און ווייסט, טארא, דער אָנקעל וועט זיין דער פאסטאָר אויף דיין חתונה!

— ווי? — האָט די טאנטע געפרעגט, ווארפענדיג אויף טארא'ן א פארוואונדערטען בליק. — וועט זי דארפען האָבען א קריסטליכען גייסטליכען?

די באמערקונג איז געמאכט געוואָרען אזוי אונגעריכט און אָהן צערעמאָניען, אז יעקב האָט צוערשט ניט געגלויבט זיינע אויערען. אָבער נאכהער האָט ער באשלאָסען, אז דאָס האָט די טאנטע געזאָגט א נארישקייט.

פראגען און ענטפערס האָבען זיך געשאָטען פון אַלע זייטען. די טאנטע האָט נאָך קיין צייט ניט געהאט צו ענטפערען אויף די לעצטע פראגע, ווי פרוי פאנגעל האָט איהר שוין געשטעלט א נייע:

— ווען קומט צופאהרען דיין מאן ? ער וועט מסתמא זיך באלד נעמען פאר זיינע פליכטען ?

— יע, ער וועט נאר אויספארקויפען פער אוקציאן אונזער אלטווארג. דא וועט ביי אונז אלץ זיין ניי פון אויבען ביז אראפ.

— טאנטע, ווילסט אפשר געהן זיך איבערטאן ? — האט טארא'ם שוועסטער געפרעגט.

טארא איז שווייגענדיג צוגעגאנגען צום פענסטער. יעקב איז געשטאנען כמעט אהן געדאנקען און געפיהלען ביי דעם אנדערען פענסטער און האט געפיהרט מיט'ן פינגער איבער'ן שויב.

— א דאנק, מיין טייערע, — האט געענטפערט די טאנטע.

— לאז מיר נאר אויסטרינקען קאווע... א, לייטענאנט ! — האט זי אויסגערופען, דערזעהענדיג ענגבערג'ען, וואס איז ניט אוועקגעגאנגען מיט די אנדערע געסט און איז איצט צוגעקומען צו איהר. — איהר שלעכטער מענש ! — האט זי שמיל צוגע-געבען. — ווי אזוי האט איהר דאס דערלאזען, אז מען זאל ביי אייך צונעמען מיין ניכטע פון אונטער אייער נאז ?

יעקב האט דערהערט די ווערטער, איצט איז שוין קיין צווייפעל ניט געווען : די טאנטע האט דאס געזאגט אפזיכטליך. איהם האט אויסגעוויזען, אז זי איז א דעמאן, וואס איז געקומען אהער מיט דעם איינציגען ציעל איהם צו מאטערען.

ענדליך איז זי ארויסגעגאנגען איבערטאן זיך. יעקב'ען האט זיך זעהר שטארק געוואלט צוגעהן צו טארא'ן און ענטשול-דיגען זיך פאר זיין אויפפיהרונג. ער האט געוואלט אין צייט שליסען מיט איהר א בונד קעגען דער שרעקליכער טאנטע. אבער טארא איז אויך ארויסגעגאנגען פון צימער מיט אן אונ-צופרידענעם געזיכט און איז אוועק אין שלאפצימער, וואס איז אפגעגעבען געווארען דער טאנטע.

עטליכע מינוט האט יעקב פארבראכט אין א פיינליכען שרעק פאר יעדען ווארט, וואס האט דארט געקענט געזאגט ווערען.

דער אויסדרוק פון זיין געזיכט האָט ווייזט אויס ארויסגע־וויזען זיין פּיינליכען גייסטיגען צושטאנד, ווייל ווען טארא איז ווידער ארויסגעקומען אין גאסטצימער, איז זי צוגעגאנגען צו איהם און האָט צארט געדריקט זיין האנט, קוקענדיג אויף איהם מיט פייכטע אויגען. אין דעמזעלבען אויגענבליק זיינען אלע זיינע ליידען פארשוואונדען... אָבער נאָר אויף איין אויגענבליק, ווייל באלד האָט ער זיך געפרעגט: „וועט זי נאָך לאנג אכטען און ליעבען א אידען, וואָס ווערט פארפאָלגט אונטער איהר אייגענעם דאך?“

ביים עסען האָט מען יעקב׳ען געזעצט לעבען דער טאנטע, ווי מען וואָלט זיי דאָס געוואָלט נאָהנטער באקענען. אָבער זי האָט איהם שוין מיט די ערשטע ווערטער ערשטוינט:

— א, דאָס פרעהט מיך זעהר, איהר עסט כאָטש מיט אונז!

אביסעל שפּעטער האָט זי זיך געווענדט צו איהם אין א פריינדליכען טאָן מיט פראגען, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען, אין וואָס ער האָט זיך עקזאמענירט, א. אז. וו. נאָכדעם ווי ער האָט געענטפערט אויף די פראגען, האָט זי געפרעגט:

— אָבער ווי פארהאלט זיך אייער פאמיליע צו דעם, וואָס איהר וועט חתונה האָבען מיט א קריסטין?

יעקב האָט זיך נאָך אויף אזוי פיעל געקענט באהערשען, צו געבען א צופרידענשטעלענדען, אָבער ניט קיין דירעקטען ענט־פער. אָבער געפיהלט האָט ער, ווי מען וואָלט איהם דורכגע־שטאָכען. ער איז גרייט געווען אָפּצוגעבען א יאָהר פון זיין לעבען, נאָר אָפּצושטעלען אָט די צונג, ניט לאָזען איהר ארויס־רעדען גיפטיגע ווערטער, וואָס די אָנוועזענדע האָבען גליין ארייגעזויגען. ער האָט געפיהלט, אז א מאכטלאָזער צאָרן קאָכט אין איהם, אז א האס דרינגט איהם דורך צו די אלע מענשען, וואָס הערען די ווערטער, און באזונדערס צו דער, וואָס רעדט זיי אָרויס.

דערווייל האָט די טאנטע גאנץ איינפאך און גלייכגילטיג איבערגעפיהרט דעם געשפּרעך אויף אנדערע זאכען און האָט

אָהן אויפהער גערעדט מיט אנדערע, ווי זי וואָלט גאָר ניט פאַר־רעכטינט, אז זי האָט דאָ וועמען פארשאפט ליידען.

אביסעל שפעטער איז אָנגעקומען ווילהעלם. דערזעהענדיג די טאנטע, ביי וועמען ער האָט פארבראכט אזויפיעל פרעהליכע זומער מאָנאטען, האָט ער זיך געוואָרפען איהר אויפ׳ן האלז. נאָכדעם האָט ער, ווי געוועהנליך, אויסגעשטרעקט די האנט יעקב׳ען. אָבער יעקב האָט ניט געקענט דריקען א האנט, וואָס האָט נאָר וואָס צערטליך געדריקט דער טאנטע׳ס האנט, און ער האָט געענטפערט ווילהעלם׳ן מיט א קאלטער פארנייגונג.

יעקב האָט געפיהלט, אז אלע קוקען אויף איהם, אז אלע האלטען איהם פאַר דעם צושטערער פון דער פאמיליען פרייד. טיף אין הארצען האָט ער אפילו אביסעל געפיהלט א בייזע פרייד, וואָס ער האָט כאָטש מיט עפּעס גענומען נקמה פאַר זיינע ליידען.

ער איז געגאנגען אהיים אין א צושטאנד פון עפּעס א מין טעמפּקייט. מינוטענווייז האָט זיך איהם געדוכט, אז דאָס איז געווען א חלום. אָבער באלד פלעגט אויפשטעהן פאַר איהם די גרויזאמע, אונ׳ברחמנות׳דיגע ווירקליכקייט. ווען ער האָט גע־עפענט די טיר אין זיין צימער, האָט ער א שמייכעל געטאָן, דערמאנענדיג זיך, מיט וואָס פאַר א פריידינע און ליכטיגען געפיהל ער האָט זי צוגעמאכט אין דער פריה.

X.

אין צוויי טעג ארום האָט יעקב מיט דער פּאָסט באקומען א בריעף. ווען ער האָט דערזעהן אויפ׳ן קאָנווערט דעם פאַ־טער׳ס האנטשריפט, האָט איהם ארומגענומען א געפיהל פון פרייד געמישט מיט טרויער.

ער האָט איבערגעלייענט:

„מיין בן יחיד!

איך האָב באקומען דיין בריף און האָב זיך דערוואוסט, אז פאַר אונזערע גרויסע זינד ביזטו געוואָרען א חתן פון אן ערל׳ס טאָכטער. האָסטו גוט דורכגעדענקט דיין שריט? הער אוים די ערנסטע ווערטער פון דיין פאָטער. דו שטאמסט פון כשר׳ע

יהודים. אונזערע אורעלטערען האָבען זיך מקרב געווען נאָר מיט אידען, זיי האָבען קיינמאָל ניט פארלאָזען דעם גאָט פון זייערע עלטערען. און דו, וואָס ווילסטו טאָן? וואָס וואָלט געזאָגט דיין מוטער עליה השלום, וואָס רוהט אין גן עדן און בעט פאר אונז, וואָס וואָלט זי געזאָגט, ווען זי וואָלט דאָס איבערגעלעבט, ווען זי וואָלט זיך דערוואוסט, אז דו קלייבסט זיך צו ווערען א קרוב פון קינדער פון אן אנדער פאָלק? דו ביזט ניט קיין עם הארץ. דו וואָלסט זיך געקענט אויסקלייבען א כלה צווישען די רייכסטע מיידלעך פון דיין גלויבען. מיינסטו דען, אז דו קענסט זיין גליקליך מיט א קריסטין? מיינסטו ידען, אז זי וועט ווען עס איז פארגעסען, אז דו ביזט א בן ישראל? און דיינע קינדער, זאָג מיר, וואָס וועט זיין מיט זיי? וועסטו דען קענען ערציהען זיי נאָך אונזער געזעץ? מיין זוהן, מיין זוהן, דו ביזט בלינד, דו געהסט צום אפגרונד, דו ווילסט, אז דיין פאָטער זאָל רייסען אויף זיך די האָר און שילטען דעם טאָג, ווען ער איז געבאָרען געוואָרען! איך וועל ווי דער נביא זאָגען, אז דער כבוד האָט זיך אפגעטאָן פון מיין הויז. אָבער צו וואָס זאָג איך דאָס דיר? מיין קאָפּ איז ווייס געוואָרען און ציהט צום קבר. פון זינט דיין מוטער איז געשטאָרבען בין איך געבליבען איינזאם. און איצט געהסטו אוועק צו די גוים און וועסט שוין מעהר צו מיר ניט קומען צוריק. אָבער איך אליין בין אין אלץ שולדיג, איך אליין האָב דיך געשיקט צום נסיון. נאָר איבער דיין וויגעל האָב איך דאָך געבעטען גאָט, ער זאָל נעמען מיין גאנצע מאָס גליק און דאָס דיר אפּגעבען. איך גיב דיר נאָר מיין ראַט. דיין אָנקעל, דיין טאנטע און אלע אונזערע קרובים, וואָס וואוינען דאָ, זיינען אזוי בייז אויף דיר, אז זיי ווילען אפילו וועגען דיר ניט הערען. זיי זאָגען, אז דו וועסט זיך שמד'ען. אָבער איך בין דאָך פאָרט דיין פאָטער. זאָל מיר גאָט מוחל זיין, וואָס איך קען ניט ארויסברענגען קיין קללה אויף דיר. איך שטרעק אויס צו דיר א האנט, מיין זוהן! בויג איין דיין קאָפּ און נעם אָן צום לעצטען מאָל מיין ברכה: יברכך יהוה וישמרך. יאור יהוה פניו אליך ויחונך. ישא יהוה פניו אליך וישום לך שלום.

כן דברי אביך ידידך."

יעקב האָט נאָך קיין צייט ניט געהאט צו ענדיגען לייענען דעם בריף, ווי מען האָט אָנגעקלאפט אין טיר. אן אלטער איד איז אריינגעקומען און האָט געבעטען א נדבה. ער האָט ניט געקענט אויסקלייבען קיין פּאסיגערען מאָמענט. יעקב איז געווען געריהרט פון פאָטער'ס בריף, און די אידען און אלץ, וואָס האָט צו זיי א שייכות, איז איהם געוואָרען ערשט דאָפּעלט ליעב. ווען ער האָט דערזעהן דעם בעטלער, איז זיין הארץ פארקלעמט געוואָרען פון מיטלייד, ווי דער בעטלער וואָלט געווען זיין נאָהנטער קרוב, און ער האָט איהם געגעבען א גרויסע נדבה. דער איד האָט געמיינט, אז יעקב האָט ניט באמערקט, וואָס ער האָט איהם געגעבען, און ער האָט זיך געאיילט ארויסצוגעהן מיט די ווערטער: „גאָט זאָל אייך בענשען!"

די ווערטער און דער אקצענט פון דעם בעטלער האָבען אין יעקב'ס אויערען אָפּגעקלונגען, ווי דער וויהנאכט גלאָקענקלאנג אין די אויערען פון קריסטען. אין זיין נשמה האָט זיך אריינגע'גנב'עט אן אונאויסשפּרעכליכע בענקשאפט. ער האָט געגומען מקנא זיין דעם אָרימען אידען, וואָס איז איצט אוועק צו אידען. די אָדערען אויף זיינע שלייפען האָבען זיך אָנגעבלאָזען פון אויפרעגונג... אהיים, אהיים, אין די אָרעמס פון פאָטער!... און טאָרא?

ווי א פויגעל, וואָס איז צוגעבונדען מיט א שטריקעל, הויבט זיך שנעל אויף, שטעלט זיך אָבער באלד אָפּ און דרעהט זיך אויף איין אָרט, אזוי זיינען יעקב'ס געפיהלען פארשטאָרבען, ווען ער האָט דערמאָנט איהר נאָמען.

טאָרא... ער האָט זיך דערמאָנט אָן אלץ, וואָס איז מיט אָט דעם נאָמען געווען פארבונדען, און די ליעבע, וואָס איז געווען פארבאָרגען אין זיין הארצען, האָט ערוואכט מיט א דאָפּעלטער קראפט. דאָס בילד פון דער געליעבטער איז אויפגעשטאנען פאר איהם אין זיין גאנצען צויבער און האָט אָנגעפילט זיין הארץ מיט גליק. אָבער דאָס האָט נאָר געדויערט איין אויגענבליק, די פינסטערע געדאנקען האָבען ווידער פאַרדונקעלט די ליעבע געשטאלט.

— וואָס זאָל איך טאָן! — האָט ער אויסגערופען אין פארצווייפלונג. — זאָל געשעהן וואָס איז באשערט!

* * *

פונקט אין דער צייט איז די פאמיליע פאנגעל געווען פארזאמעלט ביים אָווענד עסען. הער פאנגעל איז אוועקגע־גאנגען אין קלוב. ווילהעלם איז אומגעגאנגען איבער'ן צימער הין און הער און האָט ארייגעקוקט אין די טירען, ווי ער וואָלט זיך אויך געקליבען אוועקצוגעהן, אָבער ער איז גע־בליבען, ווייל דער געשפּרעך האָט איהם פאראינטערעסירט.

— אייגענטליך איז דאָס א זעהר גוט ערצויגענער מענש, — האָט ערקלערט טאנטע מאטילדא, ווען פרוי פאנגעל האָט געזאָגט, אז איהר וואונדערט וואָס בענדיקסען איז ניט גע־קומען. — איך האָב זיך איהם פאָרגעשטעלט מיט א פיזיאָנאָמיע פון א אידישען אלטווארג הענדלער און האָב טיף אין הארצען פעסט באשלאָסען, אז ער וועט אין אָט דעם הויז זיך ניט עלטערען. ער האָט שוין געגוג געהאט פון מיר, אָבער איך האָב אפשר אביסעל חרטה אויף דעם. ווייסט, טאָרא, דו האָסט גאָר ניט קיין שלעכטען געשמאק... וואָלט מען איהם נאָר גע־קענט אָפּלערנען פון אידישקייט.

טאָרא האָט געשוויגען, אָבער אויפ'ן שפּיץ צונג ביי איהר האָבען זיך געדרעהט די ווערטער: „קלער בעסער וועגען זיך אליין, ליעבע טאנטע."

פרוי פאנגעל האָט באמערקט:

— איך האָב איהם זעהר ליעב באקומען. אין איהם איז פאראן עפּעס א סאָלידקייט און אנשטענדיגקייט. דאָס איינציגע, וואָס געפעלט מיר ניט, איז זיין שווייגען די לעצטע צייט. אזוי לאנג ווי ער איז נאָך ניט געווען קיין חתן, איז ער געווען אזוי פרעהליך און ליעבליך. אמאָל ווען ער פלעגט אויף מיר קוקען, פלעגט אין זיינע גרויסע שווארצע אויגען זיין אזא ריהרענדער אויסדרוק, ווי ער וואָלט געבעטען, איך זאָל ביי איהם ניט אָפּנעמען טאָרא'ן. ווירקליך, מיר האָט זיך געדוכט, אז ער איז גרייט צו ווארפען זיך פאר מיר אין

פייער און אין וואסער. אבער ווי נאר ער איז געווארען א חתן, איז דאס אלץ פארשוואונדען.

— אפשר איז זיין פאמיליע געגען זיין הייראט? — האט די טאנטע געפרעגט.

— דאס גלויב איך קוים. ער האט קיינמאל ניט גע־רעדט וועגען זיינע קרובים.

— און איך בין זיכער, אז אזוי איז דאס! — האט אויסגערופען די טאנטע, וואס האט פרעטענדירט אויף א גרויסע לעבענס ערפאהרונג.

— ניין, ניין, דאס קען ניט זיין, — האט געענטפערט פרוי פאנגעל. — ער האט זיין פארמעגען, און ווען זיינע קרובים וואלטען עפעס געהאט א מאכט איבער איהם, וואלטען זיי איהם ניט ערלויבט הייראטען. פון נאהנטע קרובים האט ער נאר אן אלטען פאטער, וואס וואוינט ערגעץ ווייט פון דאנען.

— דו וואלסט איהם געקענט פרעגען, וואס מיט איהם איז, — האט טארא'ס שוועסטער געזאגט ווילהעלם'ען. — איהר זייט דאך אלעמאל געווען אזעלכע גוטע פריינד.

ווילהעלם האט געענטפערט:

— איך מיש זיך ניט אין מיין שוועסטער'ס אנגעלעגענ־הייטען. אויסערדעם האט איהר דאך געזעהן אליין, ווי קאלט ער איז זיך באגאנגען מיט מיר דאס לעצטע מאל.

— נו, אויב אזוי, וועל איך אפען זאגען, — האט פרוי פאנגעל באמערקט. — מיר דוכט... ווירקליך, דאס איז קא־מיש... געדענקסט, מילע, ווען מיר זיינען אמאל געקומען פון קירך, און ער האט אונז באגעגענט אין פארהויז... ווירקליך, מיר האט אויסגעוויזען, אז ער קען ניט פארטראגען, וואס מיר זיינען קריסטען.

די טאנטע האט זיך פאנאנדערגעלאכט און האט אויס־גערופען:

— דענקסטו דען, אז ער וויל אונז אלעמען באקערען צום אידענטום?

— ניין, דאס, פארשטעהט זיך, ניט... אבער... ווירקליך,

איך ווייס נים, ווי דאָס צו זאָגען... איך ווייס ניט, ווי צו ער־קלערען זיין זאָנדערבארען אויסדרוק דאָן...

— א פיינער באוויז, נימאָ וואָס צו רעדען! — האָט געזאָגט ווילהעלם, אָפּשטעלענדיג זיך פאר דער מוטער און קו־קענדיג אויף איהר מיט אַן איראָנישען שמייכעל.

נאָך א ווײַלע שווייגען האָט די טאנטע געזאָגט אין א בארוהיגענדען טאָן:

— נישקשה, אלץ וועט נאָך זיין גוט. איך וועל זיך נעמען פאר דעם! ערשטענס וועל איך זיך דערשלאָגען, אז ער זאָל דערפיהלען אַן עקעל צו זיין אידישקייט. אויב ער ליעבט טאַ־ראַ'ן אויפריכטיג, וועט ער אויך ליעבען איהר גלויבען. נו, און אין דעם טאָג, ווען אונז וועט געלינגען איהם צו טויפען, וועל איך פון גאנצען הארצען בענשען דיין הייראט מיט דיין שעהנעם חתן, — האָט זי געזאָגט, צוגעהענדיג צו טאַראַ'ן און קושענדיג זי.

טאַראַ'ן איז געווען אונאנגענעם, וואָס די טאנטע מישט זיך אריין, אָבער זי איז דאָך געווען גערירט פון דעם באווייז פון ליעבע, וואָס די פון אלעמען געאַכטע טאנטע מאַטילדאַ האָט איהר געגעבען. און נים ענטפערענדיג איהר, האָט זי באשלאָסען, אז דאָס בעסטע איז איבערלאָזען אלץ דעם נאַ־טירליכען גאנג.

וואָס מעהר טאנטע מאַטילדאַ האָט געקלערט וועגען באַ־קערען יעקב'ען צום קריסטליכען גלויבען, אלץ מעהר איז זי פּאַראינטערעסירט געוואָרען אין דער אויפגאַבע. זי האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט, ווי זי וועט טריאומפירען דעם זיעג, צו־געבענדיג דער קריסטליכער געמיינדע נאָך איין מיטגליד. מען דאַרף אָבער אָנפיהרען די זאַך רוהיג און איבערלעגט, אום וואָס זיכערער צו דערגרייכען דעם געווינשטען ציעל. אלע פעדים האָבען געדאַרפט זיין אין איהרע הענט, זי האָט באַ־שלאָסען צו וועגען יעדעם וואָרט, וואָס זי וועט זאָגען יעקב'ען, און אזוי מאַכען, אז אלץ זאָל פיהרען צו דעם אָנגעמערקטען פּלאַן. זייענדיג פארנומען אין געדאַנק מיט יעקב'ן, איז זי

געוואָרען שטאַרק צוזעבונדען צו איהם, ער איז איהר אפילו טייער געוואָרען, ווי די פאַרקערפּערונג פון איהר צוקונפטיגען טריאומף.

פאַר איהר אדיוטאַנט און פאַרטרויטען אין דער זאַך האָט זי אויסגעקליבען ווילהעלם'ען. פאַר וועלכען זי האָט ענטוויקעלט דעם פּלאַן פון יעקב'ס באַקערונג, מען האָט גע־דאַרפט צוערשט פאַרוואַרפען יעקב'ען, וואָס ער איז א איד, אויף דעם פריינדליכסטען אופן, דאַן וועט מען איהם אָנווייזען אויף די פאָרצוגען פון דער קריסטליכער רעליגיאָן. אויב איהם וועט איינפאַלען צו ארגומענטירען, וועט מען קאָנען געפינען גענוג איבערצייגענדע ארגומענטען, צו דערפיהרען די זאַך ביז צו א גלענצענדען זיעג. אגב, האָט אפשר ווילהעלם טעאָלאָ־גישע ביכער, פון וועלכע זי וואָלט געקענט נעמען די נויטיגע באַווייזען פאַר די פאָרשטעהענדע דיספּוטען?

— מיר האָבען ניט קיין קינדער, — האָט זי געזאָגט צום שלום, — אויב מיר וועט געלינגען צו טויפען אָט דעם אידען, וועלען מיר איהם אדאָפּטירען. מיך קען מען בשום אופן ניט האַלטען פאַר אַן אונטאָלעראַנטע. מיר איז גאָר ניט אונאַנ־גענעם, ווען איך דערזעה אַ אידען. און טויפען בענדיקסענ'ען וויל איך ניט אזוי פיעל צוליעב דער רעטונג פון זיין נשמה, נאָר צוליעב דער איינפאַכער אורזאַך, וואָס אויב ער וויל הייראַטען מיט אַ קריסטין, דאַרף ער אליין אויך ווערען אַ קריסט.

— דאָס איז אַלץ זעהר שעהן, — האָט ווילהעלם געענט־פערט, — אָבער מיר דוכט, אז אייער מעטאָד וועט ניט אויס־האַלטען. אויף וויפיעל איך קען בענדיקסענ'ען, וועט ער ניט גלויבען, אז איהר רעדט מיט איהם וועגען אידענטום און קרי־סטענטום נאָר פון פריינדליכע געפיהלען. אויב עס איז בכלל פאַראַן אַ האָפנונג צו באַקערען איהם, וואָלט דאָס נאָר געקאָנט פאָרקומען דאַן, ווען מען זאָל זיך צו איהם באַציהען, ווי צו אַ קריסט. מען מוז זיין מיט איהם הארציג, און ווער ווייס, אפשר וועט ער ווערען אַ קריסט אונבאמערקט פאַר זיך אליין.

— אַ טייערער מיטעל, ניטאָ וואָס צו רעדען! — האָט

אויסגערופען די טאנטע. — דו ווילסט, ער זאָל בלייבען א איד, ביז ער וועט אליין ניט ווערען א קריסט! דאָס איז גוט!

— נו, וואָס אָנבאטרעפט מיך, — האָט באמערקט וויל־העלם, — וויל איך זיך אין דעם ניט מישען. בענדיקסען איז שוין אזוי אויך בייז אויף מיר די לעצטע צייט, איך וויים ניט פארוואָס.

ווילהעלם'ס פראָפעצייהונג איז מעהר אָדער ווענינער פארווירקליכט געוואָרען: דער טאנטע'ס פלאן איז ניט גע־לונגען. בענדיקסען האָט געזעהן זי אויסצומיידען. ער פלעגט נאָר אריינקומען נאָך טאראַ'ן, צו געהן מיט איהר שפאצירען אָדער אין טעאטער, און ער פלעגט לאנג ניט זיצען אין הויז. טאנטע מאטילדא איז עטליכע טעג געווען שלעכט געשטימט. ענדליך האָט זי ניט אויסגעהאלטען און האָט איינמאָל געזאָגט צו איהר ניכטע:

— ווייסטו, טאראַ, מיר דוכט, עס וואָלט געווען בעסער, ווען דיין חתן וואָלט זיך מיט דיר באגעגענט אויפ'ן גאס. דאַן וואָלט ער ווענינסטענס ניט געדאַרפט באמיהען זיך אריינקומען צו אונז אין הויז.

— יע, — האָט אונטערגעכאפט פרוי פאנגעל, — עס ווייזט אויס, אז ער האסט אונז אלעמען.

טאָרא האָט וועגען דעם אָנגעדייט יעקב'ן, און ער האָט אויפ'ן צווייטען טאָג פאָרגעשלאָגען פרוי פאנגעל צו שפאצירען מיט זיי. דאַן איז ער געקומען אָפּפיהרען זי אין טעאטער און האָט זי און טאָראַ'ן געבראכט צוריק אהיים. ווען ער פלעגט בלייבען אליין מיט טאראַ'ן און איהר מוטער, איז ער געווען פריינדליך און אויפמערקזאם, און באלד האָבען זיך צווישען איהם און פרוי פאנגעל צוריק איינגעשטעלט די פריי־הערדיגע גוטע באציהונגען.

דאָך האָט זיך די טאנטע ניט בארוהיגט. זי האָט ניט אויפגעהערט מאכען גיפטיגע באמערקונגען וועגען יעקב'ען. אָבער פרוי פאנגעל פלעגט איהם נעמען אונטער איהר שוץ.

— איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אזא פּאָר, — האָט

איינמאָל געזאָגט טאנטע מאטילדא. —ווירקליך, מען קען מיינען, אז זיי זיינען געוואָרען חתן־כלה אין געהיים, און נאָר דער כלה'ס מוטער וויים וועגען דעם.

— ער איז דאָך אָבער אַזוי שטארק פארנומען, ער גרייט זיך דאָך צום עקזאמען, — האָט פרוי פאנגעל געזאָגט אין א פריעדליכען טאָן. — גוט וואָלט געווען, ווען אלע יונגע לייט וואָלטען געוועזן אזוי פלייסיג, ווי ער.

איינמאָל איז אָנגעקומען אַן איינלאדונג פאר ווילהעלם'ען און מילע'ן פון א שטאאטסראט, וועמעס טעכטער זיינען גע־ווען מילע'ס פריינדינען אין שול. דער שטאאטסראט פלעגט אין פריהלינג סעזאָן געוועהנליך געבען א גרויסען אָווענד. און פריהער פלעגט מען טאָרא'ן אלעמאָל איינלאדען צום אָווענד צוזאמען מיט איהר שוועסטער און ברודער. דאָסמאָל אָבער איז אין דער איינלאדונג וועגען איהר ניט געווען דערמאַנט.

פרוי פאנגעל האָט אויפמערקזאם איבערגעלייענט דאָס איינלאדונגס קארטעל און האָט געזאָגט:

— ווי זאָנדערבאר דאָס איז, וואָס מען האָט טאָרא'ן ניט איינגעלאדען.

— ווען מען וואָלט זי איינגעלאדען, וואָלט מען אויך גע־מוזט איינלאדען איהר חתן, — האָט באמערקט טאנטע מא־טילדא. — נו, און איהם האָט מען ניט געוואָלט איינלאדען, און דאָס איז דאָך גאנץ פארשטענדליך.

— איך פארשטעה דאָס ניט, — האָט געענטפערט פרוי פאנגעל.

— ערשטענס איז ער דאָך א איד... אפּראָפּאָ, איך האָב זיך דערמאנט, מען האָט איהם פאָרגעשטעלט?

— ניין, — האָט געזאָגט פרוי פאנגעל, — ער איז אלע־מאָל אזוי איינגעשלאָסען אין זיך, האלט זיך אזוי ווייט פון אלע אונזערע באקאנטע. אין דעם איז ער שוין אליין שולדיג.

— און איהר אויך! — האָט אויסגערופען די טאנטע. — ווען ער וואָלט געווען א לייטענאנט אָדער א קאמער יונקער,

וואָלט איהר מעהר געטאָן איהם אריינצופיהרען אין געזעל־שאפט.

— דאָס איז אפשר ריכטיג, — האָט שטיל געזאָגט פרוי פאנגעל.

דעם שטאאטסראט׳ס איינלאדונג האָט ארויסגערופען אין דער פאמיליע גרויסע מיינונגספארשידענהייטען. פרוי פאנגעל האָט ערקלערט, אז מילע דארף ניט געהן צום אָווענד. ווילהעלם האָט דאן געזאָגט, אז ער וועט אויך ניט געהן.

— דאָ קען מען שוין גאָרניט מאכען, — האָט פרוי פאנגעל באשלאָסען. — מילע דארף ניט געהן, וואוהין מען לאדט ניט איין איהר שוועסטער.

אלע זיינען אנשווייגען געוואָרען. ווילהעלם האָט געקלאפט מיט די פינגער אין שויב. די דאמען האָבען זיך מיט אונצופרידענע געזיכטער געזעצט פאר זייער האנטארבייט.

יעקב איז אריינגעקומען. ער האָט זיך זעהר פריינדליך, ווי אלעמאָל, באגריסט מיט דער ווירטין, אָבער זי האָט אויף זיין גרוס זעהר קאלט געענטפערט. ווילהעלם האָט גענומען זיין הוט און איז ארויסגעגאנגען. מילע האָט צוגעלעגט איהר טיכעל צו די אויגען און איז אוועק צו זיך אין צימער. ווען יעקב איז געבליבען אליין מיט טאָראַ׳ן, האָט ער זי געפרעגט, וואָס איז געשעהן.

— נארישקייטען, — האָט זי געענטפערט. — עס לוינט גאָר ניט צו רעדען וועגען דעם. ווילהעלם און מילע האָבען באקומען איינלאדונגען פון דעם שטאאטסראט, און אזוי ווי איך בין ניט איינגעלאדען, האָט די מוטער באשלאָסען, אז זיי וועלען אויך ניט געהן. אָט פארוואָס מילע וויינט.

אָט די ווערטער האָבען יעקב׳ען ערקלערט אלץ. אָבער די געפיהלען פון ערנידריגונג און פארדרוס זיינען פיעל מילדער געוואָרען פון דער דאנקבארקייט צו טאָראַ׳ן, וואָס זי האָט אויף אזא איינפאכען און דעליקאטען אופן איהם דערצעהלט וועגען דער מיספארשטענדניס אין דער פאמיליע, ער האָט זי ארומגענומען, און אין דעם אויגענבליק האָט זיך ביי איהם אין

קאָפּ דורכגעטראָגען דער געדאנק צו דערצעהלען איהר וועגען זיין שוואכקייט און פרעגען זי, צי זי איז גענוג שטארק ניט צו זעהן אין איהם קיינמאָל דעם אידען. ער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאט צו קומען צו א שלום, ווען זי האָט געזאָגט:

— נעם דאָס ניט אזוי נאָהנט צום הארצען! איך בין גאנץ גלייכגילטיג צו דעם, צי איך וועל געהן צו דעם שטאאטס־ראַט, צי ניט. נאָר דו זאָלסט זיין מיט מיר!

נאָך די ווערטער האָט ער ניט געהאט דעם מוט צו רעדען וועגען זיינע צווייפלען.

אוועקגעהענדיג פון דער כלה, האָט ער מיט ערלייכטערונג געזאָגט צו זיך אליין: „זאָלען אלע זיין געגען מיר, זי ליעבט מיך דאָך און איז מיר טריי."

XII.

פרוי פאנגעל האָט דערצעהלט איהר מאן וועגען דעם שטאאטסראט'ס איינלאדונג. ער האָט נאָר שווייגענדיג א שמייכעל געטאָן.

אָבער פון דאן אָן פלעגט פרוי פאנגעל זיך אָפט טיף פאר־טראכטען, און איינמאָל האָט מארא זי געפונען אין טרערען. זי איז מיט שרעק צוגעגאנגען צו איהר און געפרעגט, פארוואָס זי וויינט. די מוטער האָט זי ארומגענומען און א קוש געטאָן, זאָגענדיג:

— דו קענסט סאי ווי גאָרניט העלפען, מיין קינד!

יעקב'ען האָט זי אויפגענומען, ווי א גאסט, מיט וועלכען מען באגעהט זיך העפליך און פריינדליך, אָבער מען האָט גע־קענט זעהן, אז זי מוז מאכען א געוויסע אָנשטרענגונג צו זיין אזוי. מילע האָט געמאכט וועניגער צערעמאָניען, זי פלעגט ארויסגעהן פון צימער, ווי נאָר יעקב פלעגט אריינקומען, און פלעגט נאָך מיט גערויש פארמאכען די טיר. די מאנטע פלעגט איהם באגעגענען מיט סארקאסטישע באמערקונגען און אָנדיי־טונגען . און ווען יעקב פלעגט מיט בעטענדע אויגען קוקען אויף פרוי פאנגעל, ווי ערווארטענדיג פון איהר די הילף, וואָס

זי פלעגט איהם געבען אין אזעלכע מאמענטען, פלעגט זי נאר ארופלאזען די אויגען און זיך איילען געפינען אן אויסרעד ארויסצוגעהן פון צימער.

און אזוי פלעגט ער בלייבען אליין מיט דעם געפעהרליכען פיינד, און נאך א שוצלאזער דערצו. ווייל ענטפערען איהר האט ער נית געוואגט, מורא האבענדיג פאר א קריעג, וואס וואלט ביי דער עקזיסטירענדער שטימונג אין דער פאמיליע געמוזט פיהרען צו א ברוך מיט דער כלה.

דאס הויז, וואס איז פריהער געווען אזוי פרעהליך, איז איצט געווארען פינסטער און שווייגענדיג. אבער קיינעם האט דאס אזוי נית געדריקט, ווי יעקב'ען. ווען יעקב פלעגט אין א קלארען פריהלינג טאג אונטער דער העלער זון און בלויען הימעל דערפיהלען אין ברוסט א נייע וועל פון לעבענסלוסטיגקייט, ווען ער פלעגט א פרעהליכער מיט לייכטע און שנעלע טריט געהן צו זיין כלה, — איז איהם געווען גענוג צו דערזעהן פון דער וויטענס איהר הויז, ווי איהם פלעגט שוין אויסווייזען, אז די זון איז טונקעל געווארען, ער פלעגט ארויפקומען מיט אונזיכערע טריט, אין זיינע אויגען פלעגט זיך באווייזען אן אויסדרוק פון שרעקעדיגקייט.

איהם האט געשראקען און געדריקט נית אזוי די פארשטעהענדע אונפריינדליכע באגעגניש, — צו דעם האט ער זיך שוין צוגעוועהנט, — ווי דער געדאנק, ווי דאס אלץ מוז ווירקען אויף טארא'ן. ער האט אינסטינקטיוו פארשטאנען, אז ליעבע איז א בלום, וואס נויטיגט זיך אין זון ליכט. די בלום קאן אריבערטראגען א שטורעם און זיך אויפשטעלען צוריק א באנייטע און פונקט אזא שעהנע, אבער אויב זי מוז שטענדיג וואקסען אין שאטען, אהן זון און טוי, וועט זי אראפבויגען דעם קאפ און וועלקען.

ביי אזא לאגע איז פאר אלעמען געווען א גרויסע ערלייכטערונג, ווען הער פאנגעל האט ערקלערט, אז באלד וועלען זיי אריבערפאהרען אין א זומער וואוינונג. פרוי פאנגעל האט געפרואווט אפרעדען, זאגענדיג, אז עס איז נאך פריה, קיינער

איז נאך ניט אריבערגעפאהרען, אבער הער פאנגעל איז באַ־שטאנען אויף זיין באשלוס, און זיי האבען פארלאזען די שטאדט.

די ענדערונג האט געגעבען דעם גוטען רעזולטאט, וואס יעקב האט זיך זעלטענער באגעגענט מיט דער כלה'ס פאמיליע. ער האט מיט שרעק און ערביטערונג געקלערט, אז איצט איז מארא אין גאנצען אונטער דער מאנטע'ס איינפלוס. אינמי־טען דער ארבייט, ווען ער פלעגט זעהר שטארק זיין פארנומען, פלעגט איהם פלוצלונג ארומכאפען אזא שרעק, אז ער פלעגט ווארפען די ביכער און איילען צו מארא'ן, ווי איבער איהר קאפ וואלט געהאנגען אן אונפארמיידליכע געפאהר. אין איהר הויז אבער פלעגט איהם די אונפריינדליכע אטמאספער ווידער טרייבען צוריק אין שטאדט.

XIII.

לעווי און יעקב פלעגען זיך באגעגנען, אבערביידע פלעגען אויסמיידען צו רעדען וועגען דעם, וואס האט געדריקט יעקב'ען. שוין פון יעקב'ס אויסזעהן האט לעווי פארשטאנען, מיט וואס זיין פארזוך צו געפינען אן אויסוועג פון דעם שווערען געמיטס צושטאנד האט זיך געענדיגט. און אזוי ווי לעווי האט מעהר ניט געהאט קיין ראט פאר יעקב'ען, האט ער געזעהן אויסצור־מיידען אין געשפרעך יעקב'ס פערזענליך לעבען. יעקב ווידער האט אליין מורא געהאט אריינצוקוקען אין זיין לאגע.

איין שעהנעם טאג סוף יולי האט לעווי באגלייט יעקב'ען הינטער'ן שטאדט, צו פאנגעל'ס זומער וואוינונג. זיי זיינען א לאנגע צייט געגאנגען שווייגענדיג. לעווי האט געקוקט אויף די שפאצירענדע, האט זיך צוגעהערט, ווי זיי דינגען זיך מיט די קוטשערס. ענדליך האט ער זיך אומגעקערט צו יעקב'ען און האט געזאגט:

— איהר זייט היינט אזא לאנגווייליגער... באטש די לעצטע צייט זייט איהר שטענדיג אזא. וואס פאר א וואוילער יונג איהר זייט דאס געווען פאראיאהרען! דאן האט מען

זיבער געקענט האָפען, אז פון אייך וועט אויסוואקסען א גוטער מעדיצינער... ניין, גיט נאָר א קוק אויף זיי!..

א אידישע פאמיליע פון עטליכע מענשען האָט זיך אריינגעזעצט אין א גרויסען עקיפאזש פון פיער פלעצער, און אזוי ווי זיי האָבען נאָר פארנומען א האלבען עקיפאזש, האָבען זיי גענומען געדולדיג ווארטען, ביז נאָך ווער עס איז וועט זיך ווערלען אריינזעצען און טיילען זייערע קאָסטען אין שפאציר. ווארטענדיג אויף פאסאזשירען, האָבען זיי פרעהליך געפלוידערט, און דער פאָטער פון דער פאמיליע האָט פון צייט צו צייט געשריען אויף די קינדער, מורא האָבענדיג, אז זיי וועלען ארויספאלען פון עקיפאזש.

אויף זיי האָט דאָס לעווי אָנגעוויזען יעקב'ען. ווען יעקב האָט דערזעהן די אידישע פאמיליע, האָבען זיינע געדאנקען אָנגענומען אנאנדער ווענדונג, און ער האָט געזאָגט מיט א זיפץ:

— אין א וואָך ארום איז חתונה ביי מיין קוזינע.

— מיר דוכט, אז איהר דארפט צוליעב דעם ניט זיפצען. איהר האָט דאָך שוין א כלה.

— יע, אָבער איך וואָלט זעהר געוואָלט זיין אויף דער חתונה, — האָט יעקב ארויסגערעדט נאָך א ווילע שווייגען.

— געהט!

— דאָס איז גיט באקוועם. זיי האָבען ניט איינגעלאָדען מיין כלה.

— איהר קענט דאָך ניט ערווארטען, אז די אידען זאָלען אפיציעל אנערקענען אייער קריסטליכע כלה! — האָט אויסגערופען לעווי, — איהר קענט ניט פאָדערען ביידע זאכען.

— איך וואָלט געוועזען גליקליך, ווען איך וואָלט געהאט כאָטש איין זאך.

— ניין, דאָס איז אונערטרעגליך! אלע ווילע פארלירט איהר דעם מוט. הערט נאָר, מיין טייערער, עס איז צייט צו מאכען א סוף! ענטשליסט זיך און רעדט דורך וועגען אלע

מיט אייער כלה! נאָך אלעמען איז זי דאָך ניט מעהר ווי א פרוי!

— נאָר א פרוי! ווען איהר וואָלט נאָר געוואוסט, וויפיעל אונגליק איין פרוי קען ברענגען!

— וואס? אייער כלה ברענגט אייך אונגליק? איז דען אייער ליעבע דערגאנגען אזוי ווייט? א גרויסער גאָט אמור!

— אך, ניין, די טאנטע!

— די טאנטע? וואס פאר א טאנטע? זינט ווען איז זי אראָפּגעפאלען אויף אייער אָרימען קאָפּ? און איך האָב גע־מיינט, אז גאָט האָט אייך צוגעשיקט א גאנץ אָנשטענדיגע פאַ־מיליע אָהן טאנטעס און נאָך אזעלכע שעדליכע צוגאבען.

— די טאנטע איז די פרוי פון א דאָרפס פּאסטאָר. איהר קענט אייך גאָרניט פאָרשטעלען, ווי אידענפיינדליך זי איז!

— די פרוי פון א דאָרפס פּאסטאָר! נו פאר מיר איז דאָס גאנץ געננוג. עס זיינען, דאכט זיך, ניטאָ אויף דער וועלט קיין אונטאָלעראנטערע מענשען, זיי זיינען ערגער פון טערקען און פון די פּאסטאָרען אליין. אזא פרוי פון א פּאסטאָר פיהרט דאָך א גרויסע ווירטשאפט, זי איז געוועהנט אָנצונעמען געשאנקען אין אלערליי פאָרמען, און קיינמאָל האָט זי נאָך ניט געזעהן אז א איד זאָל איהר ברענגען א גאנז אָדער כאָטש א קליין היהנדעל! היינט וואָס פאר א מיינונג דארף שוין אזא פרוי האָבען וועגען אידען! נו, און וואָס איז אזוינס אייער פּאס־טאָר'ס פרוי? — האָט ער געפרעגט, זעהענדיג אז יעקב שווייגט.

— זי האָט מיך געצוואונגען חרטה צו האָבען אויף מיין פאָרלאנג צו הערען ווען עס איז דערמאנט, אז איך בין א איד. איהר געדענקט מיינע רעד? איך האָב ארויסגעפאָדערט מיין שיקזאל, און איצט האָב איך מיין שטראָף. זי רעדט, דוכט זיך, גאָר וועגען קיין אנדער זאך ניט. מען קען מיינען, אז זי איז פעסט ענטשלאָסען ארויסצושטויסען מיך פון הויז.

— א שאָד, וואָס זי איז ניט געקומען, איידער איהר זייט געוואָרען א חתן.

— פאַרוואָס ?

— וואָס הייסט פאַרוואָס ? איהר זאָגט דאָך אַליין, אַז זי וויל אייך אַרויסשטויסען פון הויז.

— אַך, לאָזט צורוה מיט אייער שפּאַסען, לעווי !

— אָבער זי וועט דאָך ווען עס איז אָוועקפאָהרען ? אָדער זי איז אַן אַלמנה און וויל פאַרלעבען איהר פּענסיע אין דער הויפּטשטאָדט ?

— ניין, איהר מאַן האָט באַקומען אַ שטעלע אין שטאָדט. אָבער וואָס וועט אַרויסקומען פון דעם, וואָס ער וועט קומען צו פאָהרען ? זי וועט סאַי ווי אויף אַ מינוט זיך ניט שיידען מיט איהר שוועסטער'ס פאַמיליע.

— אויב אַזוי, נעמט אָן דעם עקסטרעמסטען מיטעל, זעהט אַרויסצושטויסען זי פון הויז.

— דאָס איז אונמעגליך. זי באַהערשט אַלץ און אַלעמען אין הויז. איך וואָלט גיכער זיך אַליין אַרויסגעשטויסען פון הויז. פון זינט זי איז געקומען, איז פאַר מיר אַ מאַטערניש צו זיין אין פאַנגעל'ס הויז.

— ווייסט איהר וואָס, בענדיקסען, — האָט געזאָגט לעווי נאָך אַ ווײַלע שווייגען, — האָט וואָס שנעלער חתונה און נעמט אייער מיידעלע צו פון זיי. און וואָס שנעלער איהר וועט דאָס טאָן, אַלץ בעסער.

— יע, אָבער איך דאַרף אויף דעם האָבען די ערלויבניש פון דער פאַמיליע. און אַזוי לאַנג ווי איך בין ניט פאַרטיג מיט מיינע עקזאַמענס און האָב ניט קיין פּראַקטיק, וועל איך אַזאַ ערלויבניש ניט באַקומען. באַזונדערס ביי דער שטימונג, וואָס הערשט איצט ביי זיי.

— איהר האָט דאָך אָבער אַ פאַרמעגען, צו וואָס דאַרפט איהר אַ פּראַקטיק ?

— איך האָב פּונקט אַזוי פיעל, וויפיעל איך אַליין דאַרף האָבען אויף דורכצוקומען. וואָס פאַר אַ הייראַט וואָלט דאָס געווען, ווען איך וואָלט ניט געקענט געבען מיין פרוי קיין אַנ־

גענעמע און פארזיכערטע עקזיסטענץ? און מיין כלה איז דאך אויסגעוואקסען אין רייכטום.

— אבער איהר פאטער איז רייך...

— איהר מיינט, איך וואלט דערלאזען, אז מיין פרוי זאל אויפגעהאלטען ווערען פון איהר פאטער? איך שטעל מיר פאר, וואס זיי וואלטען דאן געקלערט וועגען אלע אידען! מען דארף אויסערדעם ניט פארגעסען, אז איהר פאטער איז א סוחר, און א סוחר איז קיינמאל ניט רייך. מיין כלה'ס נדן וואלט איך נאך געקענט נעמען, אבער הילף — קיינמאל ניט. דאס וואלט מיך געמאכט נאך אפהענגיגער פון זיי. ניין, גלויבט מיר, איך האב דאס אלץ גוט באדענקט. איך האב אייגענטליך וועגען קיין אנדער זאך ניט געקלערט.

— גוט. אבער איך וויים, אז אייער פאטער איז רייך.

— לעווי! איהר רעדט דאך דאס ניט ערנסט. ווי וואלט איך געקענט נעמען ביי מיין פאטער געלט אויפצוהאלטען א קריסטין!

— אויב אזוי, בלייבט אייך נאר איבער זיך צו טויפען. דעם אמת גערעדט, איז דאס דאס איינפאכסטע און לאגישסטע. אויב איהר ליעבט ווירקליך אייער כלה, וועט פאר אייך ניט זיין שווער צו טויפען זיך צוליעב איהר.

— ניין, לעווי, אזעלכע טעארעטישע אויספיהרונגען קענען מיך ארויסברענגען פון געדולד! אייער טעאריע קען איך באלד שלאגען מיט אן אנדערער, וואס איז פונקט אזוי אומבאגרינדעט: אן אנשטענדיגער מענש בייט ניט זיין גלויבען צוליעב ערדישע זאכען. אבער איהר פארשטעהט דאך אליין, אז איך קען זיך בשום אופן ניט טויפען, אין דעם איצטיגען מאמענט זיינען מיר די אידען געווארען נאהנטער, ווי ווען עס איז... אמאל פלעג איך מיר פארשטעלען, אז איך האב זיך שוין געטויפט, און איהר ווייסט ניט, ווי פיינליך מיר איז געווען צו באגעגנען א אידען אויפ'ן גאס! די גרעסטע ערלייכטערונג איז פאר מיר דאן געווען, ווען איך פלעג זיך זאגען: אבער דו האסט זיך נאך ניט געטויפט.

— וועל איך אייך אריינרעכענען צווישען די אונהייל־בארע, — האט געזאגט לעווי. — אדיע, איך מוז זיך אומקערען אין שטאדט.

— קומט נאך אביסעל מיט מיר, לעווי. מיר איז אזוי שווער.

— ארימער! — האט געזאגט לעווי. — איך וואלט אזוי געוואלט אייך און אייער כלה באזעצען אויף אן אונבאוואוינטען אינזעל, וואו איהר וואלט געקענט לעבען אין גן עדן רוה, ווייט פון דער גאנצער וועלט.

— יע, ווען אזא לעזונג פון דער פראגע וואלט געווען מעג־ליך! ווען איך וואלט געקענט צונויפזאמלען אלע מיינע לײדען און צווייפלען און קעמפען מיט זיי, שטעלענדיג אין קאן אלץ, אפילו מיין לעבען, און דאן זיי אויף אייביג פארטרייבען! דאס וואלט געווען בעסער, ווי ליידען די לאנגזאמע מאטערניש. — אמת איז דאס שפריכווארט, אז לאנג וועסטו ווארטען אויפ׳ן טויט, ווען א גאנז וועט דיר ארויפטרעטען אויפ׳ן האלז... און אויף מיר טרעט מען, ווי עפעס אויף א שלאנג, און איך וואג אפילו ניט צו בייסען... א ווי איך האס יענע פרוי! ווען איך וואלט מיך ניט געמוזט באהערשען ביים געדאנק וועגען מיין כלה, וואלט איך לאנג דער׳הרג׳עט די שרעקליכע פרוי!

— יע, בענדיקסען, אייער לאגע איז ווייט ניט קיין אנ־גענעמע. איהר האט א קראנקען צאהן, איהר וואלט איהם געוואלט ארויסרייסען, אבער איהר האט ניט דעם מוט אויף אזא אפעראציאן. איהר האט אבער פאר אייך די אלטערנאטיווע: אדער איהר טויפט זיך, אדער איהר צושיידט זיך מיט אייער כלה.

— אט דאס איז דאך מיין אונגליק, וואס איך האב דא אן אלטערנאטיווע, און איך קען זיך ניט ענטשליסען! — האט יעקב פארצווייפעלט אויסגערופען. — איז דען לייכטער א מענשען, וואס שטעהט צווישען פייער און וואסער, און מען ראט איהם שפּרינגען ענטוועדער אין פייער, אדער אין וואסער?

— מיין טייערער! אויב אזוי, אנטלויפט! אנטלויפט אי פון וואסער, אי פון פייער!

— ניין, היינט וועט איהר שוין ניט רעדען צו דער זאך, — האָט געזאָגט יעקב.

— מיין גאָט, וואָס זשע ווילט איהר? זאָגט בעסער, אז מען קען גאָרניט מאכען מיט אזא פעדאנט, וואָס איז פול מיט פּאַראַדאָקסען. זייט זיכער, אז איך וואָלט צוליעב אייך זיך געוואָרפען אין פייער און אין וואסער. איך קען אָבער ניט איינזעהן, אז דאָס וועט אייך ברענגען נוצען. אויב אָבער איך קען אייך ווירקליך העלפען מיט עפּעס, זאָגט, און איך בין גרייט דאָס צו טאָן! אויב איהר קאָנט מיר ניט ענטפערען באלד, ווענדט זיך צו מיר ווען איהר ווילט, איהר ווייסט מיין אדרעס. אדיע! גריסט פון מיר דעם פּאַסטאָר׳ס פרוי.

געהענדיג אין שטאָדט, האָט לעווי געקלערט: „איך האָב, דוכט זיך, געבראכט דעם אונגליקליכען אין אזא צושטאנד, אז ער וועט אָפּטאָן עפּעס א נאַרישקייט. אָבער עס איז קליגער צו באגעהן די גרעסטע נאַרישקייט, איידער דאָס לענגער אזוי ציהען.“

אָבער יעקב איז יענעם אָוועגד ניט באגאנגען קיין נאַרישקייט. וואָס מעהר ער האָט זיך דערנעהנטערט צו דער זומער וואוינונג, אלץ מעהר איז זיין אויפרעגונג געפאלען, און זיין געוועהנליכע טעמפּע אונצופרידענהייט האָט איהם ענדליך ווידער באהערשט.

טאַרא האָט איהם באגעגענט מיט פרייד, אָבער ווען זי האָט באמערקט זיין בלייכקייט, — א רעזולטאַט פון דער היץ, פון דער אויפרעגונג און פון לאנג געהן, — האָט זי געמיינט, אז ער איז קראַנק, און זי האָט זיך א וואָרף געטאָן ברענגען איהם מעדיקאמענטען. זיין קרענקליכער אויסזעהן האָט אויך אויפגערעגט די איבריגע מיטגלידער פון דער פאמיליע. אלע האָבען איהם ארומגערינגעלט און געפרעגט, וואָס מיט איהם איז. די טאַנטע האָט ארויסגעריסען דאָס שאַכטעל פון טאַרא׳ס האַנט און האָט אליין אָפּגעצעהלט אין גלאָז די טראָפּענס.

יעקב האט זיך פלוצלונג דערפיהלט אזוי גוט, ווי ער האט שוין לאנג ניט געפיהלט. ער איז אזוי ניט געוועהנט געווען צו אויפמערקזאמקייט און צערטליכקייט, אז ביי אט די באווייזען פון אויפריכטיגען געפיהל, האט ער פארגעסען זיין אויפרעגונג און האט פארשטאנען, אז ער וואלט געקענט אט די אלע מענשען ליעבען. ווען ער האט זיך אביסעל שפעטער אומגעקערט מיט טארא'ן פון א קליינעם שפאציר אין גארטען, האט ער צום ערשטען מאל באמערקט, ווי שעהן די ווענט פון הויז זיינען באדעקט פון ווילדען וויינרעב, און דער געגרייטער טיי טישעל אויף דער וועראנדא האט איהם אויסגעוויזען אזוי אנציהענד און באקוועם, ווי ער וואלט איהם קיינמאל פריהער ניט געזעהן.

טאנטע מאטילדא האט איהם באגעגענט אין טיר.

— א דאנק גאט, — האט זי געזאגט, — איהר זעהט אויס אויסגעצייכענט! איך האב זיך אזוי דערשראקען פאר אייך, איך האב געמיינט, אט שטארבט איהר. מיר, אונגליקליכע, וואלטען דאך אפילו ניט געוואוסט, ווי אייך צו באגראבען!

יעקב האט זיך כמעט געשעמט, וואס ער איז אויף אן אויגענבליק געווען געריהרט. ער האט זיך פארגעווארפען זיין שוואכקייט און וואס ער האט זיך אונטערגעגעבען זיין אונבאהערשבארער באדערפניש פון רוה און פרידען און האט זיך דעריבער דערפרעהט, וואס מען איז צו איהם געווען אזוי אויפמערקזאם. ער האט געקלערט: „איך האב זיך געמאכט, אז איך בין שוואך, צו האבען דאס פארגניגען פון זייער מיטגעפיהל און צערטליכקייט. און ווי גרויזאם זיי האבען דאס מיך ערנידריגט! איצט פארשטעה איך, ווי אזוי מיין פאלק איז דערפיהרט געווארען ביז צו אזא צושטאנד, אז עס קושט אויף א העסליכען אופן די האנט, וואס שלאגט איהם!"

XIV.

— מיר האט דאס ענדליך דערעסען! — האט איינמאל ביים טיש געזאגט טארא'ס פאטער, — איך וויל האבען רוה

אין הויז... מיין ארים קינד, — האט ער צוגעגעבען, גלעטענדיג צארט טארא'ס באק, — ניט קיין פרעהליכע צייט איז ביי דיר פאר דער חתונה.

טארא האט זיך פאנאנדערגעוויינט.

— אזוי קען דאס ווייטער ניט געהן, — האט דער פאטער ווייטער גערעדט אין אויפרעגונג, — מען דארף עפעס טאן. איך האב געמיינט, אז אלץ וועט ווידער גוט ווערען, ווען מיר וועלען אריבערפאהרען אהער, אבער אלץ איז געבליבען ווי געווען. אויב בענדיקסען פארדיענט געטאדעלט צו ווערען פאר זיין אויפפיהרונג, וועל איך מיט איהם ערנסט ריידען וועגען דעם. אויב אבער ער ליידט פון עפעס אן אונגערעכטיגקייט, וועל איך פון היינט אן זיין אויף זיין זייט. עס מוז דאך ענדליך זיין רוה אין הויז!

דא האט די טאנטע אנגעהויבען רעדען:

— דאס קען מען דערגרייכען נאר אויף צוויי וועגען: ענטוועדער בענדיקסען וועט זיך טויפען, אדער מיר אלע וועלען ווערען אידען.

הער פאנגעל איז אינגאנצען רויט געווארען, אבער ער האט זיך געצוואונגען צו רעדען רוהיג:

— איך ווינש אייך פון גאנצען הארצען, טייערע שוועגערין, איהר זאלט ניט חרטה האבען, וואס איהר נעמט אזא טעטיגען אנטייל אין דער זאך. נאר אויב איהר האט גארניט געגען דעם, וועל איך אויף זיך אליין נעמען די לעזונג פון פראגען, וואס ריהרען אן מיין פאמיליע.

דאס זאגענדיג, איז ער אויפגעשטאנען און איז אוועקגעגאנגען צו זיך אין קאבינעט.

א ווייל'ע האט טאנטע מאטילדא געשוויגען. דאן האט זי זיך געווענדט צו איהר שוועסטער:

— מיט אנדערע ווערטער, מען האט מיך געבעטען פארלאזען דאס הויז! אט ווי ווייט דאס איז אוועק, ער ברענגט קריעג אין דער פאמיליע!... איין זאך דארף איך דיר נאר זאגען, טארא, — האט זי אויסגעשריען, אויפשפרינגענדיג פון שטול

און אפשטויסענדיג איהם מיט אזא קראפט, אז ער איז אומ־געפאלען, — איין זאך נאר וויל איך דיר זאגען, טארא: איך וועל ניט דערלאזען, אז דיין חתן זאל מיך ארויסטרייבען פון אט דעם הויז! איך בלייב דא. איך וועל דא בלייבען, ביז וואנען דיין פאטער און דיין חתן וועלען מיך ניט ארויסוואר־פען! דאן מעגסטו טאן, וואס דיין הארץ גלוסט, מעגסט חתונה האבען מיט א אידען! און מיין געוויסען איז ריין, איך האב געטאן אלץ, וואס איך האב נאר געקענט!

עס איז געווארען טויט שטיל. טאנטע מאטילדא האט געוויינט, פארדעקענדיג די אויגען מיט א טיכעל. די אנדערע זיינען געזעסען מיט ארונטערגעלאזענע אויגען, און יעדערער איז געווען פארטיפט אין זיינע געדאנקען.

— אט געהט ער! — האט געזאגט מילע, אנווייזענדיג דורכ'ן פענסטער.

— טארא, געה, נעם איהם אויף... בעסער זאל ער אהער ניט אריינקומען, — האט פרוי פאנגעל געזאגט, צוגעהענדיג צו איהר שוועסטער.

יעקב איז ניט געווען צוויי טעג. אבער די בענקשאפט נאך טארא'ן האט באקומען די אויבערהאנט איבער זיין שרעק פאר א נייער באגעגניש מיט די איבריגע מיטגליעדער פון דער פאמיליע און האט אפגעטעמפט זיין פיינדשאפט צו זיי. אויסערדעם איז ער נאך געטריבען געווארען אהער פון עפעס א באנגען געפיהל, זיין געוויסען האט איהם געמאטערט, ווי ער וואלט געווען אונטריי צו טארא'ן, אננעמענדיג די איינ־לאדונג צו דער אידישער חתונה, וואס האט באדארפט פאר־קומען יענעם אווענד. פון דער מינוט, ווען דער שמש האט איהם פערזענליך איבערגעגעבען די איינלאדונג אין דער טרא־דיציאנעלער פארם: „איהר זייט געלאדען צו דער חופה און צו דעם עסען", האט איהם ארומגענומען עפעס אן אונקלאר געפיהל, עהנליך צו בענקשאפט נאך דער היים. ער האט גע־וואלט בארוהיגען זיין געוויסען און האט זיך געזאגט: „איך שטער דאך ניט טארא'ן, ווען זי געהט אין די קריסטליכע קירך,

און אויסערדעם האט זי דאך א פאמיליע. און וואס האב איך?"
אבער זיין געוויסען האט איהם דאך געמאטערט.

ניט קוקענדיג אויף זיין פעסטען ענטשלוס צו רעדען וועגען דעם מיט טארא'ן, האט ער אבער ניט געהאט דעם מוט באלד אנצוהויבען רעדען. זי איז געגאנגען לעבען איהם א שווייגענדיגע, און ער האט אויך געשוויגען פון אויפרעגונג. ענדליך האט ער זיך באהערשט און האט געזאגט:

— היינט אווענד איז אין מיין אנקעל'ס הויז זיין טאכ־טער'ס חתונה.

— אזוי? — האט זי באמערקט, — דו ביזט נאטירליך איינגעלאדען?

— יע, — האט ער געענטפערט, און זיין הארץ האט פארקלעמט, ווען ער האט פארשטאנען, אז איהר פאלט גאר ניט איין, אז זי וואלט אויך געקענט איינגעלאדען ווערען. דאס הייסט, אז זי האט געמאכט א געוויסע אפגרענצונגס־ליניע צווישען זיך און איהם. — יע, איך בין איינגעלאדען.

— און דו וועסט געהן?

— יע, איך האב געוואלט, כאטש...

— געה, מיין פריינד! — האט זי געזאגט. — געה און פארברענג גוט.

א פיינליך געפיהל האט איהם ארומגענומען, ווען ער האט געהערט איהר רוהיגען טאן. ער איז איהר געווען אזוי דאנק־באר, וואס זי וויל אזוי אויפריכטיג, אז ער זאל גוט פאר־ברענגען, אז איהם האט זיך אויך געוואלט פארשאפען איהר פארגניגען, מיט עפעס זי דערפרעהען.

זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון וואלד אויפ'ן ברעג ים און הא־בען זיך געזעצט אויף א באנק. די זון האט געווארפען איהרע הייסע שטראהלען אויפ'ן ים, וואס איז געלעגען ווי א טרייער הונט ביים פיטארעסקען ברעג. פארביי דעם ברעג האבען זיך געצויגען שיפען און האבען געגלאנצט אין זון מיט זייערע ווייסע זעגלען. ארום איז געווען שטיל.

יעקב האט א ווייל געשוויגען און האט דאן אויסגערופען:

— ווי אומנאַטירליך די מענשליכע באַציהונגען ווייזען אויס, ווען מען באַטראַכט די נאַטור ! צוליעב וואָס פאַר נאַרישקייטען די מענשען קעמפּען און פאַר'סמ'ען איינער דעם אַנדערען דאָס לעבען, ווען זיי קאָנען זיין אַזוי גליקליך ! די גרויסע נאַטור קוקט געוויס אויף אונז מיט אַ שמייכעל פון מיטלייד. איך פיהל, ווי מיינע אויגען וואָלטען ביז איצט געווען פערבונדען, און איך וואָלט ערשט איצט איינגעזעהן, ווי שולדיג איך בין אליין אין די פיינדליכע באַציהונגען צווישען מיר און דיינע קרובים, טאַרא ! איך וועל געהן צו דיין טאַנטע און איהר אויסשטרעקען מיין האַנט ! אויב זי וועט מיר זאָגען כאָטש איין פריינדליך וואָרט, וועל איך ניט געהן צו דער חתונה און וועל בלייבען מיט אייך. איך וויל געהערען נאָר אייך !

— דו ווילסט דאָס ווירקליך טאָן צוליעב מיר ? — האָט אויסגערופען טאַראַ.

— יע, מיין טייערע, און צוליעב מיר אַליין אויך ! איך בין אַזוי גליקליך איצט, אַלץ איז פאַר מיר קלאָר געוואָרען. דאָס איז דאָך געווען אומווירדיג פון מיר, וואָס איך האָב ביז איצט ניט געוואָלט ארויסווייזען מיין שוואַכקייט און נאַכגעבען.

— אָ, אַ דאַנק גאָט ! איצט וועט אַלץ ווערען גוט ! ביי אונז הערט מען ניט אויף רעדען, אַז אַלץ וועט זיין גוט, ווען דו וועסט נאָר...

— ווען איך וועל נאָר ?

— ווען דו וועסט איבערגעהן צו אונזער גלויבען.

מען זאָגט, אַז ווען אַ מענש באַקומט אַ טויט־קלאַפּ, איז אַן אויגענבליק זיין געזיכט רוהיג, און ערשט נאָכדעם פאַלט ער, ווי דער געדאַנק וועגען טויט וואָלט געווען אַזוי גרויס, אַז מען קען איהם אין ערשטען אויגענבליק ניט ארומנעמען. ווי פערוואונדערט פון טאַרא'ס ווערטער, האָט יעקב זיך אומגעקערט צו איהר, פון זיין געזיכט איז נאָך ניט פאַרשוואונדען דער גליקליכער שמייכעל, אָבער אין אַ רגע איז זיין געזיכט געוואָרען טויטבלייך. ער איז אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען מיט טאַרא'ן צוריק דורכ'ן וואַלד צום גאָרטען.

דו ביזט אין כעס? — האָט זי געפרעגט מיט א ציטער אין שטים.

— איך? ניין! — האָט ער געזאָגט כמעט אומבאוואוסט־זיניג, געהענדיג ווייטער.

ער האָט ניט באמערקט, ווי זיי זיינען ארויף אויף די וועראנ־דא, וואו עס זיינען געווען געסט, צווישען זיי אויך לייטענאנט ענגבערג, ביז ער איז ניט געקומען צו זיך פון די הילכיגע שטי־מען. דאַן האָט ער שנעל גענומען אָפּשיד. טאָרא האָט נאָר צייט געהאט צו זאָגען אין אַן אויפגערעגטען און פארשטיקטען טאָן:

— מאָרגען בייטאָג וועל איך זיין אין שטאָדט... איך דארף עפּעס קויפען... וועסט ארייגקומען מיך נעמען?

יעקב האָט געענטפערט: „יע", און איז ארויסגעגאַנגען פון הויז. אָפּגעהענדיג אביסעל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך אָנגעשפּארט מיט'ן קאָפּ אָן א בוים.

— דער וואָרים האָט דאָך צונאָגט די פּלאַנץ, וואָס איך האָב ערצויגען אין ליעבע, און אונטער וועמעס שאָטען איך האָב געזוכט רוה... זי איז ניט שולדיג, אַנדערע האָבען פאר'סמ'ט איהר נשמה... ווען איך וואָלט זי נאָר געקאָנט ארויסרייסען פון זיי!.. איך ליעב זי אַזוי...

טאָרא איז איהם נאָכגעגאַנגען עטליכע טריט. דאַן האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, האָט איהם נאָכגעקוקט, ביטער א שמייכעל געטאָן און זיך צואווינט. אָבער אביסעל שפּעטער האָט זי אויסגעווישט די אויגען און איז צוגעקומען צו דער געזעלשאַפט אויף דער וועראַנדאַ.

* * *

אין מארקוס'עס גאסט־צימער איז געווען יום־טוב'דיג. מע־נער האָבען זיך דאָ פארזאמעלט צו מנחה פאר דער חופּה. די פרויען אין אַנדערען צימער זיינען געווען פארנומען מיט דער כלה.

אַלץ איז געווען גרייט, אָבער מארקוס איז אַלץ ניט געווען זיכער, צי זיין פרוי האָט עפּעס ניט פארגעסען, און האָט זי גע־

האַלטען אין איין אויספרעגען. זיין פרוי האָט איהם אַ שטויס געטאָן און האָט איהם אָנגעוויזען מיט די אויגען אויף די טיר.

— יעקב ! — האָט מאַרקוס אויסגערופען פאַרוואונדערט.

— אָט זעהסטו, פרוי, וואָס האָב איך דיר געזאָגט ? טיף אין האַרצען איז ער דאָך אַ איד !

— וואָס פאַר אַ קרענקליכען אויסזעהן ער האָט דאָס ! — האָט די פרוי באַמערקט.

—אָרימער יעקב ! איהם איז, ווייזט אויס, ניט צו גוט צווישען גוים ! איך זאָג דיר, פאַר איהם וואָלט געווען אַ סך גלייכער צו פאַרליעבען זיך אין אונזער מרים.

— מאַרקוס, עס ווערט שוין פינסטער, דאַרפסט נאָך עפּעס פון מיר ?

מאַרקוס האָט זיך געגריסט מיט יעקב׳ען און האָט געגעבען אַ צייכען אָנצוהויבען דאַווענען. נאָך מנחה איז דעם חתן׳ס שומר אריינגעקומען אין צימער פאַר די פרויען און האָט איי־בערגעגעבען דער כלה מתנות : אַ פּאָר זאָקען, צוויי פּאָר שיך, אַ זיידען טיכעל און אַ סדור. דאַן האָט די כלה געשיקט צום חתן איהרע מתנות : אַ תפילין־זעקעל, אַ טלית און אַ קיטעל.

עס האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פון אַ האָרן, און די טיר פון זאַל האָט זיך געעפענט. די מענער זיינען פּאָר־ווייז ארונ־געקומען נאָך דעם חתן און האָבען איהם געשטעלט אונטער די חופה. דאַן איז אריינגעקומען די פּראָצעסיאָן פון פרויען מיט דער כלה. אונטער די טענער פון אַ פייערליכען מאַרש האָבען זיי דריי מאָל ארומגעפיהרט די כלה ארום דער חופה און האָ־בען זי דאַן אוועקגעשטעלט לעבען חתן.

נאָך דעם רב׳ס תפלות און ברכות האָט דער חתן אָנגעטאָן דער כלה אַ פינגעריל, וואָס איז גלייך ארומגעוויקעלט געוואָ־רען מיט אַ שטיקעל זייד, ווייל מען טאָר אויף דעם ניט קוקען ביז אויף מאָרגען נאָך דער חתונה. מען האָט אריינגעטראָגען אַ גלעזעל וויין, דער רב האָט געמאַכט אַ ברכה און האָט געגע־בען טרינקען דער כלה און דעם חתן. דאַן האָט מען דאָס גלע־זעל געלייגט ביי דעם חתן׳ס פיס, און ער האָט דאָס צודריקט,

— א צייכען, אז איצט איז פונקט אזוי אונמעגליך אפצוזונדערן מאן און פרוי, ווי עס איז אונמעגליך צוריק צו פאראייניגען די שטיקלעך פון דעם גלעזעל. דאן האבען זיך דערהערט פון אלע זייטען הויכע גראטולאציאנען, מיטגלידער פון צוויי פאמיליען האבען זיך ארומגענומען, און אלע האבען זיך אויסגעמישט אין איין מאסע פרעהליכע, גליקליכע מענשען.

ביים טיש איז יעקב געזעסען אנטקעגען דער אינגערער קו־זינע, וועמען ער האט געלערענט, ווען זי איז נאך געוועו א קליין מיידעל. איהר געזיכט איז געוועזען פיין און בלייך. זי האט מיט איהרע שווארצע אויגען געקוקט אויף איהם מיט נייגעריגקייט און מיטגעפיהל, ווי זי וואלט געוואלט באמערקען אין זיינע צוגען די שפורען פון דעם גליק, וואס דאס קריסטליכע מיידעל האט איהם געגעבען. יעקב איז געוועזען איינגאנצען ערשעפט פון לאנג געהן און פון דער איבערגעלעבטער אויפרעגונג. זיינע גע־פיהלען זיינען אין איהם געווען שוואך, זיינע אויגען האבען אלץ געזעהן אין א נעבעל, און צו זיינע אויערען האבען זיך דער־טראגען פארשטיקטע קלאנגען. די פרייד ארום איהם, דאס יונגע מיידעל מיט די קלוגע אויגען, וואס האבען געקוקט אויף איהם מיט טיפען מיטגעפיהל, — אלץ איז איהם אויסגעקומען ווי שאטענהאפט, ווי א צויבער־בילד. די פרייד־געשרייען און דער זיינען געווארען וואס אמאל אלץ ווייטער, דאס יונגע מיי־דעל איז ארומגעהילט געווארען אין א נעבעל, פון וועלכען עס האט נאר ארויסגעקוקט א פאר שווארצע אויגען און זיך מיט איהם געזעגענט אויף אייביג. ער האט זיך פלוצלונג א שאקעל געטאן און האט זיך אנגעכאפט אן ברעג טיש, אום ניט אראפ־צופאלען פון שטול.

ווען ער איז ווידער געקומען צו זיך, האט ער דערזעהן די גאנצע געזעלשאפט ארום זיך. אלע האבען זיך געאיילט אויס־צודריקען איהם זייער מיטגעפיהל. ער האט קוים איינגעהאל־טען די טרערען, האט געדאנקט די אידען פאר זייער צערטליכ־קייט און זארג וועגען איהם און איז באלד אוועקגעגאנגען, אום ניט צו שטערען זייער פרייד.

* * *

ער איז ארויסגעגאנגען אויפ'ן גאס און האט זיך אפגע־שטעלט, איינאטעמענדיג די קיהלע נאכטיגע לופט. ער האט זיך געפיהלט צובראכען און היימלאז. זיינע געדאנקען האבען אויף קיין זאך זיך ניט געקענט אפשטעלען. ער האט געקלערט, צו וועמען ער זאל איצט געהן, און האט זיך ענדליך דערמאנט אן לעווי'ן.

אויפ'ן טיש אינמיטען צימער איז געשטאנען א פלאש ביער און א גלאז מיט אן אפגעבראכענעם ראנד. דער ווירט איז גע־זעסען מיט א לאנגער ליולקע אין מויל. צוויי פון די געסט זיי־נען געשטאנען ביים פענסטער מיט'ן רוקען צו דער גאס, אנדערע זיינען געזעסען אדער האלב־געלעגען אויפ'ן בעט, און נאר צוויי

— אט איז בענדיקסען! — האט איין סטודענט אויסגע־שריען. — דאס איז פרעהליכע נייעס פאר איהם!

— בענדיקסען! — האט א געשריי געטאן קעניג, אויפ־שטעהענדיג פון בעט, — האסט געהערט די איבעראשענדע נייעס? אין פראנקרייך איז א רעוואלוציאן! מען האט פאר־טריבען קארל דעם צעהנטען! לעבען זאל די רעפובליק!...

ניין, איהר קוקט נאר אויף איהם, שטעהט, ווי א ליימענער גולם!

עמיצער האט א געשריי געטאן:

— גרענדאל שלאגט פאר, אז דער געבורט־אנשטאלט אין קארפארע זאל פאהרען אין פראנקרייך און דארט אריינטרעטען אין די רייהען פון דער רעפובליקאנער ארמיי.

—יע, — האט גרענדאל געזאגט, — מיר איז דא אלץ שרעק־ליך דערעסען! ווען א קאטארזשניק וואלט פון צייט צו צייט ניט א שטאך געטאן א וועכטער מיט א מעסער, וואלטען מיר דא גאר קיינמאל קיין אמת'ע וואונד ניט דערזעהן. דארטען אבער איז אנדערש, — שטעך, שים וויפיעל דו ווילסט. איצט וועלען די רוסען מסתמא געהן שלאגען זיך מיט די פראנצויזען, און קיין בעסערע פאציענטען ווי די רוסען דארף מען גאר ניט. איהר קענט ביי א רוס עפענען דעם שארבען און ארויסשלעפען א העלפט פון זיין מארך, ווען דאס איהם אפילו אויף א האר־

ניט ענדערן. איך האָב געהאַט אַזאַ פּאַציענט, אַ רוסישען מאַטראָס מיט אַ צובראָכענעם שאַרבען, — אַ שיפעל איז אויף איהם אַרויפגעפאַלען. ער איז געווען אַ זאַק מיט ביינער, ווען איך האָב זיך צו איהם גענומען. אין דריי מאָנאַטען אַרום האָט ער זיך שוין געשלאָגען אויפ׳ן מאַרק מיט אַ בויער צוליעב עפּעס אַן אוגערקע.

— איך מוז בעטען דעם דאָקטאָר אַראָפּגעהן אונטען, זעהן אַ נייע פּאַציענטין, — האָט געזאָגט אַ שילערין אַריינקומענדיג.

— איך געה, — האָט געענטפערט גרענדאַל, און האָט אָנגע־טאָן די שטעק־שיך.

— איך וויל אויך זעהן די נייע פּאַציענטין, — האָט געזאָגט אַ סטודענט און איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער. איינער נאָך דעם אַנדערן זיינען אַלע באַלד אַרויסגעגאַנגען, ביז לעווי איז גע־בליבען אַליין מיט יעקב׳ען.

— אָנצינדען אפשר אַ ליכט ? — האָט געזאָגט לעווי. — די טעג ווערען אַזוי שנעל קירצער. ערשט מיט אַ מאָנאַט צו־ריק איז נאָך אַרום צעהן אַזייגער געווען ליכטיג. נו, איצט קענען מיר זעהן, וואָס מיר רעדען... וואָס איז מיט אייך ? ביי אייך איז אַזאַ שטאָלצער און ענטשלאָסענער אויסזעהן. דאָס פּאַסט אייך זעהר גוט, איך האָב שוין לאַנג ניט געזעהן ביי אייך אַזאַ געזיכט.

— דאָס איז דערפאַר, אפשר, וואָס איך האָב ענדליך וואָס צו וועלען ! לעווי, איך פאָהר אין פראַנקרייך.

— אין פראַנקרייך,—האָט לעווי אויסגערופען.

— יע, איך קען דאָ מעהר ניט בלייבען, איך מוז ערגעץ אַוועקפאָהרען !

— וואָס איז געשעהן ?

— קיין זאַך ניט, אָבער היינט האָט זי שוין אויך געפאָדערט פון מיר, איך זאָל זיך טויפען.

— וועט איהר זיך מיט איהר צושיידען ?

— אַך, ניין, לעווי ! איך ווייס דאָך, אַז זי איז דאָ גאָר ניט שולדיג. די אַנדערע לאָזען זי ניט צורוה. מיך האָבען זיי

אזוי פארמאטערט, אז פאר די אויגען שוועבען מיר אפטמאל רויטע רינגען. איך וועל פאהרען אין פראנקרייך, וועל זיך דארט צו עפעס דערשלאגען, דאן וועל איך זי נעמען צו זיך. דארט וועל איך וועניגסטענס קענען לעבען רוהיג... דארט האבען אלע שווארצע האר און שווארצע אויגען.

— און וואס וועט אויף דעם זאגען אייער כלה ?

— אויב זי ליעבט מיך, וועט זי ווארטען...

—און אויב זי וועט ניט ווארטען ?

— דאס וועט הייסען, אז זי ליעבט מיך ניט, וואלט דאך סאי ווי ניט ארויסגעקומען קיין גוטס, אפילו ווען איך בלייב דא.

— בענדיקסען ! קומט זונטאג שפאצירען אין וואלד, וועלען מיר וועגען דעם מעהר רעדען.

— לעווי, איך רעד ערנסט. אויב דאס וועט נאר זיין מעגליך, וועל איך נאך מארגען אוועקפאהרען.

— גוט, מארגען אווענט קום איך צו אייך זעהן, צי איהר זייט אוועקגעפאהרען.

— לעווי ! איהר זייט מיין אויפריכטיגער פריינד, וועט איהר מיר דען ראטען צו בלייבען דא און אויסגעהן פון פיין ?

— איך ראט גארניט. אפשר וואלט איך אויף אייער ארט געטאן דיזעלבע זאך... און אפשר ניט... איך ווייס אליין ניט. דערווייל אבער שטעל איך זיך פאר די לאגע אזוי : ווען איהר וועט זאגען אייער כלה, אז איהר פאהרט אוועק, וועט זי זיך צושווייגען. דאן וועט פארקומען צווישען אייך א ריהרענדע סצענע, איהר וועט ווידער ווערען גוט, און זונטאג וועט איהר געהן אין וואלד שפאצירען, כאטש אפשר ניט מיט מיר.

— נו, איך גיב אייך מיין עהרען־ווארט, אז איך פאהר אוועק !

— שטילער. גוט וואס א קריסט האט דאס ניט געהערט. עס איז דאך קאמיש, איהר ווייסט דאך, ווען א איד רעדט וועגען אן עהרען־ווארט... אבער וואס קען מען דא טאן, מיין טייערער: אויב איהר פאהרט ווירקליך אוועק... וועט אייך וועניגסטענס

אפפיהרען צום שיף א טרייער פריינד. און איצט, דעם לעצטען אווענד, טייערער בענדיקסען, לאמיר אויסטרינקען ברודערשאפט און אנהויבען רעדען „פער דו"!

XV

אויף מארגען איז יעקב אויפגעשטאנען מיט א שווערקייט אין הארצען. ער האט א קלער געטאן, אז ער קען ענדערן זיין באשלוס, און איהם איז לייכטער געווארען. אבער ווען ער האט זיך פארטיפט אין זיין לאגע, האט ער דערזעהן, אז ער האט ניט קיין אנדער אויסוועג.

לאנג איז ער ארומגעגאנגען הין און צוריק איבער'ן צימער און האט אלץ גוט דורכגעטראכט. דאן איז ער אוועק און האט ארויסגענומען אן אויסלענדישען פאספארט, איידער ער איז אוועק צו טארא'ן. אזוי טוען אלעמאל מענשען, אום אנצונעמען זיך מיט מוט, ווען זיי פיהלען אז זיי ווערען שוואך.

* * *

נעכטען אווענד האט לייטענאנט ענגבערג באמערקט, ווי טארא און יעקב האבען זיך צושיידט, און האט באשלאסען, אז איצט איז געקומען דער גינסטיגער מאמענט צו מאכען א פאר־זוך. ער האט אליין ניט געוואוסט, אויף וואס אייגענטליך ער קען האפען, אבער געפיהלט האט ער, אז איצט מוז קומען אן ענדערונג אין טארא'ס באציהונג צו איהם.

מענשען זיינען בכלל ניט אזוי שלעכט, ווי מען קען מיינען פון זייער האנדלונג, אנדערש וואלט מען ניט געקאנט ארומ־געהן אין גאס אהן געוועהר. ווען, צום ביישפיעל, א מענש וויל צונעמען ביי אן אנדערן א כלה, מיינט ער גאר ניט, אז ער וועט דא באגעהן רויב. ער זאגט נאר צו זיך אליין:

„ארים מיידעלע, זי איז אזוי אומגליקליך מיט אט דעם רוי־הען מענשען, ער פארשטעהט ניט, קען זי ניט אפשאצען... מיט מיר וועט זי זיין א סך גליקליכער. און ער וועט זיך ווי עס איז טרייסטען, יעדענפאלס וועט דאס זיין פאר איהם א גערעכ־טע שטראף".

לייטענאַנט ענגבערג האָט געוואַרט, ביז טאָרא איז מיט׳ן פּאַטער געקומען אין שטאָדט. אביסעל שפּעטער, האָט ער אויס־גערעכענט, ווען דער פּאַטער אַוועקגעהן צו זיך אין קאַבינעט. דאַן איז ער אריינגעקומען אין הויז.

טאָרא האָט געוואַרט אויף יעקב׳ען. זי איז געווען אין אַ געדריקטער שטימונג און האָט ניט געוואוסט, ווי צו בעגעגענען יעקב׳ען נאָך זיין לעצטען באַזוך. אין גאַסט־צימער איז אריינ־געקומען דער לייטענאַנט מיט אַ העפליכער פארנייגונג. זי האָט זיך דערפרעהט, וואָס דאָס איז נאָך ניט יעקב, וואָס די אונאַנגענעהמע מינוט איז נאָך ניט אַנגעקומען. אפשר האָט זיך אָט די פרייד דערהערט אין איהר טאָן, ווען זי האָט אויס־גערופען:

— אך, דאָס זייט איהר, לייטענאַנט ענגבערג?

דער לייטענאַנט האָט איהר פרייד אַנגענומען אויף זיין איי־גענער רעכנונג און האָט געזאָגט:

— איך האָב געוואוסט, אַז איהר וועט זיין בייטאָג אין שטאָדט, האָב איך זיך ניט געקענט אָפּזאָגען דעם פערגניגען אריינצוקומען און אָנפרעגען וועגען אייער געזונט. נעכטען, ווען איך בין פון אייך אַוועקגעגאַנגען, האָט איהר געהאַט אַזאַ קרענקליכען אויסזעהן.

— איך ערוואַרט מיין חתן יעדע מינוט, ער וועט זיין פאַר־וואונדערט, ווען ער וועט אייך דאָ דערזעהן.

„זי וויל ניט בלייבען אַליין מיט מיר נאָך דערפאַר, וואָס זי האָט מורא, אַז איהר חתן וועט זי דערזעהן" — האָט דער לייטענאַנט געקלערט. ער האָט געענטפערט:

— איך האָב נעכטען געהערט, אַז איהר האָט באַשטימט צוועלף אזייגער פאַר זיין באַזוך, און איצט איז נאָך האַלב צוועלף. יעדענפאַלס בין איך געקומען צו אייך צוליעב אַזאַ זאַך, אַז הער בענדיקסען וואָלט דאָ געקאָנט זיין. איך וויל אייך אויסדריקען מיין מיטגעפיהל צוליעם דעם, וואָס איהר האָט זיך נעכטען ניט גוט געפיהלט. איך האָף, אַז דאָס וועט באַלד אי־

בערגעהן, א דאנק אייער חתן׳ס אויפמערקזאמקייט און זארג וועגען אייך.

ביי די ווערטער האבען זיך טארא׳ס אויגען, געגען איהר ווילען, אנגעפילט מיט טרעהרען. זי האט צוגעטראגען איהר טיכעל צו די אויגען און מיט דער אנדער האנט האט זי אנגעוויזען ענגבערג׳ען, ער זאל אוועקגעהן.

לייטענאנט ענגבערג האט אנגענומען איהר האנט און האט זי א קוש געטאן.

אין דעם אויגענבליק האט זיך אין טיר באוויזען יעקב.

אלע דריי זיינען א ווײלע געווען ווי פארשטיינערט. דער לייטענאנט איז דער ערשטער געקומען צו זיך. ער האט גענומען זיין הוט און איז מיט א לייכטער פארנייגונג דורכגעגאנגען פארביי יעקב׳ען. יעקב האט געמאכט איין טריט צוריק, די טיר האט זיך פארמאכט, און ער איז געבליבען אליין מיט דעם לייטענאנט אין פארהויז.

— ווארט א מינוט, הער לייטענאנט, — האט ער געזאגט, איהם נאכגעהענדיג. — וואס האט איהר דא געדארפט האבען?

— ווען דער ווירט פון הויז וועט ביי מיר פאדערען א רעכנונג, וועל איך איהם ענטפערען, — האט דער לייטענאנט געזאגט, געהענדיג ווייטער.

יעקב האט ארויפגעלייגט א האנט אויף זיין אקסעל און האט געזאגט:

— אפשר וועט איהר געבען מיר א רעכנונג וועגען אייער וויזיט ביי מיין כלה... איילט זיך ניט אזוי, הער לייטענאנט.

— נו, גוט, — האט דער לייטענאנט געזאגט, אומקערענדיג זיך און קוקענדיג אויף יעקב׳ען מיט א שמייכעל, — איך האב געוואלט טרייסטען דאס ארימע מיידעל, וואס האט געהאט דאס אומגליק צו פארבינדען זיך מיט אזא בער.

יעקב האט געציטערט פון כעס, אבער ער האט זיך נאך אויף אזוי פיעל באהערשט, אז ער האט געקענט זאגען גאנץ רוהיג:

— ערלויבט מיר אייך צו זאגען, הער לייטענאנט, אז איהר

זייט אן אונעהרליכער מענש. איך בין גרייט איין צו געבען די באפרידיגונג באלד.

דער לייטענאנט האט געמאכט איין טריט צוריק, האט זיך טיף פארנייגט און האט געענטפערט:

— איך דאנק איין זעהר פאר די עהרע, אבער זייענדיג אן אפיציר... איהר פארשטעהט דאך דאס אליין... שלאגען זיך אויף א דועל מיט א אידען...

ער האט קוים ארויסגערעדט דאס לעצטע ווארט, ווי א שווערע האנט האט איהם אנגעכאפט פאר'ן קארק און איהם דורכגעווארפען דורכ'ן גאנצען צימער צו דער טיר. דער לייטענאנט האט זיך אויפגעהויבען און האט געמאכט א באוועגונג, ווי ער וואלט געוואלט אנהויבען א קאמף, אבער יעקב'ס געזיכט האט אויסגעדריקט אזא טויטליכען האס, און אין זיינע אויגען איז געווען אזא וואהנזיניגער צארן, אז דער לייטענאנט איז שנעל ארויסגעגאנגען און איז פארשוואונדען.

א ווייל איז יעקב אזוי געשטאנען, וועלענדיג זיך באהערשען. ער האט זיך צוגעהערט. איהם האט זיך געדוכט, אז אויב טארא איז ניט שולדיג אין דעם לייטענאנט'ס באזוך, וועט זי ארויסקומען צו איהם. און ער האט געגלויבט, אז זי איז ניט שולדיג, נאר אויסערליכע אומשטענדען זיינען קעגען איהר, און זי דארף איהם געבען אן ערקלערונג, מאכען דעם ערשטען טריט...

און טארא איז געזעסען אין גאסט־צימער כמעט אהן באוואוסטזיין פון שאנד און שרעק און האט געווארט, ער זאל עפענען די טיר...

ער האט געווארט נאך עטליכע מינוט, — זי איז ניט ארויסגעקומען.

ער האט געעפענט די אויסערליכע טיר און איז לאנגזאם אראפגעגאנגען פון די טרעפ. אויף יעדען טרעפעל האט ער זיך אפגעשטעלט און געווארט, זי זאל איהם רופען. ביי דער גאסטיר האט ער זיך ווידער אפגעשטעלט. מען האט ניט געהערט קיין קלאנג, ווי די גאנצע גרויסע געביידע וואלט אויסגעשטאר־

בען. יעקב האָט חרטה געהאַט וואָס ער איז אוועקגעגאַנגען, אָבער זיין אייגענליעבע האָט איהם ניט געלאָזען זיך אומקערען.

אין פארלויף פון עטליכע שעה איז ער געגאַנגען הין און צוריק ביי זיך אין צימער און האָט זיך צוגעהערט צו דעם קלעג־לעכען געקלאַנג פון ... ער האָט געוואַרט אויף א שליח פון טאַרא'ן. ענדליך האָט עמיצער אָנגעקלאַפּט אין טיר, — דאָס איז געווען לעווי.

— פאַרשפּיעלט! פון דיין רייזע וועט גאָרניט זיין! — האָט לעווי א געשריי געטאָן אין טיר.

— דאָס וועלען מיר נאָך זעהן, — האָט יעקב געענטפערט.

— ווייסט, וואָס איך האָב געקלערט? וועסט נאָך ניט צייט האָבען אוועקצופאָהרען, ווי זי וועט דיר שרייבען, איהרע קרובים וועלען זיך אונטערגעבען, און אלץ וועט זיין ווי געווען.

„יע, זאָל זי שרייבען, — האָט יעקב פאר זיך געקלערט — זי וועט מיר שרייבען, וועט זיך ענטשולדיגען, אלץ וועט גוט ווערען, און גראָד צוליעב דעם, וואָס איך פאָהר אוועק“.

ער האָט געענטפערט אין א זיכערען טאָן:

— יע, מיר וועלען נאָך זעהן, צי איך וועל אוועקפאָהרען, צי ניט.

— נו, ווי דאָס זאָל ניט זיין, אָבער איך געזעגען זיך מיט דיר נאָר אויף אכט טעג. איך האָב פיינט צו געזעגענען זיך אויף לאַנג. מיר וועלען איינפאך זאָגען איינער דעם אנדערען: „אויף ווידערזעהן — א גיכען ווידערזעהן!“

— וועט איהר הייסען ארויסטראָגען אייערע זאכען? שוין צייט, — האָט געזאָגט דער טרעגער, אריינקומענדיג אין צי־מער.

זיינען געזעסען אויף שטולען. די געזיכטער זיינען געווען אויפ־גערעגט.

* * *

יעקב האָט זיך געזעגענט מיט לעווי'ן און איז געבליבען אליין אין דער קאיוטע. זיין בליק האָט צושטרייט געוואַנדערט ארום און האָט פּלוצלונג באמערקט, אז דאָס שיף איז ווייט פון

ברעג. אין דעם מאָמענט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך צושיידט מיט טאָראַ'ן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפ'ן דעק, ווי וועלענדיג אַרויסשפּרינגען אויפ'ן ברעג, אָבער דער ברעג איז שוין געווען ווייט.

ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער האָט שוין ניט קיין מעגליכקייט זיך אומצוקערען, איז ער פּלוצלונג עפּעס ווי באַרוהיגט געוואָרען. די פּלאַך פון ים האָט צו איהם גערעדט — אַזוי איז באַשערט!

די זון האָט אויף אַ ווײַלע באַלויכטען דעם שעהנעם, גרינעם, ווייטען ברעג. דאָס האָט אויף יעקב'ען געווירקט, ווי אַן ערפרישונג, ער האָט זיך דערפיהלט פריי. „נאָר ניט אַראָפּגעפאַלען ביי זיך! איך געה דאָך אין די ברייטע וועלט, אויסצוקעמפען זיך מיין צוקונפט! אַ סך מענשען וואָלטען מיר מקנא געווען!"

ער האָט אָנגעשריבען טאָראַ'ן אַ בריעף:

„איך שרייב דאָס דיר אויפ'ן ים, מיין טייערע! די לופט איז דאָ אַזוי פריש, אַז דער פּיין און די זאָרגען ווערען פאַרגעסען, און אַ האָפנונג אויף גליק און אַ ליכטיגע צוקונפט שטעהט אויף אין דיר. דאָ קען איך דיר זאָגען דאָס, וואָס איך האָב דאָרט, אויפ'ן ברעג, ניט געהאַט דעם מוט צו זאָגען, — איך בין אַ איד. יע, ליעבע טאָראַ, איך בין אַ איד, דו ווייסט דאָס, האָסט געוואוסט נאָך איידער דו האָסט מיך געליעבט. דאָס איז ניט קיין פאַרברעכען, נאָר פאַר אַ סך מענשען איז דאָס אַ פעהלער. דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלען, מיט וואָס פאַר אַ שרעק און ערנידריגונג איך האָב וועגען דעם געקלערט. צוליעב דעם זיינען אַרויסגעקומען אַזוי פיעל מיספאַרשטענדניסען. דו ווייסט אויך ניט, ווי שטאַרק צוגעבונדען איך בין צום אידענטום, ווי נאָר דער געדאַנק, אַז איך קען זיך פון איהם אָפּזאָגען, מאַטערט מיך. און דאָך האָב איך זיך דאָך אייגענטליך פון איהם אָפּגעזאָגט. ניט רעליגיאָן בינדט מיך צו איהם, — דיין גאָט איז דאָך אויך מיין גאָט, — נאָר מיין קינדהייט, די ערינערונגען וועגען מיינע קרובים און עלטערען, און אַ סך, אַ סך

שעהנע איינדרוקען פון די יונגע יאהרען. איך קען זיך פון זיי ניט אפזאגען, ארויסרייסען פון מיין הארצען, דאס וואלט געווען דיזעלבע זאך, ווי ווען איך זאל ארויסטרייבען מיין מוטער פון הויז און פאראורטיילען זי צו עלענד. אבער דו גלויבסט דאך, אז איך קען פאראייניגען אין מיין הארצען, די ליעבע צו אט די עראינערונגען מיט דער ליעבע צו דיר, ניט אמת ?

„ווען איך בין צו דיר געקומען צום לעצטען מאל, האב איך זיך דאס געוואלט געזעגענען מיט דיר אויף לאנג. איך פא·· אין פראנקרייך. אזוי צי אזוי, נאר איך וויל זיך דערשלאגען א זיכערען ארט און וועל ניט שפארען קיין מיה און קרעפטען. צו שאפען זיך א נייע פאטערלאנד און א נייע הויז וואו מיר זא־לען קאנען לעבען שטיל און רוהיג, וואו קיינער זאל אונז ניט אנ־ווייזען אויף די פארשידענהייט אין אונזער אפשטאמונג און גלויבען און זאל ניט ארויסרופען קריעג צווישען אונז. ווילסטוווארטען, ביז דו וועסט ניט הערען וועגען מיין טויט אדער מיין ערפאלג ? זאג, מיין טייערע, געליעבטע מארא, דו ווילסט ?

„א העסליכע סצענע איז פארגעקומען ביי אונזער לעצטען זעהן זיך. אין מיר האט זי איבערגעלאזען נאר פארדרוס, וואס איך האב זיך דאן אביסעל צוהיצט. איך באשולדיג דיך ניט, אבער איך האב געמוזט אוועקפאהרען, און דו פארשטעהסט דאס. זעה, פארגעס נאר אלץ, וואס איז צום לעצטען מאל פאר־געקומען. גלויב נאר איין זאך : איך ווייס, אז מיין נשמה וועט אומקומען, ווען איך וועל דיך פארלירען. ווען איך קלער וועגען עפעס ליכטיגס אדער וועגען צוקונפטיגען גליק, זיינען די געדאנקען אלעמאל פארבונדען מיט דיר, ווי די געדאנקען פון א מענשען וועגען ליכט און ווארימקייט זיינען אלעמאל פאר־בונדען מיט דער זון.

„פארגיב מיר אלץ, אין וואס איך האב זיך נאר געקאנט פארשולדיגען פאר דיר ! פארגיב און האלט אויף דיין ליעבע צו מיר, מיין מארא ! דיין נאמען איז נאך פון מיינע קינדער־יאהרען געווען פאר מיר דער נאמען פון געטליכע געבאטען, און גאט אליין האט באשטימט, אז איך זאל דיך ליעבען !

„ווייז דעם בריף דיין פאַטער און דערפרעה מיך מיט אַן ענטפער! שרייב מיר וואָס גיכער... אָ, וואָס פאַר אַ גליק דאָס וועט זיין, ווען איך וועל באַקומען דיין בריף! איך וואַרט אויף דעם מיט דערזעלבער אונגעדולד, ווי איך האָב ערוואַרט דיין ענטפער אויף מיין ליעבע!

„אַמאָל האָט מיין פאַטער איבער מיין וויגעל געבעטען גאָט, ער זאָל ביי איהם אָפּנעמען דאָס גאַנצע גליק, וואָס איז איהם באַשערט, און זאָל דאָס מיר אָפּגעבען. איצט גיב איך דיר איבער די ברכה, וואָס איך האָב באַקומען בירושה פון פאַטער פון גאַנצען הארצען וויל איך, אַז דאָס גאַנצע גליק, וואָס אַ פאַר מיר באַשטימט, זאָל איבערגעהן אויף דיר. גלויב, אַז די ווערטער האָבען אַ קראַפט, כאָטש דו ווייסט דאָס ניט. גאָט זאָל דיך בענשען, מיין טייערע!“

דריטער טייל.

I.

דער דיליזשאַנס איז אַריינגעפאָהרען אין פאַריז.

יעקב האָט נייגעריג זיך אַרומגעקוקט, ער האָט געזעהן שפּאַצירענדע מענשען, מיליציאָנערען פון דער גוואַרדיע, אָבער קיין רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך אין ערגעץ ניט געוויזען. די קראָמען זיינען געווען אָפען, דער האנדעל איז אָנגעגאַנגען אומגעשטערט, אַ קאָמפּאַניע פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע האָט דורכגעמאַרשירט מיט דער דריי־קאָלירענדיגער פאָהן, אָבער מענשען זיינען פאַרבייגעגאַנגען און האָבען זיך ניט אומגעקוקט אויף איהם.

יעקב האָט געזוכט דאָס פראַנצויזישע פאָלק, די גרויסע נאַציאָן וואָס האָט ערשט אויף אָט די גאַסען אומגעוואָרפען אַ טראָן, אָבער ער האָט נאָר געזעהן פרידליכע פוסגעהער, ווי אין קאָפּענהאַגען. און פאַר זיי איז ער אַליין אויך געווען נאָר אַ פרידליכער פוסגעהער. קיינער האָט ניט פאַרדעכטיגט, אַז ער האָט געשטעלט אין קאָן זיין לעבען און האָט געאיילט אהער, צו קעמפען פאַר זיין צוקונפט.

ער איז אַוועקגעגאַנגען אין קריעגס־מיניסטעריום, צו פאַרשרייבען זיך פאַר אַן אָפיציר אָדער אונטער־אָפיציר אין דער אַלזשירער אַרמיי, אָבער ער איז געווען אַן אויסלענדער און האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו זיין אפילו אַן איינפאַכער סאָלדאַט!

אַן ענטוישטער, האָט ער אַלץ אָפטער און אַלץ פיינליכער געקלערט וועגען דענמאַרק און די, וועמען ער האָט דאָרט איבערגעלאָזען. ער האָט געוואַרט אויף אַ בריעף. ווילהעלם פאַנגעל האָט געוויס געוואוסט פון לעווי'ן, וואוהין ער איז געפאָהרען. דער בריעף וועט אָנקומען אין די דענישע אַמבאַסאַדע. אָבער אין דער אַמבאַסאַדע האָט דער סעקרעטאַר איהם גע־

זאָגט, אז פאַר איהם איז ניט אָנגעקומען קיין בריף. יעקב'ס שטימונג איז געוואָרען נאָך שווערער.

אומקערען זיך אין דענמארק ? דאָס וואָלט אָבער אויסגעקומען אינגעלש. דערצו קאָן נאָך אָנקומען א בריף באַלד נאָכדעם, ווי ער וועט אַוועקפאָהרען... ניין, איהם איז באַשערט דאָ צו בלייבען אַליין, אָהן פריינד און באַקאַנטע, אַליין מיט זיך, מיט זיין בענקשאַפט, צושטערטע האָפנונגען און טרויעריגע עראַינערונגען.

וואָס פאַר א מאַטערניש דאָס איז צו וואַנדערן אַליין אין א וויסט אפילו ! און דאָ איז א גרויסע, געדיכט־באַפעלקערטע, טומעלדיגע שטאָדט. דאָ איז אויסגעשטעלט אזוי פיעל פרייד און רייכטום. עקיפּאַזשען טראָגען זיך אום מיט באַצויבערענדע אויסגעפוצטע פרויען, פריינד שפּאַצירען און פלוידערן פרעהליך, געליעבטע וואַרפען זיך דורך מיט צאַרטע בליקען, באַקאַנטע גריסען זיך מיט פרייד. און דער אויסלענדער איז ווי א הונגעריגער ביי א געגרייטען פרעמדען טיש. ער וויל דאָ גאָר ניט זיין מיט זיי. ער וויל זיך נאָר באַהאַלטען ערגעץ אין א וויסט, אָדער אויפ'ן דעק פון דעם טיפען טייך, וואָס פליסט דורך די טומעלדיגע שטאָדט.

זעלבסטמאָרד !... אזא געדאַנק קומט אויפ'ן זין א סך מענשען, וואָס ליידען אזוי... אָדער פאַר'שיכור'ען, באַרוישען זיך און פאַרגעסען אַלץ... יעקב איז אָבער געווען א איד, און די אידען צייכענען זיך אוים מיט זייער מערקווירדיגען אויסדויער. זיי האָבען זיך דאָס אויסגעלערענט אפשר נאָך אין די צייטען פון פרעה, וואָס האָט זיי געצוואונגען צו מאַכען ציגעל. שפּעטער האָבען זיי זיך דאָס געלערענט ביי די אייראָפּעער. און צו שיכרות זיינען אידען ניט גענייגט. זיי זיינען זינליך, אָבער ווי דער הארטער אראבער, וועמעס עסען באַשטעהט פון א הויפען טייטלען און א טרונק קאַלטען וואַסער, וועמעסביידעל אָבער איז פול מיט פרויען און שקלאַפינען...

איינמאָל איז יעקב געגאַנגען איבער דער גאַס מאַנמאַרייל, וואו קאַרל דעם צעהנטען'ס גענעראַלען זיינען געצוואונגען געווען

צו קאפיטולירען אונטער א האגעל פון קוילען און שטיינער, וואס מענער, פרויען און קינדער האבען געווארפען אין זייערע סאלדאטען. ער האט דערהערט א טומעל, און איהם איז איינ־געפאלען, אז די רעוואלוציאן האט אפשר ווידער אויסגעבראכען. ער איז שנעל צוגעגאנגען צו א ראג, וואו די גאס הויבט זיך פלוצלונג אויף ווי א בארג. פאר איהם איז געלעגען אן אומגעווארפענע קארעטע, דער קוטשער איז געלעגען אויף דער ערד, און ארבייטער האבען איהם ניט אויפגעהערט שלאגען.

יעקב׳ס שכן האט איהם דערצעהלט וואס דא איז פארגע־קומען. ווען די קארעטע מיט דעם אויסגעפוצטען קוטשער האט זיך באוויזען אויפ׳ן גאס, האבען די ארבייטער גענומען אויס־לאכען די אריסטאקראטיע און האבען געצוואונגען דעם קוטשער צו פאהרען איבער די רעשטען פון די באריקאדען. דער קוטשער האט זיי אויסגעזידעלט, און דערפאר האט מען איהם אראפגע־שלעפט פון דער קארעטע. די צושראקענע פערד האבען א ציה געטאן אן א זייט, און די קארעטע האט זיך איבערגעקערט.

יעקב׳ען האט אויסגעוויזען, אז ער הערט פון דער קארעטע פארשטיקטע געשרייען. ער איז צוגעלאפען און האט מיט פיעל מיה געעפענט די טירלעך. ער האט דערזעהן צוויי דאמען אין דעם טרויעריגסטען צושטאנד. זיי זיינען געלעגען איינע אויף דער אנדערער און האבען געמאכט די גרעסטע אנשטרענגונגען זיך אויפצוהויבען. מיט צארן האט יעקב א געשריי געטאן צו די ארבייטער:

— ווער איהר זיך ערלויבען צו באליידיגען שוצלאזע פרויען?

איינער פון די שעהנסטע שטריכען אין דעם כאראקטער פון די פראנצויזען איז, וואס זיי זיינען אלע איינגעבארענע ריטער, אפילו ווען זיי שטאמען פון די נידריגסטע שיכטען. די אר־בייטער האבען גלייך זיך א ווארף געטאן אויפהויבען די קא־רעטע. דעם קוטשער האבען זיי נעגעבען נאך איין שטויס פאר אן אנדענק און האבען איהם דאן ערלויבט צו פארנעמען זיין ארט. פאר די דאמען אין קארעטע האבען זיי גענומען זיך ענטשולדיגען, אבער די דאמען האבען ניט געקאנט קומען צו

זיך פון שרעק און האָבען זיך ניט בארוהיגט, ביז יעקב האָט ניט צוגעשטימט צו באַגלייטען זיי אַהיים.

די קאַרעטע איז אָפּגעפאָהרען, די דאַמען האָבען זיך אַביסעל בארוהיגט, און די איינגערע האָט גענומען אָהן אויפהער דאַנקען זייער רעטער. זי האָט געפּלוידערט, ווי אַן עכטע פּאַריזערין און האָט ניט געלאָזען יעקב'ען אויסרעדען אַ וואָרט.

— גאָט וויים, פון וואָס פאַר אַ געפאַהר איהר האָט אונז באַפרייט! איהר זייט צו אונז געקומען ווי אַ מלאך פון הי־מעל!... וואָס פאַר שרעקליכע מענשען! איהר האָט באַמערקט איינעם פון זיי? זיינע אויגען!... אַ באָרד האָט ער אַ שעה־נע, אָבער זי איז ניט געקעמט... וואָס פאַר אַ בליק דאָס איז, וואָס איהר האָט אונז גערעטעט!... אָבער אין אַלץ איז שולדיג באַראָן דעקאַמפּ!.. ער זאָרגט שוין צופיעל וועגען מיר! ער וויל ניט, איך זאָל אין אַזאַ אונרוהיגער צייט געהן צופוס אין טעאַטער און פון טעאַטער... איך בין אַן אַקטריסע אין די ער־שטע ראָלען אין טעאַטער וואָדעוויל... און דער ליעבער באַראָן איז אַן אמת'ער אַלטער נאַר!... ער איז אויפמערקזאַם צו מיר... ער האָט מיר געשיקט זיין קאַרעטע, און איך האָב זיך מיט איהר באַנוצט... וואָלאַ טו!

דאָס זאָגענדיג האָט זי געוואָרפען אויף יעקב'ען אַ בליק פון איהרע שוואַרצע אויגען.

— לעאָני! — האָט מיט פאַרוואורף געזאָגט די עלטערע דאַמע.

— וואָס איז דען? — האָט לעאָני אויסגערופען. — דאָס איז מיין אויפריכטיגע מיינונג, און איך האָב ניט איין מאָל געזאָגט דעם באַראָן דעקאַמפּ אין די אויגען, אַז ער איז אַן אַל־טער נאַר! ניין, שמעלט אייך נאָר פאָר, ער איז שוין איבער פופציג יאָהר און טראָגט אַ פּאַריק!... אָבער דאָס איז נאָך ניט אַזוי וויכטיג... אָט פאַר דעם, וואָס ער האָט אויף מיר אַרויפגעצוואונגען זיין קאַרעטע, בין איך בייז אויף איהם... דאָס וועל איך איהם קיינמאָל ניט פאַרגעבען!... אָט דאַ וואוין איך, מאַנסיע, גאַס פּוּסאָניער, 3... מיין פאַמיליען נאָמען איז קור־

מוא... דעמואזעל קורטוא... איך בעט אייך, באזוכט מיך...
מארגען בייטאג... איך פאדער... אדיע, מיין ריטער!

II

— וואס פאר א פארגעניגען דאס איז אזוי צו פאהרען! זעה, ווי די הייזער פליהען פארביי אונז!... די ארימע פערד פון אמניבוס מאכען די גרעסטע אנשטרענגונגען אונז אריבערצושלעפען!.. היט זיך... פארזיכטיגער... א דאנק גאט! דו פיהרסט אויסגעצייכענט!

— העי, פראנצויזיש פערד, ריהר זיך שנעלער! אט אזוי! טראג אוועק כאטש צום הימעל! שנעלער! שנעלער!

— העי! — האט לאני א געשריי געטאן מיט א הויכען געלעכטער, אנכאפענדיג יעקב'ען ביי דער האנט. — וואוהין, איינגענטליך, פאהרען מיר? — האט זי געפרעגט, ווען זיי האבען געמוזט פאהרען אביסעל לאנגזאמער צוליעב אנדערע עקיפאזשען.

— איך וויים ניט! פון מיינטוועגען כאטש אין עק וועלט! ווען די פערד וואלטען געהאט פליגלען, וואלטען מיר זיך געקאנט אויפהויבען צום הימעל, צו דער זון, ווי פאעטאן... ווייסט די לעגענדע וועגען פאעטאן?

— אך, דו האסט אויך געהערט וועגען דעם, ווי אזוי דער אומגליקליכער פאעטאן איז אומגעקומען? זיי האבען זיך אריינגעריסען אין גראפ'ס הויף, האבען ארויסגעשלעפט דעם פאעטאן פון שטאהל און ארויפגעלעגט איהם אויף די באריקאדע. א גראנאט האט אין איהם געטראפען און איהם צוריסען אויף שטיקלעך... אי!...

— וואס איז געשעהן?

— האסט באמערקט דארט דעם קליינינקען אין א העלען מאנטעל? דאס איז מאנסיע ארטור, וואס פארפאסט די מוזיק פאר מיינע שפאנישע באלעראס... היט זיך, ער וועט נאך דיך אויף א דועל ארויסרופען צוליעב דעם, וואס דו פאהרסט מיט מיר!

— און דו ביזט מיט איהם קיינמאָל ניט געפאָהרען ?

— ער שטאַמעלט דאָך ! און אויסער דעם רויכערט ער... און ער דרעהט זיך ארום פאַלינאַ'ן... אַ, איצט ווייס איך, וואָרהין מיר וועלען פאָהרען ! אין סען־זשערמען ! דאָרט איז היינט פאַלינאַ מיט איהר געליעבטען !... די אָרימע, זי איז געוואָרען אזוי ערנסט, זינט זי האָט זיך באַקאַנט מיט איהם. זיי פארעהרען די נאַטור און קונסטווערק און זיינען, דוכט זיך, אפילו אין קירך געווען... דערפאַר אָבער, ווען ער איז לעבען איהר ניטאָ... איך וועל דיך פאָרשטעלען פאַר איהם... אך, יע, ווי רופט מען דיך ?

— בענדיקסען.

— בענ... בעניג... האָסט ניט קיין אנדער נאָמען ?... ווייסט, מיר זיינען דאָך אזוי שנעל באַקאַנט געוואָרען ! איך האָב דיך נאָר איין מאָל געזעהן... און שוין... שווייג ! איך ווייס, וואָס דו ווילסט זאָגען... אך, וואָס פאַר אַ געטליכער געדאַנק מיר איז געקומען !... איך וועל מאַכען פון דיר אַ פירשט !... פאַלינאַ איז אזוי גרויס ביי זיך, וואָס איהר געליעבטער איז אַ טעאַטער דירעקטאָר'ס זוהן. נו, און איך וועל זיי ערשטוינען, דערשלאָגען מיט אַ פירשט !... אַט זיינען זיי טאַקי... שטעל זיך אָפּ, מיר וועלען דאָ אַראָפּגעהן.

ער איז ארויס פון עקיפּאַזש דער ערשטער, אום איהר צו העלפען. זי איז אויפגעשטאַנען און האָט אויסגעצויגען דאָ איין פוס, דאָ אַ צווייטען, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אז זי וועט פאַלען. ער האָט געוואָרפען אויף איהר אַ ליידענשאַפטליכען בליק.

— שפּרינג צו מיר אין די אָרעמס !

— נו, אויב אזוי, היט זיך !... האָפּ !... אי, וועסט מיך דערשטיקען ! — האָט זי אויסגעשריען און איהם אַ ביס געטאָן אין באַק.

אַן אנדער פאַר האָט זיך צו זיי דערנעהנטערט. לעאָני האָט אנגענומען אַן ערנסטען און פייערליכען אויסזעהן און האָט געזאָגט :

— פירשט, ערלויבט מיר פארצושטעלען אייך פאר מיין פריינדין, מאדעמואזעל פאלינא, און איהר קוזען, מאנסיע אלבער. מאדעמואזעל, מאנסיע—זיין ליכטיגקייט, פירשט בענ... ענטשולדיגט, פירשט, איך קען ווידער ניט ארויסרעדען אייער נאמען.

— בענדיקסען.

— פירשט דע־בענדיקסען... וואס פאר בארבארישע נעמען די רוסישע פירשטען האבען דאס !... ער איז זעהר רייך.

— האט זי געזאגט אויפ'ן אויער פאלינא'ן, אויף וועמעס געזיכט פונקט ווי אויפ'ן געזיכט פון מאנסיע אלבער, איז געווען אן אויסדרוק פון טיפער אכטונג.

— פירשט, — האט לעאני זיך געווענדעט צו יעקב'ען,— ערלויבט אייך צו פרעגען, וואס ציהט איהר פאר, א דראגונער פערד, אדער א מויל־עזעל ?... איהר ווייסט דאך, פירשט, אז מיר, יונגע פאריזער פרויען, רייטען אלע מאל אויף פערד אין פארק.

— דאס קען זיין, ווי איהר ווילט, מאדעמואזעל !

זיי זיינען צוגעגאנגען צום פאוויליאן, וואו מען דינגט פערד און מוילעזלען. דערזעהענדיג, אז לעאני און יעקב האבען זיך געזעצט אויף מוילעזלען, האט פאלינא געזאגט אלבער'ען :

— הער, אויב פירשט דע־בענעדיט... אדער ווי מען רופט איהם דארט... קאן זיך ערלויבען צו רייטען אויף א מוילעזעל, וואלסטו דאס אויך געמעגט טאן.

— איך קען ניט רייטען, — האט אלבער געענטפערט אומצופרידען.

— ווילסטו אויסלאזען די געלעגענהייט צו באפענען זיך נאהנטער מיט אזא וויכטיגער פערזאן ?

— איך בין ניט עהרגייציג.

— נו, בין איך עהרגייציג ! — האט זי אויסגעשריען מיט טרערען אין די אויגען.—גענוג, איך וויל מעהר ניט נאכגעבען דיר אין אלץ ! היינט ועסטו ענטוועדער רייטען, אדער צווישען אונז איז אלץ געענדיגט !

— פּאַלינאַ, איך דערקען דיך ניט ! איז דאָס מיין שטילע, פאַרנינפּטיגע פּאַלינאַ ?...

— איך בין גאָר ניט פאַרנינפטיג ! איך בין גאָר ניט שטיל! איך וויל רייטען אויף אַ מוילעזעל! וועסט רייטען, צי ניט ?

— צוויי מוילעזלען ! — האָט אַלבער באַפוילען דעם וועכטער מיט אַ טיפען זיפץ.

לעאָני און יעקב זיינען שוין געווען ווייט. פּלוצלונג האָט לעאָני פאַרלאָרען איהר טאַשענטיכעל, דאַן איהר שאַל, דאַן איהר הוט. דאַן איז זי מיט אַ געשריי אַראָפּגעפאַלען פון מוילעזעל. אין פולען לויף האָט יעקב אָפּגעשטעלט זיין מוילעזעל און איז אַ דערשראָקענער אַראָפּגעשפּרונגען און זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהר. זי האָט איהם באַגעגענט מיט אַ הילכיגען געלעכטער :

— ניט אמת, איך בין פלינק אַראָפּגעשפּרונגען ?... אַזוי טו איך אַלע מאָל, ווען מיר דערעסט דאָס רייטען.

דאָ זיינען צוגעקומען פּאָלינאַ און איהר קוזען. מאָנסיע אַלבער האָט גענומען אויספרעגען, וואָס מיט איהר איז. אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט לעאָני גענומען ביידע קאַוואַלערען אונטער'ן אָרעם, די מוילעזלען האָט מען אַוועקגעלאָזען, און פּאָלינאַ האָט רייטענדיג פאַרגעשטעלט דעם אַוואַנגאַרד פון דער צוריקטרעטענדער קאָמפּאַניע.

— איצט, — האָט לעאָני געזאָגט, ווען אַלע זיינען געזעסען אין עקיפּאַזשען, — פאָהרען מיר צוריק אין פּאַריז און עסען ביי פיליפּ'ען. קיינער האָט ניט אַזאַ פיינעם נאָרמאַנדער פלאָנדער. און מיר וועלען נעמען רויטען „ערמיטאַזש“, צו זעקס פראַנק אַ פלאַש, ער איז געדיכט ווי פּוטער. דאַן וועלען מיר באַגלייטען פּאָלינאַ'ן און איהר קוזען אַהיים, און דו... איהר, פּירשט, וועט זיין אַזוי פריינדליך און באַגלייטען מיך אַהיים.

III

אין דעם קליינעם עלעגאַנטען בודואַר איז אַלץ געווען רייך און אין מיניאַטור, ווי פאַראויס באַשטימט פאַר אַן עלעגאַנטער פרוי. לעאָני איז געזעסען ביים פענסטער און האָט באַ-

טראכט איהר נייע קלייד. יעקב האָט דורכגעקוקט אַן אַלבאָם.

— מיר דוכט, אַז באַראָן דעקאַמפּ האָט מיך ניט זעהר ליעב, — האָט יעקב געזאָגט.

לעאָני האָט באַלד אויפגעהויבען איהר קאָפּ און האָט לאַכענדיג געענטפערט:

— אַך, ער איז באַצויבערענד! און וואָס פאַר אַן אָנשטעל פון אומשולדיגקייט דו מאַכסט דאָס! באַראָן דעקאַמפּ איז דאָך אין מיר פאַרליעבט, מיין ליעבינקער! היינט ווען דו ווערסט פאַרגעצויגען, ווי זאָל ער ניט זיין אַ זויערער?

— מיר טוט ווירקליך לייד, וואָס ער איז ניט אינגער מיט אַ צוואַנציג יאָהר.

לעאָני האָט זיך ווידער פאַנאַנדערגעלאַכט.

— אַך, ווי שעהן ער לאַכט דאָס אָפּ פון דעם אָרימען באַראָן... וואָלסט געראָרפט זיין אַ שוישפּיעלער.

— אָבער איך רעד גאַנץ ערנסט, — האָט יעקב געזאָגט אײפשטעהענדיג.

פון לעאָני'ס געזיכט איז פּלוצלונג פאַרשוואונדען דער שמייכעל. ביי אַ מינוט האָט זי געקוקט אויף יעקב'ען און דאַן געזאָגט אין אַ צאַרטען, כמעט בעטענדען טאָן:

— האָב איך דיר שוין דען דערעסען?... איבריגענס ביזטו די לעצטע טעג געווען אַזאַ פינסטערער, פאַרטראַכטער; איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן אויף דיין געזיכט דעם שמייכעל. וואָס דו פלעגסט אין די ערשטע טעג אַזוי אָפט מיר שענקען פאַר מיין ליעבע... וואָס האָב איך דען געטאָן? ליעבסטו מיך דען ניט מעהר?

— לעאָני, איך האָב דיך קיינמאָל ניט געליעבט, — האָט יעקב געענטפערט.

ביי די ווערטער איז לעאָני ווידער לעבעדיג געוואָרען, האָט געקלאַפּט מיט די הענט און געשריען:

— ער קאָקעטירט איינפאַך, מיין טייערער, באַצויבערענדער געליעבטער! ער וויל זיין אָריגינעל! אַנדערע פאַרזיכערען

אַן אָרים מיידעל, אַז זיי וועלען זי אייביג ליעבען, און ער זאָגט, ער האָט זי קיינמאָל ניט געליעבט... אָ, דאָס איז געטליך!

— לעאָני, — האָט יעקב ווייטער גערעדט, — געפין כאָטש איין מאָל אין דיין נשמה אַ טיפערע סטרונע. איך האָב דיך ניט גענאַרט, און דאָך ליעב איך דיך ניט. מיין האַרץ געהערט איג־גאַנצען איינער... אַ מיידעל אין נאָרד, און קיינמאָל וועט שוין דאָרט ניט זיין קיין אָרט פאַר אַן אַנדער פרוי. אומגליקליכע אומשטענדען האָבען אונז צושיידט, איך בין אוועקגעגאַנגען פון איהר, איצט בין איך אַליין און פאַרלאָזען. צו דיר בין איך גע־קומען אַן אויסגעמאַטערטער, אַ טויט מיעדער, איך האָב אין דיינע אָרעמס געזוכט פאַרגעסענהייט, געוואָלט פאַרטרינקען די לעצטע עראינערונג וועגען דער, וועמען איך ליעב. אָבער נאָך שטאַרקער זיינען די עראינערונגען ארויפגעקומען נאָך עטליכע טעג שלאָף, ווייל איך האָב זיי נאָר געקאָנט איינשלעפערען, און איצט האָבען זיי מיך איבערוועלטיגט, און צוזאַמען מיט זיי איז געקומען חרטה... אָ, איך בין אַ פאַרברעכער אין מיינע אייגענע אויגען!

— אָרימער אינגעל! —האָט לעאָני געזאָגט מיט אַ שפּאָטי־שען שמייכעל. — איך האָב דיך פאַרפיהרט, וועל איך דיר דע־ריבער אויסשטרעקען מיין האַנט פאַר'ן אַלטאַר און וועל דיין עהרע צוריק אויפשטעלען.

— איך האָב טאַקי געוואוסט, אַז דו וועסט מיך ניט פאַר־שטעהן, — האָט יעקב באַמערקט.

זי האָט אויסגעשריען מיט כעס :

— דו האָסט מיך אָפּגענאַרט ! און אַ ליגען איז, אַז דו ביזט ניט לאַנג אין פאַריז. האָסט זיך אפילו געמאַכט, ווי דו וואָלסט שלעכט גערעדט פראַנצויזיש, איצט אָבער, אַז דו האָסט זיך פאַרגעסען, רעדסטו ווי אַ פראַנצויז.

— אַ געפיהל, וואָס קומט פון די טיפען פון דער נשמה,— האָט יעקב געענטפערט, — געפינט לייכט די פאַסיגע ווערטער. געפיהלען מאַכען דעם איינפאַכסטען מענשען עלאָקווענט.

לעאָני האָט געשוויגען.

— ווען איך בין געווען אליין אין דער גרויסער שטאָדט, — האָט ער ווייטער גערעדט, — האָסטו גאָסטפריינדליך געעפענט פאַר מיר די טיר פון דיין הויז. ווען קיין מענש האָט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט, האָסטו מיך אויפגענומען אין דיינע אָרעמס, און איך האָב געפונען רוה אויף דיין ברוסט. דו האָסט מיך ניט געפרעגט וועגען מיין היימאָט, מיין אָפּשטאַמונג, מיין גלויבען... און כאָטש איך קאָן דיך ניט ליעבען, וועל איך דיר אייביג זיין דאַנקבאַר.

לעאָני איז צוגעגאַנגען צו איהם, האָט אויפמערקזאַם אויף איהם געקוקט, ווי זי וואָלט אָנגעהויבען פאַרשטעהן איהם. ענדליך האָט זי געזאָגט:

— דו ליידסט, מיין אָרימער פריינד? מענשען זיינען געווען גרויזאַם צו דיר? נאָר איך האָב געהאַט רחמנות און דערוואַרעמט דיך, אַ ליידענדען?

— יע, איך לייד, — האָט ער געזאָגט, פיהרענדיג די האַנט איבער'ן שטערן.

— בלייב ביי מיר, — האָט זי אַ געשריי געטאָן. — פאַרגעס די, וואָס האָבען דיך אָפּגעשטויסען! בלייב ביי מיר... איך וועל נאָר דיר געהערען... איך וועל מעהר ניט נעמען קיין געשאַנקען פון באַראָן דעקאַמפּ... איך וועל וואַרפען דעם טעאַטער, וועל אַרבייטען פאַר דיר, וועל דיך ליעבען און צערטלען... בלייב מיט מיר!

— ווען דו וואָלסט נאָר געקאָנט פאַרשטעהן, ווי דאַנקבאַר איך בין דיר! דאָס איז אָבער אונמעגליך, איך מוז פון דיר אַוועקגעהן! בעסער וואַנדערן אליין איבער די גאַסען, איידער...

ביי לעאָני'ן האָט זיך אויסגענומען איהר גאַנצע עלאָקווענץ. זי האָט דורכגעמאַכט אַ גאַנצע גאַמע פון אויפרעגונגען. זי האָט זיך געזעצט און זיך צוואַויינט. יעקב איז צו איהר צוגעגאַנגען און האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— איך האָב אַלץ געזאָגט, איך געה אַוועק. אַדיע, לעאָני! קוק אויף מיר, ווי אויף אַ גאַסט, וועמען דו האָסט אויפגענומען און געשאָנקען אַ סך מעהר, ווי מען שענקט געוועהנליך אַ גאַסט,

— דיין ליעבע. איך געה אוועק... אן אנדער גאסט וועט קומען, און דו וועסט זיין גנעדיג צו איהם...

די ווערטער זיינען געקומען פון די טיפען פון זיין הארצען, און ער האט ניט באמערקט, וויפיעל בייזער שפאט אין זיי איז געוועו.

— ווער ? — האט זי געפרעגט, אויפהויבענדיג איהר גע־זיכט, וואס איז געוועזן נאס פון טרערען. — אפשר דער אלטער דיקער באראן דעקאמפ ? איך האס איהם !... א, בלייב מיט מיר ! — האט זי אויסגעשריען און, זעהענדיג, אז ער וויל אוועק־געהן, האט זי זיך אווארף געטאן צו איהם און האט ארומגע־נומען זיין האלז מיט איהרע הענט.

ער האט זיך צארט באפרייט פון איהר אומארמונג, האט אריינגערופען די דיענסט און איז ארויסגעגאנגען. פארטיפט אין געדאנקען און אין א געדריקטער שטימונג, איז ער מעכא־ניש אומגעגאנגען איבער די גאסען. דער אלטער טרויער און די אלטע בענקשאפט האבען איהם ווידער ארומגענומען, און אלע נייע עראינערונגען זיינען פאר איהם אויפגעשטאנען. ער האט אויפגענומען דעם פיין מיט ליעבע, ווי וועלענדיג פאר־גלעטען מיט דעם זיין צייטווייליגע לייכטזיניגקייט.

ער האט ניט באמערקט, ווי ער איז צוגעקומען צו פאלע־ראיאל. דא האט ער זיך אנגעשטויסען אויף עפעס א הערן און האט זיך ענטשולדיגט. ווען ער האט אויף איהם א קוק געטאן, האט ער דערקענט באראן דעקאמפ אין דער געזעלשאפט פון נאך א מענשען אין זיינע יאהרען. לעאני איז שוין געוועזן פאר יעקב'ען א ווייטע עראינערונג, און דער באראן האט איהם דער־מאנט אן איהר. דער באראן איז געוועזן בייז און האט שוין געוואלט געהן ווייטער. אבער באמערקענדיג יעקב'ס באזארג־טען אויסזעהן, איז ער געבליבען שטעהן; אן אנגענעמע האפנונג האט ערוואכט אין איהם.

— וואס איז מיט אייך ? איהר האט דעם אויסזעהן, ווי אייער געליעבטע וואלט געווארען אייך אומטריי.

— יע, אָבער דאָס איז ניט אזוי, — האָט יעקב געענטפערט, פּרואווענדיג שמייכלען.

— געפעלט אייך ניט פּאריז ?

— אך, פּאריז !... איך וואָלט געווען גליקליך, ווען איך קען אוועקפאָהרען פון דאנען !

— אפשר קען איך אייך זיין ניצליך ?

— איהר קענט מיר זיין זעהר ניצליך, באראָן, — האָט אויסגערופען יעקב, ווען א געדאנק איז פּלוצלונג ארויפגעקומען אויפ'ן זין. — איהר זייט אַן איינפלוסרייכער מענש, באראָן, א דעפּוטאַט, קריגט פאר מיר אַן אָפיציר־שטעלע אין אלזשיר...

— ווען ווילט איהר פאָהרען ? — האָט געפרעגט דער באַראָן.

— א שעה נאָך דעם, ווי איך באַקום די באַשטימונג.

— איהר וועט זי באקומען אין פיער און צוואנציג שעה. אָט איז מיין האנט !... אָבער איצט מוזט איהר עסען מיטאָג מיט מיר און מיין פריינד... גראַף פלאַנכאַל — הער בענדיקסען... ביטע, לאָמיר געהן צו וועפּור.

מיט די ווערטער האָט ער גענומען יעקב'ען אונטער'ן אָרעם, און א שיינענדיגער איז ער מיט איהם אריינגעגאנגען אין רעסטאָראַן.

IV

אויפ'ן מיטעללענדישען ים איז געווען א שטורעם. די וועלען האָבען אַרומגעוואָרפען דעם פּרעגאַט ווי א פּילקע. ווער וואָלט דאָס געגלויבט, אַז אַזאַ קעלט קען זיין אויף אָט דעם ים, אויף וועמעס ברעגען ארום וואַקסען טייטעל־פּאַלמען, טראָפּישע פלאַנצען און אַפּעלסינען־וועלדער.

אויפ'ן צוועלפטען טאָג האָט דער פרעגאַט ענדליך אראָפּגעלאָזען זיין אַנקער אין אַן אלזשירער האַפען.

— נו, אָט בין איך אין אַלזשיר, — האָט געזאָגט יעקב, אראָפּגעהענדיג אויפ'ן ברעג. — איצט איז דאָס מיין היימאַט ! יעקב האָט געמיינט, אַז ווי נאָר ער וועט אָנקומען אין אַל־

זשיר, וועט ער באלד געהן אין שלאכט מיט'ן פיינד. אָבער צוליעב א צופאל, א שטריכעל, וואָס דער סעקרעטאר פון דעם קריעגס־מיניסטער האָט גלייכגילטיג געמאכט, האָט מען איהם קאָמאנדירט אין גארניזאָן. ווען יעקב האָט דערזעהן זיין נייעם דירכפאל, איז ער נאָך מעהר אראָפּגעפאלען ביי זיך.

די פראנצויזישע אָפיצירען האָבען אויף איהם געקוקט קרום, ווי אויף א פרעמדען, וואָס איז אריינגעפאלען צווישען זיי נאָר א דאנק זיינע פארבינדונגען. איידער זיי דערנעהנטערן זיך צו איהם, האָבען זיי געוואָלט זעהן, ווי בראוו און ערהאבען ער איז. דער איינציגער אָפיציר, וואָס האָט איהם פריינדליך אויפגענו־מען, איז געווען א פּאָליאק יאסינסקי, א יונגערמאן מיט א בלייכען, טרויעריגען געזיכט, אָבער א שלאנקער און שטאַרקער, דער בעסטער רייטער אין רעגימענט. ער האָט ליעב געהאט צו פארברענגען מיט יעקב'ען און רעדען מיט איהם וועגען פוילען.

— מיר, פּאָליאקען, — האָט ער איינמאָל געזאָגט, — דיענען פראנקרייך אומאייגענניציג אין אלע איהרע מלחמות. און ווען דער טויט באגעגענט אונז אויפ'ן שלאכטפעלד, ווארפען מיר אויף פראנקרייך א בעטענדען בליק. מיר בעטען זי, זי זאָל ניט פארגעסען פוילען...

— איהר וועט זעלטען זעהן א פּאָליאק פרעהליך. די אומ־אויפהערליכע נאציאָנאלע ליידען הויבען זיך אָן ביי אונז, נאָך איידער מיר ווערען געבאָרען. זי לייגען ארויף זייער שטעמפעל אויף אונזער נשמה אויף אייביג... אָ. איהר ווייסט ניט, וואָס דאָס איז, ניט צו האָבען קיין פאָטערלאנד! אין הונדערט יאָהר ארום וועלען מיר, פּאָליאקען, אפשר זיין עהנליך צו די אידען, וואָס זיינען צושפּרייט איבער דער גאנצער וועלט און לעבען מיט דעם איין טרוים. אז ווען עס איז וועט משיח זיי פיהרען צוריק צום הייליגען לאנד.

איינמאָל ביינאכט האָט זיך דערהערט דער רוף צו די וואפען, און דער גארניזאָן האָט זיך געוואָרפען צו די פּאָסטען. די ארא־בער זיינען אָנגעפאלען אויפ'ן טאָל, האָבען גערויבט, געמאָר־דעט און פארשפּרייט א פאניק ביז צו די טויערען פון שטאָדט.

א קאמפאניע פראנצויזישע סאלדאטען איז ארויסגעקומען אנט־קעגען דעם פיינד, עס איז איהם שווער געווען נאכצויאגען. פון די בערג זיינען די ווילדע קאבילען אראפגעקומען העלפען זייערע גלויבענס־גענאסען, די וויסט האט געשיקט איהרע בעדואינער. דער פיינד האט באקומען מעהר מוט, און א גאנצען טאג זיינען פארגעקומען צוזאמענשטויסען צווישען די פראנצויזישע אוואנ־פאסטען און באזונדערע גרופען בעדואינער. אויף מארגען האט מען ערווארט אן אמת'ע שלאכט.

ביינאכט איז אין יעקב'ס ביידעל אריינגעקומען זיין דיע־נער און האט געזאגט:

— דער גענעראל האט באקומען דעפעשען און בריעף. אט איז א בריעף פאר דעם הערן לייטענאנט.

דער בריעף איז געווען פון בנימינ'ען. נאך א לאנגער פאר־רעדע האט ער געשריבען וועגען דעם פאטער'ס טויט. דאן האט ער אפגעגעבען א באריכט וועגען דעם, וואוהין דאס געלט איז אריינגעלעגט געווארען.

דער טויט פון א נאהנטען מענשען רופט ארויס געוויסענס־ביסען. פאר יעקב'ען זיינען באלד אויפגעשטאנען אלע ליידען, וואס ער האט פארשאפט דעם פאטער. זיין גאנץ לעבען איז פאר איהם דורכגעגאנגען. ער האט דערמאנט זיין מוטער. ער האט זיך פארגעשטעלט דעם פאטער, וואס שטארבט אין איינ־זאמקייט. ער האט אפשר דאן געבענקט נאך זיין איינציגען זוהן. זיין לעצטער פיינליכער געדאנק איז געווים געווען, אז זיין זוהן וועט ניט זאגען קיין קדיש איבער זיין קבר.

— ניין, איך וועל זאגען נאך איהם קדיש! — האט יעקב אויסגערופען וויינענדיג. — זאלען אלע הערען, אז איך בין א איד! יע, איך בין א איד!

און הויך און הייס האט ער גענומען זאגען קדיש: יתגדל ויתקדש שמה רבא. אבער ניט דער קדיש און ניט די טרערען האבען איהם קיין ערלייכטערונג ניט געגעבען. תפילה טאן וועגען אלץ איז אונמעגליך, און באוויינען וואלט ער געמוזט זיין גאנץ לעבען. און אין דער צוקונפט האט ער ניט געזעהן קיין

איין ליכטיגען פונקט, אויף וועלכען ער וואלט געקאנט בויען זיינע האפנונגען. אין דער מינוט האט איהם אויסגעוויזען, אז ווען אפילו דאס קריסטליכע מיידעל וואלט איהם געבליבען טריי, וואלט איהם זיין ליעבע דאך ניט געבראכט קיין גליק, וויל פארברעכעריש איז אט די ליעבע.

אזוי האט ער פארבראכט די נאכט. אין דער פריה איז ער געווען אויסגעמאטערט גייסטיג און פיזיש, דאס בלוט האט פיבערהאפט געשטראמט אין זיינע אדערען.

א פויקען האט זיך געהערט, און יעקב האט מעכאניש זיך געזעצט אויף'ן פערד, וואס דער דיענער האט איהם צוגעפיהרט. ער האט גלייכגילטיג געקוקט אויף די וויטע בלויע בערג־שפיצען, וואס האבען געגלאנצט אין דער מארגען־זון. אהן שרעק, אבער אויך אהן קריגערישער בעגייסטערונג האט ער זיך צוגעהערט צו די ווילדע סיגנאלען פון דעם פיינד.

זיין רעגימענט האט זיך א ווארף געטאן אויף די ברייטע עבענע. פון דער וויט האבען זיך באוויזען רייהען בעדואינער, וואס האבען אין שוץ פון די גראבענס און נידעריגע בוימלעך גע־וואלט אפשטעלען מיט א שיסעריי פון ביקסען די פראנצויזישע קאוואלעריע. ענדליך האבען זיי זיך באוויזען אויף דער עבענע. זייערע ווייסע בורנוסען האבען זיך באזונדערס שארף אויסגע־טיילט ארום די טונקעלע געזיכטער און שווארצע בערד. יעקב האט זיך עפעס דערמאנט און האט פלוצלונג אבגעשטעלט זיין פערד: אט אזוי, אין ווייסען, שטעהען אידען אין שוהל יום כפור, אין די ווייסע קיטלען באגראבט מען זיי. יעקב'ן האט אויסגעוויזען, אז צווישען אט די ווייסע פיגורען געפינט זיך זיין פאטער אין תכריכים און אלע הייליגע אידען, וואס זיינען אויפגעשטאנען פון די קברים... א סיגנאל צו אטאקירען האט זיך דערהערט. עפעס זאנדערבארעס איז געשעהן מיט יעקב'ען: ווען אפילו פון דעם וואלט אבגעהאנגען די רעטונג פון זיין נשמה, וואלט ער ניט געקענט שיסען אין אט די ווייסע פיגו־רען. ארום איהם האט זיך דערהערט א פויקען, א שיסעריי פון ביקסען און פיסטאלעטען, זיינע סאלדאטען האבען זיך פאר־

בייגעטראָגען רעכטס און לינקס פון איהם און האָבען זיך אויס־געמישט מיט דער מאַסע אין שלאַכט. ער איז געשטאַנען אונ־באַוועגליך.

ענדליך איז ער ווי געקומען צו זיך און האָט מיט שרעק א קלער געטאָן, וואָס זיינע חברים וועלען זאָגען אויף זיין זאָנדער־באַרע אויפפיהרונג. מיט אַלע קרעפטען האָט ער זיך א ריס געטאָן און זיך אוועקגעטראָגען, ניט זעהענדיג פריינד און פיינד, ניט קלערענדיג וועגען טויט, אָניאָגענדיג זיין רעגימענט. אָבער דער שוואַכער פיינד איז שוין געלאָפען צוריק, און די אונגוויטיגע פאַרפאָלגונג איז אָבגעשטעלט געוואָרען.

יעקב האָט ניט געקענט ניט בעמערקען, אז זיין פרעסטיזש איז שטאַרק געפאַלען ביי זיינע חברים. ביז איצט פלעגט מען איהם ארויסווייזען אזוי פיעל אכטונג, וויפיעל מען דאַרף ארויס־ווייזען אַן אָפיציר. איצט אָבער האָט מען איהם אָפען ארויס־געוויזען פאַראַכטונג: אמת, ניט אין ווערטער; אָבער אזוי גע־וועהנט איז ער שוין געוועזען צו לעזען שטילע פאַראַכטונג אין מענשען'ס אויגען, אז ער האָט קיין טעות ניט געקאָנט האָבען.

אין אָוועגד, ווען די קאָמפּאַניע האָט ווידער צולעגט איהר לאַגער, איז יעקב געגאַנגען אין א געדריקטער שטימונג הין און צוריק ניט ווייט פון די ביידלעך, וואו קיינער איז ניט געוועזן. ער האָט זיך געפיהלט ענטעהרט אין אַלעמענס אויגען, כאָטש זיין געוויסען איז געוועזן ריין. ער האָט אומזיסט געזוכט א מי־טעל ריינצוואַשען זיך אין זייערע אויגען. ניט געפינענדיג קיין אויסוועג, איז ער געוואָרען פאַרצווייפעלט און בייז אויף זיך און אויף די גאַנצע וועלט.

„ווי גוט דאָס איז, וואָס זיי ווייסען ניט, אז איך בין א איד", — האָט ער א קלער געטאָן, — אנדערש וואָלטען זיי דאָך געזאָגט: „דער איד בעגדיקסען איז א פייגלינג". איצט האָב איך כאָטש די טרייסט, וואָס מען וועט נאָר זאָגען: „לייטענאַנט בעגדיקסען איז א פייגלינג".

א פראַנצויזישער אָפיציר איז געקומען איהם אנטקעגען, אָבער ער איז פאַרבייגעגאַנגען, ווי ער וואָלט נאָר יעקב'ען ניט

באמערקט. דאס בלוט האט יעקב'ען א שטראם געטאן אין געזיכט, און זיין גאנצער צארן האט זיך קאנצענטרירט אויף דעם איין מענשען.

— איהר באמערקט מיך גארניט, מאנסיע דע־טערי? — האט יעקב א געשריי געטאן.

דער אפיציר האט זיך אבגעשטעלט, אומגעקערט זיך און געזאגט מיט א מינע פון דער גרעסטער פארוואונדערונג:

—א ,מאנסיע בענדיקסען! איהר זייט גאנץ גערעכט, איך האב אייך ניט באמערקט. מען קען ווירקליך מיינען, אז איהר האט די פעהיגקייט צו ווערען אונזיכטבאר.

— ווי זאל איך דאס פארשטעהן? — האט יעקב געפרעגט, און זיינע ליפען האבען געציטערט.

— ווי איהר ווילט, — האט דער אפיציר געענטפערט מיט דעם העפליכסטען שמייכעל.

— אויב אזוי, ערלויבט מיר אייך צו שיקען איינעם פון מיינע פריינד.

— מאנסיע בענדיקסען! איך בין אינגאנצען צו אייער דיענסט!

יעקב האט אויסגעזוכט דעם פוילישען אפיציר. יענער האט אין אנהויב אויך אפשר געוואלט אויסמיידען א געשפרעך מיט איהם. אבער דערהערענדיג, אז דא האנדעלט זיך וועגען א דו־על, האט ער אויפגעשיינט און האט באלד צוגעשטימט צו זיין יעקב'ס סעקונדאנט.

אין דעם באשטימטען טאג זיינען ביידע געגנער געשטאנען איינער אנטקעגען דעם אנדערען. מען האט זיך געמוזט איי־לען, און מען האט ניט גערעדט וועגען ענטשולדיגען זיך אדער שלום מאכען. די סעקונדאנטען האבען געגעבען די פיסטאלעטען. אויף דעם פאליאק'ס צייכען האבען ביידע געדראפט שיסען.

דער סיגנאל איז געגעבען געווארען. דע־טערי'ס קויל איז פארבייגעפלויגען הארט לעבען יעקב'ס קאפ. יעקב'ס שאס האט געטראפען דעם געגנער אין הארץ. ער האט צוויי מאל אומגע־לומפערט זיך איבערגעקערט און איז געפאלען צו דער ערד.

אין אָוועגד האָט יעקב געוואַרט ביי זיך איןביידעל אויף די אומפאַרמיידליכע פאָלגען פון דעם דועל. ער האָט געפיהלט אַ טעמפע געהאַרכזאַמקייט און ווילענלאָזיגקייט, ווי ער וואָלט זיך געפונען אין אַ שטראָם, אַנטקעגען וועלכען עס וואָלט קיין זין ט געהאַט צו קעמפען.

אין ביידעל איז שנעל [illegible]יינגעקומען יאָסינסקי.

— גוטע נייעס! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — אַ פּאַטרול האָט געפונען דעם אָרימען דע־טערי, אָבער אָהן אַ קאָפּ. אַ קאַביל האָט שוין געמוזט פאַרדיענען אַ פּיאַסטער אַ דאַנק אייער שאָס. אין לאַגער זיינען אַלע איבערצייגט, אַז דע־טערי איז צו ווייט אַוועק און איז געפאַלען פון אַ פיינדליכער האַנט. מיר האָבען אויסגעמידען אַ קריעגס־געריכט.

V

— איהר פיהרט אינגאַנצען אַן אָבגעזונדערט לעבען, — האָט געזאָגט יאָסינסקי, קומענדיג איינמאָל צופאָהרען צו אַ קליינעם פאָרפּאָסטען, וואו יעקב האָט קאָמאַנדירט.

יעקב האָט נאָר געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— איך פאַרשטעה גוט, אַז דאָס לעבען צווישען די אָפיצי־רען איז געוואָרען פאַר אייך אונערטרעגליך, — האָט יאָסינסקי ווייטער געזאָגט. — ווירקליך, איך האָב מורא געהאַט, אַז סוף כל סוף וועט איהר אַרויסרופען אַ העלפט אָפיצירען אויף דועלען, און די צווייטע העלפט וועט מוזען אַרויסטרעטען אין דער ראָל פון סעקונדאַנטען. זייט ניט בייז אויף מיר, וואָס איך דערמאָן די געשיכטע. וואָס אַנבעטרעפט מיך, האָב איך קיין מינוט ניט געצווייפעלט אין אייער בראַווקייט. ווען איהר זייט געשטאַנען פאַר טערי, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז איהר האָט דאָס גאַנצע לעבען זיך געלערנט שטעהן אונטער דעם לויף פון אַ פּיסטאָלעט. און ניט ווייניג מוט דאַרף מען האָבען צו וועלען פאַרנעמען אַזאַ פּאָסטען, ווי דאָ.

— איהר האָט אַ צו גוטע מיינונג וועגען מיר, טייערער יאָסינסקי. איך ווייז גאָר ניט אַרויס קיין בראַווקייט, אויב מען

זאָל אונטער דעם פאַרשטעהן ערהאַבענע געפיהלען און אַן אינטערעס צו דער זאַך, וואָס צווינגט ניט צו קוקען אויף די געפאַהר. פון מיין זייט איז דאָס נאָר שוואַכקייט און גלייכגילטיגקייט. מען זאָגט, אַז די וואָס ליידען פון ים קראַנקהייט נעמען גאַנץ גלייכגילטיג אויף די נייעס, אַז דאָס שיף זינקט. אָט אַזאַ געמיטס־צושטאַנד איז ביי מיר.

— מיט מיר וואָלט געווען דאַסזעלביגע, — האָט פאַרטראַכט געזאָגט יאַסינסקי, — ווען איין טייערע האָפנונג וואָלט מיך ניט אויפגעהאַלטען... אָט די האָפנונג מאַכט מיין בלוט שטראָמען שנעלער אין די אָדערען און רעטעט מיך פון אומעט... נו, מען קען ניט זאָגען, אַז ביי אייך דאָ איז ניט זעהר באַקוועם. וואָס האָט איהר דאָרט פאַר ביכער?

— די ביכער זיינען צופעליג אַריינגעפאַלען אין מיין באַגאַזש, ווען איך בין אָבגעפאַהרען פון דענמאַרק. און וויפיעל פרייד זיי האָבען מיר פאַרשאַפט! אַ שאָד, וואָס איהר קענט זיי ניט לעזען. דאָס זיינען געשיכטען וועגען איסלאַנדער העלדען. און אָנגעשריבען זיינען זיי אונגעוועהנליך אָריגינעל. עס ווערען. דאָ ווערען נאָר איבערגעגעבען די האַנדלונגען, און די לעזער דאַרפען אַליין זיך פאָרשטעלען די געפיהלען פון די העלדען. אָט דאָס פיהרט אַרויף אויף די פאַרשיעדענסטע געדאַנקען.

— דערצעהלט מיר עפּעס פון יענע געשיכטען, — האָט יאַסינסקי געבעטען. — איך וואָלט אויף אַזאַ אופן אין דער אַפריקאַנישער וויסט זיך בעקענט מיט דער ליטעראַטור פון דעם ווייטען נאָרד. און אויסערדעם וואָלטען מיר אַנגענעם פאַרבראַכט אַ הייסען נאָכמיטאַג.

— איך וועל מיט פאַרגניגען ערפילען אייער פאַרלאַנג, — האָט יעקב געענטפערט מיט אַ שמייכעל. — איך האָב נאָר מורא, אַז אין מיין איבערזעצונג וועט פאַרלאָרען געהן דאָס בעסטע, נעמליך, דער דופט פון נאָרד. איך וועל בעסער צומאַכען דאָס בוך און דערצעהלען אייך אין מיינע אייגענע ווערטער וואָס איך געדענק. בעזונדערס קלאָר זיינען אין מיין זכרון פאַרבליבען דריי עפּיזאָדען. איך וועל צוערשט נעמען די געשיכטע וועגען

א אינגעל... איינער טאָרסטען איז געווען א פיינד זיין שכן סטיינאר, א בייזען, אָבער אונגעווענליך בראַווען מענשען. איינמאָל איז טאָרסטען אוועקגעגאנגען מיט זיין צעהניעהריגען זוהן גרים און זיינע דיענער אין א וויטען דאָרף. זיין וועג איז געלעגען דורך א געדיכטען וואַלד, און דאָרט איז אויף איהם אָנגעפאַלען סטיינאר מיט זיין צאָהלרייכער דיענערשאַפט. טאָר־סטען האָט געזאָגט צום זוהן: „אנטלויף טיף אין וואַלד און וואַרט דאָרט אָפּ, ביז די שלאַכט וועט זיך ענדיגען" און ער איז אָנגעפאַלען מיט זיינע מענשען אויף סטיינאר'ען. נאָך דער שלאַכט זיינען די מענשען אוועק טיף אין וואַלד זוכען גרים'ען. מען האָט איהם געפונען א פאַרוואונדעטען, און לעבען איהם איז סטיינאר'ס זוהן געלעגען א טויטער.

— דערצעהלט נאָך עפּעס, — האָט יאַסינסקי געזאָגט. — אייער קליינער מוסטער האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט.

— דער גרעסטער העלד אין איסלאַנד איז געווען גונאר, וואָס האָט געוואוינט אויף זיין גוט הילדאַרענדע... ניין, איך האָב קוים אָנגעהויבען דערצעהלען וועגען איהם, ווי פאַר מיר זיינען אויפגעשטאַנען אזוי פיעל לעבעדיגע בילדער, אז מיר איז שווער אויסצוקלייבען. איך וועל אייך אויסלערנען דעניש. דאַן וועט איהר אַליין לעזען וועגען דער ריהרענדער פריינדשאַפט צווישען גונאר און דעם וויזען ניאָל, וועגען דער פיינדשאַפט צווישען זייערע פרויען, בערגראָטא און האַלגערדא. איהר וועט דאַן מוזען באַמערקען די רוהיגע איראָניע, מיט וועלכער די מע־נער באַצאָהלען איינער דעם אַנדערען די געלטשטראָפען פאַר די טויטע דיענער, וואָס זיינען געפאַלען קרבנות פון דער נקמה פון די צוויי פרויען. איהר וועט לעזען גונאר'ס העלדענטאַטען אין לעצטען קאַמף, ווען זיין פרוי האָט זיך ענטזאָגט אָבצושניידען איינעם פון איהרע לאָקען פאַר זיין בויגען און רעטען מיט דעם זיין לעבען: זי האָט ניט פאַרגעסען, אז גונאר האָט מיט צוויי יאָהר צוריק איהר געגעבען א פּאַטש...

— אָט די געשיכטען זיינען מסתמא זעהר פּאָפּולער אין

דענמארק און ווערען געוועהנליך געלעזען אין פאלק ? — האט געפרעגט יאסינסקי.

— ניין, אויף וויפיעל מיר איז באקאנט, איז דאס ניט איינגאנצען אזוי, — האט יעקב געענטפערט. — איך וויל אייך נאך דערצעהלען, ווי אזוי ניאל איז געשטארבען. זיינע קריגע־רישע זיהן האבען דער׳הרג׳עט אן אנפיהרער. די אנהענגער פון דעם טויטען האבען באשלאסען צו נעמען נקמה. זיי זיינען אנגעפאלען אויף ניאל׳ס גוט, האבען עס ארומגערינגעלט פון אלע זייטען און אונטערגעצונדען. פלאסע, דער אנפיהרער פון די אונטערציינדער, איז צוגעגאנגען צו דער טיר פון הויז און האט פארגעשלאגען ניאל׳ען, ער זאל ארויסגעהן און זיך רעטען פון פייער. ניאל האט געענטפערט, אז ער וויל ניט איבערלאזען זיינע זיהן, וועמען ער קען פאר זיי ניט נעמען נקמה. „טא געה דו ארויס, ווירטין!" — שרייט פלאסע צו בערגראטא׳ן. זי ענטפערט: „איך האב א יונגע חתונה געהאט מיט ניאל׳ען און האב צוגעזאגט צו טיילען זיינע ליידען און פריידען." מיט די ווערטער זיינען ניאל און בערגראטא אוועקגעגאנגען פון טיר צוריק אין הויז. בערגראטא וויל נאר, מען זאל איהר קליינעם אייניקעל אדויסטראגען, אבער דער איינגעל בעט, מען זאל איהם איבערלאזען: „בעסער וועל איך שטארבען מיט אייך, איך וויל ניט איבערלעבען דיך און ניאל׳ען". דאן לעגט זיך ניאל מיט זיין פרוי און דעם אייניקעל אריין אין בעט און הייסט דעם דיענער זיי צודעקען מיט א פרישער אקסענער פעל, אז זייערע לייבען זאלען ניט ווערען פארקריפעלט. און רוהיג ווארט ער אויפ׳ן טויט... אין דער געשיכטע מאכט א שטארקען איינדרוק דאס, וואס די אלע, וואס דארפען פארברענט ווערען, פיהלען אזוי טיף זייער שולד, אז זיי פרואווען גאר ניט ארויסווייזען א ווידערשטאנד, און די, וואס וואלטען געקענט זיך רעטען, געהען פרייוויליג צו זייער טויט.

נאך א ווײלע שווייגען האט יאסינסקי פארטראכט געזאגט:

— אט די פארעכטליכע באציהונג צום טויט איז די באזונדערע אייגענשאפט פון די ניט ציוויליזירטע פעלקער און זייער

פארטייל איבער אונז. אין אט דער היגזיכט זיינען די אראבער עהנליך צו אייערע איסלענדער. איך האב געהאט א געלעגענהייט צו איבערצייגען זיך אין דעם דא ניט לאנג צוריק, ווען איך בין געגאנגען אהער צו אייך. איך האב געריטען פאראויס, און מיין קאמפאניע איז געבליבען אביסעל צוריק. אויפהויבענדיג צופעליג די אויגען, האב איך פלוצלונג באמערקט, ווי פון הינטער דער האלב־צושטערטער וואנט פון א מאשע, ציעלט רוהיג אין מיר א בעדואין. מיך האט געדעטעט גראד דאס, וואס ער האט זיך ניט געאיילט. אין איין אויגענבליק האב איך זיך אריבערגעווארפען און געבליבען הענגען מיט איין פוס אין זאטעל, און באלד האט די קויל א פייף געטאן הארט לעבען מיין פערד'ס קאפ. דער בעדואין איז געווען אין מיינע הענט. איך האב ארויסגענומען מיין רעוואלווער און האב זיך א לאז געטאן צו איהם. ווען איך בין צוגעקומען נאהנט, האב איך דערזעהן, ווי ער שטעהט רוהיג מיט די הענט צוזאמענגעלעגט אויף דער ברוסט און קוקט גלייך אויף מיר מיט זיינע שווארצע אויגען. איך האב ניט געהאט דעם מוט איהם צו טויטען, איך האב דאס איבערגעלאזען פאר די סאלדאטען, וואס זיינען באלד אײלענדיג אנגעקומען.

— נו, און זיי האבען איהם דער'הרג'עט?

— יע... מיר דוכט, אז אייך טוט אויך וועה פאר איהם!

— אך, ניין... כאטש איך לייקען ניט, אז איך פיהל א געוויסע סימפאטיע מיט אט דעם פאלק. דאס רעכט איז אויף זייער זייט, און זיי פארטיידיגען עס מיט א מערקווירדיגער בראוואקייט. און דאן איז פאראן אין זיי עפעס לעגענדארישעס, ווי זיי וואלטען געווען ווענינער צוגעבונדען צו דער ערד, ווי מיר, זיי טראגען זיך איבער דער ערד אזוי לייכט, זיי בינדט צו איהר גאר ניט צו, ניט קיין ווענט, ניט קיין ברעטער. און דאך, ווען איהר קוקט אויף אט די שטאלצע, שטארקע מענשען, קומט אייך ניט ווילענדיג דער געדאנק, די זיכערהייט, אז די מוטער ערד ליעבט זיי הייסער און אויפריכטיגער ווי אונז. וויפיעל שעהנקייט און נאבעלקייט עס איז פאראן אין דעם אראבער, וואס

איז דראפירט אין דעם ווייסען, ברייטען בורנוס! קען מען איהם דען פארגלייכען מיט דעם פראנצויזישען סאלדאט אין זיין אומגעלומפערטער אוניפארם מיט די אבגעהאקטע הויזען? דער אראבער איז א טיפישער קריעגער, וואס גאט אליין האט באשאפען. זיין גאנץ וועזען איז דורכגעדרונגען מיט בראווקייט, און ניט ווילענדיג גלויבסטו, אז די קוילען וועלען איהם מוזען פארמיידען... אט פארוואס איך בין אזוי גלייכגילטיג און ווייז ניט ארויס קיין ענערגיע. איך וואלט גאר ניט געהאט קעגען דעם, מען זאל מיך אויסצייכענען און באעהרען. אבער איך פיהל ניט קיין ענטוזיאזם אין קאמף מיט אט דעם ווילדען און בראווען פאלק. איך האב דאס געפיהל, ווי איך וואלט געווען א געדונגענער, וואס הרג'עט, אויב ניט פאר געלט, איז יעדענפאלס פאר א באלוינונג. דאס איז דאך דיזעלבע זאך, וואס מארד, ווען מען קעמפט ניט פאר א גערעכטע זאך, אפילו ווען דאס מארדען קומט פאר אין אן אפענער שלאכט.

— זעהט נאר, לויפט ניט אריבער אמאל צו די בעדואינער! — האט יאסינסקי באמערקט מיט א שמייכעל.

— א, ניין! מיר, אייראפעער, זיינען צו ענג פארבונדען איינער מיט דעם אנדערען דורך ציוויליזאציאן. איך האב ליעב די פראנצויזען... באטש נאר פון דערווייטען. איך ליעב זיי פאר דעם געדאנק, וואס גאט האט אריינגעגעבען אט דעם פאלק, באשאפענדיג איהם.

— יע, דאס איז זאנדערבאר, — האט יאסינסקי געזאגט,— יעדער פראנצויז באזונדער איז עגאאיסטיש, לייכטזיניג און עהרגייציג, אבער די מאסע פון פראנצויזישען פאלק ווייזט אלע מאל ארויס מיטגעפיהל אלע גערדיקטע נאציאנען און איז גרייט אבצוגעבען דאס לעבען פאר זיי. דער פראנצויזישער סאלדאט אליין פאר זיך איז מיר אנטיפאטיש, אבער ווען איך קוק אויף א גאנצען רעגימענט, וואס מארשירט פארביי מיר, ווערט מיין הארץ אנגעפילט מיט שטאלץ און פרייד.

— די מאסע מאכט אלעמאל אזא איינדרוק. מען קען ניט

ליעבען יעדען מיטבירגער באזונדער, אבער דאס גאנצע פאלק ליעבט מען.

— נו, קענגען דעם קען מען מאכען א סך איינווענדונגען! וואס אנבעטרעפט מיך, ליעב איך יעדען פאליאק, וואס מיר איז א סגעקומען צו באגעגנען. ער איז פאר מיר א טייל פון מיין פאטערלאנד. ניט לאנג צוריק, שפאצירענדיג איבער די גאסען פון אלזשיר, האב איך אויפגעהויבען פון דער ערד א קנעפעל פון א פוילישען מונדיר. איך האב ניט געקאנט זעהן, ווי ער וואלגערט זיך אין שטויב.

— דאס איז דערפאר וואס אייער לאנד ליידט. דער זוהן פון דעם רייכען, שטאלצען ענגלאנד קען ניט פארטראגען צו באגעגענען זיך אין אויסלאנד מיט ענגלענדער. און עס איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס איהר פיהלט אזא עהרפורכט און ליעבע צו אייער לאנד, צו פוילען. דאסזעלביגע פיהלען כמעט אלע אייראפעער. ווער פארשטעהט דאס ניט דעם קאמף פון אט דעם נאבעלען פאלק פאר זעלבסטשטענדיגקייט און מענשליכע רעכט! אונטער דער פאהן פון אט דעם פאלק וואלט איך ניט געהאט קיין צווייערליי געפיהלען, איך וואלט רוהיג, אהן געוויסענסביסען זיך געווארפען אויף'ן פיינד... איבריגענס, איך פערזענליך בין שוין לאנג געוועהנט צו ליעבען פוילען...

יאסינסקי האט זיך אויפגעשטעלט. זיינע אויגען האבען געבליצט.

— און ווען די פאהן פון אט דעם פאלק איז ווידער פאנאנדערגעוויקעלט? — האט ער אויסגערופען, — וואס וועט איהר זאגען, אויב פוילען רופט ווידער צו זיך איהרע זיהן און אלעמען, וואס ליעבען זי?

— הלואי זאל דאס געשעהן! האט יעקב אויסגערופען.

— דאס איז געשעהן!.. אט איז די נאכריכט, וואס איז מיר אנגעקומען: „אין פוילען איז אן אויפשטאנד!"

— הורא! — האט יעקב א געשריי געטאן.

יאסינסקי האט געפיהרט זיין האנט איבער די אויגען און האט געזאגט:

— אַט יובעלען מיר דאָ צוזאַמען אין דער וויסט... איך בין אָבער זיכער, אז אין דעם איצטיגען מאָמענט יובעלט אַ העלפט פון איירָאָפּאַ. אין אַט דער הינזיכט זייט איהר געווען גערעכט... נו וואָס, איהר ווילט געהן זיך שלאָגען פאר פוילען?

— יע, יאָסינסקי, איך בין גרייט איך נאָכצופאָלגען...

— פאַרוואָס האָט איהר זיך אָבגעשטעלט? איהר האָט עפּעס צווייפלען?

— ניין, איך האָב נאָר געקלערט וועגען דעם, אז אהער צו מיר קענען אָנקומען בריף פון דער היים.

— טאָ שרייבט, מען זאָל אייך אדרעסירען די בריף אין וואַרשוי אָנשטאַט אין אַלזשיר. אָדער דאָ איז עפּעס אַנדערש?..

— ניין... מיר איז אויף אַ ווייַלע געקומען אַ געדאַנק... אָבער אין דעם מאָמענט זיינען אַלע אַנדערע זאַכען ניט וויכטיג. מיינע פּערזענליכע זאָרגען ווייזען מיר אויס קליין און נישטיג אין פאַרגלייך מיט דער זאַך פון פוילען.

— אויב אַזוי, האַנדעלט ווי איך, — געהט ארויס אין דעּ־מיסיאָן. מען טאָר ניט פאַרלירען קיין צייט. מיר וועלען אוועק־פאָהרען פון דאַנען, אפילו ווען מיר זאָלען דאַרפען דעזערטירען... נאָר אַן אראַבער זאָל אונז ניט אָבהיטען ערגעץ אין אַ ווינקעל... אָך, מיין פריינד, דענקט ניט שלעכט וועגען מיר, ווען איהר וועט אפילו באַמערקען, אז פון איצט אָן וועל איך מורא האָבען פאַר מיין לעבען, ביז איך וועל ניט ארויספאָהרען פון אַלזשיר.

VI

— איך בין הונגעריג ווי אַ הונט! — האָט געזאָגט אַ יונ־גער אָפיציר יעקב'ן, שפּרייזענדיג לעבען איהם מיט שנעלע טריט דורך אַ ברייטען פעלד איין פינסטערען אָוונד. — איך האָב אָנגענומען דעם גוטען ראַט פון קאַפּיטאַן דאַלגעטי און האָב שטייפער צוזאַמענגעצויגען מיין גורט, אָבער מיר איז נאָך ער־גער געוואָרען. וואָס שטייפער איך פאַרציה, אַלץ העכער שרייט אין מיר מיין אינגעווייד. אפשר האָט איהר געהאַט דאָס גליק צו באַקומען אַ גוטע קוואַרטיר? אויב אַזוי, וואָלט איך זיך אָנגעבאָ־

מען צו זיין אייער גאַסט... וואָס, דאָ איז דאָס?... ניין, אַ דאַנק! איך וועל שוין בעסער געהן ווייטער.

יעקב איז אַריינגעגאַנגען אין דאָס קליינע, נידריגע הייזעל, וואָס איז געווען עהנליכער צו אַ גרוב, אין וועלכער מען האַלט ווינטער קאַרטאָפעל, איידער אַ מענשליכער וואוינונג. דאָס הייזעל איז געווען אינגאַנצען לער, נאָר אויפ'ן דיל, אויף אַ הויפען נאַסען שטרוי האָבען זיך געוואַלגערט עטליכע האַלב נאַקעטע קינדער, וואָס האָבען מיט שרעק געקוקט אויף די אַריינקומענדע.

דער קאַפּראַל, וואָס איז נאָכגעגאַנגען יעקב'ן, איז צוגעקומען צו איהם און האָט געזאָגט:

— הער לייטענאַנט, די קוואַרטיר איז דאָ זעהר שלעכט. און דאָס עסען איז ניט בעסער. אָבער אָט איז אַביסעל ברויט און בראָנפען, אויב אייך איז ניט אונאַנגענעם. מאָרגען וועלען די רוסען אונז געבען פריהשטיק, און איך האָף, אַז דער פריה־שטיק וועט זיין אַ הייסער.

— אַ דאַנק, מיין ליעבער סאָלטאָו. וואו זיינען אָבער די בעלי בתים פון דעם הייזעל? האָבען דען אָט די קינדער קיין מוטער ניט?

— גאָט ווייס. איך האָב זי ניט געזעהן.

— און וואו איז דער בעל הבית פון דעם הייזעל?

— ער האָט זיך מסתמא באַהאַלטען אין דעם היגזישעןביידעל! איך האָב איהם אַרויסגעטריבען, צו מאַכען אַן אָרט פאַר אייך.

„אפשר איז דאָס איינער פון די פּוילישע אידען, וואָס מיין פאָטער האָט אויפגענומען ווי געסט ביי זיין טיש", — האָט יעקב אַ קלער געטאָן.

— סאָלטאָו, — האָט ער געזאָגט דעם סאָלדאַט, — איך וועל בעסער אַרויסגעהן אויף די פרישע לופט. זאָל דער בעל הבית אַריינגעהן אין זיין הויז.

— זייט רוהיג, ער וועט אַליין אַריינקריכען, ווען ער וועט דערזעהן, אַז מיר זיינען ניטאָ.

— זאָג, סאָלטאָו, ווי האָסטו דאָס געהאַט דעם מוט אַרויס־

צוטרייבען דעם אונגליקליכען אין קעלט און איבערלאָזען די קינ־דער אליין? — האָט יעקב געפרעגט, ווען זיי זיינען ארויסגע־גאנגען אויף׳ן הויף. — ווי קענסטו זיין אזוי גרויזאם?

— גרויזאם, הער לייטענאנט? מיט אזא חיה! ער וואָלט דאָך מיט פרייד אונז אלעמען איבערגעשניטען די העלזער פאר איין גולדען! ווען אונזערע סאָלדאטען וואָלטען ניט געוואכט אזוי אונערמיעדליך, גלויבט מיר, א צעהנדליג אידען וואָלטען שוין דאן געווען אויף׳ן וועג צו די רוסען ארויסצוגעבען אונז.

— אָבער עס זיינען דאָך פאראן אין דער פוילישער ארמיי אידען, וואָס ערפילען זייער פליכט ניט ערגער פון די פאָליאקען גופא?

— דאָס איז שוין גאָר אן אנדער זאך, ווען א איד איז אונטער׳ן ביקס. יעדערער, וואָס הרג׳עט א רוס, איז מיין חבר, מעג ער אפילו זיין א טערק. אזא אלטער סאָלדאט ווי איך קוקט ניט אויף די מעטרישע צייגנים. איך וועל נאָר זאָגען איין זאך: וויפיעל פוילישע אידען, אזוי פיעל פאררעטער זיינען פאראן.

— פארוואָס זשע הענגט מען ניט די פארפלוכטע שפיאָנען?

— מיר הענגען זיי צו עטליכע שטיק יעדען טאָג, אָבער זיי פארמעהרען זיך, ווי ראטען.

— אָבער זיינען דען די פאררעטער און שפיאָנען אלעמאָל נאָר אידען?

— ניין, ניין, הער לייטענאנט! דאָ איז יעדער מיאוס׳ער פויער א פאררעטער. דאָס זיינען אונוויסענדע מענשען, וואָס וויסען קוים וועגען דער עקזיסטענץ פון פוילען. אָבער מיר רופען יעדען פאררעטער איד.

— אַ, גאָר אזוי! — האָט יעקב אויסגערופען מיט גע־לעכטער. — נו אויב אזוי, טאָ גיב מיר דיין פלאַש.

אין דעם אויגענבליק האָט זיך אין עק דאָרף דערהערט א שאָס. יעקב און סאָלטאו האָבען זיך א וואָרף געטאָן אהין. זיי האָבען דערזעהן עטליכע קאוואלעריסטען ארום א מענשען, וואָס

האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, האָט הויך געקרעכצט און עפּעס זיך געבעטען.

— וואָס איז געשעהן ? — האָט יעקב געפרעגט.

— וואַרט אַ מינוט, — האָט געזאָגט דער קאַפּראַל סאָלטאַו און האָט זיך אָנגעבויגען צום קרעכצענדען מענשען, — איך האָב טאַקי אַזוי געמיינט ! אונזער בעל הבית ! אָ, דו הונט ! זיי זיך מודה, ביזט געגאַנגען אין סטאַטשעק ? פאַרפלוכטער איד ! פאַררעטער פון קריסטוס'ען !

דער מענש, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, האָט פאַרצווייפעלט געשריען ניט מיט זיין קול :

— איך בין ניט קיין איד ! איך בין ניט קיין איד ! איך בין אַ קריסט, ווי איהר ! איך בין אייער ברודער... אַלע מיינע שלימזל... אַך, אַך !... מען רופט מיך מיכאַאיל וואַרצעוויטש... דער הייליגער מלאך מכאל, געבענשט איז זיין נאָמען, איז מיין באַשיצער !... ממזר בן הנדה !... אַך... אַך !...

דער איד האָט אַרויסגערעדט די אידישע ווערטער שנעל און שטיל, און אַ פרעמדער אויער האָט נאָר פאַרנומען אַ קרעכצען און קלאָגען.

— נאַרישקייטען ! וואָס האָסטו געדאַרפט האָבען אין סטאַטשעק ? זיי זיך מודה, הונט !

— איך האָב נאָר געוואָלט ברענגען עטליכע אייער פאַר אַ גרויסען פּריז, וואָס האָט זיך אָבגעשטעלט אין מיין הויז... אוי ! אוי !...

— אָ, גאָר אַזוי, ביזט געגאַנגען נאָך אייער !... העי האָט עמיצער אַ שטריק ?

— איך וועל זיך מודה זיין אין אַלץ ! — האָט דער איד גענומען שרייען. — איך וועל אייך זאָגען, וויפיעל רוסען עס זיינען פאַראַן אין סטאַטשעק... איך ווייס, וואו גענעראַל הייסמאַר איז... נאָר הרג'עט מיך ניט !... אוי, שמע ישראל !... אוי, אוי, אוי !

— גיט אהער אַ שטריק !

יעקב האָט קוים איינגעהאַלטען אַ שמייכעל, זעהענדיג

ווי די קאוואלעריסטען פערשטעהען ניט דעם אידען, און דער איד פארדעכטיגט גאר ניט, אז עמיצער פארשטעהט איהם. ער האט באשלאסען צו מאכען א סוף פון דער סצענע און האט געזאגט:

— פיהרט איהם אוועק צום קאמאנדיר פון רעגימענט, אפשר וועט ער ארויסגעבען וויכטיגע סודות... ניין, ניין, נעמט אראב די שטריק פון זיין האלז! איהר האט דאך שוין געשאסען אין איהם, — דאס איז גענוג.

— נו, ער האט ניט זעהר שטארק געליטען פון אונזער שאס, הער לייטענאנט! די קויל האט איהם נאר א קראץ געטאן, און אומגעפאלען איז ער פון שרעק. נאר אויב איהר בעפעהלט אזוי, וועלען מיר איהם אבפיהרען צום קאמאנדיר.

אביסעל שפעטער האט מען אלע אפיצירען געהייסען קומען צום קאמאנדיר. מען האט בעשלאסען שטיל און אונבעמערקט צו פיהרען די ארמיי אויף סטאטשעק.

— צוויי אזייגער וועט דער גענעראל אהער אנקומען אין פיליפאווקא, — האט צום שלום געזאגט דער קאמאנדיר צו די אפיצירען. — עס וואלט געווען גוט, ווען מיר קענען איהם אויפנעמען ווי א גאסט אין אן ערארבערטער שטאדט.

די אפיצירען האבען געאיילט צו זייערע אבטיילונגען.

אין דער פינסטערניש פון א פראסטיגער ווינטער־נאכט האבען זיך די פאליאקען שטיל באוועגט אין דער ריכטונג פון דער שטאדט, וואס דער פיינד האט פארנומען. לעבען ערשטען הויז איז געלעגען א דערפרארענער רוסישער סאלדאט, דערבריי האט זיך געוואלגערט א לעדיגע פלאש פון בראנפען. אין הויז האבען געליארעמט זיינע חברים, זייערע ביקסען זיינען געווען אנגעשפארט אן וואנט. מיט אנגעשטעלטע ביקסען זיינען די פוילישע סאלדאטען אריין אין הויז און האבען עס פארנומען גאר אהן טומעל. זייענדיג אבגעשניטען און ארומגערינגעלט פון אלע זייטען, האבען די רוסען געמוזט זיך אונטערגעבען. נאר א קליינע קאמפאניע, ארום 200 מענשען, האט זיך פארשפארט

אין א גרויסען שטאהל און האט זיך מוטיג פארטיידיגט, ביז די פאליאקען האבען ניט אונטערגעצונדען דעם שטאהל.

דער רעגימענט קאמאנדיר איז א זעהר אויפגערעגטער שנעל צוגעריטען צום שטאהל.

— א שלעכטע זאך האט איהר געטאן, — האט ער געזאגט.
— די שרפה קען נאך היינט ביינאכט צוציהען אהער הייסמאר׳ס גאנצע מיליטער. מיר דארפען וואס לענגער זיך באהאלטען, אז די רוסען זאלען ניט ארויספאלען אויף אונז, ווי מיר אויף זיי.

אין דער פריה האבען זיך דערהערט הויכע טריאומפירענדע אויסגעשרייען פון דער זייט פון פיליפאווקא. דאס זיינען אנגעקומען דווערניצקי׳ס קאוואלעריסטען. אין דערזעלבער צייט האבען זיך פון דער אנדערער זייט שטאדט באוויזען די רוסישע אבטיילונגען, וואס האבען, ווייזט אויס, זיך געשטעלט פאר א ציעל אבצונעמען די שטאדט צוריק.

דאס איז פארגעקומען דעם 18טען פעברואר, — די ערשטע גרויסע שלאכט אין אפענעם פעלד פאר פוילען׳ס אונהאבהענגיגקייט.

ווי א ריעזיגע שלאנג האבען זיך די רוסישע אבטיילונגען געדרעהט, אנפאלענדיג אויף׳ן פיינד און לייכט אבווארפענדיג אויף׳ן וועג א קליינע אבטיילונג פאליאקען, וואס האבען בעזעצט א הויכען פונקט אויף דער אנדערער זייט פון סטאטשעק. די רוסישע ארטילעריע האט פארנומען דעם הויכען פונקט און האט געעפענט א שיסעריי, אונטער איהר שוץ זיינען די אינפאנטעריע און קאוואלעריע אנגעקומען פון צוויי זייטען.

גענעראל דווערניצקי איז געזעסען אויף׳ן פערד פאר אן עסקאדראן אולאנען און האט בעאבאכט די באוועגונגען פון די רוסען. אביסעל נאכדענקענדיג, האט ער זיך געווענדט צו די ארומיגע אפיצירען און האט אבגעגעבען א באפעהל.

די עסקאדראנען האבען זיך אויסגעשטעלט אין א שלאכט ארדנונג. דווערניצקי איז פארבייגעפאהרען דעם פראנט, דאן האט ער זיך אויף א ווײַלע אבגעשטעלט און האט געווארפען אן אויספרואווענדען בליק אויף די געדיכטע רייהען מיט א גאנצען

וואלד פון גלאנצענדיגע פּיקעס. אויסשטרעקענדיג פאראויס די האנט, האט ער א געשריי געטאן מיט א דונערענדער שטים, אומ־ קערענדיג זיין אונגעדולדיגען פערד אין דער ריכטונג פון פיינד:

— פאליאקען! די פּיקעס פאראויס! פארווערטס!

א פויקען האט זיך דערהערט, די ערד האט א ציטער געטאן, די רייטער האבען זיך א לאז געטאן אין אן אטאקע.

* *

*

יעקב׳ם בריף צו לעווי.

שטעל זיך פאר א מיליטערישען לאגער. אינמיטען שטעהען עטליכע האלב צושטערטע בויערען הייזלעך, וואס זיינען די פּא־ לאצען, אין וועלכע דער גענעראל און זיין שטאב האבען זיך איינ־ געארדענט. ארום אט די פאלאצען שטעהען גרויע ביידלעך און נידריגע ערד הייזלעך, באדעקט מיט צווייגען. דער ארט איז פול מיט סאלדאטען און פערד, און פון די אונצעהליגע גריבער אין דער ערד דערהויבט זיך א רויך פון די פייערען, אויף וועלכע מען גרייט צו דאס עסען — — — — — — — — — — — — — — —

איצט שטעל זיך פאר, אז עטליכע אבטיילונגען דארפען בעזארגען דעם פוראזש, און אז איבער איינער פון אט די אבטיילונגען קאמאנדירט לייטענאנט פאן בענדיקסען! אנט־ קעגען קומט אן א פיינדליכע אבטיילונג, דער קאפראל פרעגט אן ביי לייטענאנט פאן בענדיקסען, צו מען זאל אנפאלען אויף׳ן פיינד. יע, לאך ניט, דא בעראט מען זיך מיט מיר, ווי איך פלעג זיך בעראטען מיט דיר אין קאפּענהאגען. א דאנק אט דער פור־ ראזש דיענסט קען איך דיר שרייבען. מיר זיינען צוגעקומען גאנץ נאהנט צו א גרויסען גוט (נאך דעם פוילישען מאסשטאב) און האבען זיך רוהיג דערנעהנטערט צו איהם, ווען מיר האבען פלוצלונג אויסגעפונען, אז דארט זיצען שוין די רוסען. מיין קאפראל פאהרט צו צו מיר און פרעגט:

— הער לייטענאנט, וועט איהר באפעהלען זיך אומקערען צוריק אדער אנפאלען אויף זיי?

איך האָב גוט געזעהן נאָך זיין געזיכט, אז די פראגע איז נאָר געווען א פאָרמאליטעט, אז ער האָט אפילו ניט אָנגעהויבען קלערען וועגען צוריקטרעטען. אויסער דעם האָבען די רוסען אונז דערזעהן און זיינען געגאנגען אונז אנטקעגען. איז פון מיין זייט גאָר ניט געווען קיין העלדישקייט, ווען איך האָב באפוילען צו אטאקירען.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבען א האנט געשלעג, איינער פון יענע, וואָס האָבען א גרויסען אינטערעס הויפטזעכליך פאר די צושויער. דאָס אידישע שפריכוואָרט איז גאנץ ריכטיג: עס איז ניטאָ אזא שפיעל, וואָס זאָל זיין צו גרוים פאר דעם צושויער. האָבען מיר אָנגעהויבען א געשלעג... אין א פּאָר מינוט ארום האָב איך זיך דערזעהן צווישען צוויי רוסישע קאוואלעריסטען. איינער פון זיי האָט אויף מיר א מאַך געטאָן מיט זיין סאבעל, אָבער איך האָב אזוי פלינק אָבגעשלאָגען, אז זיין מאיעסטעט האָט באלד פארלאָרען איינעם פון זיינע טרייע אונטערטאנען. אין דעמזעלביגען אויגענבליק אָבער האָט דער אנדערער מיר א קלאַפּ געטאָן איבער'ן האַנט אזוי שטארק, אז איך האָב פארלאָרען די לייצעס. איך האָב ניט געקענט מעהר אָנפיהרען מיין פערד, און איך האָב זיך שוין צוגעגרייט צו דעם קלאַפּ, וואָס וועט מיר צושפּאלטען מיין קאָפּ. איך האָב, דוכט זיך, שוין פאָרגעשטעלט זיך אלע נאָהנטע אין דער היים, אלץ האָט זיך געדרעהט פאר מיינע אויגען... אָבער דער קאוואלעריסט האָט קיין צייט ניט געהאט אויפצוהויבען זיין סאבעל אויף מיר, ווי א קויל פון א פיסטאָלעט האָט דורכגעלעכערט זיין ברוסט. צוערשט האָט זיין געזיכט אויסגעדריקט פארוואונדערונג, ווי ער וואָלט דערזעהן עפּעס אונגלויבליכעס, דאַן איז ער ווי א זאק אראָבגעפאלען פון פערד. אונז איז געלונגען צו פארטרייבען די רוסען, און נאָכדעם ווי מיר האָבען אויסגע'הרג'עט א צוואנציג מענשען און האָבען אליין פארלאָרען צעהן, זיינען מיר געוואָרען די באזיצער פון זעהר פיעל שטרוי. מיר האָבען זיך אומגעקערט פייערליך צוריק אין לאגער מיט'ן רויב, און מען האָט אונז געלויבט פאר אונזער העלדישע טהאט. אָט פאר דעם שטרוי האָט

מען מיך דערהויבען צו א העכערען ראנג. פונדעסטוועגען וועל איך מוזען א געוויסע צייט זיצען אין לאגער אויסצוהיילען מיין האנט. אט דערפאר קען איך טאקי פארווענדען א סך צייט אויף א לאנגען בריף צו דיר.

דו באמערקסט, נאטירליך, אז איך בין איצט גאר אין אנאנ־דער שטימונג, ווי ווען איך האב דיר געשריבען פון אלזשיר. דאן האסטו לייכט געקענט איבערלעזען צווישען די שורות חרטה און פארדרוס אויף דעם, וואס איך האב פערלאזען די היימאט. און ווירקליך, איך האב דאן טאג און נאכט געבענקט נאך דענמארק און נאך די נאהנטע, וואס איך האב דארט איבערגעלאזען. איך האב פארשטאנען, אז מיין געמיטס צושטאנד איז אין אלזשיר געבליבען דאס זעלביגע שטעהענדיגע וואסער, ווי ווען איך וואלט געבליבען אין דענמארק. דער איינציגער אונטערשיד באשטעהט נאר אין דעם, וואס אין דער היים וואלט מיר די בענקשאפט און די אונבאוואוסטע צוקונפט ניט אזוי געמאטערט.

דא איז שוין גאר אנדערש ! פאר מיר האט זיך געעפענט א ניי לעבען. איך האב איצט א שיכות צו דער זאך פון דער גאנ־צער מענשהייט, איך האב דא א רעכט צו קעמפען פאר א גרויסע און גערעכטע זאך, און מען אכט מיך לויט מיין טהעטיגקייט. אמת, איך קעם א פארמאסקירטער, א פארשלייערטער, ווי אייוועגהא אויף'ן גרויסען טורניר. אבער איך האף, אז ווען איך וועל אויפהויבען דעם שלייער, און מענשען וועלען דערזעהן א קינד פון א פאלק, וואס ווערט פארפאלגט און האט ניט קיין היימאט, וועט מען מיר דאך געבען מיין באלוינונג... אויף דיר מאבען מסתמא די צייטונגס באריכטען וועגען די שלאכטען אין פוילען א זאנדערבארען איינדרוק. דאס שרייבט מען דאך וועגען מיר, איך באטייליג זיך דאך אין די גרויסע שלאכטען, וואס רופען ארויס ביי דיר פארוואונדערונג.

דאס איינציגע, וואס איך וואלט געקענט האבען קעגען מיין לעבען דא איז דאס, וואס יעדע אינדיווידואליטעט פארשווינדט דא, פארוואנדעלט זיך אין א ווילענלאזען טייל פון דער מאסע. דערפאר אבער זיינען פאראן אנדערע מאמענטען, ווען דאס לע־

בען שטעלט זיך פאר, ווי אן אקעאן, און דער מענש ווערט א שווימער, וואס זעהט ניט קיין גרעניצען פאר זיינע שטרעבונ־גען. דאן ווערען אלע קרעפטען אנגעשטרענגט און צוזאמענ־געגאסען אין א געפיהל פון אן אונגעהויערען טריאומף, און די נשמה ווערט אנגעפיהלט מיט אן אונבאשרייבליכער פרייד, ביי דעם באוואוסטזיין פון פרייהייט...

און ווייסט, איך בין זיכער, אז דא וועל איך ניט שטארבען. שוין אין דער ערשטער שלאכט האב איך קלאר דערזעהן פאר מיינע אויגען דעם קבר אבות אין נערעברא, הינטער קאפענ־האגען. פון דאן אן פיהל איך א טיפע זיכערהייט, אז מיין קבר וועט זיין דארט. נו, און אזוי ווי מען קען קוים האפען, אז מען וועט מיין קערפער אבשיקען אהיים, ווען איך וועל דא פאלען, מוז מען שליסען, אז איך וועל א לעבעדיגער זיך אומקערען אין דענמארק.

און איך האף, אז ווען איך וועל זיך אומקערען, וועל איך זי געפינען אזא, אז זי וועט ווערט זיין דאס גליק, וואס ערווארט אונז. א, איך האב זי ניט פארגעסען! אין די נעכט, ווען דער טומעל פון טאג ווערט איינגעשטילט, שטעל איך מיר פאר זייער קליינעם גאסטצימער און זי... און דאן נעמט מיך ארום א ברע־נענדיגע בענקשאפט, און איך קען ניט פארשטעהן, ווי אזוי איך האב געקענט אוועקפאהרען און פארלאזען זי...

טייערער לעווי, דאס וואס די אלע, וועמען איך האב איבער־געלאזען אין דענמארק, שווייגען אזוי עקשנות'דיג, רופט ארויס אין מיר אמאל שרעקליכע געדאנקען. זי האט דאך מיר גע־דארפט שרייבען. זי איז אונשולדיג, איך ווייס דאס, איך גלויב אין דעם! אבער איך קען דאך ניט שרייבען און שרייבען איהר און ניט באקומען פון איהר קיין ענטפער, ווי איך וואלט געווען עפעס א בעטלער. איך טרייסט זיך נאר מיט דעם, וואס די בריף זיינען אפשר צו מיר ניט דערגאנגען. הלואי זאל דאס אזוי זיין!

איצט קומט מיין כירורג! ער וויל ניט אנדערש ווי אוועק־נעמען פון מיר א האנט. דאס איז א לאנגער, מאגערער דייטש, נאך זיין פראפעסיאן איז ער א פריזירער. איצט אבער איז

פארגעקומען א וואונדערליכע ענדערונג, און ער איז גאר א כי־רורג. ער קען מיך ניט ליידען דערפאר, וואס איך פארשטעה מעהר פון איהם אין כירורגיע. ער זאגט, אז אויב איך בין אזא גוטער כירורג, האב איך געדארפט בלייבען אין דער היים. אך, אמאל פארדריסט מיר, וואס ער האט ניט פראקטיצירט אין קא־פענהאגען און האט ניט פארטריבען פון דער וועלט דעם פאסטאר'ס פרוי. איבריגענס, לאמיר האפען, אז זי וועט פיהלען אכטונג צו אן אפיציר פון דער פוילישער ארמיי. נו, און ווען איך וועל באקומען א בריף פון טארא'ן, איז מעגסטו מיך זידלען וויפיעל דו ווילסט, ווען איך וועל אין א מעת לעת ניט ווערען א ראטמייסטער! און אט, ווען איך וועל קומען אהיים א ראט־מייסטער, אין א שעהנעם מונדיר, אויב איך וועל האבען צייט איהם צו לאזען אויפנעהען, וועל איך דען ניט פארטונקלען גענוג דעם אידען בענדיקסען, אז קיינער זאל איהם ניט קענען זעהן?

* * *

א שווארצער וואלקען.

אין עטליכע מאנאטען ארום איז א גרויסע פוילישע ארמיי געשטאנען ביים עסטרייכישען גרענעץ. דווערניצקי האט געגע־בען זיינע סאלדאטען אברוה אויף עטליכע טעג, ווייל זיי זיינען געווען צו מיעד נאך א זעהר לאנגען נאכיאגען די רוסען. אין לאגער האט געהערשט א דריקענדע שטילקייט. פאר איין ביי־דעל זיינען אומגעגאנגען הין און צוריק צוויי אפיצירען און הא־בען געפיהרט א לעבעדיגען געשפרעך.

יעקב האט געזאגט:

— ווי צופרידען איך בין, וואס איך זעה דיך ווידער! און וואס פאר א גליק דאס איז, וואס גראד דיר האט מען גע־געבען די ארבייט צו ברענגען אונז דעפעשען. דו ביזט דער־הויבען געווארען צום ראנג פון מאיאר, איך גראטוליר דיך פון גאנצען הארצען.

— קיין זאך פרעהט מיך מעהר ניט. איך פיהל נאר שרעק

און אנגסט פאר מיין פאטערלאנד, — האט יאסינסקי טרויריג געענטפערט.

— פאר דיין פאטערלאנד.. פאר פוילען ? וואס איז דען געשעהן ? האט איהר דען דעם פיינד ניט פארטריבען פון ווארשא נאך א גרויסער שלאכט ? האט ער זיך ניט צוריקגעצויגען צום רעכטען ברעג פון טייך ? און האבען מיר דען ענדליך ניט אפגערייניגט דעם לינקען ברעג אזוי גרינדליך, ווי מיר וואלטען דאס אויסגעקערט א דיל אין הויז ? גאנץ פוילען, פון דעם רוסישען גרענעץ ביז דער עסטרייכישער גאליציען און פרייסיש פוילען, איז ארומגענומען פון דעם פייער פון אויפשטאנד. טויזענדער בויערען דא אין וואהלין ווארטען נאר אויף א צייכען, אז זיי זאלען צו אונז צושטעהן. קען מען דען פארלירען איצט דעם מוט נאר צוליעב דעם, וואס אין דעם איצטיגען מאמענט האט דער פיינד מעהר קרעפטען ווי מיר ? א, דער אלטער דווערניצקי וועט געפינען אן אויסוועג !

— אך, טייערער בענדיקסען, דו ווייסט ניט די לאגע. וואס קומט ארויס פון אונזערע זיעגען אונטער גראכאוו און דעמבא און פון אונזער באגייסטערונג ? האבען מיר דען פון דעם עפעס געוואונען ? סקשענעצקי איז ווי א פארגליווערטער געבליבען שטעהן אויף אן ארט נאך זיין זיעג. מען קען מיינען, אז ער האט גאר געהאט א נידערלאגע. אנשטאט נאכיאגען די צוריקטרעטענדע, דעמאראליזירטע רוסען און אפרייניגען פון זיי גאנץ פוילען, טוט ער גארניט. ער גיט צייט דעם פיינד צונויפצוקלייבען זיינע קרעפטען און קומען צו זיך נאך דעם קלאפ. מען קען מיינען, אז סקשענעצקי האט זיך אליין דערשראקען, ווען ער האט געגעבען דעם ריעז אזא קלאפ, פון וועלכען יענער האט זיך א טרייסעל געטאן. און דערווייל בלייבט דווערניצקי אהן פארשטארקונג, און דער פיינד באקומט די אויבערהאנט איבער איהם. פוילען שטעהט פאר די געפאהר צו פארלירען זעקס טויזענד פון איהרע בעסטע קריעגער, און נאר דערפאר, ווייל סקשענעצקי דערלאזט ניט, אז זיין ארמיי, וואס רייסט זיך אין שלאכט, זאל זיך ריהרען פון ארט. א גליק, וואס

מען האָט מיך קאָמאַנדירט אהער, אַנדערש וואָלט איך דער־הרג'עט מיין קאָמאַנדיר סקשענעצקי'ן...

— איז טאַקי די לאַגע אַזאַ פאַרצווייפעלטע ?

— וואָס דען ? צווישען אונז און אונזערע ברידער שטע־הען דאָך דריי טויזענד רוסען ! אמת, מען קען זאָגען, אַז אונ־זער פּאָזיציאָן איז אונצוגענגליך, אָבער מען דאַרף ניט פאַרגע־סען, אַז הינטער'ן רוקען ביי אונז איז דער עסטרייכישער גרע־נעץ. די פּאָליאַקען האָבען זיך ווידער אַמאָל פאַרלאָזען אויף עסטרייך, כאָטש זיי האָבען שוין צוויי מאָל טייער באַצאָהלט פאַר זייער צוטרוי. און אויב עסטרייך וועט דורכלאָזען רידי־גער'ען דורך איהר גרענעץ און וועט איהם ערלויבען אָנצופאַלען אויף אונז פון הינטען ? און נאָך מעהר, אויב עסטרייך וועט איהם אַליין העלפען ? פּוילען קען אַליץ ערוואַרטען...

יאַסינסקי'ן האָט מען אריינגערופען צום גענעראַל און יעקב איז אריינגעגאַנגען אין ביידעל.

דעם 27טען אַפּריל 1831 איז גענעראַל רידיגער אריבער־געגאַנגען אויף נייטראַלע טערימאָריע און איז אָנגעפאַלען אויף דווערניצקי'ס ארמיי פון הינטען.

עס איז געווען עלף אַזייגער אין דער פריה. אַ צוריקטריט האָט זיך אָנגעהויבען. די רוסישע קאַוואַלעריע איז איבערגע־גאַנגען דעם עסטרייכישען גרענעץ און האָט פון אַלע זייטען גע־דריקט די קליינע פּוילישע ארמיי. דאַן האָט דווערניצקי באַ־שלאָסען דורך אַ פלינקען מאַנעווער דורכברעכען זיך דורך די פיינדליכע רייהען צו דער נייטראַלער טעריטאָריע. מען האָט באַפוילען אייניגע עסקאַדראָנען אָנצוהויבען אַ שלאַכט מיט'ן פיינד, אום אָפּצואוועגדען זיין אויפמערקזאַמקייט און פאַרדע־קען דעם צוריקטריט.

אין דער צוגרייטונג צום מאַנעווער איז אַ ווײַלע געוואָרען שטיל. די עסקאַדראָנען האָבען זיך אויסגעשטעלט פאַר דעם אָנקומענדען פיינד. אין אַזעלכע ענטשיידענדע מאָמענטען אר־בייט דער מוח מיט אַן אונגעהויערער שנעלקייט. אַזוי איז אויך געווען מיט יעקב'ען. אַ גאַנצע רייה פון פאַרשיידענסטע

גערַאנקען האָט זיך דורכגעטראָגען ביי איהם אין קאָפּ. זיין לעצטער געדאַנק איז געווען וועגען טאַראַ'ן. „אויב היינטיגער טאָג וועט זיך ענדיגען גוט, וועל איך באַקומען פון איהר א בריף...“

א פויקען האָט זיך דערהערט. די רייטער האָבען אָנגע־פילט די לופט מיט דעם פוילישען קריעגס־רוף. ווי א שטור־רעם וואָלקען האָבען זיי זיך א וואַרף געטאָן אויף די רוסען. די ערשטע רוסישע רייהען זיינען אומגעוואָרפען געוואָרען, דאָס גאַנצע רוסישע מיליטער האָט זיך א בויג געטאָן, ווי הויכער קאָרן אונטער א שטורעמווינט.

פון דער אַנדער זייט האָט זיך אָבער באַלד דערהערט א רוסישער באַפעהל. א נייע אָפּטיילונג קאַוואַלעריסטען איז גע־קומען צופליהען, קלאַפּענדיג מיט'ן געוועהר, און איז אָנגעפאַ־לען אויף די פּאָליאַקען. א שרעקליכע שלאַכט האָט אויסגע־בראָכען. די קליינע פוילישע ארמיי האָט זיך גענומען דרע־הען ווי אין א קעסעלגרוב.

אין דעם בלוטיגען געדרענג האָט יעקב באַמערקט, ווי א פיינדליכע פיקע האָט דורכגעלעכערט סאַלטאַו'ס ברוסט, און ער איז אומגעפאַלען אונטער די קלעפּ פון די פּיקעס.

נאָכדעם האָט יעקב אינגאַנצען אויפגעהערט עפּעס צו באַ־מערקען. אַלץ האָט זיך איבערגעמישט אין איין כאַאָס. ארום איהם האָבען זיך געהערט קללות, געשרייען, קרעכצען, שאָסען פון פיסטאָלעטען. ער האָט מעכאַניש אָפּגעשלאָגען און אליין געגעבען קלעפּ.. ענדליך איז ער געבליבען לעבען יאַסינסקי'ן הינטער די רוסען. נאָך דעם חבר'ס ביישפּיעל האָט ער צוגע־טריבען זיין פערד, און זיי האָבען זיך ביידע אַוועקגעטראָגען אין קאַריער.

ענדליך זיינען די פערד געפאַלען... מען האָט מעהר אין ערגעץ ניט געזעהן קיין רוסען. זיי זיינען געווען גערעטעט, זיי זיינען געווען אין פוילען... ווען זייערע חברים האָבען געמוזט בלייבען פאַרשפּאַרט אין די עסטרייכישע געפענגנגיסען, פון וועל־כע זיי האָבען זיך שפּעטער צוגעהערט צו פוילענ'ס קאַמף.

דווערניצקי האט געטרויט די עסטרייכער. זיי האבען ענט־וואפענט זיין ארמיי און האבען דאס גאנצע געוועהר און די קאנאנען איבערגעגעבען צו די רוסען.

צווישען שטענדיגע געפאהרען זיינען יעקב און יאסינסקי אלץ געגאנגען ווייטער איבער'ן לאנד, וואס איז געווען פאר־פליצט מיט רוסען. אמאל פלעגען זיי געפינען רוה ביי די בויערען, וואס האבען געטיילט מיט זיי דאס, וואס זיי איז אי־בערגעבליבען נאך דעם אנפאל פון די רוסען, אבער מעהר־סטענטיילס האבען זיי גענעכטיגט אין וואלד אדער אין אונ־דורכגענגליכע ערטער און האבען זיך ערנעהרט מיט ווארצלען, וואס זיי האבען אויסגעריסען פון דער ערד.

איינמאל ביי נאכט, ווען זיי האבען זיך צולעגט אויף דער פייכטער ערד, האט יאסינסקי, וואס האט ניט געקענט איינשלא־פען, געזאגט:

— מיר איז נאר דיר א שאד.

— צוליעב מיר דארפסטו ניט זיין אונרוהיג, יאסינסקי,— האט יעקב געענטפערט,—די ליידען און צרות, וואס זיינען אויס־געפאלען אויף מיין גורל, נעם איך אן מיט פרייד. איך קוק אויף דאס אלץ, ווי אויף א נסיון, אויף א לייטערונג, וואס איך מוז דורכמאכען, אום צו ערלייזען מיין פריהערדיג לעבען און זיין ווערט מיין גליק. נאר דו זאלסט ניט דורכגעהן מיט מיר אט די לייטערונג.

— וואס פאר א גוטער חבר דו ביזט! — האט שטיל אויס־גערעדט יאסינסקי, דריקענדיג איהם די האנט.

— גאר, דאס איז איינענטליך פון מיר נאר עגאאיזם, — האט יעקב געזאגט. — זעהסטו, איך האף און גלויב אין א באַ־לוינונג פאר אונזערע ליידען. אויסערדעם, ווען איך טראכט וועגען מיין לעבען און די איצטיגע אומשטענדען, שטעל איך מיר פאר, אז אלץ, וואס קומט איצט פאר אין פוילען, קומט פאר נאר צוליעב מיר אליין, אז איך זאל זיך אפפרישען אין לעבעדיגען לעבען און ניט פארשימעלט ווערען אין מיין היי־מאט. איך וועל זיך בארופען אויף מיינע ידיעות אין מעדי־

צין און וועל דיר אנווייזען, אז דער מארך באשאפט אזעלכע פארשטעלונגען און פארגעפיהלען באזונדערס לייכט, ווען דער מענש האט לאנג געפאסט.

— דיין שפאסיגער טאן צווינגט מיך צו פארגעסען מיין הונגער.. הער, אייגענטליך איז דאך גאר ניט בראוו פון אונז צו וואלגערען זיך דא אין פייכטקייט און זיך מאטערען. לאמיר געהן אין וואלד. אויב רוסען וועלען אונז אנקומען אנטקעגען, וועלען מיר מיט וואפען אין די הענט אנפאלען אויף זיי.. זאל כאטש ווי עס איז זיך ענדיגען אונזער שווערע לאגע.

— ווי דו ווילסט, יאסינסקי. אפשר רעדט דאס שיקזאל אליין מיט דיינע ליפען.

זיי האבען גענומען דורכגעהן דעם וואלד. ווען זיי זיינען געקומען צום ראנד, האט זיך געעפענט פאר זיי א ברייטע אויס־זיכט. די לבנה איז געשטאנען נידריג, און א לאנגער שאטען פון וואלד איז געפאלען אויף אן איינזאם הייזעל. ניט ווייט לינקס זיינען געשטאנען אין טונקעלקייט די הייזלעך פון א קליינעם דערפעל, איבער וועלכען סאלדאטען זיינען אומגעגאנ־גען. רעכטס, אין העלען לבנה שיין, האט מארשירט א רוסי־שער פאטרול.

יעקב האט אנגעכאפט יאסינסקי׳ן פאר דער האנט:

— איך דערקען דעם ארט! דא וועסטו זיך מוזען מיר אנ־פארטרויען.

מיהענדיג זיך צו בלייבען אין שאטען, זיינען זיי צוגעקו־מען צום הייזעל און האבען געעפענט די טיר. אין דעם זעלבען אויגענבליק איז דער פאטרול צוגעקומען צו דעם ארט, וואו זיי זיינען נאר וואס געשטאנען.

זיי האבען געווארפען א דאנקבארען בליק צום הימעל.

ווען זיי האבען אפגעווענדט זייער בליק פון דעם אויסגע־שטערענטען הימעל אינוועניג אין הייזעל, האט יאסינסקי אינ־סטינקטיוו אנגעכאפט דאס הענטעל פון זיין סאבעל.

אינוועניג איז געווען כמעט אינגאנצען פינסטער. נאר אויף דעם נידריגען, אונגעהובעלטען טיש האט קוים געברענט

א קליינער לאמפ. דאס ניט גלייכע ליכט איז געפאלען אויף א זאנדערבארע פיגור פון א מענשען, וואס איז געשטאנען איינ־געבויגען פאר'ן טיש, ווי ער וואלט זיך געגרייט א שפרונג צו טאן. זיינע אויגען האבען אין דער טונקעלקייט געברענט, ווי קוילען, און זיינען מיט שרעק איבערגעלאפען פון יעקב'ען אויף יאסינסקי'ן, ווי ער וואלט געוואלט אויסקלייבען, אויף וועמען זיך צו ווארפען. זיין שווארצע קאפאטע איז געווען צוריסען אויף דער ברוסט, און לעבען איהם אויפ'ן טיש זיינען געלעגען צוויי אייער און ברויט, באשאטען מיט אש.

יעקב האט אפגעהאלטען יאסינסקי'ס האנט, איז ארויסגע־טראטען פאראויס און האט באגריסט אויף אידיש.

— שלום עליכם!

דער איד האט א ציטער געטאן. ער האט אזוי ברייט צו־עפענט די אויגען, איינקוקענדיג זיך אין די פינסטערניש און וועלענדיג גוט באטראכטען יעקב'ען, אז עס האט אויסגעוויזען, אז זיינע אויגען וועלען ארויסשפרינגען פון זייערע לעכער, און פלוצלונג האט ער הויך א געשריי געטאן:

— ווער האט דאס געוואגט אריינצוקומען אהער צו א רוס, איבערגעטאן אין א פוילישען מיליטערישען אוניפארם? פאר־רעטער! איהר מוזט שטארבען!

— איך בין פונקט אזא איד ווי איהר. שטעה אויף, דו זיהן פון פאלק ישראל, און העלף דיין ברודער!

— אוועק, פאררעטער! איך בין ניט קיין איד! מען רופט מיך מיכאאיל וואוצעוויטש! דער מלאך מיכאל איז מיין באשיצער.

— ווי אזוי קען אייער צונג ארויסברענגען אזעלכע ווער־טער, ווען איהר זיצט שבעה אפשר נאך א געליעבטען קינד? ווען א יאהרצייט ליכט ברענט, און דער מלאך המות שוועבט נאך אום איבער אייער דירה? פארוואס האט איהר וועניגסטענס ניט צוגעלעגט: ממזר בן הנידה, — ווי דאן, ווען איהר האט זיך געוואלגערט אויף דער ערד און האט געבעטען רחמים ביי די פוילישע סאלדאטען?

דער פאליאק איז אויפגעשפרונגען און האט זיך אויסגע־גלייכט. ער האט אוועקגעלעגט ביידע הענט אויף יעקב'ס אקס־לען און האט אויסגערופען, קוקענדיג איהם גלייך אין די אוי־גען :

— ענטפער : וועלכע סדרה געהט שבת ?

— עוקב ! — האט געענטפערט יעקב, נאכדענקענדיג א ווײלע, בעת דער איד האט ניט אראפגעלאזען פון איהם די אייגען.

— יע, איהר זייט א איד : ברוך הבא בשם היהוה ! גע־בענשט זאל זיין דער גאט פון ישראל ! א זוהן פון זיין פאלק האט איבערגעטראטען מיין שוועל און האט מיך אנגערופען ברודער ! איך בין געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד פאר די טירען פון שול, און קיינער האט אפילו טרעטען אויף מיר ניט געוואלט ! איך האב אפגעדעקט מיין רוקען, און קיינער האט מיר ניט געוואלט געבען קיין מלקות ! דער הייליגער ספר פון גאט איז געווען פאר מיר פארמאכט... מיינע קינדער האט מען באגראבען, און איך האב אפילו קדיש זאגען נאך זיי ניט געוואגט ! איך בין געווען א מיאוס'ער הונט.. טא זאג, וואס דו ווילסט פון מיר, געבענשטער בן ישראל !

— ערשטענס, גיב אונז עפעס עסען !

— רחמים שדאי ! — האט דער איד אויסגערופען. און ער האט פון ווינקעל געבראכט א שטיקעל ברויט. — גאט איז אן עדות, איך וואלט געווען גליקליך, ווען איך זאל קענען אייך גע־בען עפעס בעסערס !.. און יענער איז אויך א איד ? — האט ער געפרעגט, דערזעהענדיג, אז יעקב טיילט דאס ברויט מיט יאסינסקי'ן.

— ניין. אבער איך וועל דיך בעטען אפפיהרען איהם צו־זאמען מיט מיר אין ווארשא.

דעם אידענ'ס געזיכט איז פינסטער געווארען. ער האט געזאגט :

— אונטער מיין דאך איז אריינגעקומען א גוי אין צייט פון

שבעה ! זאָל געשעהן זיין שיקזאַל, זאָל פון איהם ווערען אַ טויטער הונט !

— וועל איך אויך אַוועקגעהן צוזאַמען מיט איהם!—האָט יעקב אויסגערופען, פאַרשטעלענדיג דעם אידען דעם וועג. — אויב ער וועט שטאַרבען, וועל איך אויך שטאַרבען. זאָל דאַן מיין בלוט פאַלען אויף דיין קאָפּ !

— אָבער ווי אַזוי וועל איך איהם באַשווערען, אַז זיין צונג זאָל ניט אַרויסגעבען דאָס, וואָס ער וועט דאָ דערזעהן ? — האָט דער איד געפרעגט אין אַ ווייַנענדיגער שטים.

— ער וועט געבען זיין עהרען וואָרט.

— אַ פיינער משכון ! קענט איהר שווערען ביים נאָמען פון מלך היהודים, אַז דעם גוי קען מען גלויבען ?

— איך קען שווערען.

— נו, זאָל זיין אַזוי ! — האָט דער איד געזאָגט מיט אַ זיפץ.

ער איז אַוועק צו אַ טונקעלען ווינקעל און האָט אַרויסגע־שלעפּט פון אַ לאָך אין דיל צוויי מענשליכע קערפּער. — העלפט מיר אַראָפּציהען זייערע קליידער ! — האָט ער רוהיג געזאָגט.

— רוסען ! — האָבען אין איין קול אויסגערופען יעקב און יאַסינסקי, ווען זיי האָבען ביים ליכט דערזעהן די אוניפאָרמען.

— יע, רוסען, — האָט געזאָגט דער איד, און אויף זיין געזיכט האָט זיך באַוויזען אַן אויסדרוק פון אונענדליכער בייז־קייט. — יע, איך פיהר אויך מלחמה... אויף מיין אייגענעם שטייגער ! און זעלבסטשטענדיג ! די רוסען האָבען דער־הרג'עט מיינע דריי קינדער, מיינע אומשולדיגע עופה'לעך, ווען זיי האָבען זיך אהער אריינגעריסען, נאָכדעם ווי איהר האָט זיי באַזיעגט הינטער סטאַטשעק... אָבער זיי גיבען געלט, דיען איך זיי ! כאַ־כאַ־כאַ ! איך דיען זיי.

— אָבער די פּאָליאַקען גיבען דאָך אויך געלט ! — האָט באַמערקט יאַסינסקי.

— כאַ־כאַ־כאַ ! דיען איך די פּאָליאַקען אויך ! דעם סטאַראָסטאַ (עלטסטען) איז געפעלען מיין ווייב. ער האָט מיך

געצוואונגען זיך צו שמד'ען. זיינע מענשען האבען מיך מיט געוואלט אוועקגעשלעפט אין קירך. א גלח האט מיך אנגערופען מיכאאיל וואוצעוויטש, און דער מלאך מיכאל איז געווארען מיין באשיצער. און ווען מען האט מיך גע'שמד'ט, האט דער סטא־ראסטא ערקלערט, אז איך קען ניט זיין פארהייראט מיט א אי־דישער פרוי, און האט מיין ווייב צוגענומען. זי איז איצט איז דעם סטאראסטא'ס שלאס... און מיינע קינדער האבען די רו־סען דער'הרג'עט ! כא־כא־כא ! געבענשט זאל זיין די איצ־טיגע מלחמה !

ער איז צוגעלאפען צום טיש, האט זיך געזעצט אויף א נידריגען שטוהל לעבען לאמפ און ברויט, האט זיך צוגעפגע־דרעהט און גענומען שטיל מורמלען אידישע תפילות, וויגענדיג זיך מיט'ן גאנצען קערפער הין און הער.

נאך א לאנגען שווייגען האט יעקב שטיל געזאגט :

— זייט מוחל, רבי ! אין די הייליגע ספרים שטעהט : די נויט מאכט פטור פון אליז. עס איז שוין באלד טאג.

דער איד האט א קוק געטאן אויף יעקב'ען מיט א וויטען בליק, ווי ער וואלט איהם צום ערשטען מאל דערזעהן. באלד אבער איז ער געקומען צו זיך, איז אויפגעשטאנען, געגעבען זיי די קליידער פון די דער'הרג'עטע רוסישע סאלדאטען און האט זיי געהייסען איבערטאן זיך. דאן האט ער געפרעגט, צי קען ווער פון זיי רעדען רוסיש. יאסינסקי האט געענטפערט, אז ער קען. דאן האט דער איד געהייסען זאגען די רוסען, וואס קענען אמאל אריינקומען אין זיין אבוועזענהייט, אז מען האט מיכא־איל'ען גערופען צום גענעראל.

— איך געה טאקי צום גענעראל, — האט ער געענדיגט,— איך וועל באלד קומען צוריק.

— ווי, איהר געהט צו א רוסישען גענעראל ? — האט יא־סינסקי אויסגערופען.

— קען איך דען געהן מיט אייך אהן א פאספארט ?

ווען דער איד איז אוועק, האט יאסינסקי באמערקט :

— אפשר איז ער געגאנגען ברענגען אהער די רוסען ?

— ניין, זיי רוהיג! לאמיר אביסעל זיך אפּרוהען. איך בין מיעד ווי א הונט.

עס איז שוין געווען גאנץ ליכטיג, ווען דער איד איז ענדליך געקומען צוריק. ער האט געבראכט מיט זיך אביסעל עסען און האט דאס געטיילט מיט זיינע געסט. דאן האט ער זיי געהייסען געהן נאך איהם. אבער ווען ער האט געעפענט די טיר און האט דערזעהן יאסינסקי'ס געזיכט, האט ער פּלוצלונג זיך א ווארף געטאן צו איהם און אויסגעשריען:

— ניין, ניין, א לעבעדיגער טאר ער ניט פארלאזען דעם ארט! אדער זאל ער זיך שטעלען פאר מיר אויף די קניה, און איך וועל ארויפטרעטען אויף זיין האלז.

יאסינסקי האט מיט א שמייכעל זיך אומגעקערט צו יעקב'ען.

— דאס וועט ער ניט טאן! — האט יעקב געזאגט.—ער איז א פּוילישער סאלדאט.

— איז זאל ער שטארבען! — האט דער איד א געשריי געטאן.

— רבי, איהר ווילט דאך ניט, אז מיין בלוט זאל פארגאס־סען ווערען. איך וועל בלייבען טריי מיין חבר. און דעריבער בלייבט אייך נאר איבער רעטען איהם אויך.

— א, אונגליקליך בין איך! וואס זאל איך טאן? — האט דער איד געקרעכצט. — איך האב אוועקגעלעגט מיין האנט אויף די קערפּער פון מיינע דער'הרג'עטע קינדער און האב געשוואו־רען, אז קיין געטויפטער, וואס וועט אריינפאלען צו מיר אין די הענט, וועט ניט איבערטרעטען מיין שוועל, סיידען איך וועל איהם ניט צוטרעטען אין שטויב.

— עס שטעהט געשריבען: ווען עס האנדעלט זיך וועגען רעטען דיין ברודערס לעבען, פארלירט א שבועה איהר מאכט.

— איז זאל מיך גאט מוחל זיין! — האט דער איד געזאגט אונענטשלאסען און איז געגאנגען צום טיר.

— שטעהט! — האט יעקב א געשריי געטאן. — די בייזע געדאנקען קענען אייך באהערשען אין וועג, און איהר קענט איהם

נאך הרג'ענען. דעריבער געהט ניט אוועק פון דאנען, ביז איהר וועט ניט מאכען שלום מיט איהם.

א ווײלע האט דער איד געקעמפט מיט זיך, דאן האט ער אויסגעשטרעקט יאסינסקי'ן די האנט און האט געזאגט: „שלום!" דאן איז ער מיט א שווערען זיפץ ארויסגעגאנגען פון הייזעל. יעקב און יאסינסקי זיינען איהם נאכגעגאנגען.

נאך א לאנגען שווייגען האט יעקב געזאגט יאסינסקי'ן אביסעל צומישט:

— יאסינסקי, איצט האסטו זיך דערוואוסט דאס, וואס איך האב אזוי געוואלט באהאלטען: איך בין א איד.

— דאס האב איך שוין לאנג געוואוסט, — האט געזאגט יאסינסקי.

— ווי אזוי האסטו דאס געקענט וויסען? — האט יעקב געפרעגט פארוואונדערט.

— איך האב דאס גענומען פארשטעהן נאך אין אלזשיר. און שפעטער האב איך זיך איינגאנצען איבערצייגט אין דעם דערפאר, וואס דו האסט זיך אזוי באמיהט צו באהאלטען דיין אינטערעס צו אידען. אבער וואס מאכט דאס אויס — האט ער געזאגט, דריקענדיג יעקב'ס האנט, — דער גאנצער אונטער־שיד צווישען אונז באשטעהט אין דעם, וואס איך גלויב, אז משיח איז שוין געקומען, און דו גלויבסט, אז ער וועט נאך קו־מען. וואס פאר א גליק דאס וואלט געווען, ווען איך וואלט גע־סענט גלויבען, אז פוילען'ס משיח איז שוין געקומען! מיר ווילט זיך אבער אויסגעפינען די לאגע, אבער אין דערזעלבער צייט שרעק איך זיך פאר דעם, וואס איך וועל דערהערען.

ער האט אנגעיאגט דעם אידען און האט געפרעגט:

— מיין פריינד, וואס ווייסט איהר עפעס וועגען ווארשא און דעם פוילישען הויפטקאמאנדיר?

דער איד האט גארניט געענטפערט. יאסינסקי האט ווי־דערהאלט זיין פראגע, אבער דער איד איז ווייטער געגאנגען שווייגענדיג, און דאן האט יאסינסקי געזאגט יעקב'ען:

— ער האסט מיך מסתמא פאר דעם, וואס ער האט מיך געמוזט רעטען, רעד דו מיט איהם.

יעקב האט געפרעגט דעם אידען :

— פארוואס ווילט איהר ניט ענטפערען מיין פריינד אויף זיין פראגע ?

— ענטפערען איהם ? אבער פארוואס רופט ער מיך ניט אן מיט'ן נאמען ? „מיין פריינד !" זיין פריינד ! איך בין גאר ניט זיין פריינד ! ווען מען רעדט מיט מיר, רופט מען מיר רבי עקיבא.

— רבי עקיבא ! קענט איהר מיר ניט זאגען, וואו געפינט זיך איצט דער פוילישער הויפט קאמאנדיר ?

— הינטער פראג.

— הינטער פראג !— האבען אויסגערופען יעקב און יאַ־סינסקי. — הייסט דאס, ער האט געהאט א נידערלאגע ?

— יע, ביי אסטראלענקא.

— א גאט ! א גאט ! — האט יאסינסקי געקרעכצט. — פרעג איהם, צי וויס ער ניט עפעס וועגען דעם אויפשטאנד אין פאדאליען, ליטא, וואהלין ?

— דערשטיקט אומעטום, אלע זיינען צוטריבען ! — האט געענטפערט דער איד אויף יעקב'ס פראגע.

יאסינסקי האט קאנוואולסיוו צונויפגעדריקט די הענט און טיף אפגעזיפצט. יעקב'ען איז געווען אונאנגענעם דער טאן פון בייזער פרייד, וואס ער האט באמערקט אין דעם אידענ'ס שטים, ווען יענער האט דערצעהלט וועגען די נידערלאגען פון די פאליאקען. ער האט אנגענומען יאסינסקי'ן פאר דער האנט און איז אפגעשטאנען פון דעם אידען.

— פרעג איהם נאך, ביי וועלכען גענעראל איז ער געווען דא אין דארף, — האט יאסינסקי געבעטען.

יעקב האט ניט געקענט אפזאגען זיין פריינד און איז ווידער צוגעגאנגען צום אידען.

— איך בין געווען ביים הויפט קאמאנדיר, — האט דער איד געענטפערט.

— בײַם הויפּט קאָמאַנדיר ? בײַ דיביטש'ען, הייסט דאָס?

— בײַ דיביטש'ען ? ניין, ער איז געשטאָרבען פון דער שוואַרצער פּעסט ! איך בין געוועזען בײַ פּאַסקעוויטש־עריוואַנסקי'ן !.. הערט נאָר, — האָט דער איד ווייטער גערעדט, צוציהענדיג יעקב'ען נאָהנטער צו זיך, — וואָס דאַרפט איהר האָבען אין וואַרשאַ ? איך זאָג אייך : אונגליק שוועבט שוין אום איבער יענער שטאָדט. געהט אַריבער צו די רוסען ! דער רוסישער אָדלער איז שטאַרק.

יעקב האָט גאָרניט געענטפערט און האָט שווייגענדיג זיך אָפּגעקערט פון איהם.

— ציה אַרויס נאָך עפּעס פון איהם, — האָט יאָסינסקי איהם שטיל געזאָגט.

אָבער דער איד האָט מעהר גאָרניט געוואוסט אָדער האָט מעהר גאָרניט געוואָלט דערצעהלען. עטליכע מאָל האָט ער פאַרשעמט געקוקט אויף יעקב'ען, ווי ער וואָלט געוואָלט לייכטער מאַכען זײַן האַרץ פאַר איהם. אָבער יעדעס מאָל האָט ער זיך פון איהם אָפּגעקערט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

* * *

בנימין. — וואַרשאַ געפאַלען.

עטליכע טעג נאָכדעם, ווי יעקב און יאָסינסקי זײַנען בשלום אָנגעקומען אין וואַרשאַ, האָט מען יעקב'ען גערופען צום פּאָליציימייסטער.

— איך האָב אייך באַאונרוהיגט, — האָט דער פּאָליציימייסטער געזאָגט, — צו בעטען אייך מאַכען אונז קלאָר, וואָס דאָס איז פאַר אַ מענש, וואָס מיר האָבען פאַרהאַלטען ווי אַ שפּיאָן. ער פאַרזיכערט, אַז ער קען אייך, און אַז ער איז געקומען פון ערגעץ אַ ווייטען לאַנד, נאָר אייך צו געפינען. אַ געוויסע צײַט האָבען מיר געמיינט, אַז איהר לעבט שוין ניט, און אַז דער שפּיאָן ווייס דאָס און באַנוצט זיך מיט דעם, אָנרופענדיג אייער נאָמען. נאָר אַזוי ווי איהר לעבט און האָט זיך בשלום אומגעקערט, וואָלט געווען גוט, ווען איהר גיט אַ קוק אויף דעם סוביעקט, איידער מען הענגט איהם אויף.

— ווי רופט מען דעם מענשען ? — האָט יעקב געפרעגט.

— ער איז אַ איד. ער גיט אָן דעם נאָמען בנימין.

— הער גענעראַל ! ער איז אונשולדיג ! — האָט יעקב אויסגערופען, אויפשפּרינגענדיג פון אָרט. — אום גאָטעס ווילען, ערלויבט מיר איהם צו זעהן באַלד, איידער עס איז נאָך ניט צו שפּעט.

יעקב האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער געפענגניס.

אין אַ פייכטען, פינסטערען קאַמער, אויפ'ן דיל אויף אַ הויפען שטרוי איז געלעגען בנימין. זיין געזיכט איז געווען גרוי און געל און אויסגעצערט. איהם האָט געטרייסעלט אין פיבער, און ער האָט געקלאַפּט מיט די צייהן.

— מיין אָרימער, ליעבער בנימין ! — האָט יעקב אויסגערופען, וואַרפענדיג זיך צו איהם און צודריקענדיג איהם צו זיין ברוסט. — דו ביזט דאָ ! אין דעם שרעקליכען אָרט ! אָרימער, אָרימער בנימין ! — און יעקב האָט באַדעקט זיין געזיכט מיט קושען.

בנימין האָט געקוקט אויף איהם מיט אַ בלייכען שמייכעל, דאַן האָט ער אָנגעכאַפּט זיין האַנט און זי צוגעטראָגען צו זיינע ליפּען.

דער געפענגניס-וועכטער האָט געגעבען יעקב'ען אַ צייכען און האָט שטיל געזאָגט :

— ריהרט איהם ניט אָן, ער האָט, דוכט זיך, כאָלערא.

— ניט אָנריהרען איהם ! — האָט יעקב אויסגערופען מיט טרערען אין די אויגען. — ניין, איך וועל איהם איבערפיהרען צו מיר ! איך וועל פאַראָרדנען, מען זאָל איהם באַלד איבערפיהרען צו מיר.

אין אָוועגט, ווען בנימין האָט זיך אויפגעכאַפּט נאָך אַ קורצען שלאָף, האָט ער פאַרוואָרפען יעקב'ען מיט פראַגען. דאַן האָט ער דערצעהלט יעקב'ען וועגען זיין רייזע און וועגען דעם, ווי מען האָט איהם אָנגענומען פאַר אַ שפּיאָן און אריינגעזעצט אין געפענגניס. ענדליך האָט איהם יעקב געפרעגט :

— האסטו גאר ניט א בריף אדער א שליחות צו מיר, בנימין ?

ניט קוקענדיג אויף זיינע ליידען, האט בנימין שלוי גע־שמייכעלט און געבעטען יעקב'ען אויסצוטאן פון זיין לינקען פוס דעם שוך און עפענען דעם זויל.

— אט וואוהין איך האב באהאלטען דעם בריף פון אייער פריינד לעווי, — האט ער געזאגט מיט שטאלץ. — ער האט מיך געבעטען, איך זאל היטען דעם בריף און איהם אייך צושטע־לען. דאס איז אזא גליק, וואס מיר איז געלונגען צו באהאלטען איהם אזוי גוט ! איך האב זיי גוט אפגענארט !

מיט ציטריגע הענט האט יעקב איינגעשניטען דעם זויל און ארויסגענומען דעם בריף. אט וואס לעווי האט איהם גע־שריבען :

„דער פריעדליכער לעווי שיקט דעם קריעגער בענדיקסען זיין גרוס.

„אייגענטליך ביזטו גאר ניט ווערט, אז א פארנינפטיגער מענש זאל דיר שרייבען. ווייל מען קען ניט וויסען, צי דער בריף וועט דיך געפינען א לעבעדיגען. פונדעסטוועגען וועל איך אויף איין אויגענבליק אננעמען, אז דו לעבסט, און וועל דיר דערצעהלען, וואס מיר איז אויסגעקומען איבערצוטראגען צו־ליעב דיר.

„א לאנגע צייט פלעג איך אין אוונט בעטען : „גאט, דערלאז ניט, אז אן אראבער, א בעדואין, א קאביל, אדער אן עהנליכער ווילדער זאל דערשיסען יעקב בענדיקסען“. יע, אזוי האב איך געבעטען, און דאס פלעגט מיר ברענגען ערלייכטערונג. און פלוצלונג באקום איך א בריף, וואו דו שרייבסט, אז נאך פאריגען דעצעמבער האסטו באשלאסען אפצופאהרען פון אל־זשיר אין פוילען. הייסט דאס, אין דער צייט, ווען איך האב דיך געוואלט פארזיכערען פון קאבילען א. א. וו., האבען דיר געדראהט די פיקעס פון קאזאקען. און איצט, ווער וויים, אפשר ביזטו שוין ערגעץ אין אביסיניען, אדער אויף דעם אינזעל יאווא, אדער אין גווינעע, און מען שיסט אויף דיר מיט פארגיפטעטע

פּיילען, בעת איך בלייב אָהן כחות, וועלענדיג באַשיצען דיך פון
די קאָזאַקען ! גענוג ! אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל בעטען
פאַר דיר, שיק מיר צו אַ געגויען מאַרשרוט און באַשטים קלאָר
די צייט, ווען וואו דו וועסט זיין. דאַן וועל איך האָבען די מעג־
ליכקייט ווי עס איז נאָכצופאָלגען דיר, אָדער וועניגסטענס גע־
פינען דיך, ווען דו וועסט „פּאַרלאָזען די קוואַרטיר", ווי מען
שרייבט אין דעם אַדרעסען קאַלענדאַר, און וועסט וועגען זיך ניט
לאָזען וויסען.

„דעם בריף שיק איך דיר מיט אַ מענשען, וואָס וועט דיך
שוין אָבזוכען, וועט דיך אַפּילו פון דער ערד אויסגראָבען. ער איז
צו מיר געקומען און האָט ערקלערט, אַז ער איז געקומען צופאָה־
רען פון אַ ווייטען געגענד, דאָס הייסט, פון פּיאַניע, צו דערוויסען
זיך, וואו דו ביזט, און אַז ער האָט בעשלאָסען אָבצופאָהרען דעם
אַנדערען טייל וועג, אום דיך צו געפינען. איך האָב איהם גע־
זאָגט: „בנימין, זייט איהר אַראָפּ פון זינען? נו, וואוהין און
צו וואָס וועט איהר געהן? מען וועט דעם וואַגאַבונד קענען
דער'הרג'ענען אָהן אייך, איהר דאַרפט דאָס גאָר ניט צוזעהן".
אָבער ער האָט מיר געענטפערט: „לאָזט מיך צורוה!" ווען איך
האָב איהם געזאָגט, אַז דו ביזט אין פּוילען, האָט ער זיך זעהר
דערפרעהט. „דאָרט וואוינט רבי נתן פירט, — האָט ער געזאָגט,
— ער איז איינמאָל געוועזן אויף שבת ביי רבי פייבוש'ען. ער
האָט געוויס צוגענומען דעם אינגעל צו זיך און זאָרגט וועגען
איהם". עס איז אָבער געוועזן אַן אויגענבליק, ווען בנימין איז גע־
וואָרען אַביסעל אָבגעקיהלט, דאָס איז געוועזן, ווען איך האָב איהם
געזאָגט, אַז ער וועט דאַרפען פאָהרען איבער'ן וואַסער. ווען איך
בין מיט איהם געגאַנגען צום שיף, צו בעזאָרגען איהם אַן אָרט,
האָט ער טרויעריג געקוקט אויף'ן ים און געפרעגט, צי מען קען
ניט פאָהרען ווי עס איז איבער לאַנד. איך האָב איהם געענט־
פערט, אַז ניט אַנדערש ווי איבער'ן וואַסער, ווייל די רייזע איבער
לאַנד וואָלט צו לאַנג געדויערט. דאַן האָט ער טיף אָבגעזיפצט
און שטיל אַרויסגערעדט: „גאָט זאָל מיר העלפען!" קומענדיג
אַהיים, האָט ער פערבונדען זיין פּעקעל. ער האָט פאַר דיר גע־

קויפט אן אפעלסין און האט, דוכט זיך, געוואלט דיר ברענגען א שטיקעל כשר פלייש, ווייל איך האב געהערט, ווי ער האט געזאגט: „דער ארימער אינגעל איז אין דער היים געוואוינט געווען גוט צו עסען. איהם איז מסתמא שווער צו עסען די עסענס אויף דער רייזע“.

„ווי מיינסטו: ווען דו וואלסט שטיל און רוהיג געלעבט מיט אט דעם בנימין'ען, מיט מיר און נאך מיט צוויי — דריי פריינד, וואלסטו פון צייט צו צייט געמאכט א קארטען פארטיי און געגעסען שבת דיין טשאלענט, כאטש מען וואלט איהם געמאכט אויף חזיר פעטס, — צו דען מיינסטו, אז טארא פאנגעל וואלט צוליעב דעם זיך מעהר צוגעאיילט חתונה צו האבען מיט לייטענאנט ענגבערג'ען?

„הער, בענדיקסען, די ווערטער זיינען, פערשטעהט זיך, די וויכטיגסטע אין בריף, און איך האלט פאר מיין פליכט צו דערצעהלען דיר אלע איינצעלהייטען. דיר וועט נאך אויסקומען ארא‌בצושלינגען א לעפעל ביטערניש... איז דערמאן זיך וועגען דער האנט, וואס גיט דאס דיר.

„אביסעל שפעטער נאכדעם ווי דו ביזט אוועקגעפאהרען, איז צו מיר געקומען דער קאמערסאנט פאנגעל אליין. איך וועל דיר איבערגעבען דעם געשפרעך אין אלע איינצעלהייטען. ער האט געזאגט, אז ער האט געפרעגט זיין זוהן, צי דו האסט דא ניט א גוטען פריינד, און יענער האט איהם אנגעוויזען אויף מיר און האט מיך אויף דעם בעסטען אופן רעקאמענדירט. „איך בין געקומען רעדען מיט אייך, — האט דער אלטער פאנגעל געזאגט, — ווי מיט אן עהרענהאפטען מענשען, און איך וועל זיין אויפריכטיג מיט אייך. מיר האבען בעקומען א בריף פון בענדיקסען'ען“.

„איך האב ברייט געעפענט די אויגען. דאן האט ער געזאגט: „איהר ווייסט מסתמא ניט וועגען דעם. אט איז דער בריף. איך בעט אייך, לעזט איהם איבער“.

„יע, דאס איז טאקי געוועזן דיין בריף“.

— „דאס איז א ליעבליכער און אויפריכטיגער בריף, —

האָט דער אַלטער קאָמערסאַנט געזאָגט. — און אין איהם איז אויפגעהויבען געוואָרען אַ פראַגע, וואָס איז איצט פיעל ערנסטער, ווי ביזהער: איך האָב אַלעמאָל געהאַלטען בענדיקסען'ען פאַר אַ מענשען, וואָס איז אויף'ן העכסטען גראַד אַנשטענדיג און ריין, מיט וועלכען מיין טאָכטער וואָלט געקאָנט זיין גליקליך. און אויך איצט האָב איך וועגען איהם פונקט אַזאַ הויכע מיינונג...

„אוי וועה, — האָב איך אַ קלער געטאָן, — באַלד וועט זיין „אָבער".

— ... אָבער ווי אַזוי וואָלטען זיי געקענט זיין גליקליך ביי זיין אויפּרעגבאַרען כאַראַקטער, ביי די נייגונגען און סימפּאַ־טיען, וואָס ער ערלויבט ניט אָנצוריהרען? ער שרייבט וועגען אַן אונטערשיד אין ערציהונג. וואָס וואָלט אָבער געוועזן, ווען זיי זאָלען הייראַטען, האָבען קינדער, און די קינדער זאָלען ערצויגען ווערען אַנדערש ווי ער? און ווי אַזוי וואָלט זייער לעבען געקענט זיין האַרמאָניש, האַרציג, ווען זיינע ערלאַינערונגען געהען אין איין ריכטונג, און איהרע — אין אַנאַנדערער? לאָמיר אָננעמען אַפילו, אַז איך וואָלט גאָרניט געהאַט קעגען דעם, אַז זי זאָל מיט איהם אַוועקפאָהרען אין פראַנקרייך. אָבער איך זעה ניט איין, אַז דאָס זאָל וויפיעל ניט איז ענדערען די זאַך. די ערלאַינערונגען וואָלטען געבליבען, און די בענקשאַפט נאָך דער היים און די נאָהנטע וואָלט זי געמאַכט בייז און פערדעכטיגענד. איהר האָט איבערגעלייענט דעם סוף פון בריף? ער בענשט טאָרא'ן, און זאָל איהם נאָט בעלוינען פאַר זיין ליעבע. אָבער דאָס בענשען אַליין האָט דאָך פאַר איהם אַ גאַנץ אַנדערע בעדייטונג, ווי פאַר איהר. פערשטעהט דאָס גוט, הער לעווי, אָבער ביי מיר איז גע־בליבען דער איינדרוק, ווי אָט די ווערטער וואָלטען בעקומען זייער זין און קראַפט נאָר דאַן, ווען זיי וואָלטען געזאָגט געוואָרען אויף אידיש. וואָס וועט איהר מיר אויף דעם זאָגען, הער לעווי?

„ — הער פאַנגעל, — האָט איך גענטפערט, — איך בין פון אָנהויב אָן געוועזן געגען דער ליעבע און הייראַט. און פער־שטעהט זיך ניט צוליעב דעם, וואָס איך האָב עפּעס געהאַט קעגען אייער טאָכטער, נאָר איינפאַך דערפאַר, ווייל איך בין געוועזן

זיכער, אז די הייראט וועט צו קיין גוטס ניט פיהרען. ווען דאס איז אבער געשעהן, האב איך אנגענומען דעם פאקט און האב זיך צו איהם צוגעפאסט. בעמערקענדיג אבער, אז אין זייערע בעציהונגען האט זיך אריינגעריסען א דיסאנאנס, האב איך ווידער געוואלט, זיי זאלען זיך צושיידען. איצט אבער בין איך אונזיכער. בענדיקסען האט זיך געבראכען, ער פאהרט איבער דער וועלט, ווארפט אראב פון זיך דעם שטויב, און פאר איהם איז די ליעבע צו אייער טאכטער א פראגע פון לעבען, פון גליק אויף'ן גאנצען לעבען. דעריבער, אויב אייער טאכטער וואלט געוואלט איהם נאכפאלגען אין פראנקרייך...

„— יע, געוויס, ווען זי וואלט נאר געוואלט! אבער וויל זי דען? ווען מיר האבען בעקומען בענדיקסען'ס בריף, האט מען ביי אונז פערגאסען א סך טרערען. איך האב א שוועגערין, איז זי ניט איינע פון בענדיקסען'ס פריינד. זי איז אין דעם ערשטען אויגענבליק געוועזן גערירהרט, דאן אבער האט זי געזאגט: „עס איז ניטא קיין שלעכטס אהן גוטס". איך האב געזאגט מיין טאכטער, זי זאל אלץ גוט דורכטראכטען און זאל אין דריי טעג ארום מיר געבען אן ענטפער, אבער שוין אן ענטשידענעם. אין לעצטען טאג איז זי אוועק צו קאנפעסיאן, און ווען איך האב זי נאכדעם אריינגענומען צו זיך, האב איך ניט געקענט בעקומען פון איהר קיין איין ווארט, דערפאר האט זי א סך געוויינט, איך האב איהר ווידער געהייסען אויסקלייבען, אבער זי האט ניט אויסגעקליבען. און דאן, אין א וואך ארום, האט איהר טאנטע מיר געבראכט איהר רינג, — אט איז ער... איהר וועט צונעמען דעם רינג?

„איך בין געוועזן אביסעל איבערראשט ביי אזא שנעלער לעזונג פון א קאמפליצירטער פראגע, כאטש איך וואלט געדארפט זיין צופריעדען צו אזא זאך פון אנהויב אן. איך האב זיך אבער שנעל בערהערשט. איך בין דאך געוועזן אין דער ראל פון דיין סעקונדאנט, און איך האב ניט איינמאל געלעזען, ווי סעקונדאנטען דארפען זיך אויפפיהרען אין א דועל. איך האב זיך פארנייגט

זעהר העפליך און קאלט און האב צוגענומען דעם רינג. דו מעגסט זיין רוהיג, איך האב מיין אויפרעגונג ניט ארויסגעוויזען.

„נאכדעם ווי דער אלטער פאנגעל האט געענדיגט זיין דיפ־לאמאטישע מיסיאן, האט ער, ווייזט אויס, געוואלט לייכטער מאכען זיין הארץ, איך האב דאס געזעהן נאך זיין געזיכט. ער האט געוויס געוואלט זאגען נאך עטליכע פריינדליכע ווערטער. אבער איך האב פערשטאנען, אז ער וואלט חרטה געהאט אויף זיין שוואכקייט, ווי נאר ער וואלט ארויס פון מיין צימער. האב איך איהם געהאלפען אין זיין צוריקטריט אויף דעם העפליכסטען און קארעקטסטען אופן...

„קורץ, די טעג וועט זי הייראטען מיט לייטענאנט ענגבערג.

„יע, מיין פריינד, איצט קענסטו רוהיג קומען אהיים. און איך האף, דו וועסט זיין געגוג פערנינפטיג, ניט צו מאכען מיר קיין אונאנגענעמליכקייטען, נאכדעם ווי איך האב פערשוועגדט אזוי פיעל קרעפטען אויף דיין ערציהונג און האב אבגעהיט דיינע אינטערעסען אין דיין אבוועזענהייט. איך האף, אז דו וועסט ניט טאן קיין נארישקייט, צום ביישפיעל, וועסט ניט וועלען זיך שיסען. דארפסט געדענקען, אז דאס וואלט ניט געווען קיין העל־דענטאט, ווען דו האסט ארום זיך אזוי פיעל שים געוועהר. אויב אבער דו וועסט זיין אזוי שוואך, אז דו וועסט זיך אונטערגעבען און בעשליסען צו מאכען א סוף צום לעבען, איז פערגעס ניט, איך פאדער, אז דו זאלסט זיך אויף אזוי פיעל רעכענען מיט מיין גוטען נאמען און מיין רעפוטאציאן, ווי דיין בעסטען פריינד, ראטגעבער און פערטרויטען, אז דו וועסט דערביי אבהיטען געוויי־סע כללים פון אנשטענדיגקייט. זאל אריבערגעהן א געוויסע צייט, זאלען מענשען ניט מיינען, אז דו האסט געטאן דאס אויף דער הייסער מינוט. און ווען דו וועסט ענדליך בעוואוסטזיניג און רוהיג נעמען אויספיהרען דיין בעשלוס, דערמאן זיך כאטש אויף איין מינוט אן דעם גרינעם צימער אין געבורט אנשטאלט, וואו גרענדאל און איך זיצען ביי א פריינדליכען געשפרעך און רויכע־רען גוטמוטיג די ליולקעס, ווען דו קלייבסט זיך צו בעגעהן זעלבסטמארד. דערמאן זיך אויך אן די קברים פון דיינע על־

טערן, דערמאָן זיך, אַז ביי הזכרת נשמות וועלען די קברים בלייבען פערלאָזען און איינזאַם... און דאַן מעגסטו געהן כאָטש צום טייוועל...

„ניין, אַ כעס כאַפּט מיך איינפאַך אָן, וואָס דו קענסט עפּעס אַזוינס אָבטאָן, גאָר ווי אַ נאַריש קינד! ווען איך וואָלט כאָטש אויף איין אויגענבליק זיין לעבען דיר! איך וואָלט שוין געקענט ווירקען!... זאָל בעסער דער בריף נאָך ליגען אַביסעל, און איך וועל דערווייל פערוויכערען אַ ליולקע און וועל זעהן צו ווערען רוהיגער, ווייל איך בין שוין צו בייז...

„איך שרייב ווייטער. ווי אַזוי דאָס איז געשעהן, ווייס איך ניט אויף זיכער. דער אַלטער פאַנגעל איז מיט מיר ניט געווען גאַנץ אָפענהערציג, און מען האָט דאָס ניט געקענט ערוואַרטען. און וואָס אָנבעטרעפט ווילהעלם פאַנגעל, איז פון זינט דו ביזט אוועקגעפאָהרען, איז ער שרעקליך בייז. קעניג האָט מיר דערצעהלט, אַז זיין שוועסטער האָט געהערט, אַז פאַנגעל׳ס דיענסט האָט געזעהן, וואָס צווישען דיר און ענגבערג׳ען איז פאָרגעקומען אין פאַרהויז. מען האָט אָנגעהויבען דערצעהלען מעשות, דאָס איז דערגאַנגען צום אַלטען פאַנגעל, און איינגיכען איז טאַרא פאַנגעל געוואָרען ענגבערג׳ס חתן.

„דאָס אַלץ איז ווייניג אָנגענעם פאַר דיר, איך פערשטעה דאָס גוט. דו האָסט זיך מסתמא געשלאָגען ביי וואַרשא מיט דעם געפיהל, ווי דאָס וואָלט געווען אַ הייליגע שטאָדט, וואו דיין דולצינעע געפינט זיך. און איצט זעהסטו איין, אַז דו האָסט זיך געשלאָגען, ווי דאַן קי... עס לוינט ניט, איבריגענס, אַרויסצוברענגען דאָס גאַנצע וואָרט. אָבער איך טרייסט זיך מיט דעם, וואָס דאָס ערגסטע איז שוין פאַראיבער, די אָפּעראַציאָן איז געמאַכט געוואָרען, און די וואונד וועט זיך באַלד פערהיילען, ווען מען וועט זי נאָר היילען ווי געהעריג. פאַר אַ צערשטרייאונג וואָלסטו געקענט אַרומפאָהרען איבער פריעדליכע לענדער, — דאָס איז דער בעסטער מיטעל פאַר אַן אונגליקליכער ליעבע. אויף ווי ווייט איך האָב בעאָבאַכט ליעבע, איז דאָס אויף מיין וואָרט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר דיזעלביגע קראַנקהייט, וואָס

מען רופט אין אלטעגליכען לעבען היקען. מען דארף נאר אבווענדען דעם קראנקענ׳ס אויפמערקזאמקייט פון דעם היקען, און די קראנקהייט פערשווינדט באלד.

„דו וואלסט געדארפט מאכען א קליינע לוסטרייזע און קורמען אהער, צו ווייזען זיי אלעמען, אז דו ביזט גאר ניט געדריקט. ווען איך האב דערצעהלט בנימין׳ען דיין געשיכטע, האט ער מיט פרייד אויסגערופען: „ווי גוט דאס איז! רבי הערש אין מידלפארט האט א טאכטער, איז זי זעהר רייך און נאך ניט פערהייראט“. קום אהיים, יעקב בענדיקסען! דו ווילסט דאך ניט, אז דעם נאסטאר׳ס פרוי זאל אלעמען דערצעהלען רעכטס און לינקס, אז דו ביזט דער׳הרג׳עט געווארען אדער ביזט א קריפעל, אדער דו ווילסט איהר טאקי פערשאפען דאס פערגניגען? ניין, איך האף, אז דו ווערסט מאכען א שפאטישע מינע דאס ערשטען מאל, וואס דו ווערסט זיי בעגעגענען אויף׳ן גאס, אדער אז דו ווערסט רוהיג צוגעהן צו זיי און ווערסט זיי פריינדליך גראטולירען מיט דער פאמיליען געשעהעניש. מיט איין ווארט, טו וואס דו ווילסט, נאר זיי פערנינפטיג... און זאלען די פאליאקען שלאגען די רוסען, אדער די רוסען זאלען שלאגען די פאליאקען, וואס, אייגענטליך, געהט דאס דיר אן? ווייל אויב די רוסען ווערען אפילו איינעמען ווארשא, וועט דאס דיר גאר ניט שטערען צו ווערען א מעדיצין און כירורגיע דאקטאר און זיך איינשאפען מיט דער צייט א ריעזיגע פראקטיק.

„נו, מעהר האב איך שוין ניט קיין ווערטער. אויב אט די דאזע וועט דיר ניט העלפען, ביזטו בכלל ניט ווערט, מען זאל אויף דיר פערשווענדען וועלכע עס איז רעצעפטען. אין אזא פאל בלייב איך דיין געוועזענער פריינד, וואס פערזאוט דיך אהן א גרעניץ, מארטין לעווי, קאנדידאט פון כירורגיע און מעדיצין“.

יעקב איז אויפגעשטאנען, צוגעגאנגען צום פענסטער און צוגעדריקט דעם שטערן צום קאלטען גלאז. ער האט געקוקט פאר זיך מיט א ווייטען בליק, אהן געדאנקען און געפיהלען. עס איז געווען סוף זומער, די אווענטען זיינען שוין געווען פינסטער, אבער דער הימעל איז געווען קלאר. די שטערן האבען אראבגע־

קוקט פון הימעל, ווי מילדע, ערנסטע אויגען, די סילועטען פון הייזער האָבען זיך געהויבען צום הימעל, ווי לעבעדיגע בעשע־פענישען, וואָס ווילען פריי אויפאָטמען.

פלוצלונג האָט זיך אויף'ן הימעל בעוויזען א פייער און האָט בעגאָסען דאָס דערבייאיגע הויז מיט א רויטען ליכט... אויף'ן גאס האָבען זיך דערהערט הויכע אויסגעשרייען: „ארונטער די פערעטער!" און באלד נאָכדעם האָט זיך דערהערט א וואיען פון דער מאסע, דאן פריידיגע אויסגעשרייען... איבער דער גאס האָט זיך פערבייגעטראָגען א גאנצע אבטיילונג רייטער, ווידער האָבען זיך דערהערט שארפע געשרייען, שאָסען, קרעכצען... דאן איז געוואָרען שטיל... און ווידער א געשריי און א ליארעם. אין וואהנזיניגער פערצווייפלונג האָבען די פאָליאקען צוריסען איינער דעם צווייטען.

דאָס איז עפּעס ווי פערנעבעלט דערגאנגען צו יעקב'ס בעוואוסטזיין.

ענדליך איז איננאנצען שטיל געוואָרען.

יעקב איז געקומען צו זיך און האָט דערהערט, ווי עמיצער רופט איהם ביים נאָמען און קרעכצט ביי איהם אין צימער. ער איז שטיל צוגעגאנגען צו בנימין'ס בעט און האָט דערזעהן, אז דער קראנקער איז איננאנצען בלוי און פיהרט מיט דער האנט אין דער לופט.

— זייט איהר דאָ? — האָט דער שטארבענדער געקרעכצט.

— איך דארף אייך עפּעס זאָגען... דאָס איז יעקב, דער זוהן פון רבי פייבוש... וואָלט איך איהם דען ניט דערקענט?.. מיין פרוי האָט געבאָרען א זוהן... מזל טוב, זאָג איך, יעטע, זי איז געוועזן אזוי שעהן!... דאָ איז דער מלאך המות... דאָ קומט ער... וועה, וועה! וואו זייט איהר, גוטע יהודים... ודוי זאָגען? אשמתי, בגדתי, גזלתי, תפלתי שקר.. דאָ איז זי, דאָ איז יעטע!.. או, יעטע... יעקב! בן רבי פייבוש! אייער מוטער איז געשטאָרבען פון אימת פאר אייך... זיי חרג'ענען אייך... א, שמע ישראל!..

בנימין איז געוועזן טויט.

יעקב האָט זיך אָראָפּגעלאָזען אויף די קניה פּאָר'ן טויטען. ער האָט געפּרואווט וויינען, אָבער זיינע אויגען זיינען געווען טרו־קען און האָבען געברענט, און קיין איין טרער איז פון זיי ניט ארויס...

— די רוסען זיינען דאָ! — האָט אַן אָפיציר אַ געשריי געטאָן, אריינלויפענדיג אין צימער.

יעקב איז אויפגעשפּרונגען, האָט געכאַפּט זיין ביקס און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין גאַס.

— דערווייל איז נאָך גאָר ניט אַזוי שלעכט! — האָט גע־זאָגט יאַסינסקי, וועמעס אויגען האָבען געברענט פון אויפרעגונג, ווען ער האָט זיך בעגעגענט מיט יעקב'ן. — אין עטליכע שעה ארום וועט זיך צוברעכען די שלאַכט. לעג צו דעם אויער צום ברוסטוועהר, ועסטו דערהערען פון ווייטען דעם גערויש פון די קאַנאָנען. אָבער אומזיסט וועלען זיי שטורעמען אַט די בעפעס־טיגונגען און זייערע פערטיידיגער. און ווען זיי וועלען מוזען צוריקטרעטען, ערשעפּט פון דעם קאַמף אָהן אַ רעזולטאַט, וועט צו אונז איילען צו הילף די צוואַנציג טויזענדיגע אַרמיי אונטער דער קאָמאַנדאָ פון ראָמאַרינאָ, און מיר וועלען זיי צושלאָגען. איצט זיינען זיי אין אונזערע הענט! פּוילען וועט זיגען!

און יאַסינסקי האָט געאיילט ווייטער, דריקענדיג הייס יעקב'ס האַנט. יעקב האָט איהם נאָכגעקוקט און געקלערט:

„עס וואָלט געווען פיינליך איהם צו ענטוישען. זאָל ער זיך טרייסטען כאָטש נאָך אַ פּאָר שעה מיט אַ ליכטיגער האָפנונג".

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן ברוסטוועהר און האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן הימעל. די שטערען זיינען בלייך געוואָרען איינע נאָך דער אַנדערער, זיינען ווי צושמאָלצען געוואָרען אין דער פּאַרטאָגיגער טונקעלקייט. אין מזרח האָט זיך שוין באַוויזען אַ בלייך־ראָזער פּאַס, אין דער צייט ווען דער איבריגער הימעל איז ווי נאָך טונקעלער געוואָרען, און אויף דעם בלייכען פאָן האָ־בען זיך אויסגעטיילט די זאָנדערבאַרע לייכטע וואָלקענדלעך.

— גאָט אין הימעל! — האָט יעקב אויסגערופען אויס־

שטרעקענדיג די האנט צום ראָזען שטרייף אין מזרח,—הערשער איבער מענשען... אויב דו עקזיסטירסט נאָר ! איך זאָג דיר, אויב איך וועל פון דאנען אוועקגעהן א לעבעדיגער, וועל איך טויטען איין מענשען. איך האָב דיר דאָס געזאָגט !

עמיצער האָט איהם ארויפגעלעגט די האנט אויפ'ן אקסעל. ער האָט זיך אומגעקערט און דערזעהן רב עקיבא'ן.

— כל ישראל אחים ! — האָט דער איד געזאָגט פייערליך און ערנסט.

— איז וואָס ? — האָט יעקב געפרעגט.

— ברודער, געה אוועק פון דאנען ! איך זאָג דיר : דער, וועמען מען רופט ראמאָרינא, וועט ניט קומען. ער געפינט זיך פינף טעג גאנג פון דאנען. ער וועט אָנקומען נאָכדעם, ווי ווארשאָ וועט שוין גענומען ווערען.

— רב עקיבא ! — האָט יעקב געזאָגט. — איהר האָט גע־רעטעט מיין לעבען, איצט וועל איך רעטען אייערס : געהט אוועק !

— מאָרגען וועט שוין זיין שפעט, — האָט דער איד ניט אויפגעהערט, — מאָרגען, ווען איך וועל קומען אייך זוכען, וועל איך נאָר געפינען אייער קערפער. איך זאָג אייך : די שטאָדט איז א פאראורטיילטע, זי וועט גענומען ווערען. זי איז ווי אַן איבערגעזעגטער בוים, — נאָר איין ציייכען, און ער וועט אומפאלען. געהט צו די רוסען, אויב אייך ווילט זיך אזוי שטארק שלאָגען.

— געהט אוועק, רב עקיבא ! — האָט יעקב א געשריי גע־טאָן, אָנכאפענדיג זיין סאבעל.

— נו, נו, שרייט נאָר ניט, — האָט דער איד שרעקעדיג געשטאמעלט, — אָט טו א טובה א אידען ! אָבער ער איז דאָך געוועזן אין מזן הויז אין צייט פון שבעה, — האָט ער געמורמעלט אוועקגעהענדיג פון יעקב'ען.

א סיגנאל שאָס פון א קאנאָן האָט זיך דערהערט, און איבער ווארשא איז אויפגעגאנגען דער מאָרגען פון 6טען סעפטעמבער. הונדערטער פייערשפייענדיגע מיילער האָבען זיך געעפענט,

די לופט האָט געציטערט פון דער אונאויפהערליכער קלאַפּעריי. די שאַפּונגען פון מענשליכע הענט, וואָס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען ווי אונצושטערבאַרע דענקמאַלען, זיינען צושאָסען גע־וואָרען אין שטויב... אָבער אויף די רואינען זיינען שוין גע־שטאַנען גרייט די פּוילישע פאַרטיידיגער.

דער פיינד האָט זיך אַלץ דערנעהנטערט, מען האָט שוין געהערט די שאָסען פון ביקסען... אָט זיינען די טויט פיינד זיך צונויפגעקומען, און די שרעקליכע ארבייט מיט די באַיאָנע־טען האָט זיך אָנגעהויבען...

נאָכאמאָל האָט שטאָלץ זיך אויפגעהויבען דער פּוילישער אָדלער, די רוסען האָבען גענומען זיך בויגען צוריק...

יעקב איז פאַרוואונדעט געוואָרען אין ברוסט און איז גע־לעגען אויף דער פאַרבלוטיגטער ערד האַלב באַוואוסטזיניג, ער איז געווען אַן עדות פון דער שרעקליכער שלאַכט.

ענדליך האָט זיך די שלאַכט איינגעשטילט. דער קאָ־מאַנדיר האָט באַפוילען אַ טייל פון דער ארמיי צו פאַרלאָזען וואַרשא און איבערגעהן אין אַנדערע פּונקטען פון דער פעסטונג. יאַסינסקי'ס רעגימענט איז געווען צווישען די, וואָס האָבען גע־פאָלגט דעם קאָמאַנדיר'ס באַפעהל און האָבען פאַרלאָזען זייערע ברידער, אום זיי מעהר קיינמאָל ניט צו זעהן.

דער געדאַנק, אַז יאַסינסקי פאַרלאָזט איהם, האָט אַזוי שטאַרק אויפגערעגט יעקב'ען, אַז ער האָט פאַרלאָרען דאָס באַ־וואוסטזיין.

אביסעל שפּעטער האָט איהם אויסגעוויזען, אַז ער זעהט, ווי רב עקיבא האָט זיך אָנגעבויגען צו איהם. דאַן האָט ער דער־הערט, ווי סאָלטאַו און די קאוואַלעריסטען האָבען אַ געשריי גע־טאָן: „פאַרפלוכטער איד! מיאוס'ער פאַררעטער פון קריסטוס'ען!... האָט דאָ ווער אַ שטריק?...“ — „איך בין ניט קיין איד!“ — האָט זיך רב עקיבא געבעטען. — „ער איז ניט קיין איד“, — האָט זיך דערהערט יאַסינסקי'ס שטים. — „ענטשולדיגט, מיינע הערען, ער איז אַ איד!“ — האָט געזאָגט לייטענאַנט ענגבערג און האָט אריינגעשטאָכען רב עקיבא'ן אין

ברוסט זיין סאבעל. — „אוי, שמע ישראל!" — האט רב עקיבא א קרעכץ געטאן, כאפענדיג זיך פאר די ברוסט, פון וועלכער דאס בלוט האט שוין געשטראמט ווי פון א פאנטאן. און צוזאמען מיט דעם שטראם בלוט איז פון ברוסט ארוים זיין נשמה, אין דער פארם פון א העסליכער שווארצער שלאנג. די שלאנג האט אין איין אויגענבליק זיך ארומגעוויקעלט ארום יעקב'ס קערפער און האט איהם מיט א שווינדעלדיגער שנעלקייט אוועקגעטראגען אין אונענדליכען פינסטערען רוים. און פלוצלונג האט ער זיך אפ־געשלאגען אן עפעס א וואנט מיט אזא גערויש, ווי הונדערטער קאנאנען וואלטען מיט אמאל אויסגעשאסען, און באלד נאכדעם איז ער אריינגעפאלען אין א שווערען שלאף אהן חלומות. ער האט זיך נאר איינמאל אויף א ווייל: אויפגעכאפט, און איהם האט אויסגעוויזען, ווי אין נעבעל, אז יאסינסקי זיצט לעבען איהם און וויינט, אבער ער האט דערפיהלט א שארפען ווע־טאג אין ברוסט און האט זיך ווידער פערגעסען.

VII

אויף'ן פרייסישען גרענעץ,ביים טייך נייסע, איז געלעגען א קליין דארף, ארומגערינגעלט פון נידריגע בערג. אין איין עק דארף טרעטען די בערג אב צוריק און מאכען א האלבען קרייז, ארום א פרוכטבארען טאל, אין וועלכען דער טייך פליסט דורך. ביים אריינגאנג אין טאל שטעהען עטליכע איינזאמע הייזלעך; ווען מען זאל אויף זיי קוקען פון דער זייט, דערמאנען זיי קינדער, וואס האבען זיך צושטיפט און אנטלאפען ווייטער פון די עלטערע.

אין איינעם פון את די הייזלעך, וואס האבען געהערט צו מענשען פון פוילישער אבשטאמונג, האבען זיך באזעצט יעקב און יאסינסקי.

נאכ'ן איינעמען פון ווארשא האט יאסינסקי אבגעזוכט יעקב'ן, און ווי נאר זיין וואונד איז נענוג פארהיילט געווארען, אז מען האט איהם געקענט ריהרען פון ארט, איז ער מיט איהם אוועק צום גרענעץ. דער גרענעץ איז געווען שטרענג באוואכט,

אָבער יאסינסקי האָט ווי דורך אַ וואונדער ביינעקומען אַלע שווערקייטען און געפאהרען. די שווערקייטען פון דער רייזע האָבען שיעור ניט אומגעבראַכט יעקב'ן, און ער איז עטליכע מאָל קראַנק געוואָרען, און די רייזע איז דאַן אונטערבראָכען געוואָרען אויף אַ לאַנגע צייט. אויף אַזאַ אופן איז די שעהנסטע צייט פון יאָהר פאַרגאַנגען פאַר די פריינד אין אונגליק, שרעק און זאָרגען.

דער זומער איז שוין געקומען צום סוף, מען האָט שוין באַלד געדאַרפט זיך צושיידען, און יאסינסקי איז מיט יעדען טאָג געוואָרען אַלץ שווייגענדיגער, אַלץ פינסטערער, ווי ער וואָלט אויף יעקב'ן בייז געווען, וואָס ער דאַרף זיך מיט איהם צושיידען.

דער לעצטער אָווענד איז אָנגעקומען. די זאַך פאַר דער רייזע זיינען שוין געווען פאַרבונדען און זיינען געלעגען אויפ'ן טיש צווישען געוועהר און אַנדערע זאַכען. יאסינסקי איז יעדע מינוט ארויסגעגאַנגען פון הויז, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך צום לעצטען מאָל דורכשפּאַצירען איבער דעם געגענד, איז אָבער באַלד געקומען צוריק און האָט זיך שווייגענדיג געזעצט ביים פענסטער.

ענדליך האָט ער געזאָגט:

— דו זיצט דעם גאַנצען אָווענט, ווי אַ שטומער. מען קען מיינען, אַז מיר זיינען צוויי ווייבער, וואָס דאַרפען זיך צושיידען.

— יאסינסקי, איך קלער וועגען די שעה'ן, וואָס מיר האָבען פאַרבראַכט צוזאַמען. ווער וויים, צי איז נאָך אונז באַשערט ווען עס איז צו זעהן זיך ווידער.

— פאָהר מיט מיר.

— דו ווייסט גוט, וואָס מיך ציהט אַהיים. ניין, בעסער ענדער דו דיין פּלאַן און פאָהר מיט מיר אין דענמארק. עס איז דאָך נאָך ניט צו שפּעט.

— וואָס פאַר אַ זין האָט פאַר מיר דאָס פאָהרען אין דענמארק אָהן אַ ציעל און אָהן באַשעפטיגונג? ניין, דאָ קען מען

שוין גארניט מאכען. אונזערע וועגען געהען זיך פאנאנדער, מיר מוזען זיך צושיידען.

זיי האבען לאנג געשוויגען. ענדליך האט יאסינסקי ווי־דער געזאגט:

— ווי דער געגענד פאסט פאר דעם מאמענט. הינטער די שוואך באלויכטענע בערג זינקט אלץ אין א געהיימניספולע פינסטערניש, פונקט ווי אונזער צוקונפט. צווישען די פינס־טערע מאסען ריהרט זיך נאר דער טייך, וואס לאזט זיך אראב איבער שטיינער, ווי א לעבעדיגע באשעפעניש. דא באהאלט ער זיך אין דער פינסטערניש, דא גלאנצט ער אין דעם דורכזיכטיגען ליכט פון דער לבנה, ווי עפעס א געדאנק וואלט איהם פלוצלונג באהערשט און וואלט אין נעקסטען אויגענבליק שוין געוועזן פאר־שוואונדען... אט דער טייך איז אן אייביג וואכע עראינערונג ווע־גען מיין היימאט.. זאנדערבאר,—האט ער געזאגט, נאכדענקענדיג א ווייל, — דער מענש אליין זעהט ניט איין, ווי שטארק און לעבענספעהיג ער איז. מיט א יאהר צוריק אין ווארשא, ווען פוילען האט נאך געהאט א פאלק און ארמיי, ווען דער זיעג פאר אונזער געוועהר איז נאך געוועזן נאהנט, וואלט נאר איין גע־דאנק וועגען א צייט, ווי די, וואס מיר לעבען איצט איבער, גע־וועזן פאר מיר טויטליך. און אט איז די צייט געקומען, און איך לעב, עס און טרינק, און נאך מיט א גרעסערען אפעטיט, ווי קיין זאך וואלט ניט געשעהן, וואס זאל ווירקען אויפ'ן אפעטיט... זעה, נאר וואס האט דער טייך הויך א שפריץ געטאן אין לבנה־שיין... ווי א וואהנזיניגער, שטעכיגער געדאנק ווע־גען נקמה.

— נקמה, — האט יעקב געזאגט פארטראכט. — אך, ווען מען וואלט געקענט מיט נקמה ענדערען דאס, וואס איז גע־שעהן! ווען מען וואלט געקענט טויטען א מענשען'ס האנד־לונג, טויטענדיג דעם מענשען.

יאסינסקי האט זיך אומגעקערט און האט לאנג אויף איהם געקוקט.

— ניט אזוי האסטו גערעדט, ווען דו ביזט געלעגען אין

היץ און האָסט געמורמעלט דעם נאָמען פון דעם מענשען, וואָס האָט ביי דיר צוגענומען דיין כלה, און דערביי האָסטו זיך אַזוי געהיצט, אַז דיין וואונד האָט זיך געעפענט, און בלוט האָט געשטראָמט פון איהר, ווי פון אַ קוואַל.

— יע, דאָס איז אפשר געווען אַ רעזולטאַט פון דעם שרעקליכען באוואוסטזיין, אַז איך קען ניט נעמען נקמה, און אָבזאָגען זיך פון נקמה קען איך אויך ניט. יאָ, אין דעם ערשטען אויגענבליק בין איך ווירקליך פעהיג געווען ארויפצור־וואַרפען זיך אויף איהם, ווי אַ ווילדע חיה. אָבער ווען איך האָב מיר שפּעטער פאַרגעשטעלט, אַז דער מענש איז געווען אין מיינע הענט, און האָב אין גערדאַנק דורכגעקלערט וועגען די אַלע מיטלען, מיט וועלכע איך וואָלט איהם געקענט טאָן שלעכטס, און אַליין ווערען גליקליך, האָב איך זיך אָבגעזאָגט פון אַלץ און געטרייסט זיך נאָר מיט דעם, וואָס די נקמה געהערט צו גאָט.

— מען קען ניט זאָגען, עס פּאַסט דיר טאַקי צו זיין רעלי־גיעז! — האָט געזאָגט יאַסינסקי מיט שפּאָט און איז ווידער ארויס פון צימער.

יעקב איז לאַנג געזעסען טיף פאַרטראַכט. ענדליך איז ער אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום טיש, גענומען יאַסינסקי׳ס סאַבעל, ווי באַטראַכטענדיג זי, און אַראָבבויגענדיג זיך אַלץ נידריגער, האָט ער פּלוצלונג זי צוגעדריקט צו זיינע ליפּען.

אַביסעל שפּעטער איז געקומען יאַסינסקי. ער האָט אָנגע־כאַפּט יעקב׳ס האַנט און געזאָגט מיט טרערען אין די אויגען:

— ענטשולדיגט, טייערער בענדיקסען, איך בין אַזוי אויפ־געדעגט און אַזוי ניט צערטליך מיט דיר! אָבער די צייט איז מיין האַרץ ניט רוהיג, און איך בין בייז אויף זיך און אויף די גאַנצע וועלט. אַט האָב איך דיך נאָר וואָס באַליידיגט.

— אָ, ניין, יאַסינסקי! איך מוז זיין אויפריכטיג און מודה זיין, אַז דו ביזט גערעכט! אַט די רעליגיעזיטעט איז אייגענטליך ניט קיין אַנדער זאַך פון מיין זייט, ווי אַן אַנשטעל פאַר דער גאָטהייט. איך בין אפילו ניט זיכער, אַז אַזאַ קראַפט עקזיס־טירט, און אין דערזעלבער צייט האָב איך מורא פאַר איהר,

האָב מורא צו באַליידיגען זי, אז זי זאָל ניט אָבנעמען ביי מיר דאָס איינציגע און לעצטע, וואָס מיר איז געבליבען אין לעבען.

— אָרימער פריינד! דענקסטו דען, אז מיט דיין אָנשטעל וועסטו אויסווירקען, אז די גאָטהייט זאָל טאָן א נס, און זי זאָל דיר בלייבען טריי?

— איך ווייס ניט, יאסינסקי, אבער מיר דוכט, אז דאָס וואָלט געווען אזוי נאַטירליך... איך קען אָלץ ניט אָננעמען דעם געדאַנק, אז דאָס איז ניט אזוי! ווען דו וואָלסט זי גע־קענט! ווען דו וואָלסט זיך געקענט פאָרשטעלען, וואָס פאר א באצויבערענדע באשעפעניש דאָס איז!... אָ, איך וואָלט גע־ליעבט אי גאָט, אי מענשען, ווען זי וואָלט נאָר אָנגעהאַלטען איהר ליעבע צו מיר! איך וואָלט געווען גרייט צוצודריקען צו מיין ברוסט יעדען קריסט און איהם אָנרופען מיין ברודער, ווייל זי איז א קריסטליך מיידעל... איך צושטריי זיך מיט דעם געדאַנק, אז איך וועל קומען אהיים, שטעל מיר פאָר, ווי איך וועל זי באגעגנען נאָך דער לאַנגער צושיידונג... איינמאָל האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, ווי זי שטעהט פאר דעם אַלטאַר... מיט איהם. דער גלח האָט געעפענט דעם הייליגען ספר און האָט געזאָגט דאָס געבעט. זי איז געשטאַנען און האָט געציטערט מיט יעדען אבר. דער גלח האָט געפרעגט, צי זי שטימט צו צו נעמען דעם מענשען פאר א מאַן. זי האָט א ריהר געטאָן מיט די ליפּען, האָט אבער ניט געקענט ארויסברענגען קיין קלאַנג... דאַן בין איך ארויסגעטראָטען, און זי האָט מיט א הויכען אויסגעשריי זיך געוואָרפען מיר אויפ'ן האלז. יע, אָבער דאָס זיינען נאָר טרוימען... דאָס איז אונמעגליך!... אין מיין פאָרשטעלונג האָב איך געזעהן אפילו זייער פאמיליען־לעבען. ער האָט געלעזען א צייטונג און געגענעצט, און זי איז געזעסען ביים טיי־טישעל, א בלייכע און פארקלערטע, און האָט גע־דרעהט אין האנט א לעפעלע... די דיענסט איז אריינגעקומען און האָט ערקלערט, אז אן אונבאקאנטער אָפיציר איז געקומען און וויל רעדען מיט'ן לייטענאַנט. ער איז ארויס אין קאַבי־נעט, איך בין איהם געקומען אנטקעגען און איהם ארויסגע־

רופען אויף א דועל — איך האָב דאָס געקענט טאָן. ווייל איך בין אויך אַן אָפיציר! — דאָ איז זי ארויסגעלאָפען און האָט אַ געשריי געטאָן: „שוין איהם, שוין איהם, ער איז דער פאָטער פון מיין קינד! אויב דו ווילסט האָבען אַ באַפרידיגונג, קענסטו זי באַקומען. אין דער אַנוועזענהייט פון מיין מאַן זאָג איך דיר, מיין געליעבטער, אַז איך ליעב נאָר דיך און וועל אייביג נאָר דיך אַליין ליעבען!...“ איך בין אַוועק און האָב אָבגעגעבען מיין לעבען דער שעהנער און הייליגער קריסטליכער זאַך... אפשר וועט מיר גאָט לאָזען אָנהויבען מיין לעבען פון דאָס ניי אויף אַ נייעם אַרט, ווייל איך באַמערק, אַז ביז איצט איז אַלץ ארויסגעקומען ביי מיר, ניט ווי דאָס וואָלט געדאַרפט זיין.

— היינט אָוועגט דאַרפען מיר זיין פרעהליך! — האָט יאַסינסקי אויסגערופען, — איך וועל מאַכען אַן אויסגעצייכענטען גראָג! און איך וועל טרינקען, ביז מען וועט מיין פערד ניט צופיהרען צו דער טיר. איך וועל נאָכאַמאָל זינגען פוילישע ליעדער, און דו וועסט זינגען וועגען דער גליקליכער ליעבע... אפשר וועלען אונזערע הערצער פלאַצען, און מיר וועלען ניט דאַרפען זיך צושיידען.

— איך קען נאָך ניט שטאַרבען, — האָט יעקב געמורמעלט.

זיי האָבען לאַנג געשוויגען. דאַן האָט יאַסינסקי ווידער געזאָגט:

— מיר איז אַזוי אונגעהויער שווער צו שיידען זיך מיט דיר, בענדיקסען. איך האָב אַ געפיהל, ווי צושיידענדיג זיך מיט דיר, וואָלט איך אינגאַנצען פאַרלאָרען מיין היימאַט, און דאַן ווערט מיין געוויסען געמאַטערט ביי דעם געדאַנק, אַז דו האָסט צוליעב פוילען פאַרשוועגדט דיין פאַרמעגען, אפשר אַלץ. אַ זוהן דאַרף באַצאָהלען דעם חוב פון זיין געשטאָרבענעם פאָטער, אַז ער זאָל כאָטש קענען מיט עהרע ליגען אין קבר. אבער דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב גאָרניט.

— טייערער יאַסינסקי, מיר טוט וועה דיך צו הערען.

פארוואס קוקסטו אויף אויף מיר, ווי אויף א פרעמדען? אוי־ סערדעם בין איך גאר ניט ארים. אין מיין היימאט האב איך א פארמעגען, מיין פאטער איז געווען א רייכער מענש. דערי־ בער לוינט גאר ניט צו רעדען וועגען דעם.

— אט ווערט שוין טאג, — האט געזאגט יאסינסקי, אומ־ קערענדיג זיך צום פענסטער. — איצט קענען מיר שוין רעכע־ נען די מינוטען, וואס זיינען אונז געבליבען צו פארברענגען צו־ זאמען. איך וואלט געוואלט אבשטעלען די צייט, און אין דערזעלבער צייט וואלט איך געוואלט, אז די שווערע מינוטען זאלען זיין פאראיבער וואס שנעלער. איך בעט דיך, ערפיל מיין איין פארלאנג: לאמיר פון דאנען ארויספאהרען גלייכ־ צייטיג. אויפ'ן וועג וועלען מיר פלוצלונג א קער טאן די פערד אין פארשידענע ריכטונגען, און וועלען מעהר זיך ניט אומקע־ רען... אזוי וועט זיך אלץ ענדיגען...

VIII

דער דאמפער האט ארויבגעלאזען דעם אנקער, און שיפ־ לעך זיינען צו איהם צוגעקומען, ארויבצונעמען די פאסאזשירען.

ביים צאל־אמט האבען איינעם באגעגענט א פרוי און קינ־ דער, א צווייטען האט א פריינד שוין פון דער ווייט אויסגע־ שריען א באגריסונג, א דריטען האט העפליך באגעגענט א דיע־ נער און האט איילענדיג ארויסגענומען פון זיינע הענט דעם באגאזש. איין איינציגער פאסאזשיר אין דער גאנצער טו־ מעלדיגער מאסע איז פארבייגעגאנגען פון קיינעם ניט באמערקט און האט נערוועז גענומען שפרייזען איבער די גאסען.

פון צייט צו צייט איז אויף זיין געזיכט דורכגעלאפען א צופרידענער שמייכעל, ווען ער האט דערקענט די אלטע ער־ טער. אבער באלד איז ווידער געקומען דער טרויעריגער אויס־ דרוק, ווי ער וואלט מורא געהאט זיך אבצוגעבען צו פריידיגע געפיהלען.

ער איז שוין פארבייגעגאנגען פאנגעל'ס הויז... אט האט ער עס ווידער דערזעהן! אלע פענסטער זיינען געווען פאר־

האנגען. ער האָט מיט ערלייכטערונג א קלער געטאָן: „זיי זיינען אויפ'ן לאַנד, איך האָב דאָס געוואוסט, און זי איז אויך דאָרט... היינט אָוועגט!"

ער האָט א קער געטאָן אין אנאנדער גאַס און איז געגאַנגען צום הויז, וואו לעווי האָט געוואוינט. ער האָט ניט געקענט איינהאלטען א שמייכעל, ווען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם פריינד'ס פריידיגע פארוואונדערונג.

אין געבורט־אַנשטאַלט האָט מען איהם געזאָגט, אז לעווי האָט זיך שוין לאַנג איבערגעקליבען צו זיין אלטער בעל־הבית'טע.

— גאָט מיינער, זייט איהר דאָס, הער דאָקטאָר! — האָט די אלטע אויסגערופען, — איך האָב אייך ניט דערקענט, ביז איהר האָט ניט אָנגעהויבען רעדען. איך בעט אייך, קומט אריין און זעצט זיך. אבער ווי איהר האָט זיך דאָס געענדערט! איהר האָט זיך געעלטערט אויף צעהן יאָהר! איך פארזיכער אייך. אַך, די יונגע לייט! — האָט זי צוגעגעבען, דראָהענדיג שלוי מיט'ן פינגער. — אין אויסלאַנד איילען זיי זיך צו לעבען, באַזונדערס אין פאריז, וואו אזוי פיעל רייצענדע און וואגענדע פרויען זיינען פאראַן.

— זאָגט נאָר, ליעבע מאדאַם, וואו איז לעווי

— ער איז אוועק שפּאַצירען, דוכט זיך, מיט דעם הערן קעניג. יענער איז נאָך איהם געקומען. איהר ווייסט דאָך, ווי לייכטזיניג די יונגע לייט זיינען. אבער הער לעווי איז א זעלטענער מענש, און דעריבער איז מיר א שאָד, וואָס ער פאָהרט אָב אין אויסלאַנד...

— ווי, הער לעווי פאָהרט אין אויסלאַנד?

— יע, אזוי האָט ער באַשלאָסען. ער וועט פאָהרען אין שווערען שטודירען די כאָלערא. אַך, די יונגע לייט! פאר זיי איז פאָהרען אין די ברייטע וועלט א קלייניגקייט! קיינער טרויערט ניט און בענקט ניט נאָך זיי... איהר געהט שוין אוועק, הער דאָקטאָר? און אין אָווענט וועט איהר ניט קומען? הער לעווי וועט אין אָווענט געוויס זיין אין דער היים. אַך, וואָס

פאר א זעלטענער מענש דאָס איז!

— ניין, — היינט אָוונט פאָהר איך ארוים פון שטאָדט. איך בעט אייך, זאָגט לעווי'ן, אז איך שטעה איין אין האָטעל דיו נאָר.

— פאָהרט איהר אין דאָרף? מסתמא צו אייערע גוטע באקאנטע? יע, דאָס וועט פאר אייך זיין א גרויס פארגניגען. גוט, איך וועל זאָגען הערן לעווי. אדיע, הער דאָקטאָר! איך האָף צו זעהן אייך ווידער איינגיכען. אדיע.

„אפשר איז בעסער, וואָס איך האָב איהם ניט געפונען אין דער היים, — האָט יעקב געקלערט, ארויסגעהענדיג פון טויער. — און איצט..." — און ער האָט צוגעלעגט די האנט צום האר־צען, ווי וועלענדיג איינשטילען זיין וואהנזיניג קלאפען.

* * *

עס איז געווען סעפטעמבער אָוונט. איבער דעם ים־אויס־גוס האָט געשיינט א בלוטיגע לבנה, וואָס איז נאָר וואָס ארוים־געשוואומען פון הינטער א גרויסען שווארצען וואָלקען. בים־לעבווייז איז זי געוואָרען אלץ ליכטיגער און האָט ענדליך אָנ־גענומען איהר געוועהנליכען געלען קאָליר און האָט באגאָסען מיט א גלייכען, רוהיגען ליכט דעם ים־אויסגוס און די ברעגען מיט די פעלדער, אויף וועלכע מען האָט נאָך געזעהן די נאָר וואָס אָבגעשניטענע תבואות. עס איז געווען זעהר שטיל, די בלעטער אויף די בוימער האָבען זיך ניט גערוהרט. פון ברעג האָט זיך דערטראָגען א לייכטער גערויש פון וואסער, וואָס האָט דערמאָנט שטילע, גע'גנב'עטע טריט.

אין ווייטען ווינקעל פון גאָרטען, וואו יעקב איז געשטא־נען, האָבען זיך דערטראָגען, מיט אייניגע אונטערברעכונגען, די קלאנגען פון פידלען און פלייטען. דאָס האָט מען גע־שפיעלט אין דעם העל־באלויכטענעם הויז.

— ביי זיי איז מוזיק, זיי פרעהען זיך! — האָט געזאָגט יעקב, ווארטענדיג מיט אָנגעשטרענגטער אונגעדולד, — אך, יע, היינט איז דאָך איהר געבורטסטאָג... אָט אהער פלעגט זי אמאָל קומען... דאָ וועל איך היינט אויף איהר ווארטען... און יעדען

אוועגט, ביז א צופאל, אדער דאס שיקזאל וועט זי ניט ברענ־גען אהער... אפשר טאנצט זי אין דעם מאמענט... אמאל האט זי געטאנצט מיט מיר!... וואס וואלט געווען, ווען איך זאל גאנץ רוהיג אריינקומען אין זאל און זאגען: גוטען אוונט!...

א גערויש אויפ'ן זאמד האט זיך דערהערט, עמיצער האט זיך דערנעהנטערט... דאס איז געווען טארא.

זי איז לאנגזאם און פארקלערט געגאנגען צום ארט, וואו ער איז געשטאנען... אט איז ער ווידער לעבען איהר! ער איז געווען גרייט צו פאלען פאר איהר אויף די קניה. ער האט זיך פארגעסען, קוקענדיג אויף איהר, און האט זיך ניט גערירט. ער האט געוואלט אריינגעמען אין זיך די וואונדערליכע זעהונג ביז דער לעצטער מינוט.

זי איז פארבייגעגאנגען א קליינע לאנקע, און די לבנה האט העל באלויכטען איהר געזיכט. איהרע באקען האבען גע־ברענט, און אין די אויגען איז געווען יענער אונגעוועהנליכער אויסדרוק, וואס איז געווען יעקב'ען אזוי באקאנט. איהם איז אונאנגענעם געווארען פון דעם בליק, און ער האט זיך ניט גע־איילט ארויסצוקומען פון זיין ווינקעל.

פלוצלונג האבען זיך דערהערט אנדערע טריט. טארא האט זיך אומגעקוקט. אין א מינוט ארום איז צו איהר צוגעגאנגען א יונגער מאן, האט זי ארומגענומען פאר דער טאליע און אוועקגעפיהרט צו א ביידעל.

דארט האבען ביידע זיך אוועקגעזעצט. ער האט זי ארומ־גענומען און א קוש געטאן.

זי האט שטיל געפרעגט:

— וואו איז מיין מאן?

— ער איז געווען אינגאנצען שכור, ווען איך בין פון איהם אוועקגעגאנגען, — האט דער יונגער מאן געענטפערט.

זי האט א ציטער געטאן און האט זיך ארויסגעריסען פון זיינע ארעמס. אביסעל שפעטער האט זי פארגלעט די האר אויף זיין שטערן, האט א קוק געטאן איהם אין די אויגען און געזאגט:

— גראבאָוו, א צייט וועט קומען, ווען דו וועסט מיך פארלאָזען און וועסט מיך פאראכטען. זאָלסטו וויסען, אז איך אכט דיך אויך ניט.

— זיי ניט קיין נארעלע, — האָט ער איהר געזאָגט, ארומ־נעמענדיג זי פאר דער טאליע.

אין איהרע אויגען האָט זיך ווידער באוויזען דער גלעזער־נער אויסדרוק, און זייערע ליפּען האָבען זיך באַגעגענט אין א לאנגען קוש.

— שטילער, — האָט טארא געזאָגט, אויפשפּרינגענדיג פון אָרט. — מיר האָט אויסגעוויזען, אז עמיצער האָט א זיפץ געטאָן... דאָס איז געווען א שרעקליכער זיפץ!

— נארישקייטען! דאָס איז געוויס דער ווינט אין די בלעטער! זאָל דאָס דיר ניט אַרען.

— ניין, עמיצער איז דאָ געווען!... אָט האָט איצט גע־רוישט דאָס גראָז אין גראָבען הינטער אונז.

— דאָס איז אביסעל ערד אראָבגעפאלען.

— ניין, ניין, עמיצער איז דאָ געווען! געה, גיב א קוק.

דער יונגער מאַן איז געגאנגען און האָט זיך באלד אומגע־קערט.

— אויפ׳ן ראנד פון גראבען איז געזעסען א מענש, — האָט ער געזאָגט, — האָט מסתמא אָבגערוהט. אבער ווען ער האָט מיך דערזעהן, איז ער אוועקגעגאנגען. מען האָט געקענט זעהן, אז דאָס איז אן אלטער... אָט זעהסטו... ניט געווען וואָס מורא צו האָבען...

XI

— בענדיקסען איז געקומען צופאָהרען! — האָט לעווי א געשריי געטאָן צו גרענדאל׳ען. בעגעגענענדיג איהם אויפ׳ן גאַס.

— דערפאַר גאַלאָפּירסטו. ווען איז ער געקומען?

— נעכטען בייטאָג. ער איז געווען ביי מיר און מיך ניט געפונען. ווילסט, לאָמיר געהן צו איהם צוזאמען. ער שטעהט איין אין א האָטעל.

— יע, אויב ער איז נאָר גוט אָבגעראַזירט. היינט וועט מען דאָך מוזען צוקושען זיך מיט איהם.

— ניין, איך האָב זיך גראָד געוואָלט האַלטען אַזוי, ווי ער וואָלט גאָר אין ערגעץ ניט געווען געפאָהרען. איך שטעל מיר פאָר, ווי פערוואונדערט ער וועט דאָס זיין, ווען מיר וועלען זיך גאַנץ קאַלטבלוטיג בעגריסען. אַנשטאַט ארויפוואַרפען זיך איהם אויפ'ן האַלז.

— ריכטיג! איך געה מיט דיר!

— און דערנאָך קענען מיר מאַכען צו זיין עהרע אַ פעסט אין געבורט־אַנשטאַלט, אום צו פאַרגלעטען אונזער קאַלטבלוטיגקייט ביי דער ערשטער באַגעגניש.

— אויסגעצייכענט! — דו ביזט היינט געניאַל.

— איך האָב שוין פאָראויס פאַרגניגען. פאַרשטעלענדיג זיך בענדיקסען'ס געזיכט. ווי גוט דאָס איז, וואָס דו ביזט מיט מיר, אַנדערש וואָלט ער באַלד אָנגעהויבען מיט מיר רעדען וועגען יענער געשיכטע מיט טאָרא פאַנגעל... דו געדענקסט דאָך, נאַטירליך, אַז זיי זיינען געווען חתן־כלה.

— יע, יע. אַך, ווער איז דאָס ניט געווען קיין נאַר אין זיין יוגענד?

— מיט דיינע ליפּען רעדט דער אמת אליין... נו, קום, מיר וועלען אַ פרעג טאָן דעם דיענער ביים טיר... ניין, מען דאַרף ניט. אָט זיינען אויסגעהאַנגען די נעמען... בענדיקסען — 54. זעהר שעהן. איצט צוקרים ווי מען דאַרף דעם פּנים... פּאַרטיג?

— הער, לעווי... וואָס מיר איז איינגעפאַלען... אייגענטליך האָב איך אַלעמאָל ליעב געהאַט בענדיקסען'ען. מיר וועלען אַריינגעהן צו איהם און וועלען איהם אויף אַן עהרליכען אופן דריקען די האַנט און נאָך איהם אַ קוש טאָן אויך, אויב מען דאַרף שוין אַזוי. מען קען דאָך נאָכדעם זיך גוט אויסווישען דאָס מויל.

— אויף מיין עהרען־וואָרט, דו ביזט טיף גערירט.

— ניין, אויב דו האָסט שוין אויסגעטראַכט וועגען מיר

אזא שוויינערייַ, וועל איך אַריינקומען צו איהם מיט אזא מינע ווי איך וואָלט זיך געגעבען דאָס וואָרט איהם איינצושלינגען. קלאָפּ אָן!

ניט וואַרטענדיג אויף אַן ענטפער, האָט לעווי געעפענט די טיר און איז אַריין אין צימער, און גרענדאל נאָך איהם.

יעקב איז געלעגען אין בעט אין די קליידער און האָט גע־שלאָפען. א ליכטעל אויפ'ן טיש האָט דערברענט ביז צום לייכ־טער.

— וואו, דער טייוועל זאָל איהם נעמען, האָט ער זיך דאָס ארומגעדרעהט ביינאכט? — האָט לעווי זיך אליין געפרעגט.

— דאָס שטעלט ער זיך פאָר, אז ער איז אין פעלד און שלאָפט אין לאַגער. דו זעהסט ניט? ער מיינט, אז ער איז נאָך אין פוילען. און איצט קענען מיר איהם נעמען אָהן יעדען ווידער־שטאַנד פון זיין זייט, האַלט צו זיינע הענט, איך וועל איהם האַלטען פאַר די פיס.

— ניין, עס איז אונווירדיג אָנצופאַלען אויפ'ן פיינד, ווען ער שלאָפט. זאָל ער זיך בעסער אויסשלאָפען. און דו לויף שוין אין געבורט אַנשטאַלט און אָרגאַניזיר דאָרט א הוליאַנקע אויף אין דער פריה. איך וועל דאָ וואַרטען, ביז ער וועט זיך אויפכאַ־פּען.

— אָט וואָלט געווען גוט, ווען מען קען איהם א שלאָפענ־דיגען אוועקטראָגען גלייך אהין און אויפוועקען איהם מיט דעם קלינגען פון גלעזער און פלעשער! איך שווער ביי די געטער, אז ער וואָלט געמיינט, אז ער איז גאָר פון דאנען ניט אוועקגע־פאָהרען.

ווען גרענדאל איז ענדליך אוועקגעגאַנגען, האָט לעווי אויפ־געהויבען די שטאָרען און פערלאָשען דאָס ליכטעל. דאַן האָט ער זיך געזעצט אויפ'ן בעטעל און גענומען בעטראַכטען יעקב'ס בלייך, אויסגעצערט געזיכט. פּלוצלונג האָט יעקב גענומען קרעכ־צען. לעווי האָט גענומען רופען: „בענדיקסען! בענדיקסען!“— צוערשט שטיל, דאַן אַלץ העכער און העכער. ענדליך האָט ער איהם אָנגענומען פאַר א האַנט און גענומען טרייסלען.

— ווער איז דאָ? — האָט יעקב א געשריי געטאָן, אויפ־שפרינגענדיג פון בעט.

— א פריינד!

— לעווי! — האָט יעקב אויסגערופען. — ביזטו דאָס?

— ווער דען? וואָלט עמיצער אנדערש געהאט אזוי פיעל געדולד צו שטעהן דאָ א גאנצע שעה און טרייסלען זיין צוריק־געוואונענעם פריינד?

— איז דאָס ניט געווען א חלום? — האָט יעקב געפרעגט, רייבענדיג די אויגען.

— וואָס מיינסטו? וואָס איך האָב דיך געטרייסעלט? אויב אזוי, איז דאָס געווען א חלום, וואָס איז טייוועלש עהנליך צו וואָהר.

— יע, דאָס איז טאקי געווען א חלום, וואָס איז טייוועלש עהנליך צו וואהר.

לעווי האָט געשוויגען און געקוקט אויף יעקב'ן.

— לעווי, — האָט געזאָגט יעקב, אָננעמענדיג זיינע ביידע הענט, — אָט זעהען מיר זיך ווידער!... איצט האָב איך שוין מעהר קיינעם ניט אויף דער וועלט, אויסער דיר!

— טאקי? און זיך אליין רעכענסטו ניט? האָסטו זיך אי־בערגעלאָזען אין פוילען?

— ניין, אָבער עס איז קיינער ניטא, אויסער דיר, וואָס איז מיר נאָהנט.

— איך קען זיך פערלאָזען אויף דיינע רעד? אפילו ניט...

— רוף זי ניט אָן! איך וויל ניט הערען איהר נאָמען!

— בראוואָ! שוין לאנג געדארפט זיין אזוי! דו האָסט אָבער ניט געדארפט שרייען אזוי הויך. יעדענפאלס איז דיין אבזיכט געווען א גוטע. דו קענסט נאָך היינט בעקומען א צייגניס, אז דו האָסט זיך אויסגעשריבען פון שפיטאָל.

— אָ יע, איך האָב זיך פאָלשטענדיג אויסגעהיילט! — האָט געזאָגט יעקב און האָט גענומען געהן הין און צוריק אי־בער'ן צימער.

לעווי האָט אויך גענומען געהן הין און צוריק, קוקענדיג פון

דער זײַט אויף איהם.

— נו גוט, לאָמיר מאַכען מאַציאָן. מען דאַרף ניט פאַרנאַכלעסיגען די פילאָסאָפיע פון די פעריפאַטעטיקער. נו, אַז דו פיהלסט זיך אַזוי גוט, טאָ מיט וואָס ווילסטו זיך בעשעפטיגען, שטרעבענדיג צו ברענגען נוצען מענשען און זיך אַליין?

— עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען איך האָב בעשלאָסען אַרויסצולויפען אין גאַס, האַלטענדיג אין יעדער האַנט אַ מעסער, און הרג'ענען מענשען, ביז די הענט וועלען זיך בײַ מיר ניט אָבנעמען.

— דער טײַוועל זאָל דאָס נעמען! גוט, וואָס איך בין געקומען, אײדער דו ביזט אַרויסגעלאָפען אין גאַס.

— שפּעטער אָבער האָב איך זיך בעדענקט. מען וואָלט דאָך מיך געכאַפּט, געשטעלט פאַר'ן געריכט, און דאַן וואָלט די גאַנצע שטאָדט געגאַנגען זעהן, ווי מען האַקט אָב אַ אידען דעם קאָפּ.

— גאַנץ ריכטיג. איך זעה, אַז אין צײַט פון דער קאַמפּאַניע אין פוילען האָסטו אויסגעשטודירט די דענישע געזעצען.

— איך האָב אויך געוואָלט אונטערצינדען די שטאָדט פון אַלע זײַטען. אָבער אויך דאָס האָב איך געמוזט פערוואַרפען, ווײַל מען וואָלט מיך, נאַטירליך, פערשיקט אין געפענגנים, אָדער מען וואָלט מיך אַרײַנגעזעצט אין דולהויז.

— דו רעדסט גאַנץ פערנינפטיג. אָבער זאָג מיר נאָר, מיט וואָס האָט זיך אַזוי פערשולדיגט פאַר דיר די אונגליקליכע שטאָדט?

— דו האָסט דאָך אָבער געהערט, אַז איך פאַנטאַזיר, די שטאָדט שטעהט אונבעשעדיגט.

— דאָס איז זעהר גוט, און איך בין דיר פאַר דעם זעהר דאַנקבאַר. אָבער מיר דוכט, אַז דײַנע פאַנטאַזיען זײַנען אַביסעל פיבערהאַפט... יע, איך האָב זיך דערמאָנט, די בעל־הבית'טע האָט געזאָגט, אַז דו האָסט נעכטען זיך געקליבען ערגעץ צו אַ זומער וואוינונג... האָסטו זיך אפשר דאָרט פערקיהלט?

— ניין, איך האָב גאָר גע'חלום'ט.

— וואָס?

— אז איך האָב זי געזעהן.

— האסט אפשר גערעדט מיט איהר אויך אין חלום?

— ניין, דאָ האָט מיר געשטערט א צווייטער.

— איך פערשטעה, דו האסט געזעהן אין חלום, אז איהר מאַן האָט דיר געשטערט?

— יע, איהר מאַן... כאַ־כאַ־כאַ!

— דו לאכסט פון גאַנצען הארצען. איז דען געווען אזוי קאָמיש צו רעדען מיט איהם?

— איך האָב מיט איהם ניט גערעדט.

— וואו איז בנימין? — האָט געפרעגט לעווי. דאן האָט ער געזאָגט ווי פאר זיך אליין: — אן אומגליק מיט אזעלכע מענשען! זיי טרעפען אינסטינקטיוו אלץ וועגען דער פרוי, און וועלכע זיי האָבען געהאט דאָס אומגליק צו פערליעבען זיך.

— בנימין איז געשטאָרבען, — האָט יעקב געענטפערט.

— געשטאָרבען... פון וואָס איז ער געשטאָרבען?

— פון כאָלערא.

— המ... נו, בלייבט מעהר ניט זאָגען: ברוך דין אמת! ער האָט דאָס פערדיענט... זאָג מיר קורץ און שארף, בענדיקסען, האסט גערעדט מיט וועמען עס איז פון דער פאמיליע פאנגעל?

— ניין!

— גוט. אָבער וויטער היט זיך צו זעהן אין חלום, אז דו האסט וועמען עס איז פון זיי געזעהן. אנדערש וועלען נאָך מענשען מיינען, אז דיר האָט זיך גע'חלום'ט, אז ענגבערג נויטיגט זיך אין א פריינד פון הויז.

— כאַ־כאַ! נו, וואָלט דאָס געווען קאָמיש, ווען מענשען וואָלטען דאָס געקענט קלערען.

— און וואָס קלערסטו אליין? איז ניטאָ אין דיין הארצען קיין צווייפעל?

— ניין, איך שווער, איך צווייפעל מעהר אין גאָרניט. איך בין די פערניינפטיגקייט אליין.

— דאָס איז אויסגעצייכענט. נו, און איצט געהען מיר אין

געבורט אנשטאלט! דיר וועט יעדענפאלס ניט שאדען צו ווערען נאך פערניגפטיגער.

— לעווי! מיט זיבען יאהר צוריק האסטו צום ערשטען מאל מיך אהין אוועקגעפיהרט. און צו וואס האט דאס געפיהרט? ניין, לאז מיר אוועקגעהן פון מענשען! איך האס זיי!

— וואס פאר א שלעכטס האבען דיר געטאן די טויזענדער מיליאנען מענשען אויף דער ערד? זיי זיינען ווארשיינליך געוועזען זעהר אונדאנקבאר פאר דיינע טובות, אויב דו ווילסט, אז זיי זאלען מעהר ניט האבען דאס פערגניגען צו זעהן דיין ליכטיגען פנים.

— הער, לעווי: מיין ליעבע צו די קריסטען איז אינגאנצען פערשוואונדען. ווען איך וואלט נאר געקענט זיי אלעמען אבוויי־שען פון דער ערד, וואלט איך דאס געטאן. אבער זיי זיינען צו שטארק פאר מיר. טא לאז מיר, ווענינסטענס, אוועקגעהן פון זייער וועג. בעפריי מיך פון דער אייביגער דערמאנונג, אז דער נידריגסטער צווישען זיי איז בעסער פון מיר, אויב ער איז נאר בעוואפענט מיט'ן ווארט „איד". איך וועל זעהן צו בעהערשען זיך, איך וועל לעבען שטיל און רוהיג און וועל קיינעם ניט קע־נען, אויסער דיר.

— זעהר דאנקבאר פאר די עהרע, וואס דו האסט בעשלא־סען אנצוטאן מיין בעשיידענער פערזענליכקייט! אבער מארגען פאהר איך דאך אב אין שוועדען און וועל דארט זיין א גאנץ לאנגע צייט.

— קען איך ניט פאהרען מיט דיר?

— דאס וועט גאר קיין זין ניט האבען. איך וועל האבען אזוי פיעל ארבייט אין די שוועדישע שפיטאלען, אז פאר פליכטען פון אן אם וועט ביי מיר ניט בלייבען קיין צייט.

— נו, וואס אנבעטרעפט מיך, וועל איך אליין קענען שטעהן אויף די פיס.

— יע, דו האסט זיך אויסגעלערענט אפילו געהן אויך. דו ביזט אן ערוואקסענער מענש. דו האסט זיך אפילו געקליבען צו נעמען אין יעדע האנט א מעסער און אויסשניידען אלע מענשען.

— דאס איז געווען אן אנפאל פון משוגעת. איצט שעם איך זיך, לעווי.

— יע, ווייל דו ביזט אין גוטער געזעלשאפט. נו, קום!

— לעווי, ערלויב מיר צו בלייבען אין דער היים!

— דו וועסט נאר פערזוכען אביסעל ווין, וועסט אפשר ווי־דער ליעב בעקומען דעם דענישען פונש. קום!

— איך קען זיך דארט נאך בעגעגנען מיט ווילהעלם פאנ־געל.

— גרענדאל מאכט דעם פעסט, און ער וועט שוין אין קיין פאל ניט שיקען נאך פאנגעל'ן. נו, און ווען דו וואלסט איהם אפילו בעגעגענט, וואס פאר א בעדייטונג האט דאס פאר א מענ־שען, וואס האט זיך געשלאגען מיט דיביטש־זאבאלקאנסקי'ן און מיט פאסקעוויטש־עריוואנסקי'ן! וועט זיך דען אזא העלד איבערשרעקען פאר עפעס א ווילהעלם פאנגעל'ען? קום, קום!

* * *

„ווילקאמען, גרויסער מענש!" — האבען אין כאר געזונגען די סטודענטען, וואס האבען זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייהען פאר דער טיר, דורך וועלכע יעקב איז אריינגעקומען. אלע זיינען געווען אין כאלאטען און האבען געהאלטען אין די הענט אנגע־פילטע גלעזלעך. לעווי האט אריינגעפיהרט יעקב'ן אין צימער און האט זיך טיף פערנייגט פאר איהם. גרענדאל איז ארויסגע־טראטען און האט געזאגט:

— איך האב דאס ווארט. איך בין דער ארגאניזירער פון דעם פעסט, און מיר קומט דעריבער דער ערשטער טאסט פאר דעם העלד בענדיקסען! הורא! ווייל דער העלד בענדיקסען האט געוויזען די רוסען, אויף וואס די מענשען פון דעם דענישען קע־ניגליכען געבורט אנשטאלט זיינען פעהיג! און צו דער עהרע פון אט דעם מערקווירדיגען מענשען שלאג איך פאר אויסצושרייען הילכיג „הורא"... אבער שרייט ניט צו הויך, ווייל גראד אונטער אונז ליגט א געפעהרליך קראנקע. לעדיגט אויס אייערע באקאלען ביז'ן דעק שווייגענדיג, דאס וועט זיין דאסזעלבע, וואס א דונע־רענדע „הורא". נו, און וואס אנבעטרעפט בענדיקסען'ען אליין,

וועט ער בעקומען זיין בעלוינונג, — מיר וועלען איהם קרוינען מיט לאָרבער.

די טיר פון א דערבייאיגען צימער האָט זיך געעפענט, און איינער פון די סטודענטען, אָנגעטאָן אין דעם קאָסטיום פון א שילערין, איז ארויסגעטראָטען מיט א קראַנץ פון לינדען צווייגען און איז צוגעקומען צו בענדיקסען׳ען.

— דעם קראַנץ האָט געבראכט וויקטאָריא אליין, — האָט גרענדאל ערקלערט. — און דאָס איז א לאָרבער קראַנץ. — גראַציעז אויסבויגענדיג איהר שלאַנקע פיגור, האָט די געטין ארויפגעלעגט אויף זיין קאָפּ דעם קראַנץ, — דענמארק איז א דאנקבאר לאנד!

וועלענדיג בעסער אָנטאָן דעם קראַנץ אויף דעם העלד׳ס קאָפּ, האָט די געטין אבגעריסען די לעצטע האלב־פערוועלקטע בלעטער, און ווען דער קראַנץ איז ענדליך געווען אויף יעקב׳ס קאָפּ, האָט ער דערמאָנט א דערנער קראַנץ און האָט געמאכט א שווערען איינדרוק אויף זיין בלייכען אויסגעצערטען געזיכט.

— ניין, דו האָסט א צו מאַיעסטעטישען אויסזעהן אין אָט די לאָרבער, — האָט געזאָגט לעווי, אראָבנעמענדיג פון יעקב׳ס קאָפּ דעם קראַנץ.

— מיינע הערן, איהר זייט געבעטען צום טיש, — האָט ערקלערט גרענדאל. — וואָס איז דער העלד בענדיקסען אָהן עסען?

מען האָט יעקב׳ן אוועקגעזעצט ביים אויבערשטען עק פון טיש. איבער איהם אויף דער וואנט זיינען געווען שעהן צוהאנגען די גרעסטע כירורגישע אינסטרומענטען, וואָס האָבען בעצייכענט קריעגס טראפעען.

— בענדיקסען! — האָט א געשריי געטאָן איינער פון די סטודענטען, ווען ביים טיש איז אביסעל שטילער געוואָרען. — דערצעהל אונז עפּעס וועגען דיינע העלדענטאטען. ניט אמת, די פוילישע פרויען זיינען שעהן? שווארצע האָר, ראָזע באַקען?

— מיינע הערען! — האָט אָנגעהויבען לעווי. — אונזער געעהרטער פאָרזיצענדער האָט מיר געגעבען דאָס וואָרט. עס וועט

אַריבערגעהן אַ סך צייט, איידער איהר וועט ווידער דערהערען מיין שטים, ווייל איך פערלאָז אייך, אָבער ווייַנט ניט. מייַנע פריינד, — מיר וועלען זיך נאָך זעהן... אויב ניט דאָ, אויף דער זינדיגער ערד, איז יעדענפאַלס דאָרטען, אויף יענער וועלט. ווי די אינדיאַנער קריעגער, וואָלט איך געפונען אַ טרייסט אין דער אַבשיעדס שעה, ווען איך וואָלט געקענט זיין זיכער אין דעם, אַז מיין וויגוואַם וועט ניט בלייבען פערלאָזען. און דעריבער שלאָג איך אייך פאָר צו ערלויבען בענדיקסען'ען צו פערנעמען מיין נומער. זאָל ער רויבערען מיין ליולקע, זאָל ער טרינקען פון גלאָז, פון וועלכען איך טרינק. און אויב ער וועט זיך דאָ אָנ'שכור'ען, וועט איהר איהם געבען אַ בעט און וועט איהם אין דער פריה אָנטרינקען מיט קאַפע. האַלט אַ שטענדיגע וואַך איבער זיין מאָראַלישקייט, ווי דאָס וואָלט געווען איך אליין. און זאָל איהם ניט פערפיהרען קיין איין שילערין! זאָגט איהר מיר דאָס צו?

— מיר זאָגען צו! — האָבען אַלע אַ געשריי געטאָן אין כאָר, אויפהויבענדיג די אָנגעפילטע גלעזלעך.

— נו, איצט בין איך רוהיג. מיין נאָמען וועט, הייסט דאָס, ניט פערגעסען ווערען, איז לאָמיר אויסטרינקען!

— דאָס איז דאָך מיין פרעהליכער האַלשטיינער קוזען! — האָט אַ געשריי געטאָן איינער פון די סטודענטען. — איך הער, ווי זיינע שפאָרען קלינגען אין קאָרידאָר... קומט אַריין!

— ווילקאָמען, לייטענאַנט גראַבאָוו! זעצט זיך און טרינקט מיט אונז! — האָבען זיך דערהערט שטימען פון אַלע זייטען.

— אַ דאַנק, אָבער ווירקליך, איך האָב ניט דעם מינדסטען פערלאַנג צו טרינקען. איך האָב אַביסעל געהוליעט ביינאַכט.

— איז דאָס אַ וויכטיגע אורזאַך? אויב אַזוי, וועט דיר דאָך קיינמאָל ניט אויסקומען צו טרינקען בייטאָג? ווילסט ווייַן אָדער קאַלטען פונש?

— אויב אַזוי, טאָ גיט מיר צוערשט וויניגרעט, אויב איהר האָט אַזאַ זאַך.

— ביי אונז איז דאָס אַ כראָנישע זאַך. זעץ זיך אויפ'ן בעט לעבען בענדיקסען'ען. דאָס איז אַ פערבלאָנדזשעט שעפעל, וואָס

האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט ...היים... בענדיקסען, דאָס איז גראַבאָוו... מעהר וועל איך גאָרנישט זאָגען וועגען איהם. איהר וועט אזוי אויך זיין גוטע פריינד.

בענדיקסען האָט אויפמערקזאַם א קוק געטאָן אויף גראַבאָוו׳ען, אביסעל אויפמערקזאמער אפשר, ווי די העפליכקייט ערלויבט.

דעם לייטענאַנט׳ס געזיכט איז געווען זאָרגלאָז, לייכטזיניג און לעבענסלוסטיג. אזעלכע געזיכטער רופען ארויס ביי אייך סימפּאַטיע קעגען אייער ווילען. אמאָל, קוקענדיג אויף זיי, זייט איהר זיי אפילו מקנא אביסעל. עס דוכט זיך אייך, ווי דאָס גליק אליין וואָלט אָנגעצייכענט אויף אזא געזיכט: „איך וויל, אז אלע זאָלען ליעבען אָט דעם טויגעניכטס.“

— בענדיקסען, רוק זיך אביסעל אָב. איהר זייט ביידע קריעגער, און איהר וועט קענען זיצען אויף איין בעט.

— מיט פערגניגען, דאָ איז פאַראַן גענוג אָרט פאַר דעם העררן לייטענאַנט, — האָט יעקב געזאָגט, אברוקענדיג זיך צום ברעג טיש.

— ניין, דאָס וועט ניט געהן! גראַבאָוו וועט זיצען אונטער די טראַפּעען, — האָט גרענדאל אויסגעשריען, — אונטער זיי דאַרף זיצען בענדיקסען, מען טאָר איהם ניט אברוקען פון זיין אָרט, וואָס געהערט נאָר איהם אליין. ווי דער אָרגאַניזירער פון דעם פעסט און דער פּאָרזיצענדער, דאַרף איך אכטונג געבען אויף דעם.

— מיך האָט קיינער ניט אָבגערוקט, איך האָב זיך אָבגערוקט פרייוויליג, — האָט בעמערקט יעקב.

— איך בין אייך זעהר דאנקבאר פאר אייער פריינדליכקייט, — האָט געזאָגט גראַבאָוו, זעצענדיג זיך לעבען יעקב׳ען.

— איהר זייט עפּעס היינט ניט מיט אלעמען, לייטענאַנט, — האָט בעמערקט איין סטודענט.

— אך, רעדט ניט! איך האָב היינט ביינאַכט א סך פערשפּיעלט.

— האָסט בעצאָהלט? — האָט געפרעגט זיין קוזען.

— יע, איך האָב געצאָהלט אזוי לאַנג ווי איך האָב געהאַט מיט וואָס... ווי אזוי האָב איך אַנדערש געקענט? נו, און אויסערדעם בין איך געבליבען שולדיג אויף מיין עהרען וואָרט. איינעם פון מיינע שותפים האָט טייוועלש אָבגעגליקט... אָבער זאָגט נאָר, וואָס איז געשעהן, וואָס איהר הוליעט דאָ?

— דער פעסט איז געמאַכט געוואָרען צו בעעהרען בענדיקסען׳ען, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט נאָך א לאַנגער אַבוועזענהייט.

— בענדיקסען! — האָט קעניג א שריי געטאָן. — דו ווערסט אפשר איצט אָוועקוואַרפען דיין שטודיום? געלט האָסטו גענוג, קענסטו ווערען א מעצענאַט און העלפען דיינע אַלטע חברים.

— דאָס איז זעהר מעגליך, — האָט יעקב געענטפערט.

אַן אַלגעמיינער געשפּרעך האָט זיך פערבונדען. גראַבאָוו האָט זיך העפליך אומגעקערט צו יעקב׳ען און גענומען רעדען מיט איהם. ער האָט גוט געוואוסט, ווי אַנצוהאַלטען א געשפּרעך, בעגנוגענדיג זיך מיט קורצע ענטפערס פון דעם אַנדערען. יעקב האָט געטרונקען איין גלעזעל נאָך׳ן אַנדערען און האָט הויך געלאַכט פון דעם לייטענאַנט׳ס אַנעקדאָטען.

לעווי האָט זיך צו זיי אַנגעבויגען און געפרעגט:

— ענטשולדיגט, איהר האָט זיך שוין בעגעגענט ווען פריהער? איהר האָט דעם אויסזעהן, ווי איהר וואָלט גרייט געווען זיך צו קושען.

יעקב האָט אַרויסגעלאָזען פון האַנט דאָס מעסער, מיט וועלכען ער האָט די גאַנצע צייט געשפּיעלט.

גראַבאָוו האָט געענטפערט:

— הערר בענדיקסען האָט זעהר ליעב דאָס לעבען פון די קאַוואַלעריסטען, פּונקט ווי איך. נו, און מענשען מיט דיזעלביגע געשמאַקען ווערען שנעל בעפריינדט צווישען זיך.

— יע, מיר האָבען אָהן צווייפעל דיזעלביגע געשמאַקען, — האָט יעקב געענטפערט לאַכענדיג.

— זעהט, בענדיקסען און גראַבאָוו זיינען זעהר עהנליך

איינער צום אנדערען! אויף מיין עהרען וואָרט! — האָט יעקב'ס שכן אויסגעשריען. — ניט אזוי?

אַלע האָבען איינגעשטימט, אז די עהרליכקייט איז ווירקליך גרויס, כאָטש די צוגען זיינען ניט די זעלביגע.

— מען קען נאָך אמאָל א טעות האָבען און אננעמען אונז איינעם פאַר דעם אנדערען, — האָט געזאָגט יעקב און אָנגעהויבען זינגען.

— נו, אַננעמען אייך איינעם פאַר דעם אנדערען קען מען אפשר ניט, — האָט בעמערקט איינער פון די סטודענטען. — אויב זיין גערעכט, מוז מען צוגעבען, אז גראַבאָוו איז שעהנער... יע, יע, בענדיקסען, זינג אונז עפּעס! זינג עפּעס א פוילישׁ ליעד.

— ניין, זינגען טאָר מען ניט, — האָט גרענדאַל געזאָגט.— די פּאציענטין אונטער אונז פיהלט זיך זעהר שלעכט. מיר וועלען אפילו מוזען אויפשטעהן.

ווען לעווי, גראַבאָוו און יעקב זיינען ארויס אין גאַס, האָט לעווי געזאָגט:

— איך דאַרף געהן אין צאַלאַמט רעדען מיט'ן קאַפּיטאַן. און דאַן וועל איך נאָך מוזען מאַכען עטליכע וויזיטען. וועל איך דיך געפינען אין א צוויי שעה ארום, בענדיקסען?

— יע, איך געה גלייך אהיים.

— איהר ווילט געהן דורך קאָנגענס־ניוטאָרוו? אויב אזוי, געהען מיר איין וועג, — האָט געזאָגט גראַבאָוו.

זיי זיינען א ווייל'ע געגאַנגען שווייגענדיג. ענדליך האָט גראַבאָוו אָנגעהויבען רעדען.

— ווי זאָנדערבאַר! מיר קענען איינער דעם אנדערען אינגאַנצען א פּאָר שעה, און מיר דוכט זיך שוין, אז מיר זיינען אַלטע פריינד. הערט, אפשר קענט איהר מיר געבען א גוטע עצה? ווי אזוי זאָל איך זיך אויסדרעהען פון מיין שווערער לאַגע?

— און איהר מיינט, אז איך קען אייך געבען א ראַט? — האָט יעקב געפרעגט מיט א שמייכעל.

— פאַרוואָס ניט? יעדענפאַלס קען מען פּראָווען. אָט

וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך. ווי איהר האָט שוין געהערט, האָב איך ביינאַכט פערלאָרען דאָס גאַנצע געלט. דאָס וואָלט נאָך גע־ווען אַ האַלבע צרה, ווען איך וואָלט זיך געקענט ווי עס איז דורכ־דרעהען ביז סוף מאָנאַט. איך האָב אָבער בעשטעלט ביי אַ מאָ־לער מיין פּאָרטרעט, איהר ווייסט, אַזאַ מיניאַטור, און היינט דאַרף איך דאָס אָפּנעמען. נו, און דער פערפלוכטער מאָלער וועט דאָס מיר ניט אָפּגעבען, ביז איך וועל איהם ניט בעצאָהלען אַלץ, וואָס איהם קומט.

— איז זאָל אייער פּאָרטרעט ליגען ביי איהם ביז סוף מאָ־נאַט. און דערווייל וועט איהר קענען קוקען אויף זיך אין שפּי־געל.

— כאַ־כאַ־כאַ! ניט שלעכט געזאָגט!.. ניין, די מיניאַטור, זעהט איהר, איז אַ געשאַנק פאַר אַ דאַמע.

— קען דען די דאַמע ניט וואַרטען ביז סוף מאָנאַט?

— געוויס, מיין טייערער פריינד! אָבער נעכטען איז גע־ווען איהר געבורטסטאָג, און איך האָב שוין נעכטען געדאַרפט איהר ברענגען דעם געשאַנק. אָבער דער פּאָרטרעט איז נאָך ניט געווען פאַרטיג. האָב איך צוגעזאָגט איהם צו ברענגען היינט.

— אָ, גאָר אַזוי! נו, אויב אַזוי, איז שוין גאָר אַנאַנדער זאַך.

— יע. און וויסען דאַרפט איהר, אַז די דאַמע איז בעשוו־בערענד.

— דאָס איז אַ פערהייראַטע פרוי?

— יע. אָבער איך האָב זי שוין לאַנג געקענט אין האָל־שטיין, ווען מיין גאַרניזאָן איז דאָרט געשטאַנען. און ווען איך בין אריבערגעפאָהרען אהער, איז מיר געווען אַזוי אַנגענעהם צו בעניייען די אַלטע בעקאַנטשאַפט.

— איהר האָט אפשר שוין דאָן געהאַט מיט איהר אַ קליינע אינטריגעלע? האַ?

— אַך, ניין, וואָס רעדט איהר! דאָן איז גאָרניט געווען... יע, איז גיט מיר עפּעס אַ גוטע עצה. איך מוז היינט בעקומען 100 ריקסדאַלער.

— קאסט דען דער פארטרעט אזוי טייער?

—ניין, ווענינער. אבער 100 ריקסדאלער איז אזא פאסיגע רונדע סומע... איז וואו זאל איך דאס נעמען?

— זיינען ווענינ מענשען פאראן, וואס אנטלייען געלט?

— א סך, פערשטעהט זיך. אבער די ליעבע מענשען ווי־לען ניט געבען אהן אן ערבות אדער עפעס א משכון. מיינט איהר דען, אז אזעלכע מענשען וועלען זיין געריהרט, וואס איך וויל געבען מיין פארטרעט דער דאמע פון מיין הארצען? ניין, ווייסט איהר וואס, אנטלייהט איהר מיר דאס געלט, בענדיקסען.

— איך? כא־כא־כא! וואס פאר א קאמישער געדאנק!

— פארוואס? מיר דוכט, דאס איז אזוי איינפאך, אזוי נאטירליך.

— נאטירליך?.. א יע!... דאס וואלט געווען זעהר ליעבליך פון מיר און וואלט פערדיענט א בעלוינונג!

— איהר מעגט אליין בעשטימען די בעדינגונגען! איך וועל אווארט ניט זאגען און באלד אונטערשרייבען!

— גוט, לייטענאנט! — האט געזאגט יעקב, א קלאפ טו־ענדיג גראבאוו'ען איבער'ן אקסעל, — איהר וועט בעקומען דאס געלט און אויף זעהר גינסטיגע בעדינגונגען.

— הורא!... קען איך געהן מיט אייך נעמען דאס געלט?

— ניין, דאס געלט וועל איך האבען אין א צוויי טעג ארום.

— פונקט ווי אלע אנדערע אידען! — האט שטיל פאר זיך געזאגט גראבאוו. — אבער, טייערער בענדיקסען, — האט ער געזאגט אין דער הויך, — איהר ווייסט דאך, אז איך דארף האבען דאס געלט היינט, איז אייך ניט אלץ איינס, ווען איהר וועט געבען?

— איך גיב אייך מיין עהרען ווארט, אז איך האב היינט ניט. איך דארף דאס צוערשט בעקומען.

— קענט איהר ניט בעזארגען דאס ווי עס איז נאך היינט?

— הערט, לייטענאנט, אין צוויי טעג ארום וועל איך טאן

די קליינע טובה אייך און דער דאַמע פון אייער הארצען. קומט צו מיר איבערמאָרגען, און איצט אַדיע!

— הייסט דאָס, איבערמאָרגען? — האָט איהם נאָכגעשריען דער לייטענאַנט.

— יע, איבערמאָרגען.

X

— נו, האָט איהר שוין אויסגעביטען אייערע אבליגאַציעס? — האָט געפרעגט גראַבאָוו, אריינקומענדיג צו יעקב'ן.

— יע, איצט האָב איך גרייט דאָס געלט פאַר אייער פּאָרטרעט.

— בעשטימט אליין די פּראָצענטען וואָס איהר ווילט. איך וועל זיך ניט דינגען!

— נו, פּראָצענטען זיינען נארישקייטען, איהר זייט צו זיי געוועהנט. איך וויל פון אייך פאָדערען אַנ'אַנדער זאַך.

— וואָס? אויב איך קען טאָן אייך עפּעס א טובה, בין איך צו אייער דיענסט!

— לאָמיר זעהן.. איך וועל שיקען א קליין צעטעלע צוזאַמען מיט'ן פּאָרטרעט.

— וואָס איז דאָס? ווילט איהר אפשר שיקען א ליעבעס בריוועלע?

— אָבער איהר האָט דאָך מיר אפילו ניט געזאָגט, ווער די דאַמע איז.

— אמת, אמת... אבער ווילט איהר איהר אפשר דערצעהלען, אז איך האָב ביי אייך געליהען געלט?

— צו וואָס? וואָס פאַר א געדאַנק אייך איז ארויפגעקומען אויפ'ן זין!

— יע, איהר זייט א צו אנשטענדיגער מענש דאָס צו טאָן.

— איהר פערשטעהט דאָך געוויס, אז איך וויל ניט שרייבען עפּעס אַזוינס, פאַר וואָס איהר זאָלט וועלען נוקם זיין זיך אָן מיר. מיר איז איינפאַך איינגעפאַלען א געדאַנק...

— און א נאַר אונגעוועהנליכער געדאַנק... איך מוז אייך נאָך װאָרנען, אז די דאַמע איז גראד איצט קראַנק.

— זי האט זיך מסתמא פערקיהלט?
— פון וואנען ווייסט איהר דאס?
— אפטער פון אלץ ווערען דאך מענשען קראנק פון א פער־קיהלונג.
— כא־כא! א גאנץ ריכטיגע בעאבאכטונג. יע, איז זי קראנק, און איהר איז זעהר שווער עפעס איבערצושיקען.
— יע, אבער אויב אייער פארטרעט וועט אנקומען צו איהר, וועט מען איהר דאך אויך קענען איבערגעבען מיין צע־טעלע.
— הם... יע... אבער ווירקליך, איך וואלט ניט געוואלט צו־שטימען.
— אויב אזוי, וועט איהר ניט בעקומען דאס געלט.
— איהר האט מיר אין פולען זין פוןווארט צוגעשטעלט א מעסער צום האלז. נו, איך וועל שוין מוזען איינגעהן אויף אייער בעדינגונג. דערפאר אבער וועט איהר מיר דארפען טאן א טובה.
— וואס איז?
— איך האב א בעקאנטען קאמער־יונקער, איז אנטלייהט איהם פופציג ריקס דאלער.
— און אונזער געשעפט וועט זיין אבגעשלאסען?
— נאט אייך מיין האנט!
— גוט. איצט וועל איך אנשרייבען דאס צעטעלע.
יעקב איז צוגעגאנגען צום טיש און האט אנגעשריבען:
„לעבען ביידעל מיטוואך אווענט איז ווירקליך געווען א מענש. דאס בין איך געווען.
יעקב בענדיקסען.“
— נו, — האט גראבאוו געזאגט, — איהר האט שוין גע־ענדיגט אייער צעטעלע. עס איז מסתמא ניט עפעס געפעהרליכס. גיט דאס מיר, איך וועל שוין בעזארגען, אז מען זאל עס צו־שטעלען.
— ניין,ווארט! איהר מעגט דא ביי מיר אנשרייבען דעם צארטען בריף, וואס וועט מסתמא בעגלייטען אייערע געזיכטס־צוגען. איהר וועט אריינלעגען מיין צעטעלע אין אייער קאנ־

ווערט, — דאָס איז אַלץ. דאַן וועלען מיר צוזאַמען ארויסגעהן און אָבנעמען אייער פּאָרטרעט. איהר וועט אין מיין אנוועזענ־הייט אוועקשיקען אַ מענשען מיט'ן פּאָרטרעט און בריף. איך וועט ניט זיין שווער צו מאַכען אַזוי, אַז איך זאָל ניט וויסען, ווע־מען דאָס ווערט געשיקט.

— איהר זייט מייוועלש פּאָרזיכטיג. אָבער איהר וואָלט דאָך געקאָנט מיר אָבגעבען אייער צעטעלע, איך גיב אייך מיין עהרען וואָרט, אַז מען וועט דאָס איבערגעבען.

— יע... אָבער פאַרוואָס געפעלט אייך ניט מיין פּאָרשלאַג, אויב איהר האָט בעשלאָסען איבערצוגעבען מיין צעטעלע?

— איך מוז אייך אָפענהערציג מודה זיין: דער פּאָרטרעט קאָסט איינגאַנצען פינף און צוואַנציג ריקסדאַלער.

— זייט רוהיג, איך וועל די סומע ניט פערקלענערען. אָט איז דאָס געלט.

— אויף מיין וואָרט, איהר זייט אַן אויסגעצייכענטער מענש! איז לאָמיר ניט פערלירען קיין צייט. און שפּעטער וועל איך שוין ווי עס איז זיך ארויסדרעהען!

* * *

אין אכט טעג ארום, ווען יעקב האָט שוין מעהר ניט גע־קענט בלייבען גאָר אָהן נאַכריכטען, איז ער אוועק אין געבורט־אַנשטאַלט.

גרענדאל און נאָך עטליכע סטודענטען זיינען געזעסען, פיה־רענדיג אַ פריעדליכען געשפּרעך, און האָבען גערויכערט די ליולקעס.

ווען בענדיקסען איז אריין, האָט קיינער אפילו זיך ניט אומ־געקוקט אויף איהם, זיי האָבען ווייטער רוהיג גערעדט, אביסעל אין אַ נידריגערען טאָן.

אביסעל שפּעטער איז איין סטודענט ארויס און האָט זיך אומגעקערט מיט אַ פּאָר אַלטע הויזען. ער איז צוגעגאַנגען צו יעקב'ען און האָט געפרעגט:

— בענדיקסען, וויפיעל וועסטו מיר געבען, אויב איך וועל פער'משכונ'ען אָט די הויזען?

— וואָס איז דאָס? — האָט בענדיקסען געזאָגט, איינגאנצען רויט ווערענדיג.

— מאַך ניט קיין אָנשטעל פון א היילינען! מיר ווייסען וועגען דיין געשעפט מיט גראבאָוו׳ען און דעם קאמער יונקער. און ווי פלינק דו האָסט דאָס אָבגעטאָן! האָסט זיך מסתמא אויסגעלערענט די קונסט אין פוילען.

— די קאָרפּאָראַציאָן וועט דיר מאַכען אן אָנפראגע, — האָט געזאָגט אנאנדער סטודענט. — אָבער מיר וועלען זעהן ניט פערגעסען, אז דו ביזט אונזערער א געוועזענער חבר.

די פארב אויף יעקב׳ס באקען איז פערשוואונדען, און ער איז געוואָרען טויט בלייך, ער האָט צונויפגעלעגט די הענט אויף דער ברוסט און האָט געפרעגט:

— וואָס האָט גראבאָוו געזאָגט?

— א גאנץ געוועהנליכע זאַך! — האָט געענטפערט איינער פון די סטודענטען, צוריקווארפענדיג דעם קאָפּ צום רוקען פון שטול און ארייגלעגענדיג די הענט אין די קעשענעס. — א בילד פון אלטעגליכען לעבען: א לייטענאנט דארף האָבען געלט, געהט ער צו הער משה׳ן. הער משה שטימט איין, אָבער געלט איז טייער היינטיגע צייטען. „מאַכט ניט אויס, — זאָגט דער לייטענאנט, — איך זאָל נאָר בעקומען דאָס געלט!“ — „יע, אָבער איך פערזענליך האָב ניט קיין געלט, — זאָגט הער משה, — איבריגענס, איך וועל אייך דאָס קענען צושטעלען אין א צוויי טעג ארום.“ דער לייטענאנט געהט אוועק און ערקלערט מיט בעגייסטערונג, אז הער משה איז דער גרויסמוטיגסטער מענש אויף דער וועלט. אָבער אין צוויי טעג ארום גיסט איהם הער משה אָב מיט אן עמער קאלטע וואסער... דער לייטענאנט זאָגט, אז דאָס געלט האָט איהם דאָס מאָל אָבגעקאָסט מעהר ווי ווען עס איז פריהער.

יעקב האָט געפרעגט:

— גראבאָוו האָט געזאָגט, אויף וועלכע בעדינגונגען ער האָט בעקומען דאָס געלט?

— גאָט בעהיט! ער איז געוועזן בעשיידען! ער האָט גע-

זאָגט, אז ער מוז שווייגען, ווייל דאָס איז פאַר איהם א פראגע פון עהרע...

— בענדיקסען! — האָט געזאָגט אנ׳אַנדער סטודענט, — אייגענטליך האָט דיר אָבגעגליקט. דו האָסט בעקומען מיט אמאָל צוויי גוטע קליענטען, און נאָך אזוי שנעל! מען דאַרף אבער ניט פערגעסען, אז דו האָסט אלעמאָל זיך אויסגעצייכענט מיט דיינע פעהיגקייטען.

גרענדאל איז אויפגעשטאַנען.

— הער, בענדיקסען, — האָט ער ערנסט געזאָגט, — דו וועסט ניט רויבערען די ליולקע, וואָס לעווי האָט גערויכערט, און וועסט פון זיין גלאָז אויך מעהר ניט טרינקען. אבער צוליעב לעווי׳ן וועלען מיר דיך דולדען צווישען אונז, און דו מעגסט פאַרטזעצען דיין ארבייט אין געבורט אנשטאַלט.

יעקב האָט זיך שווייגענדיג אומגעקערט און איז ארויס פון צימער.

— שוין עטליכע מאָל האָט דאָ א הער זיך נאָכגעפרעגט אויף אייך, — האָט יעקב׳ס בעל הבית׳טע געזאָגט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אהיים. — מען האָט געקענט זעהן, אז ער האָט עפּעס א וויכטיג געשעפט.

— ער האָט זיין נאָמען ניט געזאָגט?

— ניין, אָבער ער איז אַן אָפיציר. ער וועט מסתמא באלד ווידער קומען. איך האָב איהם געזאָגט, אז הער בענדיקסען דאַרף באלד קומען אהיים.

— גוט! — האָט געענטפערט יעקב, געהענדיג צו זיין טיר.

— הער בענדיקסען, — האָט איהם די בעל הבית׳טע צו־גערופען, — זייט איהר אפשר קראנק? איהר זייט אזוי בלייך, אז עס איז א מורא אויף אייך צו קוקען. איהר ווילט, וועל איך אייך געבען גוטען, הייסען קאַווע?

— ניין, איך דאַנק אייך, איך דאַרף גאָרניט, — האָט יעקב געענטפערט, ארייננגעהענדיג צו זיך אין צימער.

אביסעל שפּעטער איז צו איהם געקומען גראַבאָוו.

— זי איז געשטאָרבען! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

— ווער? — האָט געפרעגט יעקב, אָנכאַפּענדיג זיך פאַר'ן טיש.

— די דאַמע, וועלכער איהר האָט געשיקט אַ צעטעלע!

— וואָס זשע קען איך דאָ העלפען? — האָט געזאָגט יעקב און האָט שווער זיך אַראָבגעלאָזען אויפ'ן שטול.

— וואָס קענט איהר העלפען?.. אבער זאָגט, וואָס האָט איהר אַזוינס געשריבען אין צעטעלע? ליגענדיג קראַנק, האָט זי די גאַנצע צייט געדעט עפּעס וועגען אַ צעטעלע און האָט געפרעגט, פון וואַנען דאָס האָט זיך גענומען.

— איז זי, הייסט דאָס, געווען קראַנק?

— יע, זי איז געווען אין פיבער.

— איז וואָס איז דאָס פאַר אַ וואונדער, ווען קראַנקע רעדען פון היץ?

— המ... געוויס... איהר זייט אַזוי רוהיג, אַז איך קען ניט ניט גלויבען אייך. איך האָב שוין ווירקליך גענומען קלערען, אַז אייער צעטעלע איז געווען אָנגעשריבען אויף אַ פערגיפטען פּאַפּיר.

— כאַ־כאַ־כאַ! וואָס פאַר אַן אונזין איך האָט דאָס געקענט קומען אין קאָפּ!

— יע, זי איז געשטאָרבען. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, ווייל דאָס איז געווען אַ בעצויבערענדע קליינע פרוי... הערט, אויב איהר וועט ווען עס איז זיך בעגעגענען מיט לייטענאַנט ענגבערג'ן, איז זאָל ער גאָרניט בעמערקען... ווייל דאָ האַנדעלט זיך וועגען זיין פרוי... איצט קען איך אייך דאָס זאָגען, ווייל זי לעבט שוין מעהר ניט.

— איהר מעגט זיין רוהיג, — האָט יעקב געענטפערט.

— הערט, בענדיקסען, איך וועל ווידער בעטען ביי אייך אַ קליינע טובה. לייהט מיר נאָך אַ צוואַנציג טאַלער... איך מוז דאָך אויף אַן אָנשטענדיגען אופן בעעהרען איהר אָנדענק אויף דער לויה.

— גראַבאָוו! ווען איהר וואָלט זיך געקענט פערקויפען מיר

מיט אייער קאָפּ און אייערע הענט, וואָלט איך אייך געגעבען דאָס געלט.

— ליידער האָב איך ניט קיין סאָלידע פערזיכערונג, אויסער מיין אייגענער פּערזאָן. אבער איך קען פערזיכערען מיין לעבען.

יעקב האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט געקוקט אויף איהם. דאַן האָט ער שטיל געזאָגט:

— אַ, דאָס איז אינגאַנצען איבריג.

— טאָ גיט מיר געלט.

יעקב האָט אַלץ ניט אראָבגעלאָזען פון איהם די אויגען און האָט געשוויגען.

— טוט מיר די טובה, — האָט גראבאָוו ווייטער גערעדט, — איך פערשטעהע ניט, ווי אזוי איהר קאָנט זיין אזוי אונערבארמליך. איהר זייט דאָך רייך, איהר האָט דאָך די מאכט איבער אונז, קריסטען.

— טאקי, — האָט יעקב אויסגערופען, אויפשפּרינגענדיג פון אָרט. — טאקי?... איז שרייבט א קוויטאנציע! איך וועל אייך דיקטירען!

XI

אין טריבען ווינטער מאָרגען האָט פאַר א קליינעם הויז אין קווארטאל פילעסטרעד זיך אָבגעשטעלט א שווארצער פערמאכטער וואָגען, ווי די, וואָס ווערען בענוצט אויף אידישע לויות. מען האָט פון הויז ארויסגעטראָגען דעם טויטען, און א גרויסע מאַסע אָרימע אידען האָט נאָכגעפאָלגט. ווען מען האָט אריינגעשטעלט דעם ארון אין וואָגען, האָבען די בעגלייטער גענומען זיך זעצען אין די קאַרעטען, וואָס מען האָט אָנגעגרייט פאַר די, וואָס ווילען פאָהרען. דאָ האָט מען זיך גענומען קריגען איבער די ערטער אין די עקיפּאַזשען, וואָס זיינען ניט געווען גענוג פאַר אלעמען.

אין איינציגע קאַרעטען איז מען אריינגעגאַנגען פון צוויי

זײטען, און דאן איז אינװעניג געװען א גרױסער גערדענג, און מען האָט געהערט שרײען „געװאלט!“ און קרעכצען.

אין אנדערע קארעטע איז מען ארײנגעגאנגען נאָר׳פון אײן זײט, אָבער מען האָט זיך אזױ געאײלט און אזױ געשטױסען אײ־נער דעם אנדערען, אז אײניגע זײנען װידער ארױסגעשפרונגען אין גאס דורך דאָס צװײטע טירעל. מיט אײן װאָרט, דאָס איז געװען אן אלטמאָדישע אידישע לויה.

ענדליך האָט דער טרױער־צוג זיך געריהרט פון אָרט. הינ־טער׳ן װאָגען זײנען געגאנגען חשוב׳ע אידען און די פון די אָרימע, װאָס האָבען ניט געפונען קײן אָרט אין די קארעטען. א מאסע איז נאָכגעגאנגען דעם צוג מיט װילדע געשרײען, עפּעס פרעהענדיג זיך און װארפענדיג שטײנער אין צוג. די פּאָליצײ האָט זיך געװאָרפען אין דער מאסע אין אלע זײטען און האָט מיט שטעקענס געשלאָגען רעכטס און לינקס שולדיגע און אונ־שולדיגע.

אין אײן גרױסער קארעטע זײנען געזעסען זיבען אלטע אי־דען. אין אָנהױב האָבען זײ זיך געבײזערט אײנער אױף׳ן צװײ־טען, זיך געשטופּט און געזידעלט, אבער ביסלעכװײז האָבען זײ זיך בערוהיגט און זיך צוזעצט בעקװעמער. װען דער צוג האָט זיך א ריהר געטאָן, האָבען זײ גענומען ארומקוקען זיך אין דער ענגער קארעטע און בעטראכטען אײנער דעם צװײטען.

— בײ מײן לעבען, משה רינגסטעט! — האָט אײנער פון זײ אױסגעשריען, אױסשטרעקענדיג בײדע הענט, װי װײט זײן גערריקטע לאגע האָט איהם ערלױבט. — װי אזױ קומסטו אהער?

— אפרים גדליה! אזױ װאהר װי איך לעב! — האָט דער אנדערער געזאָגט, װעלענדיג אױסציהען כאָטש אײן האנט צום אלטען פרײנד.

— װען ביזטו געקומען? — האָט געפרעגט אפרים.

— נעכטען אָװענט. װי לעבען דײן פרױ און קינדער?

— זײ לעבען גוט, עסען און טרינקען. פארװאָס ביזטו ניט געקומען צו פאָהרען אין אָװענט? װאָלסט בײ מיר געגעסען אָװענט־ברױט. דו מוזט נעבעך ארומפאָהרען װינטער־צײט.

— דאָס איז קיין אומגליק ניט, איך רעכען צו מאַכען גוטע געשעפטען, פאַהר איך ארום.

— ביזט אַנגעקומען ערשט נעכטען אָווענט און ביזט שוין דאָ?

— אַן אָרימאַן דארף אַלץ נעמען. דאָ וועט מען געבען א שעהנע נדבה.

— ווי דען! דער נפטר איז געוועזען רייך און האָט ניט איי־בערגעלאָזען קיין אָרימע יורשים, וואָס זאָלען קוקען קרום אויף א שטיקעל הכנסה פאר דעם אָרימאַן.

— ווער איז ער אייגענטליך געוועזען? איך האָב איהם אינגאַנצען ניט געקענט. מען האָט איהם גערופען יעקב בענדיט, ניט אמת?

— ווער פון וואַנען ער איז ווייס איך נים. דאָ וועט מען געבען א שעהנע נדבה, בין איך געקומען.

— איך האָב איהם געקענט! — האָט איינער זיך אָנגע־רופען. ער האָט געוואָלט זיך אויספיינען פאר די אַנדערע און האָט גענומען ריידען אויף א געבראָכענעם דעניש. די אַנדערע זעקס האָבען זיך אומגעקערט צו איהם אזוי שנעל, ווי דאָס איז געוועזען מעגליך אין דער ענגער קארעטע.

— ווער איז דאָס? — האָט משה רינגסטעט געפרעגט זיין שכן.

— דאָס איז שעיה ישראל. ער האָט אליין מעהר געלט, ווי מ״ בײדע צוזאמען.

— דאָס איז געווען א גאָטספּארכטיגער מענש! — האָט שעיה ישראל אָנגעהויבען, אויפהויבענדיג די אויגען צום דאַך פון דער קארעטע.

— א גאָטספּארכטיגער? — האָט איהם אנאנדערער אונ־טערבראָכען. — איך האָב קיינמאָל ניט געהערט, אז זיין נאָמען זאָל דערמאָנט ווערען צווישען די חסידים.

— ער האָט זיך אויפגעפיהרט ניט אזוי, ווי אַנדערע. אָבער ער פלעגט אָפּט געהן אין שול. און יום כפור איז ער אָבגע־ווען אין שול א גאַנצען טאָג, וואָס די גאָטספּארכטיגסטע אידען

אפילו האבען ניט געטאן. זיין ארט איז געווען לעבען מיינעם, דעריבער ווייס איך דאס אזוי גוט, — האט ער צוגעגעבען מיט אן אויטאריטעטען אויסזעהן.

קיינער האט ניט געוואגט צו ווידערשפרעכען איהם, און ער האט גערעדט ווייטער:

— דאס איז געווען אן אמת גאטספארכטיגער מענש! ער האט אזוי פיעל מנדב געווען אויף אידישע שולען, וויפיעל די גאנצע קהלה האט ניט געגעבען. ער איז געווען א מיטגליעד פון אלע אידישע וואוילטעטיגע געזעלשאפטען. און ווען ער פלעגט זיך דערוויסען, אז א אידישער אינגעל איז אבגעגעבען געווארען אין לעהרע צו א קריסט, האט ער אלץ געטאן אבצונעמען איהם און אוועקגעבען איהם צו א אידען. ער האט נאר געדארפט דער־הערען, אז א אידישער אינגעל בעזוכט א קריסטליכע שול, וואו די בעסטע אידען ווערען גוים, און ער האט באלד אנגענומען מיטלען ארויסצורייסען איהם פון דארטען און אוועקזעצען איהם אין א קראם, רב יעקב, זכרונו לברכה!

— וואס פאר געשעפטען האט ער געטאן? — האט גע־פרעגט משה רינגסטעט.

דא איז שעיה ישראל׳ם געזיכט פינסטער געווארען, און ער האט געזאגט:

— וואס פאר געשעפטען האט ער געטאן? פרעגט בעסער, וואס פאר געשעפטען ער האט קאליע געמאכט. יע, ער האט מיר קאליע געמאכט געשעפטען! אט איז ערשט נעכטען געקומען צו מיר א דיקער קאמער יונקער. „געוויס, — זאגט ער, — פער־לאנגט איהר עפעס א פערזיכערונג אדער א משכון, מיין גוטער הער ישראל?" — „ניין, הער קאמער יונקער, — זאג איך, — איך פערלאנג פון אייך גארניט." — „ווילט איהר מיר לייהען געלט גאר אהן א פערזיכערונג?" — פרעגט ער. — „אז איהר ווילט, הער קאמער יונקער, לייהען געלט, איז שוין גאר אנדערש," — זאג איך און לאך זיך פאנאנדער. — „יע, — זאגט ער, — אט בענדיקסען איז שוין געווען גאר אנאנדער מענש, אבער ער וועט באלד פגר׳ען. איך מוז אייך זאגען, מיין ליעבער הער

ישראל, אז דאָס איז געווען אַן אמת'ער דזשענטעלמען. ווען מען האָט גערופט בעקומען ביי איהם געלט שנעל, און קיין משכון איז ניט געווען, פלעגט ער זיך צופרידענשטעלען מיט אַן עהרען־וואָרט, ווי ער וואָלט פערשטאַנען, וואָס אַן עהרען־וואָרט איז. אָבער איהר, הער ישראל, זייט שוין גאָר אַנדערש". — „גאַנץ ריכטיג, הער קאַמער יונקער, — זאָג איך, — איך וועל אָננעמען וועלכען משכון איהר ווילט, נאָר ניט קיין עהרען־וואָרט! ביי מיר האָבען זיך נאָך פון אַלטע צייטען אָנגעקליבען אַזוי פיעל עהרען־ווערטער פון לייטענאַנטען, אַז איך וואָלט מיט זיי געקאָנט אויסשטאַטען אַ גאַנצע אַרמיי!" — האָט דער קאַמער יונקער זיך צולאַכט און האָט פערזעצט אַ פּאָר נייע עפּאָלעטען. ער האָט זיי נאָר וואָס געהאַט גענומען אין אַ קראָם און בעצאָהלט פאַר זיי מיט אַן עהרען־וואָרט.

— דזשענטעלמען? — האָט משה רינגסטעט געפרעגט זיין שכן. — וואָס איז דאָס אַזוינס דזשענטעלמען?

— וואָס איך ווייס ניט ווייס איך ניט, — האָט יענער געענטפערט. — אָבער מיר דוכט, אַז דאָס איז אַ מענש, וואָס נעמט הונדערט פּראָצענט.

— נו און אַלע אַנדערע גאָרנישטען פלעגט הער בענדיקסען אַבשיקען צו מיר, — האָט ווייטער דערצעהלט שעיה ישראל. — דאָס געשעפט איז טאַקי זעהר גוט. סוף כל סוף פערדיענט מען אַ סך מעהר, ווען מען גיט אַרויס צו דריי מאַרק אונטער אַ משכון פון קליידער, איידער ווען מען גיט אַרויס צו הונדערט ריקסדאַלער אונטער דעם משכון פון דעם געהאַלט פון עפּעס אַ וויכטיגער פּערזאָן. אָבער ביי די קליינע געשעפטלעך איז פאַראַן אַזוי פיעל זאָרג, מען וויינט און מען קלאָגט איבער אייך, און אויסערדערם מוז מען ליידען שפּאָט און פערפאָלגונג פון די קריסטען. אָבער פון בענדיקסען'ען האָט מען אַזוי אויך געלאַכט, כאָטש ער האָט ניט געוואָלט האָבען צו טאָן מיט קליינע געשעפטען. אַן אָרימע פרוי האָט געקענט אָבשטעהן עטליכע שעה ביי זיין טיר און בעטען כאָטש איין מאַרק פאַר איהר שאַל, וואָס איז אפשר ווערט געווען גאַנצע פינף ריקסדאַלער, פלעגט ער בלייבען אונערבאַרמ־

ליך און פלעגט זי ניט אריינלאָזען. און די גוים האָבען איהם גע־רופען בלוטזויגער, קמצן און איד... דאָס זידעל־וואָרט „איד" האָבען זיי זעהר ליעב... לעבען מיר וואוינט א קריסט, וואָס נעמט צוויי הונדערט פּראָצענט, רופען זיי איהם אויך איד.

— צום טוייעל דאָס אידענטום! — האָט אויף'ן גאס גע־שריען די מאסע, און א שטיין האָט געטראָפען אין פענסטער פון דער קארעטע.

משה רינגסטעט האָט אויסגעשריען א קללה און זיך איינ־געדרעהט אין ווינקעל פון דער קארעטע. פון פענסטער האָט מען געזעהן, ווי פּאָליציי האָט זיך א וואָרף געטאָן נאָך אינגלעך, וואָס האָבען זיך בעהאלטען הינטער א טויער.

זיי האָבען א ווײלע געשוויגען, זיך אביסעל בערוהיגט, דאן האָט זיך ווידער אויפגעהויבען אין זיי די נייגיעריגקייט. משה רינגסטעט האָט געפרעגט מיט אזא אויסדרוק, ווי ער וואָלט שטארק מקנא געווען:

— און ער האָט ווירקליך געטאָן אזעלכע גוטע געשעפטען?

— אודאי! און ער האָט געהאט אזוי פיעל געשעפטען, אז זיין צייט איז איהם געווען ווענינ. איך האָב געמוזט ווערען זיי־נער א שותף.

— איהר, שעיה ישראל? — האָבען אלע מיט אמאָל גע־פרעגט אין דער העכסטער פערוואונדערונג.

שעיה ישראל האָט געשוויגען א ווײלע, האָבענדיג פערגניגען פון דער נייגיעריגקייט פון זיינע צוהערער, דאן האָט ער געזאָגט:

— לעצטען יום כפור שטעהען מיר צוזאמען אין שול, ווי אלעמאָל. און אָט קומט אָן דאָקטאָר לעווי און שטעלט זיך אוועק אנטקעגען אונז...

— דאָקטאָר לעווי? — האָט משה רינגסטעט אונטערבראָ־כען. — דאָס איז דער זוהן פון לייב לעווי, וואָס האָט חתונה גע־האט מיט מענדעל קאָוען'ס טאָכטער?

— ניין, — האָט אפרים גדליה געענטפערט, — דאָס איז דער זוהן פון לייבע שעכטער.

— אזוי, איז דאָס לייב שעכטער'ס זוהן? איך האָב איהם

גוט געקענט! און זיין זוהן איז א דאָקטאָר? נו, און א גוטער דאָקטאָר? איז ער שטאַרק פערנומען?

— נו, געווים! ער איז ניט לאַנג צוריק געקומען פון שוועדען, האָט מען דאָרט געמאַכט פאַר איהם א פאַראַד און איהם בעריהמט געמאַכט!

— אזא זאַך הערען איז אַן אמת'ער נחת! איז וואָס ווייטער, רבי ישראל?

— לאָזט מיר נאָר דערצעהלען אלץ כסדר און לעגט אָב אייערע קשיות אויף שפּעטער, — האָט בייזליך געענטפערט שעיה ישראל. — איז קומט אריין אין שול דאָקטאָר לעווי און שטעלט זיך אוועק פּונקט אנקעגען אונז. ער האָט אויפמערקזאַם געקוקט בענדיקסען'ען גלייך אין די אויגען. דאַן האָב איך אויך א קוק געטאָן אויף איהם. ער איז געבעך געווען בלייך ווי לייוועגט! מסתמא איז איהם געווען שווער צו פאַסטען. און דער דאָקטאָר זאָגט: „וואָס מאַכט איהר, בענדיקסען? די געשעפטען זיינען גלענצענד?" — בענדיקסען האָט געענטפערט: „איך ווער דערשטיקט!" און דער דאָקטאָר זאָגט ווייטער: „אויב איהר קענט אליין ניט בעזאָרגען אייערע געשעפטען, וואָלט איהר געקענט מאַכען שותפות מיט אייער קאָלעגע, רבי ישראל". און איך ווינק אונטער דעם דאָקטאָר, אז איך בין צופרידען, הייסט דאָס, און מיט דעם גרעסטען פערגניגען. — „יע", — ענטפערט בענדיקסען. דאָ האָב איך איהם געדריקט די האַנט און געזאָגט: „נו, נו, מיר וועלען זיך דורכרעדען וועגען דעם מאָרגען, איך וועל אריינגעהן צו אייך". און ער האָט זיך אומגעקערט צו מיר און קוקט אויף מיר, ווי א משוגע'נער, און פּלוצלונג — בום! — גיט א פאַל אנידער אויף דער ערד! דאָקטאָר לעווי האָט אליין איהם אָבגעפיהרט אהיים. פון יענעם טאָג אָן האָט ער שוין מעהר ניט געקענט טאָן קיין געשעפטען. ער איז געוואָרען אלץ שוואַכער און שוואַכער און איז ענדליך געשטאָרבען. יע, און מיר איז טאַקי ניט געלונגען צו ווערען זיין שותף.

— פון וואָס איז ער געשטאָרבען? — האָט געפרעגט משה רינגסטעט.

— מען זאָגט, אז פון אן אלטער וואונד, — האָט שעיה ישראל געענטפערט. — אין זיין יוגענד איז ער געווען ערגעץ אין מלחמה.

— אין זיין יוגענד? — האָט איינער געפרעגט. — און איך האָב געמיינט, אז ער איז נאָך גאָר ניט געווען אלט.

— נו, איך האָב נאָר אזוי געזאָגט. אויסגעזעהן האָט ער א סך עלטער פון זיינע יאָהרען.

— איז ער געווען אין מלחמה? — האָט געפרעגט אפרים גדליה. — נו, האָט ער שוין מסתמא ניט אָבגעהיט שבת און האָט געווים געגעסען טרפות.

— יע, אין דער יוגענד איז ער ניט געווען פרום. מען זאָגט, אז ער איז אפילו געווען פערלאָבט מיט א שיקסע. אָבער שפּע־טער איז גאָט'ס גייסט אראָב אויף איהם, ער האָט אוועקגעוואָר־פען די שיקסע און איז געוואָרען א פרומער איד. איהר קענט ריישעם אהרן'ען, אפרים גדליה? ער איז געווען ביי זיין בעט די לעצטע טעג פון זיין קראנקהייט צוזאמען מיט דאָקטאָר לעווי. אין פערלויף פון דער לעצטער נאכט האָט ער ניט ארויסגערעדט קיין וואָרט. און ווען דער טויט איז געקומען, איז ער אויפגע־שטאנען, האָט גענומען זיך ארומקוקען און האָט אלץ גערופען: „טאָרא!" דאָס הייסט, די הייליגע תורת משה, די געבענשטע תורה.

— און ער האָט ניט געזאָגט קיין שמע ישראל? — האָט געפרעגט משה רינגסטעט נאָך אלץ אין צווייפעל.

— ניין, אָבער איך זאָג דאָך אייך, אז ער האָט גערופען די הייליגע תורה, און דאָס איז דאָך דיזעלבע זאך! ניין, ער איז געווען א גאָטספארכטיגער מענש. געבענשט זאָל זיין זיין נשמה.

די פּראָצעסיאָן האָט זיך אָבגעשטעלט פאר דעם בית עולם, און די בעגלייטער זיינען ארוים פון די קארעטען.

אין דער צייט ווען מען האָט מטהר געווען דעם נפטר, האָ־בען אָנקעל מארקוס, זיינע צוויי זיהן און אנדערע געזאָגט שטיל תהילים. די איבריגע האָבען ארומגעשפּאצירט איבער די אלעען פון דעם בית עולם.

ווען מען האָט דעם נפטר אָנגעטאָן אין אַ טלית און אַריינ־געלעגט אין אַ פּלאַכען, אונגעהובעלטען קאַסטען, האָט דער שמש אַרויסגערופען דעם אָנקעל מאָרקוס און זיינע צוויי זיהן. זיי זיינען אויפגעשטאַנען און האָבען מיט אַ ביטערען געוויין געבעטען ביי איהם מחילה.

מען האָט אַרויפגעלעגט דאָס דעקעל, און דער שמש האָט אַ געשריי געטאָן:

— צו דער לויה!

עטליכע מענשען האָבען געטראָגען דעם ארון אויף די אַקס־לען, און אַלע זיינען אַרויס אויף'ן בית עולם. דער שמש איז גע־גאַנגען צווישען עולם, האָט געקלאַפּט מיט אַ פּושקע און גערופען: צדקה תציל ממות!

די פערזאַמעלטע האָבען זיך אויסגעשטעלט ווי אַן ענגער רינג אַרום דעם קבר. שטיל איז געווען, ווען מען האָט ווידער אויפגעהויבען דאָס דעקעל פון דעם ארון און אַרונטערגעלעגט אונטער דעם טויטען'ס קאָפּ אַ זעקעל מיט ערד. דאַן האָט מען דאָס דעקעל צוגעשרויפט און לאַנגזאַם אַראָבגעלאָזען דעם ארון אין קבר.

הינטער דעם פּאַרקען פון בית עולם האָט די מאַסע געשריען: „בלוטזויגער! איד!" און געוואָרפען שטיינער. די פּאָליציי האָט גענומען צוטרייבען די מאַסע מיט שטעקענס, די מאַסע האָט געשריען און זיך געזוידעלט. איין שטיין איז געפאַלען אין קבר און האָט זיך אָבגעשלאָגען אין דעקעל פון ארון. עס האָט זיך דערהערט אַ פערשטיקטער לאַנגער קלאַנג, ווי דער טויטער וואָלט געקרעכצט.

מען האָט אין קבר אַריינגעוואָרפען אַ פערמאַכטען שלאָס, פּאָר אַ צייכען, אַז מיט אָט דער לויה דאַרף זיך ענדיגען די שטערבליכקייט. נאָכדעם האָט אָנקעל מאָרקוס דריי מאָל אַריינ־געוואָרפען מיט'ן רידעל צו ביסלעך ערד. דאַן האָבען אַריינגע־וואָרפען ערד זיינע זיהן, און דאַן די איבריגע. יעדערער פון זיי איז באַלד געגאַנגען אין הויף און האָט זיך דאָרט געוואַשען די הענט.

ענדליך זיינען אלע אוועק פון בית עולם. ביים קבר איז גע־בליבען איין לעווי. א ווײלע האט ער נאכגעקוקט די איבריגע, און ווען קיינער איז שוין ניט געווען, האט ער צונויפגעלעגט די הענט און שטיל געזאגט א תפילה. דאן האט ער גענומען פון קבר אביסעל ערד און האט דאס בעהאלטען אויף זיין ברוסט.

ער האט שוין געמאכט עטליכע טריט צום ארויסגאנג, פלוצ־לונג אבער האט ער זיך אבגעשטעלט און זיך נאכאמאל אומגע־קוקט. ער האט א קוק געטאן דורך די שטאדט אין וואלד, וואו ער האט דעם געשטארבענעם געזעהן אין זיין בליהענדער יוגענד, א לעבענסלוסטיגען, האפנונגספולען, און האט שטיל ארויסגע־רעדט:

— ער האט אמאל געגלויבט אין די אייביגקייט פון פאעזיע און פון לעבען!

סוף

די וויכטיגע בלעטער ענטהאלטען אנאנסען
וועגען איינינע ביכער פון'ם זעלביגען פארלאג

דער גהנם
INFERNO

א מערקווירדיגער ראָמאַן

פון מ. שטילגעבאוער

דער „גהנם“ איז דאָס קינסטלערישע פון אַלע אַזוי גערופענע מלחמה־ראָמאַנען. דער טאַלאַנטפולער דייטשער קינסטלער שטילגעבאוער שילדערט אין ניט־אָפּמעקבארע שטריכען די טראַגעדיע פון אַלעמען, פון די באַזיעגטע און — פון די זיעגער אין דעם בלוטיגען הין־הער־פּלעט, וואָס האָט געהאַלטען אין זיינע נעגעל די גאַנצע וועלט 4½ יאָהר צייט.

פיין געבונדען, שעהן געדרוקט, אויסגעצייכענט איבערזעצט אויס'ן דייטשען אָריגינאַל — און אידיש פון י. גאַרניצקי

פּרייז פון בוך — 300 זייטען שטאַרק — $1

ארויסגעגעבען אין

פאַרלאַג „נייע וועלט“

שיקט באשטעלונגען צו:

Naye Welt, 175 East Broadway, New York, N. Y.

סאָציאַליסטישע קאָלאָניען

פון פּראָפעסאָר מ. טוגאַן־באַראַנאָווסקי

מיט אַן איינלייטונג פון מאָריס הילקוויט

איבערזעצט פון י. גאָרניצקי

ענטהאַלט:

1. אָוען און זיין ערשטע קאָלאָניע.
2. פוריע און זיינע פאַלאַנגען.
3. די איקאַריער געמיינדען.
4. די עטהישע רעליגיעזע געמיינדען אין אַמעריקאַ.
5. די קאָלאָניע „קריניצאַ“

---

80 זייטען — 35 סענט.

ארויסגעגעבען אין

פאַרלאַג „נייע וועלט“

Naye Welt, 175 East Broadway, New York, N. Y.

קאַרל מאַרקס

זיין לעבען, זיין ווירקען און זיינע לעהרען

ארויסגעגעבען צום הונדערטען געבורטס־
טאָג פון דעם געניאלען גרינדער און בע־
גרינדער פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָ־
ציאַליזם.

1818 — 1918

רעדאַגירט פון צביון

אפהאנדלונגען פון

ב. וולאַדעק	א. ש. זאַקס
הלל ראָגאָף	מ. הילקוויט
מ. ווינטשעווסקי	הערמאַן שליטער
דר. י. א. הורוויטש	ב. פייגענבוים
א. סינטאָווסקי	אב. קאהאַן

פּרייז איין דאָלאַר.

ארויסגעגעבען אין

פאַרלאַג „נייע וועלט“

Naye Welt, 175 East Broadway, New York, N. Y.

יודזשין וויקטאָר דעבס

זיין לעבען, שריפטען און רעדעס

מיט אַ ספּעציעלען קאַפּיטעל וועגען זיין לעצטען פּראָצעס

רעדאַגירט פון

י. ב. סאַלוצקי

דאָס בוך ענטהאַלט די פאָלגענדע גרעסערע אָפּהאַנדלונגען וועגען דעבס'ן:

דעבס'עס לעבען און ווירקען —
פון י. ב. סאַלוצקי — 60 זייטען

דעבס — דער פאָלקס־טריבון, מענש און פּאָעט —
פון מ. ווינטשעווסקי — 30 זייטען

דעבס אין געריכטס זאַל —
פון מאַקס איסטמאַן — 30 זייטען

21 גרעסערע און קלענערע אַרטיקלען און רעדעס פון יודזשין וויקטאָר דעבס

שעהן געדרוקט, געשמאַקפול געבונדען

פּרייז $1.50

אַרויסגעגעבען אין

פאַרלאַג „נייע וועלט“

Naye Welt, 175 East Broadway, New York, N. Y.